STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01370

GEZAMLTE SHRIFTN

Yosef Hilel Levi

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע שריפטן

יוסף הלל לעווי

געזאַמלטע שריפטן

בוך 1

ארויסגעגעבן פון מרים לעווי.

לאָנדאָן, 1956.

SELECTED WRITINGS

OF

JOSEF HILLEL LOWY

VOLUME I

PUBLISHED BY MIRIAM LOWY

LONDON 1956

יוסף הלל לעווי (1950)

Copyright 1956

Printed in England by The Narod Press, London, E.1

אינהאלט

דערציילונגען:

פאַרלוירן דאָס לשון 17
אומזיסטיקע שונאים 26
די פאַלשע סאָנאַטע 29
רחמנות 46
דער אתרוג 59
דעם טאַטנס מנורה 67
שמע ישראל! 80
דאָס טויטע מאַמעלע 96
דאָס אָרימע קרויזקעפל 101
מיין רבינס שטיוול 109
דאָס פידעלע 117
דער דאַנק 122
זכור ד׳ מה היה לנו 124

באַלאַדן און לידער:

רבי אמנון 131
מיין טאַטע דער סופר 153
סופר לידער אויסגעזונגען 178
צו דער זון 179
ווייסטו פאַרוואָס? 185
פרילינג קומט 194
די גילדענע רויז 209
סאָנעטן 225

וואָס מיין באָבע פלעגט מיר זינגען	240
מאַמע יידיש	241
מיין שפּראַך	243
איך בין שיכור נאָר פון לידער	244
זיך באַהעפטן ווידער	250
פאַר וועמען?	250
מיין נשמה טרויריק שפּילט	255
אַלץ אויף ווערטער נאָר באַרוט	255
מיט צעליכטיקטע געזאַנגען	256
וווּ אַהין דיך באַהאַלטן	257
מיין דענקן איז פריי	258
ענגלאַנד	260
טרערן	264
ווערט פאַרפעסטעט בלייבן ליגן	268
גוטס און שלעכטס	269
איך בענק ווו איך קום	269
מיין פּעקל	270
פאַרפלאַנטערט	271
איך קען ניט באַגרייפן	271
מיין האַרץ איז מיט אַלע	271
כ׳האָב שוין געזונגען אויף אַלע פרעמדע שפּראַכן	272
ווען כ׳וואַרט אויף דיר זון	272
פונם וועג	273
דער טרויער	274
איז דאָ אַ נשמה	276
די הייליקע זכיה	277
אַ סוף צו דעם גלות השכינה	278
ווידער פרידן אויף דער וועלט	279
אַ יאָר איז פאַרשוווּמען	282

דאָס בלוט פון די קינדער	283
מאַמע מיינע	285
אָרימע	287
מרור זה...	287
מיין כוס	288
אויפגיין וועט אַ זון	289
שבת	290
אליהו הנביא׳ס כוס	293
אַ, ווי איך פלעג גליקלעך זיין!	297
זינג איך מיט	299
געקאָרגט	300
דיין לעבן	301
איך גיי ניט קיינמאָל אונטער	302
וועל איך אַלץ דאָס ליד נאָך זינגען	304
ווו איז אונזער משיח?!	305
זיי געבענטשט אין אייביקייט	307
דיינע לידלעך אייביק בלייבן	308
פאַרבונדן	308
שבועות	309
נעמי און רות	312
בועז און רות	315
און ס׳דערמאָנט	321
ביסט צעפאַלן	321
מיין תפילה	322
צו סליחות!	323
כ׳בין פאַרבונדן מיט אַ ניגון	325
ונסלח	326
סוף זומער	331
זינגט דאָס בערגל אויף מיט לידער	331

אָסיען	332
מיין סוכה	333
ביז עס נעמט אַ נעפּל לייגן	334
טיף אין מיינע גלידער	335
דער דיכטער	335
זיין לעצטער פאַרלאַנג	336
קלאַפּ אָן מיין ווייסן ארון	337
נס־חנוכה	338
ווינטער	343
ליב האָב איך געהאַט צו הערן	349
צעשנייען מיט געזאַנגען	350
אייביק	355
די אייביקע ליבע צו שטילן	356
אַלעס וואָס נאָר איך פאַרמאָג	356
שבת שירה	357
ווען עס ווערט די זון צעהעלט	359
מיין ביאָגראַפיע	367

בילדער

יוסף הלל לעווי 1950	5
יוסף הלל לעווי און זיין פרוי מרים 1917	129
יוסף הלל לעווי 1910	365

באַגלייטוואָרט

טייערער מיינער, אייביק קראַקעווער, טיף־יידישער יוסף הלל לעווי!

אנדערע וועלן זיך וווּנדערן, אבער דו וועסט זיך נישט וווּנדערן, וואָס איך ווענד די באַגלייט־ווערטער פון א חבר גלייך צו דיר . . . אנדערע ווייסן אפשר נישט, אז דו לעבסט ווייטער — כאָטש דו ביזט מיט אכט חדשים צוריק אריבערגע־גאַנגען די שוועל פון איין שטוב אין דער אנדערער — לויט ווי דער בעל שם טוב האָט באַצייכנט דאָס, וואָס דו האָסט געטון אין פרילינג פון יאָר 1955 . . . יעדער מענטש לעבט ווייטער, אייביק — און כאָטש קיינער האָט עס נאָך נישט באַשטעטיקט פון יענער זייט, האָט עס אבער קיין פילאָזאָף נאָך נישט אָפּ־געלייקנט פון דער זייט . . . און דעריבער, אַז דיין מרים, די פרוי און דער פריינט פון דיין לעבן, די מאַמע פון דיינע קינ־דער, האָט מיך אויפגערופן צום גרויסן, חברישן כבוד צו באַגלייטן דיך אין דיין ערשטן בוך־ארויסטריט נאָך דיין אָפּ־שיידונג, ווענד איך די ווערטער גלייך צו דיר.

אין דער שריפט פון דעם באַגלייט־וואָרט רוף איך דיך „אייביק קראַקעווער". נישט אַלע וועלן דאָס פאַרשטיין. ביז אין דער טיפעניש פון האַרץ וועלן עס אבער באַנעמען יענע, וואָס זענען ווען עס איז געווען אין קראַקע און אויך געלייענט אין דיינע לידער. לאַנגע יאָרן איז דאָס פוילישע יידישקייט און יידנטום געוועזן די קרוין פון יידישן וועלט־פאָלק — אבער דאָס קראַקעווער יידישקייט און יידנטום איז

די פּערל אין אַט דער קרוין. נישט דער בריליאַנט און אפשר בכלל נישט דער טייערסטער שטיין, נאָר די שטילע, איידעלע, פּילפּאַרביקע און דאָך אַזאַ מילדע — פּערל. אין אַלע דיינע לידער שטראַלט אַט די איידלקייט; נישט זי גלאַנצט פייערדיק, נאָר זי שטראַלט מיט איידלקייט. זי שטראַלט אַרויס פון דיינע לידער און פון דיינע זכרונות, וואָס זענען איינגעזאַמלט אין אַט דעם בוך.

דו האָסט זיך קיינמאָל נישט געריסן צום עמוד פון דער יידישער ליטעראַטור. נישט געריסן זיך אויך צו דער מזרח־וואַנט. עס איז געווען און געבליבן קעגן דיין נאַטור. אין דעם בית המדרש פון די פּאַטען און די פּראַזאיקער פון מאַמע־לשון האָסטו דיר פּאַרנומען דיין „שטאָט" און פון דאָרט אויס גע־דאַוונט דיין תפילה און דיין שיר געזונגען און דיין פּיוט גע־זאָגט מיט דיין קראַקעווער נגינה. אָבער פון דיין באַשיידענער „שטאָט" האָסטו זיך אַלעמאָל אַרויסגעזען און אַרויסגעהערט ביים דאַווענען, זינגען, זאָגן. דאָס גאַנצע בית המדרש האָט אַלעמאָל פון דיר געוווּסט און דיך אַלעמאָל געדענקט און אַלעמאָל געהאַט אין טעם דיין ניגון. עס איז דיר באַשערט געווען אויסצוזינגען אין ליד דאָס לעבן אין פּאַעטישער פּראָזע פון דיין טאַטן, דעם סופר — און דאָס איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון דיין לעבנס־געזאַנג. און נישט נאָר דאָרט, ווו דו ביזט מיט דיין טאַטן, זענען דיינע לידער צום שענסט־טיפסטן, נאָר אויך ווען דו ביזט מיט דיין טאַטן אין דיינע זכרונות, שיינט שכינה איבער זיי. שטראַלט אין זייערע זוימען מיט ליכט, מעגן זיי זיין ווי אומעטיק, ווי וואַלקנדיק.

דיין לשון איז רייך, קראַקעווער זאַפטיקע פאָלקיש־יידישע רייכקייט איז עס. נאָך שטאַרקער קומט די זאַפטיקייט צום

אויסדרוק אין דיין פּראזע. ליד־פאָרם האָט דיך חלילה נישט געצוימט, דו ביזט פול מיט נאַטירלעכן ריטם, ביזט דאָך אַמאָל געווען אַ משורר ביי דיין טאַטן, דאָך ליגט עס אין עצם פון ליד אַליין, אַז עס דערלאָזט נישט צום פולן אויסשטראָמען־אויסשטורמען זיך פון דער לשון־ליידנשאַפט. דער עיקר ביי יענע פּאָעטן, וואָס אמת איז זייער מהות. און דו ביזט אַזאַ פּאָעט.

ווען האָב איך דיך דאָס ערשטע מאָל געזען? עס איז געווען ווייט־ווייט, הינטער צוויי מוראַדיקע בערג פון וועלט־מלחמות און יידן־שחיטות, אין די שטילע טאָלן פון אַן אַנונגס־לאָזן חלום פון יאָר 1911 — דאַכט זיך. אָדער אַ יאָר שפּעטער. מיר זענען אַרומגעגאַנגען אַ האַלבע נאַכט אויף די קראָקעווער פּלאַנטן און דו האָסט אומעטיק געזונגען און געזונגען פאָלקס־לידער און אויך דיינע אייגענע לידער מיט אַ פאָלקס־ניגון.

ניט נאָר שטאַרבט קיין מענטש נישט —

נישט נאָר שטאַרבט קיין דיכטער אוודאי און אוודאי נישט

— נאָר ער לעבט אין יעדן ליד זיינעם —

נאָר אפילו אַ נאַכט פול מיט שטערן און מיט לידער קען אייביק לעבן בלייבן. און אַזוי איז טאַקע אין מיר אייביק לעבן געבליבן יענע נאַכט און והא ראיה — זי לעבט אין אָט דעם חבֿרישן באַגלייט־וואָרט. זי גיט אים דעם ניגון.

ווי האָט וואָלט וויטמען געזאָגט: דו וואָס דו רירסט אָן דאָס בוך — נישט אַ בוך רירסטו אָן, דו רירסט אָן אַ מענטש, דו רירסט אָן מיך ——

אין אָט די לידער, אין אָט דער פּראָזע ביזט דו דאָ, אייביק קראָקעווער יוסף הלל לעווי — — און דורך די לידער מיט

אונדז, וואס מיר זענען נאך נישט אריבער די שוועל צווישן די צוויי שטובן, און אז מיר וועלן אויך שוין אריבער די שוועל, וועסטו אלעמאל זיין מיט די, וואס וועלן בלייבן. און בענקנ־דיקע נאך יידיש ליד וועלן זיין אייביק, אייביק. אייביק זיין — ווייל זענען שוין אן אייביקייט געווען.

מלך ראוויטש

תל־אביב, ווינטער 1956.

פון צווישן די געזאמלטע שריפטן

ביים צענויפשטעלן דאָס בוך פון יוסף הלל לעווי׳ס „געזאַמלטע שריפטן״, אַ בוך פון אַ נאַציאָנאַלן ווערט, האָב איך דאָ און דאָרט געפונען אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַן אָנגעשריבענער שורה אָדער צווי, און אָפט אויך אַ גאַנצע סטראָפע, אַזוי־אַ, אָנגעשריבן אין דער ערשטער פאָרם; טאַקע ווי זיי זענען אַנטשטאַנען אין דער וויזיע פונם דיכטער. געוויינטלעך זענען אַזעלכע אויפגעשריבענע שורות דער אויסדרוק פון בליץ־שנעלע רעפלעקסן, וואָס דאַרפן ערשט ווערן אויסגעאַרבעט; דאָס געפיל אין זיי דאַרף פאַרטיפט ווערן, און זיי מוזן ווערן געפירט ביי דער האַנט; מ׳דאַרף זייערע פאָרם־קלאַנגען אויסבינדן מיט אַ פּרעציזמעסיקן ריטם, ווי פאַרשידנאַרטיק די דיכטערישע מאָסן זאָלן נישט זיין. אייניקע פון אַזעלכע פאַרויסגעלאָפענע שורות האָב איך שפּעטער אָנגעטראָפן אין פאַרשידענע לידער, ווו זיי האָבן זיך געהאַלטן גלייך און געשטרעקט אין דער פולער האַרמאָניע פון דער רייע, לויט דעם קערן פון זייער געדאַנקלעכער פּאָטענץ, וואָס זיי האָבן רייפערהייט שוין מיטגעבראַכט מיט זיך; אַמאָל האָט אַזאַ שורה געפירט די אַנדערע און אַמאָל איז די נאָכגעגאַנגען פון אונטן . . .

איך באַהאַלט אַ סטראָפע פון פיר קורצע שורהלעך, וואָס זענען בלויז אַן אָפּריס פון דיכטערישער באַהעפטונג, אָבער זיי האָבן געזונטע אברים און זענען אַליין לעבנס־פעאיק:

> ווי אַ ווערימל פאַרקראָכן
> אין אַן עפּל צייטיק רויט,
> איז אַריין אין מיינע קנאָכן
> איבערנאַכט גאַנץ טיף דער טויט...

די דאָזיקע קליינע אַלמענטשלעכע דיכטונג איז זער טראַגיש אין איר אינהאַלט. פון יוסף הלל לעווי׳ס דיכטערישער ירושה הערן זיך אַרויס אַ סך טראַגישע טענער, און זער אַ סך, זער צאַרטע טענער. אינם פּראָזע טייל אין וועלכן ס׳געפינען זיך שריפטן, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל, זענען פאַראַן גוטע דערציילונגען. אייניקע פון זיי האָבן אַ דערציערישן ווערט . . .

י. א. ליסקי

פאַרלוירן דאָס לשון...

בעת ס׳זענען אָנגעקומען די אלול׳דיקע טעג, איז עפּעס דאָס אָרימע יידישע קינדער־לעבן ווי רייכער און פולער געוואָרן אין קלאַנג און פאַרב... אָט האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו סליחות, און געהערט די זיס־מעלאַנ־כאָלישע ימים־נוראימדיקע ניגונים פונם חזן; און אָט האָט מען אויך באַלד אין חדר געלערנט „האזינו״ מיט אַזאַ האַרציק־ליבער מעלאָדיע, וואָס האָט פּשוט יעדן קינדס הערצל צעוואַרעמט און פאַרבענקט. היינט ערשט דאָס טרילערן און זינגען, וואָס האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט פון די קליינע חזנישע שטיבלעך, אין וועלכע גאַנצע קאַפּעליעס און קליינע משוררימלעך האָבן זיך די ימים־נוראימדיקע ניגונים געחזרט. דאָס האָט אַזוי פאַרכישופט און פאַר־חלומט די נשמה, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, דאָס אַ גאַנץ־יאָריקער עלנט פון דעם פאַרשטומטן יידישן געסל איז געוואָרן פּלוצלינג ווי אַ צעקלונגענער און צעזונגענער אַקאָרד...

ווו־נישט־ווו האָבן זיך אויך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן גוים מיט ווע־געלעך סכך, און אתרוגים מיט לולבים האָבן זייער ריח־ניחוח אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן. דאַמאָלט האָבן מיר ווייסע־חברהניקעס געגומען זיך פאַמעלעך מכין צו זיין צו דעם סוכה־באַהאַנג: צו מאַכן קייטן, בריקן מיט קערבעלעך פון גרין, רויט, בלוי און גאָלדן ציץ־פּאַפּיר. היינט ערשט די פייגל, ס׳איז פּשוט אַ מחיה געווען. מען האָט אויסגעבלאָזן אייער, געמאַכט פליגל, געוועל־גערט וואַקס, דערנאָך אָלץ מיט לייש־פּאַפּיר באַגילדעט און דאָס האַרץ איז געוואַקסן פאַר פרייד.

אַפילו אונזער אָרעם שטיבל האָט אויך עפּעס אַ גאַנץ אַנדערע מראה באַ־קומען. יעדן אָוונט איז דער טאַטע עליו־השלום מיט מיר און נאָך אַן עלטערן משורר אַריינגעזעסן ביז טיף אין דער נאַכט און איינגעחזרט די טייערסטע חסידישע ניגונים פון ר׳ אַבוש מאירן, לייזערקען און סאַנדזער צדיק. פון יעדן ניגון פלעגט מיר צוקומען אַ שטיק חיות. דער טאַטע פלעגט זיצן פאַר־טיפט איבער זיין גרויסן מחזור, און ווי אַ סאָלאָוויי האָט זיך זיין האַרץ צו־גאָסן זאָגנדיק אַ שטיקל פּיוט. איך מיט דעם עלטערן משורר האָבן אים פון צייט צו צייט צוגעהאָלטן: באַם־באָם, אוי־אוי, בעמען־בעם...

און דאַמאָלט איז ביי אונז עפּעס אַזוי היימלעך און חדוהדיק געוואָרן, אַז אפילו מיין שוועסטערל האָט זיך אויך נישט געקענט מער איינהאַלטן, און זיך ווי אַ גילדן פייגעלע צוזונגען. דער טאַטע פלעגט שמייכלענדיק שרייען: שאַ, שאַ! קול באשה אסור! נאָר דער עלטערער משורר, ער פלעגט אים אַ סך מאָל אַרויסברענגען פון די כלים, ווייל ער האָט דריי מיאוסע טבע'ס געהאַט: ראשית פלעגט ער צו שטאַרק שנויפלען, והשנית פלעגט ער ליב האָבן אונ־טערצושפּאַרן זיין האַנט אונטער זיין שוואַרץ באַבערדלט פּנים און איינצו־דרימלען, והשלישית און דאָס איז דאָס מיאוסטע געווען: וואָס ער פלעגט זיך פאַרגאַפן אויף מיין שוועסטער... דער טאַטע האָט דאַמאָלט געזידלט, גע־שריען, אָבער ער האָט זיך געטון דאָס זייניקע... דערפאַר בין איך טאַקע געווען דעם טאַטנס איינציקע שטיצע ביים דאַווענען. אויף מיר, פלעגט ער זאָגן, „קען מען זיך סומך זיין". אַ העלזל פון סאַמעט אויסגעבעט. אַ קולכל ווי אַ זויבער גלעקל, און אַ גלעקל פּשוט ווי אַ קאַנאַריקל... ווייל אַ גאָר גרויסער מפונק און בעל־מנגן איז דער טאַטע געווען. הגם אַ גאַנץ יאָר איז ער נאָר אַ סופר און בעל־קורא געווען; דאָך האָט ער אויף יעדע תנועה ביים זינגען און זאָגן שטאַרק מדקדק געווען. אַליין האָט ער פאַרמאָגט נאָר אַ קליין דינטשיק ליריש קולכל; דערפאַר אָבער מיט אַזוי פיל געפיל און נשמה, אַז ווען ער האָט געזונגען, האָט עס זיך טיף איינגעשניטן אין האַרצן. און ווייל די תנאים האָבן אַמאָל געזאָגט, אַז אַלע מלמדים און סופרים זאָלן זיין גרויסע אביונים, פלעגט ער פון יאָר צו יאָר אין די ימים־נוראים דאַווענען פאַרן עמוד, און אויף אַזאַ אופן דעם דלות זיינעם אויף אַ קורצער צייט אַ פייג אַרויס־צושטעלן... ווי באַלד ס'פלעגט זיך נאָר דערהערן די ערשטע תקיעה פונם שופר, האָבן גלייך יידן פון פאַרשידענע מקומות אָנגעהויבן ביי אונז אַריינ־און אַרויסצוגיין. די מאַמע פלעגט מיט זיי זיך דינגען און האַנדלען, ווייל ווי זי פלעגט טענהן, האָט ער די פאַר גילדן כשר פאַרדינט. עפּעס אַ קלייניקייט, שחריתים, מוספים, שופר בלאָזן און לייענען, אַזאַ שווערע און ביטער'ע טרחה און אַזאַ קנאַפּער און מאַגערער ריווח...

אויף די 20־25 גילדן וואָס די מאַמע פלעגט אויסהאַנדלען פאַר אַזאַ דאַווענען (דער טאַטע האָט צו דעם עסק נישט געטויגט) האָט זי נעבעך דאָס גאַנצע יאָר אַרויסגעקוקט און געדאַרפט דערמיט איבערקומען אַ האַלבן ווינטער...

הגם ס'האָבן אָפּטמאָל אויף זיי פאַרשידענע פריערדיקע חובות שוין גע־וואַרט, האָבן מיר זיך אַלע איבערגליקלעך געפילט, ווען דער טאַטע פלעגט בשלום מיט דעם געלט אַהיימקומען. אַלס ערשטער האָב איך באַקומען אַ פּאָר פינקלדיקע נייע שטיוועלעך מיט פּאַדקעווס, מיין שוועסטער ווידער אַ

מענטעלע מיט אַ קליידל. אַ ביסל קוילן און מעל האָט די מאַמע אויך באַ־זאָרגט. פלעגט מען איבערקומען היימלעך אין וואַרעמקייט די קאַלטע ווינ־טער־טעג.

נישט אומזיסט האָט די מאַמע זיך דאָס אַזוי געדונגען, ביי איר איז יעדער גראָשן אַ רענדל געווען. ס׳פלעגט אָפּט טרעפן, די מאַמע האָט זיך איינגע־שפּאָרט און דער טאַטע פלעגט אַרומגיין אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער ביז אַ פּאָר טעג פאַר ראש־השנה, אָן אַ שטעל צום דאַוונען... ביז מען האָט זיך מיט מזל משוה געווען און צוגעזאָגט צו דאַוונען אין אַ קליין דערפל, ווו ר׳ מענדעלע פּראָפּינאַטאָר איז געווען דער גבאי פונם קלייזל. דער ראש־השנה איז אַדורכגעגאַנגען בשלום.

געקומען ערב יום־כפור אין דער פרי, האָט זיך דער טאַטע גיך אויפגע־כאַפּט און געגאַנגען מיט מיר אין מקוה, ווייל אַרום 10 אַזייגער האָט שוין ר׳ מענדעלעס פערד און בריטשקע מיט אונזער שוואַרץ־באַבערדלטן אייביק־פאַרשלאָפענעם משורר, אויף אונז געזאָלט וואַרטן, ווי ס׳איז געווען אָפּגע־מאַכט.

געקומען פון דאַוונען, האָט דער טאַטע אויף גיך עפּעס איבערגעכאַפּט אין מויל אַריין, אָנגעטון זיין זיידענע בעקעשע, פון אויבן דאָס כאַלאַטל, גע־נומען דעם מחזור און שופר מיטן טלית און קיטל, פאַרבונדן עס אין אַ גרוי־סער רויטער פאַטשיילע, אויסגעטרונקן צוויי רויע אייער, אַרומגעוויקלט זיך אַ שאַליק אַרום האַלז, כדי חלילה נישט הייזעריק צו ווערן; זיך מיט דער מאַמען און שוועסטער געזעגנט... שטאַרק צווויינענדיק זיך וועגן אַלדאָס־גוטס; אָפּגעווונטשן און... הילד איננו: דער פויגל אונזערער איז נישטאָ... דער טאַטע שטייט אַ צוטראָגענער, חושך־במצרים... וואָס אַזאַ משומד קען איינפאַלן? נו, נו, זיי זיך נישט צו שטאַרק מצער, סיי ווי האָט ער מער גע־שנויפּלט ווי געזונגען, אָדער געפּאָפן, און אומזיסט דאָס געלט נאָר צוגענו־מען; יאָ, יאָ, האָט דער טאַטע טרויעריק געענטפערט: מ׳איז דאָך אָבער נאָר אַ מענטש, און בכלל וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבן אָן אַ משורר? און אונ־זער קינד — האָט אים די מאַמע באַלד איבערגעריסן די רייד — איז ער דען נישט מער ווי צען משוררים? אוודאי אַזוי באַשערט, איז גם זו לטובה! — האָט דער טאַטע שטיל פאַרענדיקט, און אַ געפאַלענער ביי זיך אַרויפגעכאַפּט זיך אויף דער בריטשקע. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון דער בייטש און דאָס פערדל האָט זיך ווי אַ וויכער אַ לאָז געטון אין וועג אַריין. מיין חדוה איז געווען אין־לשער ואין־לספר. פאַר מיר האָט זיך דאָס אור־הגנוז מיט אַלע פאַרכישופטע גן־עדן פאַרבן פונאַנדערגעצונדן... עפּעס אַ קלייניקייט, אַ 5־4 שעהדיקע נסיעה אויף אַזאַ שיינער פערד און בריטשקע! ווען אונזער

הייזל איז שוין לאַנג געווען פאַרשווונדן און ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו ציען די באַחנטע פעלדער און גערדיכטע וועלדער. האָט זיך דער טאַטע צו מיר ערשט געווענדעט בזה הלשון: „געדענק גוט, בני היקר, אַז שלמה דער פגע האָט מיר דאָס מאָל אַ שפּיצל אָפּגעטון; און איך, ווייסטו דאָך, בין אַ שוואַכער, פאַרמאַטערט זיך באַלד; דערפאַר מוזטו, מיין קינד, טאַקע זען, כ'זאָל זיך קענען אויף דיר סומך זיין, נישט חלילה אַרומגענומען ווערן 'מאימתא דצבורא'... טאָמער וויל דיך דער בעל־דבר מקטרג זיין, זאָלסטו אים תיכף־ומיד מדחה זיין פון דיר... און ס'זאָל זיך דיר אויסדאַכטן, אַז דאָס קלייזל איז דער וואַלד, די יידן די בוימער, און דו גופא אַ פויגל...

„און אַז דו ווערסט מיך פאָלגן, און טאַקע עפּעס אַנדערש נישט אין זינען האָבן, וועסטו בעזרת ה' ווי אַ פויגל זינגען"...

פאָרנדיק איבער די שטייניקע וועגן זענען מיר אַ ביסל פאַרמאַטערט געוואָרן. דער טאַטע האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער דעם וועג הינטער זיך האָבן. אָבער מיר איז אַ שאָד געווען יעדעס ברעקל וועג, וואָס מיר זענען אָפּ־געפאָרן. ווייל מיר איז עפּעס געווען אַזוי אויפן האַרצן, וואָס ס'איז גאָרנישט מעגלעך אויסצודריקן... עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַזוי פאָרן עד אין־סוף... ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צו ר' מענדעלעס פּראָפּינאַציע. דער טאַטע ראַנגלט זיך אַ ביסל און לאָזט זיך אַ מידער פון וועגעלע אַראָפּ. נאָר איך זיץ מיר ווייטער און מאַך זיך פון גאָרנישט וויסנדיק. דער טאַטע שמייכלט אומעטיק: „נו, זונדעלע מיינער, נאָך ווייניק דיר? נישט גענוג די ביינדלעך צוטרייסלט, האַ? מיך ברעכט שוין יעדעס גליד, און איך דאַנק שוין השם־יתברך, וואָס מיר זענען בשלום אָנגעקומען, און דיר איז עס גאָר ווייניק". ניין, טאַטעשי, בעט איך זיך רחמים, ס'איז אַזוי ווויל און פיין געווען, אַזאַ שיין פערד און בריטשקעלע, אַז איך וואָלט געוואָלט נאָך אַ קאַפּיטשקעלע פאָרן...

— אַ דערוואַקסענער בחור זאָל זיך נישט שעמען, און אַזוי זיך נאַריש מאַכן, פע! — האָט ר' מענדעלע, וואָס איז אָקאָרשט אונז מיט שלום אַנט־קעגן געקומען, אין אַ געלעכטער זיך צו מיר געווענדעט. איך האָב זיך פאַר־שעמט, און פון וועגעלע אַראָפּגעלאָפן און גלייך מיטן טאַטן צו דער ערשטער און לעצטער סעודה געגאַנגען, וועלכע האָט אויף אונז שוין געוואַרט. נאָך די געגעבענע ברוך־הבא'ס, און צוריקגעגעבענע שלום־עליכמס, זענען מיר אין ר' מענדעלעס חדר אַריינגעקומען. דאָרטן איז פאַר אונז שוין אַ געדעקטער ערב־יום־כפּורדיקער טיש געשטאַנען.

אָפּגעגעסן די לעצטע סעודה, וועלכע איז אפילו אַ ביסל מאָגער געווען, אָבער נאָך דער נסיעה האָט זי מיר דאָך גוט געשמעקט, האָט מען מיט גרויס

כונה געבענטשט. נאָכן בענטשן האָט דער טאַטע אַ שטיקל תורה געזאָגט. ר׳ מענדעלע, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך שטאַרק פאַרטיפט, און צום טאָטן זיך צוגעהערט, האָט זיך דערנאָך אָנגערופן: „איי, איי, איי, ר׳ אַלטער, מיר ווינען דאָך דאָ אין אַ העק, צווישן גויים, אַ מנין נאָר משבת לשבת, אין דעם באַשטייט אונזער יידישקייט פון אַ גאַנץ יאָר מישטיינס־געזאָגט. פאַררעכן דאָס אונז רבונו של עולם נישט צום שלעכטן״. דער טאַטע האָט מיטן קאָפּ טרויעריק געשאָקלט, ווי מסכים געווען מיט זיינע רייד; אין האַרצן אָבער האָט ער אים דן געווען לכף זכות, און טרייסט־ווערטער פאַר אים געזוכט. בשעת מעשה, האָב איך זיך פּאַמעלעך שטיל אויפגעהויבן און בגנבה זיך אין דערפל אַריינגעכאַפּט. די שטאַלן פון בהמות און עופות, די גערטלעך, דער טייך, האָבן מיך שטאַרק מתעסק געווען. די בירהעקעס, מעלאַנס, אוגערקעס און קירבעס האָבן שוין צייטיק און צובליט אויף מיר געקוקט... די עפּל, באַרנעס און פלוימען האָבן מיר פשוט פאַרשמעקט, אַז דאָס וואַסער איז מיר אין מויל אַריינגעקומען. אָבער באַלד האָב איך דערזען אַ ברונעם מיט אַן עמער צו אַ שטריק צוגעבונדן, און די נייגיריקייט האָט מיך באַלד פאַרכישופט צוגעצויגן... מיט גרויס התלהבות בין איך צום ברונעם געלאָפן.

גוט באַטראַכט די צוגעלייגטע געהילצער אויף וועלכע דאָס משופּעדיקע דעכל איז געווען, און די שווער געפלאָכטענע שטריק ביי וועלכע דער עמער איז געהאָנגען. עפּעס אַ מאָדנער כוח האָט מיך געלאָקט, געצויגן און געטריבן צו טון אַ קוק אין דער מאוימדיקער טיפקייט... מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און אַ קלאַפּנדיק האַרץ, איך האָב זיך פאַרזיכטיק, פּאַמעלעך איבער דעם צוימל אַריבערגעבויגן צו זען פון וואַנען מען שעפּט דאָס וואַסער, און אַריינצושרייען, כדי כ׳זאָל פון דער דומפּער טיפקייט, וו מיין שטים וועט זיך אַריינוואַלגערן, צוריק באַקומען אַרויס אַ תשובה דורך אַ בת־קול... אַ שוידערדיקער פראָסט איז מיר דורך אַלע גלידער אַדורכגעלאָפן, ווען איך האָב דערפילט די פאַרגליווערטע שטילקייט... איך האָב זיך טיפער, טיפער, אַריבערגעבויגן איבערן צוימל, צו זען זיך אין שפּיגל פון וואַסער... מיט איינמאָל האָב איך דערפילט, אַז איך הענג אין דער לופטן... און אַן אימת־מות איז מיך באַפאַלן. און ווי איך האָב געוואָלט מיין פאַרזונקענעם קאָפּ פון דער טיפקייט צוריק אַרויסציען, האָב איך זיך נישט ווילנדיק אָנגעכאַפּט פאַר די שטריק... באותו הרגע האָבן זיי זיך אַ ראַל־אויף געטון און מיך מיטן שווערן עמער אַ שלעפּ־אַראָפּ געגעבן...

ווען אַ גוי וואָלט נישט כהרף־עין אונטערגעקומען און מיין מלאך־הגואל געווען, וואָלט שוין לאַנג פון מיר קיין זכר נישט געווען.

אַ טויט־בלאַסער מיט אַ צוריסענער קאַפּאָטע און מיט אַ האַלב־אָפּגעגנו־מענעם לשון, בין איך צום טאַטן צוריקגעקומען. דער טאַטע האָט מיך אָנגע־הויבן צו מונטערן, גלעטן, בעטן, פרעגן, וואָס מיט מיר איז דאָס אַזוינס געשעען . . .

אָבער איך האָב קוים־קוים געקענט באַוועגן מיינע ליפּן, כדי אים די מעשה נורא צו דערציילן . . . דער טאַטע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיינע ציטערדיקע הייליקע הענט האָט ער אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ, און מיך געבענטשט פאַרגיסנדיק הייסע טרערן . . . עס איז שוין שפּעט געוואָרן, און מיר זענען צו „כל נדרי" געגאַנגען. גייענדיק האָט דער טאַטע מיר שטיל אין אויער אַריינגעפּליסטערט, אַז זיינס אַ ברודערס אַ טעכטערל, אַ מיידעלע שוין פון זיבן יאָר איז, פאַר קיין שום ייד נישט געדאַכט, נעבעך אויף אַזאַ אופן פון דער וועלט אַוועק . . . דאָס דערציילנדיק האָט ער מיין קליינע האַנט אין זיין האַנט אַריינגענומען, און איך האָב אים מיין וואָרט געגעבן אַז איך וועל שוין קיינמאָל אַזוינס נישט טון.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפיבערט אין חלומות, זיך געטרונקען אין טייכן, אין ברונימער, ביז איך האָב אַ גליקלעכער דעם ערשטן טאָג־שיין דערזעען . . . דער טאַטע, וואָס איז נעכטן גאָרנישט צופרידן געווען פון מיר, ווייל איך האָב נישט געזונגען, נאָר געפּישטשעט ווי אַ מייזל להבדיל, האָט מיך צערטלעך און ליב אַרומגענומען, מיר בטחון געגעבן, כדי איך זאָל היינט אַלץ פאַרבעסערן, וואָס איך האָב נעכטן קאַליע געמאַכט. ער האָט מיר אַלץ מוחל געווען, מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך היינט צוזאַמענעמען און באַווייזן די יידן, וואָס איך קען . . .

אין מיין האַרץ האָט זיך טאַקע דערוועקט אַן אַמביציע. איך האָב אָנגע־הויבן צו גלויבן און געוואָלט, אַז עס זאָל היינט אַנדערש זיין. ווייל איך בין דאָך באמת געווען דעם טאַטנס איינציקע שטיצע ביים דאַווענען. איך, נאָר איך אַליין, קען אים דאָס דאַוונען אַ סך לייכטער און שענער מאַכן . . .

אָבער דער פינסטערער שטן, וואָס נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, ער האָט אַלץ מקטרג געווען . . . שוין צו שחרית האָט עס ביי מיר אָנגעהויבן אַ ביסל צו טריקענען אין קעל, אָבער איך האָב מיך געשטאַרקט און עס גובר געווען . . .

ווייל דער עיקר איז דאָך דער מוסף; דאָ מוז מען זיך מיט אַלע כוחות צוזאַמענעמען, אַז דער טאַטע זאָל זיין צופרידן, און דער עולם זאָל נתפּעל ווערן . . .

אַזוי האָב איך מיר געטראַכט, אַרויסקוקנדיק דורך אַ קליינעם פענס־טערל אין סעדל אַריין. די בירהעקעס, וועלכע האָבן מיט זונענשיין צו מיר

געוווּנקן פאַרליבט, האָבן מיך מחיה געווען; די קירבעס, מעלאָנעס און לעצ־טע זומער־רויזן, האָבן מיך געמאַכט אין אַלעם פאַרגעסן ... און איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך גוט מיט די אוגערקעס צו באַקענען, האָב איך שוין דעם מוסף־יתגדל פונם טאַטן דערהערט. איך בין ווי פון אַ חלום מיט שרעק אויפגעוואַכט געוואָרן ... און גלייך אָנגעהויבן צו־צו־אויקן, און בעמקן ... און אָט דער טאַטע זאָגט שוין גאָר די הויכע שמונה־עשרה. דער עולם, ווי דער טאַטע, וואַרטן, קוקן מיר אין מויל אַריין, איך דאַרף זינגען „זכרנו לחיים"; אָבער מיין מויל איז ווי געלעמט, ווייל עפּעס אַ קליפּה האָט זיך אין מיין האַלז אַריינגעכאַפּט און ביי מיר אָפּגענומען דאָס לשון. איך ברענג קיין וואָרט נישט אַרויס, ביטער, ביטער, כמו גאַל, חושך און פינסטער איז מיר! דער טאַטע, נעבעך, דערלאַנגט מיר מתחילת אַ לייכטן צי פאַרן אַרבל, איך הויב אָן צו ציטערן ווי אין קדחת; דאַן, דערלאַנגט מיר דער טאַטע אַ שטאַרקע, צום סוף גאָר אַ קניפּ, אָבער איך שטיי אַלץ ווי אַ פאַרשטומטער דראָנג אָן אַ לשון. איך ווייס אַליין נישט, צי איז דאָס די מאַוימדיקע טיפקייט פונם ברונעם, וואָס איך האָב נעכטן דערזעען און זיך דערשראָקן צום טויט, צי איז דאָס די אימתא דצבורא, איך ווייס נישט, נאָר מיין לשון איז ווי אָפּ־גענומען ... מיינע אויגן האָבן זיך פאַרגלאָצט אויף דעם ליילעך, וועלכער האָט פאַרדעקט דעם קאָסע־טיש פון דער פּראָפינאַציע, און פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט די בראָנפן־פלעשלעך, דאָס ביר־פעסל מיט די גלעז־לעך ... ביז זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די בענק, וועלכע זענען באַשטאַנען פון לאַנגע ברעטער, מיט אונטערגעשטעלטע פוסטע פעסער, אויף וועלכע די יידן זענען געזעסן און זייערע אויגן טיף אין מיר אַריינגעעגבערט ... מיר איז דעם טאַטנס „התראה" אויפן זינען געקומען, אָבער אומזיסט ... איך האָב אויף איינמאָל דערפילט, אַז דאָס ליילעך, פון וועלכן די בראָנפן־פלעש־לעך און גלעזלעך מיט דעם ביר־פעסל האָבן אַרויסגעקוקט, איז קיין וואַלד נישט, און די ברעטער מיט די אונטערגעשטעלטע פעסער, אויף וועלכע די יידן מיט די אויסגעפּייניקטע בלייכע פּנימער זענען געזעסן, זענען קיין בוי־מער נישט, און איך מיטן אָפּגענומענעם לשון בין נישט קיין פויגל ... ביי מיר האָבן די טרערן פון די אויגן זיך אָנגעהויבן צו גיסן, איך בין פשוט שיער פאַר חרפּה און בושה נישט איינגעזונקן געוואָרן. וואָלט כאָטש דער שנויפל־דיקער משורר מיט וועלכן דער טאַטע האָט קיינמאָל זיך נישט גערעכנט, דאָ געווען, וואָלט ער אים פון דער צרה אַרויסגעראַטעוועט, און נישט געלאָזן אים אַזוי אַרויסרייסן זיך אַליין די לונגען ...

אינצווישן האָט די צייט נישט געוואַרט. אַ פאַריאושטער און פאַרצער־טער האָט דער טאַטע דעם „ונתנה תוקף" אָנגעהויבן צו זאָגן. זיין קול האָט

זיך צוגאָסן אין אַ ביטער געוויין, אַז די מלאכים אין הימל זענען זיכער פּאַר אַזאַ קול פאַרציטערט געוואָרן. זיין מאָגערער אויסגעבויגענער גוף, דאָס אײדעלע בלאַסע פּנים מיט דעם הויכן קנייטשן־פולן שטערן, האָט זיך גע־שאָקלט, געוויגט און געבויגן, שיער געוואָלט צעברעכן פאַר קדושה און דבקות צו הקדוש ברוך הוא... פון זיינע זיפצן און בכיות האָב איך זיין שווער און ביטער געמיט פאַרנומען; דאָס דחקות און נויט, וואָס האָבן אים אַ גאַנץ יאָר געפּלאָגט און געמאַטערט. און איך בין געשטאַנען ווי נישט אויף דעם עולם, געוואָלט אים העלפן, זיך אַזוי צוזינגען, אַז די מלאכים אין די הימלען זאָלן רחמנות האָבן אויף מיר און מיין טאַטן. נאָר אימיצער האָט מיר כישוף אָנגעטון, דאָס לשון אָפּגענומען, איך האָב קיין וואָרט נישט אַרויסגע־בראָכט...

אַז אָך און וויי איז צו מיר און צו מיינע יאָרן! דער טאַטע וואָס שטייט נאָך קוים, בעט, וויינט, זאָגט מיט אַ הייזעריק קול דעם פּיוט, און ס׳גיסט זיך פון אים דער שווייס; און איך בין פאַרשטומט, רחמנא ליצלן... פריער פלעגט דער טאַטע נאָך אַ פּאָר טרויעריקע אויגן אויף מיר אויסשטעלן, וואָס דאָס האָט געהייסן: קאָנסט מיר נאָך העלפן, ס׳איז נאָך נישט אַלץ פאַר־פאַלן... אָבער איצט האָט ער מיך שוין אינגאַנצן אויפגעגעבן, ער קוקט מיך שוין אפילו מער נישט אָן...

שוין פאַרביי דער „ויאתיו״ מיט דעם „היה עם פיפיות״ וואָס איך האָב געזאָלט זינגען מיט די פּרעכטיק איינגעחזרטע שיינע ניגונים און ווו דער טאַטע וואָלט געקענט בעת מיין זינגען אַ ביסל אָטעם כאַפּן, זיך אָפּרוען, ווייל ער האָט דאָך נעבעך אַזוי ווייניק כוח געהאַט... אוודאי איז אים דאָס אָבער נישט באַשערט געווען...

ערשט צום קדיש נאָך נעילה, האָט גאָט מיין ביטער געמיט פאַרנומען און מיר צוריקגעגעבן מיין לשון. ווי בלעם׳ס אייזל האָב איך פּלוצלינג אויפ־געריסן מיין מויל, און איך האָב זיך גוט צעזונגען, אַז ס׳האָט געגרילט אין די אויערן... אויף דעם עולם און טאַטן איז פּשוט אַ מורא אָנגעפאַלן. נישט אַנדערש, נאָר אַ דיבוק האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן, וועלנדיק מתקן זיין, וואָס ער האָט פאַרדאָרבן...

נאָכן דאַוונען איז דער טאַטע צוגעקומען צו מיר אַ שלאָפער, און בלחש מיר אין אויער איינגערוימט, אַז דער פינסטערער „ברונעם״ האָט דאָס אַלץ גורם געווען... און אַז איך האָב אים געקוילעט אָן אַ מעסער! זיין ציטער־דיק הייזעריק מידער קול האָט ביי מיר דאָס חיות צוגענומען...

„אוי, משומד־יונג, משומד־יונג, וואָס האָסטו מיר אָנגעטון?״ האָט ער אַלץ צו מיר געפּליסטערט, ביז דער עולם איז מיט אַ געלעכטער צו מיר צו־

געקומען: או־וואַ, איז דאָס געווען אַ משורר, פּלאַי־פּלאַים! פּלאַי־פּלאַים!...

הגם דער טאַטע האָט עס מיר שוין געהאַט מוחל געווען, האָבן זיך דאָך מיינע טרערן אַ גאָס געטון, איך האָב מיין פּנים אין די הענט באַהאַלטן און געמיינט, אַז איך ווער איינגעזונקן פאַר חרפּה . . .

אויפן גאַנצן וועג אַהיימפאַרנדיק האָב איך נישט מער געזעען, נאָר די מאוימדיקע טיפקייט פונם פינסטערן „ברונעם"; און נישט מער געהערט, ווי נאָר דאָס אַרויסהילכן אַ חוזק בת־קול פון דאָרט: או־וואַ, איז דאָס געווען אַ משורר, פּלאַי־פּלאַים, פּלאַי־פּלאַים!!!

אומזיסטיקע שונאים

(מיין שוועגערין אידאַ געווידמעט)

זינט דער לעצטער שלאַכט איז שוין אַ שטיק צייט פּאַרפלאָסן. אָבער נישט ביי יצחקן, ווייל פאַר אים האָט זי בכלל נישט עקזיסטירט... ערשט היינט נאָך אַ לאַנגן אומבאַוווסטן האַרץ און מוח צושטאַנד, האָט ער צום ערשטן מאָל די ליכטיקע זון ווידער דערזען... און איז דערוואַכט ווי פון אַ שווערן חלום. אין לאַזאַרעט איז שטיל, און די לופט שמעקט מיט קאַרבאָל און אויסגעהויכטע נשמות... ער וויל זיך אַ וויילע אויפן בעט אויפזעצן, נאָר זיינע איברים ווילן אים נישט פאָלגן. ער פּרוווט זיינע מחשבות צונויפּ־צונעמען, אָבער זיי צעלויפן זיך ווי אַ מחנה זומער־פויגל ווען מ׳וויל זיי דערכאַפּן... און ווי גערן וואָלט ער זיך דערמאָנען וואָס מיט אים איז אייגנטלעך געשען, — אָבער זיין געהירנראָד דרייט זיך נאָך צו שנעל, און זיינע זכרונות קאָן ער נישט דעריאָגן... נאָר די חזיונות זיינע זענען די איינ־ציקע שטראַלן וועלכע קומען אים אָפּט זיין עבר ליכטיק מאַכן...

ס׳הויבן פאַר אים אָן צו טאַנצן בילדער און סצענעס, ער מאַכט גרויסע אויגן, און איידער נאָך ס׳געלינגט זיין בליק זיי אויפצוכאַפּן ווערן זיי שוין פון אים נישט דערענדיקט און ווערן אָפּגעריסענערהייט נעלם... און אָפּטמאָל ווידער פילט ער און זעט אַלעס ממש ווי ערשט איצט וואָלט עס זיך פאַר אים אָפּגעשפּילט...

...ליכטוואָרפער ראַקעטן צושניידן די נאַכט. אַ שווערע מוראדיקע מאַסע וויגט זיך אין חושך און ווערט וואָס אַמאָל נענטער... שווערדן, ביקסן, שפּיזן, האַרמאַטן, קאַנאָנען, מענטשן, פערד, טרומייטן זענען אַלע משוגע גע־וואָרן. מ׳פּאַקט... זיפצן, יללות, נעפּל, בלוט, רויך, טויטע ווערן אין נאַכט פאַרגליווערט... און איבער דעם גאַנצן תוהו ובוהו טראָגט זיך און שוועבט עפּעס אַ מאָגערע לאַנגע איינגעטליתטע געשטאַלט, מיט גרויסע רונדע אויגן פון וועלכע עס שפּאַרט זיך אַזאַ גרוי פאַרשטאָלטער גלאַנץ, — ווי פון אַ לעמעלע׳ס לעצטן בליק בשעת דער חלף גליטשט זיך אַריין אין דער מיט פון זיין האַלז און פאַרשטעלט אים דעם אָטעם... „טאַטע, טאַטע!“ ווערט זיין שטים אין רויך און בלוט דערוואָרגן... פאַר די אויגן שלענגלען זיך גרינע רעגנבויגנס און ס׳געהירן אין מוח לייזט זיך אויף, ווי אַ צופּלאַצטע ספּרענ־

זשינע אין אַ זייגער... און פון דער לינקער זייט ביי אים רינט עפּעס וואַ־רימס, פליסיגס, רויטס, רויטס וואָס מ׳קאָן גאָרנישט איינשטילן...

און זינט דאַמאָלט קאָן ער זיך נאָך נישט גוט דערמאָנען ווו ער איז אַזאַ לאַנגע צייט געווען, און וואָס מיט אים האָט אייגנטלעך פּאַסירט וואָס ער ליגט דאָ אין פעלד־שפּיטאָל . . .

די קראַנקן־שוועסטער גיט אים „בינין״, מאַכט אים הייסע און קאַלטע קאָמפּרעסן... און ער פיבערט און גליט... און ס׳אָטעמען שטעכט... נאָר היינט פילט ער זיך דאָך אַ ביסל בעסער...

הגם דער דאָקטאָר האָט אים היינט אין דער פרי דעם רוקן און ס׳האַרץ באַטאַפּט, און דערנאָך עפּעס מיט דער שוועסטער זיך געשעפּטשעט: „מאָר־פיום, אַנפאַל, בחינם!...״ דער נאַרישער דאָקטאָר, וואָס האָט ער דאָס גע־דאַרפט אַזעלכע סודות מיט איר צו האָבן. אפנים ווי ער אַליין וואָלט דאָס נישט בעסער געוווסט... מ׳באַקומט אַ שטאָך אין דער לינקער זייט, שפּייט מען מיט בלוט, דער פיבער — וואָס דען זאָל זיין? וואָס איז זיך דאָ וואָס צו סוד׳ען?... נאַראָנים!

„שוועסטער!״ האָט פּלוצלינג זיין הייזעריק קול אין אויר אָפּגעציטערט.

„וואָס פאַרלאַנגט איר?״ האָט אים די שוועסטער רחמנותדיק פאַר דער האַנט גענומען.

„אַ קלייניקייט נאָר, איר זייט מוחל און זאָגט מיר דעם נומער פון מיין בעט״. די שוועסטער קוקט אַ ביסל פאַרווונדערט אויף אים, אָבער כדי ער זאָל איר פאַרווונדערונג נישט באַמערקן, ענטפערט זי אים מיט אַ ליבלעך קול: „17״.

„וואָס? 17 האָט איר געזאָגט״, שרייט ער אויס ווילד ווערנדיק, „17, 17, 17!״ די שוועסטער טרעט אָפּ דערשראָקן.

עס האָט זיך אים אַמאָל שוין אויסגעדאַכט, נאָר איצט האָט ער עס גע־הערט פון איר מויל אַליין... און ער דערמאָנט זיך איצט גאַנץ קלאָר אין דעם סאָלדאַט מיטן צוקרימטן באַיאָנעט און „אָקסל־שטיק 17״ וואָס האָט אים אין דער לינקער זייט אַריין דערלאַנגט.

„באַרואיקט אייך״, בעט ביי אים די שוועסטער, דעם דופּק טאַפּנדיק, „באַרואיקט אייך!״... און זי גלעט אים זיינע שוואַרץ־געקרויזטע האָר, ווישט אים אָפּ דעם שווייס פונם שטערן, „אפשר נאָכן דאָקטאָר גיין?״...

„ניין, אַ דאַנק אייך, נישט נויטיק, עס ווערט שוין ווידער בעסער, לייכ־טער אויף דער ברוסט, כ׳האָב זיך נאָר אין עפּעס דערמאָנט, שוועסטער״...

„איר דאַרפט זיך אָבער נישט נאָכגעבן, ווייל דאָס שאַדט שרעקלעך צו

אייער צושטאַנד... מ׳דאַרף זען מ׳זאָל געזונט ווערן און זיך דערפאַר זער שוינען״...

די לעצטע ווערטער האָבן אים אין זיין מוטער דערמאָנט, אַזוי האַרציק, אַזוי ווייך און ליב האָט זי זיי אַרויסגערעדט...

אים זענען שיעור טרערן אין די אויגן געקומען. און אָט די דאָזיקע ווערטער האָט ער געהערט פונם שונא, מיט וועלכן מ׳פירט אַזאַ בלוטיקע מלחמה!... ביי דעם וואָרט „שונא״ האָט אַ קראַנקער שמייכל זיך אויף זיינע ליפּן צולייגט... וואָס האָב איך דען צו איר?... און וואָס האָט זי דען צו מיר?... זי איז אַ קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל פונם שונא׳ס לאַגער.

„שוועסטער״, האָט ער מיט אַ שטראָם טרערן אויסגעבראָכן, אירע הענט קושנדיק, „איך האָב געזינדיקט קעגן אייערע ברידער און אומזיסט, אומזיסט...״ טרערן האָבן אים ווייטער נישט געלאָזט רעדן...

„אָבער וואָס רעדט איר?״ האָט אים די שוועסטער פול מיט פאַרוואורף אָנגעקוקט. „דאָס איז נאָר אייער הייליקער חוב געווען, און דעם האָט איר דערפולט אייער חוב, אייער פאָטערלאַנד פאַרטיידיקט!״

„ניין, שוועסטער, מיין חוב וואָלט געווען נישט קיין בלוט צו פאַרגיסן!״

די פֿאַלשע סאָנאַטע

ווען האַרפֿאַן איז מיט זיין נאָכמיטאָג לעקציע אין קאָנסערוואַטאָריע פֿאַרטיק געוואָרן, האָט שוין די זון איינִיקע שטראַלן געשיקט אָנזאָגן, אַז זי איז אַ מידע פֿון דעם גאַנצן־טאָגיקן מהלך, און אירע שליחים האָבן זיך נישט געפֿוילט נאָר דורך די בלעטערפֿולע צווייגן מיט אַזאַ גיכקייט געשפּרונגען, אַז זיי האָבן איבעראַל נאָך זיך אַ פּורפּורנעם שטויב איבערגעלאָזן. דער ברייט־פּלייציקער און הויך־געוואַקסענער האַרפֿאַן (ווי זיינע באַקאַנטע האָבן אים גערופֿן, מחמת ער פֿלעגט תמיד אַ גילדענע האַרף אַלס אָפּצייכן טראָגן), האָט אויפֿגעהויבן זיינע טונקל־טיפֿע אויגן און געהאַט דאָס געפֿיל, ווי די זון וואָלט אירע שטראַלן־פֿינגער אויסגעשטרעקט און די אָנגעצויגענע זילבער־דינע סטרונעס פֿון דער אָוונט־האַרף צעציטערט, און דאָס אייביקע ליד פֿון איר אויפֿגאַנג און אונטערגאַנג געשפּילט... אַ ווײַלע איז ער נתפּעל שטיין געבליבן, און זיך אין דער בין־השמשות־סימפֿאָניע פֿאַרלוירן... דערוואַכנדיק האָט ער גלייך ביי זיך אַ פֿרעג געטון: ווו גייט מען? אין קאַפֿע! — איז אים אַ געדאַנק אונטערגעלאָפֿן און אַקצעפּטירנדיק דעם געדאַנק האָבן זיך זיינע צוויי פֿינגער בגנבה אין די וועסטנטעשלעך אַריינגעלאָזן און דאָרט לאַנג־לאַנג אַרומגעזוכט נאָך אַ פּאַפּיראָס אָדער נאָך אַ פּאָר מטבעות. אָפּטמאָל פֿלעגט ער דאָרט אַזאַ אומפֿאַרהאָפֿטן אוצר געפֿינען. אָבער איצט אַרויסנעמענדיק די פֿינגער אַזוי ליידיק ווי ער האָט זיי אַהין אַריינגעטון, וואָס האָט אים אויך נישט זעלטן פּאַסירט, האָבן זיינע אויגן־וויעס זיך פֿינסטער אַראָפּגעלאָזן און אַ לאַנג צוצויגענער גענעץ אויסשפּייענדיק פֿאַרשאָלטן לאַנגווייליקע איינזאַמקייט האָט אין דער לופֿט אָפּגעציטערט. ער האָט זיך נישט לאַנג מיישב געווען נאָר אָפּגעשניטן דעם שמאָלן בלומען־שטעג, וועלכער האָט געפֿירט צום קאַפֿע דראַבנער און זיך דורך דעם לילאַ ווענעדאַ דענקמאָל אין דער יידישער אַלע אַריינגעלאָזן, אפֿשר דאָרט באַגעגענען אַ קאָלעגע אָדער אַזוי אַ באַקאַנטן, וואָס וועט אים פֿון דער מאָמענטאַנער מיזערע אַרויסהעלפֿן. עטלעכע מטבעות און באַפֿרייט איז ער פֿון דער פֿאַרפֿלוכטער איינזאַמקייט, פֿון די עראָטיש זיס־סענטימענטאַלע אָוונט־באַגערן, פֿון די ראָמאַנטיש־גערייצטע מיידלעך... פֿון די באַנאַלע בחורים, און סוף כל סוף אויך פֿון הונגער. אַ פּאָר מטבעות, און אַן אָוונט איז געראַטעוועט... קאַפֿע,

עלעקטריש ליכט, וויינטארטן, וואַגנער, בעטהאָוון און ווייבער, ווייבער!... משוגע צו ווערן. אָ, געלט — געלט!... האָט זיין שטים אין נעפּל געציטערט; אָט דאָס זענען די טרעפּן, וואָס פירן צו קונסט, ליבע, לעבן, גליק, כבוד; און דאָס זענען די טרעפּן, וואָס פירן צו שאַנד, זנות, האַס, רויב!...

אויף זיין מיידליש לענגלעכדיק קלאָרן פּנים האָט זיך אַ רעפלעקס פון זיין אומעטיק דענקן און פילן צולייגט; און עס איז דורכזיכטיקער און ריינער געוואָרן ווי אַ שפּיגלדיקער טייך אויף וועמענס אויבערפלעך עס שימערט דער טיפסטער הימל מיט שטערן... פּלוצלינג האָט ער זיך צולאַכט פון זיין פריערדיקן סאָציאַליסטישן פּראָקלאַמאַציע טאָן... אַזוי קענען נאָר לאַכן מענטשן, וועלכע זענען פּעאיק פון צייט צו צייט אויף זיך טיף אַראָפּצוקוקן...

און ווי אַ מאַגנעט האָט אין יענע מינוטן זיין הערלעכע געשטאַלט אַלעס אַרום זיך צוגעצויגן און געפּילט ווי ס פאַלן און ווערן בטל אויף זיינע קרעפּטיק ביינערדיקע אַקסלען די ברענענדיק־גיריקסטע מיידלשע בליקן... אָבער אומבאַוועגלעך און קאַלט איז ער אויף דעם העכסטן לעבנסבאַרג אַרומגערינגלט פון דונערן און בליצן, ווייטער שטיין געבליבן. און אָט די געניאַל דאָן־זשואַנישע קאַלטקייט, וועלכע האָט אָפּט ווי אַ ראַקעט זיין פאַרוואָלקנטן ליבעס הימל באַלויכטן, האָט נאָך מער אין אים גערייצט די פרוי און צו זיך געצויגן. און דערפאַר טאַקע האָט ער זיינע בליקן און ס'האַרץ קיינמאָל נישט צוריקגעשיקט צו די אַלע פרויען אין לעבן באַגעגנטע, און אויך איצט אויף די בענק זיצנדיקע מיידלעך אין ווייסע קליידער. ווייל פיינט האָט ער געהאַט אפילו דאָס שענסטע וואָס איז הינטער אים געבליבן, דערפאַר אָבער אומענדלעך ליב געהאַט דאָס שרעקלעכסטע אים אַקייגנקומענדיקע... און דאָך דאָס לעבן... ווי אַ פאַרהאַסטער בעטלער האָט עס תמיד פאַרשטאַנען זיין לעכערלעך צעריסן אָרימזעליקן פּרצוף פאַר אים צו אַנטבלויזן... כדי אים נאָך זיין לעכערלעך צעריסענעם נישטיקן גוף צו ווייזן... און אויף אַזאַ אופן ביי אים מיט רחמנות בלוטיקע נדבות אויסצונאַרן און אָפּטמאָל אים לייכטזיניק שוואַך צו מאַכן... אָבער ווי נאָר דער גרויסציגיקער פילאַנטראָפּ האָט דערוואַכט, האָט ער אויף דעם פאַרלויזטן בעטלער געשפּיגן!...

פון דער זייטנאַלעע זענען צוויי שאָטנס נולד געוואָרן, נאָר באַלד האָט ער באַמערקט אין די שאָטנס געוואָרענע מענטשן, אין זייער מאָדנעם הילוך, די אָפּגענוצטע קליידער, די ברייט־ראַנדיק פון שוויס־גלאַנצנדיקע היטן, אַז דאָס זענען באַזשיקאָווסקי מיט זיין פליגל־אַדיוטאַנט.

— ווי גייט עס, האַרפאַן — האָבן זיך זייערע ווייבעריש־לירישע קולעכלעך צוגאָסן.

— אַ דאַנק, מיינע פריינט! — האָט ער זיי איראָניש אָבער דאָך אינטים

אָפּגעענטפערט אויף פּויליש, ווייל ער האָט געפילט, אַז זייערע פּאַרוואָגלטע נשמהלעך נישט קענענדיק זיך אין דער פּוילישער ווייסל דערטרינקען, האָבן אַ שטאַרקע הנאה, ווען ער רעדט צו זיי אין פּויליש. אַ ברייטער פּולער געלעכטער האָט זיך איבער זיין פּנים צעלייגט. זיין גאָמבע־גריבעלע וואָס האָט זיך בשעתן לאַכן געעפנט, האָט זיך מיט טויזנט חנ׳ען אָנגעפילט און זיינע ווייסע ציינער האָבן ווי באַשוימטע פּערל געגלאַנצט. און די צוויי אומגליקלעכע עקסטערניסטן, וועמענס גרעסטער ווונטש אין לעבן איז לעת עתה געווען זיך צו אַ ריין פּוילישער שפּראַך צו דערשלאָגן, האָבן בשעת מעשה זיך פּאַר שמחה געפּרעגלט און אָנגעהויבן אַזוי געשווינד אָן צוזאַמענהאַנג זייער פּויליש צו מאָלן, אַז מען האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט אונטערשיידן פון אַ תּרגום־לשון... נאָר האַרפּאַן האָט די צוויי אייביקע סטודענטן, וועלכע האָבן זיך זינט יאָרן צו דער מאַטור מכין געווען און ליידער תּמיד אַדורכגעפאַלן, שוין פּאַרשטאַנען, און אויך געוווסט זיי ביים דופק צו טאַפּן פון וועלכע געגנשטאַנדן זיי זענען יאָ אַדורכגעקומען, און דערפאַר האָט ער טאַקע ביי זיי תּמיד אַ פרעג געטון: „צאָ סליכאַטש ז׳לאַטשינע אי גרעקע?“ און ווי אויף אַ קאָמאַנדע האָבן זיי גלייך אַרויסגעצויגן די בערגלעך ביכער פון אונטער זייערע אָפּגעשאָסענע פּעלערינעס.

באָזשיקאָווסקי האָט מיט אַן אימפּעט אַ מאַך־אויף געגעבן „האָמערס איליאַדי“ און זיין פליגל־אַדיוטאַנט ראַקושינסקי „האָראַצן“ און ביידע האָבן מיט אַן אקדמות־ניגון און מיט אַזאַ התפּעלות אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן, אַז די איבעריקע לער־ביכלעך האָבן זיך ווי אָפּגעשיילטע קאַרטאָפלעס פון זייערע זאַקיקע פּעלערינעס געשאָטן...

און דאַמאָלט האָט האַרפּאַן זיי האָפערדיק אויף די פּלייצעס געקלאַפּט: „פּזשעפּישניע, ריטמישניע, דאָסקאָנאַליע קאָלעדזי“.

און די צוויי אָרימע עקסטערניסטן זענען אַוועק אויף זייערע צוקונפטס־חלומות ווי קאַטשקעלעך אויפן וואַסער. די דין געבויגענע באָטשאַן־פּיסלעך, פאַרהילט אין אויסגעלאַטעטע, צעדריוולטע הויזן און אין אָפענע לאַקערקעס, וועלכע האָבן נישט מיט ווייניק מי זייערע פון קאַרטאָפל־זופּ אויסגעהאָדעוועטע גופים געהאַט צו טראָגן, האָבן פּשוט צו היפּן אָנגעהויבן. די ברעגן פון זייערע פּעלערינעס האָבן זיך ווי אָדלער־פליגלען אין ווינט צעפלאַטערט. באָזשיקאָווסקי׳ס פּלאַטשיקע נאָז, וועלכע האָט פון זיין צעבולוואַנטן פּנים תּמיד אַ ברוגזע אַרויסגעקוקט, איז עפּעס ווי שענער, גראַדער, איבערגעבעטענער געוואָרן און באַפרייט האָט זיך זיין גוף פון זיין גלאַנציק צעריסענעם קעלנער־פראַק, פון דער לאַנגער מיצקעוויטש־בינדע, וועלכע איז געפלעקט און געפינטלט געווען מיטעסנדיק מיט אים פון אַלע מאכלים און פון אַלע

מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, איז אַוועק ווייט־ווייט איבער הרים וגבעות; און זיין קליינער פליגל־אַדיוטאַנט, וועמענס רויט־געלאָקט קעפּל מיט די וואַסערדיקע פיש־אויגן האָבן תמיד מיט אַ פּאַרגולמטן חידוש אין דער וועלט אַריין געגלאָצט, איז אים מיט די לעצטע כוחות אין דעם אייביקן פרילינגס־לאַנד נאָכגעפלויגן, דאָרט וווּ מען שפּאַצירט אַרום אין אַ שיינעם העלן טאָג אין ווייסע טעניס־הויזן מיט שפּוגל־נייע גראַנאַט־ליסטערנע רעקלעך אין געזעלשאַפט פון געבילדעטע הערלעך בלאָנדע מיידלעך, אין געזעלשאַפט פון אין שוואַרץ־סאַמעט אַנגעטוענע דאַמען, וועלכע זינגען אַ גאַנצן טאָג מיט דאָס שוואַלבן־ליד: „הער דאָקטאָר, הער דאָקטאָר!" און מ'דאַרף נישט מער זוברעווען גריכיש און לאַטיין, מ'דאַרף נישט מער שטיין דריי שעה אין מעת־לעת און זיך האַלטן מיט אַריינגעשטעקטע נעגל אין אַ באַנק און שרייען: „גוואַזשדזשע, גוואַזשדזשע, גוואַזשדזשע!..." און אפילו נישט דעם גרויסן, באַרימטן מיצקעוויטש צו לערנען, נאָר מ'איז אַ געקאַנטשעטער דאָקטאָר.

האַרפּאַן האָט אויף די צוויי מאַרטירער געקוקט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס טראַגי־קאָמישסטע פון דער וועלט האָט זיך סימבאָליזירט אין די צוויי, אייביק ביי דער מאַטורא דורכפאַלנדיקע סטודענטן, און ס'האָט אים אַ רחמנות אַרומגענומען.

— כאָטשציע זעמנאָו קאָלעדזי, בענדזשעמי וויעטשעראָוואַטש! — האָט ער זיך צו זיי געווענדעט, פאַרגעסנדיק אַז ער האָט אַליין נישט וואָס צו עסן...

זיי האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, און זיך מיט אים אין וועג אַריינגעלאָזן.

האַרפּאַן האָט זיי צו בלימעלען אַריינגעפירט, הגם ער איז איר שוין שולדיק געווען פאַר אייניקע וואָכן עסן און צו איר אַ לענגערע צייט נישט אַריינגעקומען.

בלימעלע איז געווען נאָך נישט קיין אַלטע פרוי אָבער מיט אַ געקנייטשטן פּנים פון צרות, און מיט אָפּגעשאָסענע האָר, מיט אַ פּעפּערל אויף דער באַק, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף איר אַמאָליקער שיינקייט. זי איז מיט אים נאָך פון דער היים באַקאַנט געווען און דערפאַר פלעגט ער תמיד ביי איר עסן אויף באָרג.

אַריינקומענדיק מיט זיינע פאַרשווינדלעך האָט זי אים אַ קלינגענדיקן ברוך־הבא געגעבן, און אַזוי ממזריש מיט די אויגן אַ פינטל געטון, אַז דאָס בלוט איז אים אויף אַמאָל אין פּנים אַריינגעקומען.

— אַהאַ! הערשקע! זיך דאָך מיט דיין בלימעלען איבערגעבעטן! אודאי שוין דאָס געלט פון אַנדערן ערשטן אויף פאַרקנאַקט... — דאָס האָט זי אַזוי

גוטמוטיק און ליבלעך אַרויסגעזאָגט, אַז ער האָט אירע הענט גענומען און ווי אַ פאַרשעמט קינד אָפּוועגדענדיק זיין בליק געענטפערט:

— ווי קאָן איך דען אין מיין געליבטער בלימעלען פאַרגעסן!...

— פאַר בלימעלען שעמט מען זיך נישט, זי איז נישט מער קיין יונגע פאַנע... — האָט זי אים פאַר דער גאָמבע גענומען.

הערשקע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר טרייסלענדיק אירע הענט זיך געוואַקלט פאַר געלעכטער.

— איי איז דאָס אַ בלימעלע, איי איז דאָס אַ בלימעלע!...

— אודאי! ווי קען מען דען אין בלימעלען פאַרגעסן, אַז די פאָרציעס פוטערקוכן וואָס זי גיט זענען שפּאָרעוודיק און די קאַפּע תמיד מיט אַ ווייס פעלצל באַצויגן. נישט בחינם האָט מען זי אַזוי ליב... אוי, הערשקע, הערשקע, כ׳וועל אַהיים שרייבן דיין מאַמען, וואָס פאַר אַ לומפּל דו ביזט געוואָרן! — דערביי האָט זי אים נאָך אַמאָל קנייפּנדיק פאַר דער גאָמבע גענומען, און דאָס חן־גריבל איז שוין פול געווען מיט גליקזעליקייט.

דער פּשוטער האָלצערנער טיש איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ רויט געקעסטלטן טישטוך, אַרום אים זענען געזעסן אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן און געגעסן זייער אָוונט־ברויט. זיי האָבן זיך מתוכח געווען וועגן פאַרשידענע יידיש־ליטעראַריש־סאָציאַליסטישע ענינים און מיט גרויס התמדה געלעזן די צייטונגען. און נישט לאַנג האָט געדויערט און חברה האָט זיך באַלד היימלעך און האַרציק צולאַכט: „דער יידישער קאַרוזאָ איז אָנגעקומען“.

אין בלימעלעס קליינעם חדר איז נאָכאַמאָל אַזוי פריילעך געוואָרן. יעדעס קינד האָט אים שוין דאָרט געקענט, בערישל קאַרוזאָ, מיט דעם שוואַרץ־געלאָקטן יעזוס־בערדל און מיט די גרויסע תמיד געשווינד פינקלענדיקע ביר־אויגן...

בערישל האָט אַ גאַנצן טאָג אויבערטיילן געניית און ביינאַכט גענומען זינג־שטונדן ביי אַ פּראָפעסאָר, לעצטנס זיך בכלל פון דער אַרבעט אָפּגעזאָגט און אַרומגעקראָכן אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, געהונגערט... אַ בערלינער פּראָפעסאָר — אַזוי פלעגט ער אַליין וועגן זיך זאָגן, ווען ער פלעגט ענדיקן אָן אַריע פון „די יידין“ אָדער „פּאַיאַצאָ“ — האָט מיר מודה געווען, אַז איך האָב אַ זיס־ליריש טענאָריטשקעלע, און בשעת מעשה זיך געגלעט דאָס אַרויסשטייענדיקע קראַפּל פון זיין אויסגעדאַרטן העלזל, פאַרכאַפּנדיק אַ קלינגענדיקן פּזר אויף נאָטן־לשון...

— האַרפּאַן! הערשקע! איר וועט מיר באַלד קיין יחיד נישט זיין אין דעם היגן שטאָט־טעאַטער, באַלד וועט אייער פידעלע מיך באַגלייטן און

דאָס קלאַרנעטל מיטן טראָמפּייטערל וועלן ווי די פייגעלעך זיך צוזינגען. כ'בין אין כאָר פון היינט אָן אַנגאַזשירט געוואָרן, ווייסט איר דערפון, הערשקע? בטלנים, בית־מדרש־דראַנגען, איר צוויי דאָקטוירימלעך, איר וועט היינט כוס'ן, אַז איר וועט אייער גאַנצע מאַטורא אויסברעכן.

זיין חבר, משה דראַכלע, וועמענס פּאָעזיע ס'איז תמיד אין פּאַפּיר־קויש פאַרפאַלן געוואָרן און ער האָט געחלומט וועגן אַ רעוואָלוציע אין די יידישע רעדאַקציעס, האָט מיט קנאה'דיקע אויגן זיך צו אים געווענדעט:

— איז וואָס, אַז איר זענט אין כאָר אויפגענומען געוואָרן? כאָר, שמאָר... אַזוי באַלד ווי איר וועט אייך צו עפּעס דערשלאָגן, וועט איר אייך גלייך ווי אַלע אַסימילירן, אָפּשמדן און אין גאַנצן יידישן פאָלק פאַרגעסן...

בערישל האָט נישט געענטפערט, נאָר מיט גרויס גדלות די פאַריטיטור פון „טיפלאַנד" אויפגעבלעטערט. באַזשיקאָווסקי, אַ זאַטער, האָט מיט אַ שטראַלנדיק פּנים געקוקט אין די נאָטן־בלעטער אַריין מיט גרויס דרך־ארץ. פּלוצלינג האָט זיך זיין פליגל־אַדיוטאַנט ווי אַ שיכורער אַ כאַפּ־אויף געטון און מיט זיין קוויטשעדיק גמרא־קולכל אַ שריי־אויס געגעבן: „קטאָ בי טאָ ראַז וויעזשיל, זשע יאַ שע בענדע אוטשיל: אַקוזאַטיוו, נאָמינאַטיוו, אַלגעב־ראַ, מאַטימאַטיקאַ — — כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!"... „אַ יאַ", האָט אים באַזשיקאָוו־סקי אונטערגעכאַפּט, „זשע יאַ שע בענדע אוטשיל: באַרבאַראַס, באַבילאָן, נימפע אי טאַק פּזשעפּושניע בעז בלעַנדניע פּאַ פאַלסקו בענדע גוואַזשיל־גוואַזשדזשע, גרזשעבין". די ווערטער האָט ער תמיד מיט אַלע כוחות אַק־צענטירט, צוזאַמענפּרעסנדיקביידע פויסטן ווי איינער וואָס שפּייט אַ הייסע בולבע פון מויל אַרויס און דערביי זיך איינגעבוקט ווי אַ שוסטער גאַנץ ניד־ריק אויף זיין אַרבעטס־בענקעלע פונאַנדערגעשפּרייט זיינע הענט, דריי מאָל זיי איינגעשפּיגן, זיך געפּאַטשט אויף די קניען, נאָך העכער שרייענדיק: „זשע יאַ באַזשיקאָווסקי, ישיבה'ניק, אי דודל בעלפער, בענדזשעמי סטודענטשי אי אוטשיטש: אַקוזאַטיוו, נאָמינאַטיוו... כאַ־כאַ־כאַ!"...

די חברה האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף משוגעים און נישט וויניק גע־לאַכט. אפילו בערישל קאַרוזאָ האָט זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן און מפסיק געווען פון זיינע נאָטן און מיטגעלאַכט. נאָר איין האַרפּאַן האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם קונסט־מאָלער, וועלכער איז תמיד געזעסן ביי אַ באַזונדער טישל, מיט די ראַב־שוואַרצע, לאַנגע האָר און דעם צודאַרטן בלייכן פּנים, וואָס האָבן דערמאָנט אין די פאַרצייטיקע פּרושים, און זיי האָבן נישט געלאַכט...

פאַרשידענע פּעריאָדעס האָט האַרפּאַן אין זיין לעבן אַדורכגעמאַכט. געווען צייטן וואָס ער האָט נאָר פאַרקערט אין פרויען־געזעלשאַפט און דאַן

ווידער צייטן נאָר מיט חברים און צום סוף תמיד ווידער אַליין געבליבן... און אָט אַרום די צייטן האָט ער זיך געדרייט, אַזוי ווי די ערד אַרום דער זון. תמיד ווידער פון דאָסניי אָנגעהויבן... געענדיקט און אַזוי „אַד אינפיניטום“. הגם ער איז אַ שטאַרקער מפונק געווען און אַלעס אין לעבן געוויגן און געמאָסטן, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט באַפרייען און גאַנץ אָפּט אומאויסגערעכנט און לייכטזיניק צוגענומען דאָס אָפּשוימעכץ וואָס דאָס לעבן האָט אים צוגעשליידערט. אויפהערנדיק צו לערנען מוזיק־טעאָריע וואָס האָט געוואָרפן אַ שאָטן פון ביטול אויף אַלע זיינע קאָמפּאָזיציעס, אַ דאַנק די שלעכטע אויסערונגען פון זיין פּראָפעסאָר, האָט ער זיך געפילט אַ צייט־לאַנג אַראָפּגעפאַלן. און דערפאַר טאַקע לעצטנס אויך איזאָלירט געלעבט. און באמת, ער זעט אַליין, אַז קיין וויאָלין־ווירטואָז וועט ער שוין נישט זיין, די קאָמפּאָזיציעס פון טעטמייערס אַ פּאָר בערג־לידלעך זענען אויך קאַלט אויפגענומען געוואָרן, אָדער אפשר ווילן דאָס נאָר אַנדערע האָבן, אַז ער זאָל אין זיך פאַרצווייפלען און נישט גלויבן. דער שלעכטסטער טאַלאַנט איז מיטן גלויבן דער גרעסטער; און דער גרעסטער טאַלאַנט — אָן גלויבן דער קלענסטער... אַ פאַקט איז אָבער צי שפּילט ער שומאַן, צי וואַגנער אָדער בעטהאָוון, כאַפּן זיך תמיד אַרייַן אין זיינע גאַמעס דיסהאַרמאָנישע נואַנסן. זיין בויגן טוט זיך פּלוצלינג אַ פאַרבלאָנדזשעטן גליטש אויף די סטרונעס, דער פידל טוט פאַר פּחד אַ קוויטש אַזוי, אַז דעם צוהערער הויבט אָן צו זידן דאָס בלוט אונטער דער הויט, אַזוי אַז מ׳ווערט אַזש ווי אינגאַנצן פאַרציטערט... ער דאַרף איבונג, אָן אַ שיעור איבונג. קובעליקס קונסט למשל באַשטייט אויך נישט מער נאָר פון בלויז איבונגען. זיין צווייטע קאָמפּאָזיטאָרישע אַרבעט, די פאַנטאַסטישע מעלאָדיעס, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו טעטמייערס לירישע לידלעך און פלעגט זיי תמיד פאַר זיך ברומען און שפּילן אין לוסטיקע ווי אין אומעטיקע מינוטן האָט ער אויך אין אַ זייט געלייגט... נאָר איין קאַנער, דאָס איז געווען דער קונסט־מאָלער מיט די ראָבן־שוואַרצע לאַנגע האָר און מיט זיין אויסגעאיידלט בלייך פאַרגייסטיקטן פּנים, וואָס פלעגט אַמאָל אין אָוונט אין זיין טיר אָנקלאַפּן. זיין שטילער אין זיך פאַרשלאָסענער גאַנג האָט אין אַ ריז דערמאָנט. און תמיד האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ טעקע מיט רעפּראָדוקציעס פון בעליני, רעמבראַנד, איזראַעלס, דירער, הגם ער אַליין האָט אָפּטמאָל געמאָלן אָן אַ סיסטעם, נערוועז, צעוואָרפן, אָפּגעריסן, קאָנוולסיוו און אָן אַ צוזאַמענהאַנג. אַמליבסטן האָט ער זיך מיט אַקוואַרעל פאַרבן באַנוצט, אָפּטמאָל האָבן אים אויך פאַרכאַפּט די נאַטור פּייזאַזשן, רעאַליסטישע סקיצן, אָבער דאָס רוב נאָר סימבאָלישע זאַכן... אַלע פאָרמען האָבן פאָרמלויז אין אים געקרייזט . . . זיינע צען געבאָט אין

דער קונסט זענען געווען: ווו דיין נשמה געפינט נאָר שיינקייט, זאָל דיין פּינזל מאָלן, און האָסטו אַ נשמה געפינט זי איבעראַל שיינקייט, אַנטקעגן די הערלעכקייטן פון דער נאַטור, אַרויס מיט די הערלעכקייטן פון דיין נשמה, און נשמה מיט נאַטור צונויפגעמישט מיט פאַרשידענע נואַנסן און שאַטי־רונגען, דאָס בילדעט די קינסטלערישע האַרמאָניע.

האַרפּאַן האָט זיך תמיד אין זיין געזעלשאַפט געפילט אַ פרייער און אויפגעמונטערטער. און אויך היינט, ווען ער, האַלב אין זיינע פּראָזאַיש טאָג־טעגלעכע דאגות פאַרטון, וועלכע זענען ווי משוגענע שוואַמען אויף זיין מאָדנעם לעבן אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך ווי ניי באַלעבט געפילט בשעת קאַנער איז צו אים געקומען, און קומען פלעגט ער קיינמאָל נישט אָן זיין טעקע און אָן אַ נייער זאַך אין איר. און איז די אַרבעט אים געלונגען, פלעגן זיינע שלאַנק־אַנעמישע פינגער תמיד מיט אַ נערוועזן ציטער די טעקע עפענען און פון דאָרט דאָס בילדל אַרויסנעמען, און לויט אַ געוויסער פּערס־פּעקטיווע עס אָוועקשטעלן און דאַן פון אַ קליין פלעשעלע קאָניאַק אַ לייכטן צי טון און עס דאַן זיין קאָלעגע איבערגעבן.

— אָט דאַכט זיך גאַרנישט — פלעגט ער האַלב שטאַמלענדיק מורמלען ......אַ ברודיקער דיל, אויף אים אַ הילצערנער קאַסטן מיט פעסטע שיפלעדלעך פון וועלכע עס וויזן זיך נאָך געלאַטעטע העמדער אַרויס, אַ ברייטער דעמ־באָוועער טיש וואָס זאָגט אָן, אַז ר׳איז אַמאָל געווען אַ טהרה־ברעט, אויף אים אַ גמרא, אַ פּאָר גרייצער, אַ פייקע־ציבעכל, אַ פּאַטשיילע, אַ פאַרהאַנגענער שפּיגל, אַ ספרים שענקל, אויף אים רפואה־פלעשלעך, אַ נאָך־ניט אויפגע־בעט בעט, מיט אַ שוואַרצער קאָלדרע איבערגעצויגן, אין מיטן איינגע־דריקט, מ׳קאָן דייטלעך דערקענען אין די סמנים, אַז דאָ איז אַ מענטש גע־לעגן. אַ גלעזל וואַסער מיט אַ ווייס שטיקל לייוונט באַדעקט אויף אַן אַלטן אַלמער און אַלץ פאַרגאָסן מיט שקיעה בלוט — וויטער גאַרנישט...

— און דאָך אַזוי פיל מענטשלעכער צער! — האָט האַרפּאַן געענטפערט — אין אָט די דאָזיקע מינוטן האָט זיך זיין נשמה ווידער פון אַלע לעבנס־גריזשנדיקע באַצילן באַפרייט. אפילו פון די מוזיק פּראָפעסאָרן און קריטי־קער, אין זיך שטאַלץ און אַבסאָלוט זיין אומרעלאַטיוון קינסטלערישן איך דערפילט. און באַלד האָט ער זיין פידל פון דער שייד אַרויסגענומען, זי אָנ־געשטימט און אין דעם ניט באַלויכטענעם דאַך־שטיבל אָנגעהויבן זינגען און שפּילן זיין קאָמפּאָזיציע צו טעטמייערס לידל.

קאָנער האָט זיינע גלאַנצנדיקע אויגן פון זיין בילדל נישט אַראָפּגעלאָזט, נאָר דורך פאַרשידענע פּערספּעקטיוון עס באַקוקט און באַטראַכט. האַרפּאַן האָט פּלוצלינג זיין פידל אָוועקגעלייגט, זיך ווענדענדיק צו קאָנערן אונטער

דער השפעה פון קאָניאַק מיט אַ באַזונדערער אָפּנקייט: איך וועל חתונה האָבן!... אַך וואָס?... איז מיר באַשערט אַ רובנשטיין אָדער אַ קובעליק צו זיין... פאַרוואָס נישט אַ פּאַגאַניני?...— האָט קאַנער מיט אַ געלעכטער ווייטער זיין פּלוצים קאָמישן אַרויספאַר פאַרענדיקט. — חוזקט נישט, קאַנער! איך פייף אויף דער וועלט און אויף דער גאַנצער קונסט, ווען זי גיט מיר נישט קיין מעגלעכקייטן צום לעבן. מיין לעבן איז מיר הייליקער ווי די אפשר אַמאָל דערגרייכטע אומשטערבלעכקייט, אָדער ווי דאָס געפיל, אַז איך האָב דער וועלט עפּעס אייביקס געשענקט. צי דען וועלן מיינע שטויב געוואָרענע ביינער אין קבר, מיין נשמה נאָכן טויט אַזאַ תענוג רוחני דערפילן, ווי מיין גוף פילט היינט צער און קוואַל, טויזנט מאָל שטאַרבנדיק אין לעבן? — קאַנערס הענט האָבן נאָך מער אָנגעהויבן צו ציטערן:

— וואָס הייסט? ווען די קונסט גיט אייך ניט קיין לעבנס־מעגלעכקייטן, ווען די קונסט איז נישט אייער לופט, ליכט און לעבן אַליין, קאָן זי אייך גאָר נישט געבן און נאָך ווייניקער דעם אַנדערן.

האַרפּאַן, דענערווירט: — איר קאַנט די קונסט העכער שטעלן פון לעבן און עס פּאַר איר מקריב זיין. אָבער אין אמתן איז דאָך די פולקומסטע קונסט אין גוטן זין נישט מער ווי אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון לעבן און אין ערגערן זין אַ סוראגאַט.

— און איר מיינט — האָט אים קאַנער געענטפערט — אַז די חתונה וועט אייך מער געבן? אַ טעות, מיין פריינט! פרויען און קינדער נעמען פון דיר אַראָפּ די פּערזענלעכקייט, נישט זיי געבן עפּעס צו צו איר. און עס איז נידריק צו דער קונסט זיך צו שטעלן מיט די זעלבע פּרעטענציעס ווי דער אַרבעטער צום קאַפּיטאַל...

— ווען איר ווילט דעם געשפּרעך אין מאַרקסיסטישן אַריינציען זאָל זיין — האָט האַרפּאַן אים טריומפירנדיק געענטפערט, זיך רייצנדיק מיט זיינע צערודערטע נערוון.

— געוויס, געוויס! ווען די פאַרשאָלטענע געזעלשאַפט לאָזט מיך היינט קרעפּירן ווי אַ גאַסן־הונט, צו וואָס דען זי נאָך שפּייזן, אַז זי זאָל קאָנען נאָך מיין טויט פּראָפּאַן מיין נשמה שענדן און זיך באַרימען: „זעט! דורך דעם עלנט און דער נויט פון דער וועלט איז ער גרויס געוואָרן! און דאָס זענען די פייערדיקע זיילן אויף וועלכע דער טאַלאַנט פאַרוואַרפט אַ בריק צו גענישאַליטעט“.

— און דאָס זענען די מיסטישע ווינדעלעך זייערע, וואָס הייסט קאַפּיטאַל, איינצוהילן און אַזוי אַרום גערעכט צו בלייבן פאַר דער גייסטיקער און קינסטלערישער וועלט. — מ׳זעט, אַז איר זענט נישט מער ווי אַ ליידנשאַפט־

לעכער מאַן — האָט אים קאַנער געענטפערט — יאָ, מער מאַן ווי קינסטלער. צי ווייסט איר נישט, אַז די אמתע קונסט האָט נישט קיין שום שייכות מיט געזעלשאַפט און קאַפּיטאַל, נאָר שטייט איבער דער צייט און מענטש... און וויפיל וואַגנערס, דאָסטאָיעווסקיס, שפּינאָזאַס ווערן דורכן קאַפּיטאַל דער־דריקט?...

— שיינע ווערטער, מיין ליבער קאַנער! נאָר פריער וועט איר אייערע פיס אויסציען, ביז אייערע קינסטלערישע חלומות וועלן מקוים ווערן.

— דאָס גרויסע קען און ווערט געשאַפן אפילו ביי די קלעגלעכסטע באַ־דינגונגען. איר הערט, האַרפּאַן? וואַגנער, דאָסטאָיעווסקי, שפּינאָזאַ זענען באַוויזן. כוח מוז מען אין זיך פילן און אַלעס אוממעגלעכע ווערט מעגלעך. אַ קינסטלער זיין הייסט קאָנען קוקן מיט אינערלעכע אויגן אויף אַלע אוני־סערלעכע דערשיינונגען און מיט־ציטערן מיט יעדן וועלט־נערוו. אויף וויפיל מיר דערפילן און באַגרייפן דאָס קאָסמיש־אוניווערסאַלע וואָס אַרום אונז, אין אונז, אויף אַזוי פיל זענען מיר!... אַלעס אַנדערע איז נישט מער ווי אַ קויט אויפן טאַנצנדיקן ערד־קוגל...

— איר זענט גערעכט, האַרפּאַן! קאַפּיטאַל, מענטש, געזעלשאַפט, זענען נישט מער ווי אַ שאָל — און ווען די שאָל איז אַ פוילע טראָגט זיך די פויל־קייט צו דער נוס איבער...

— וואָס איר האָט ערשט דערקאַנט איז מיר שוין לאַנג באַוווסט און דערפאַר פייף איך אויף דער קראַנק צעפוילטער קונסט. מיין לעבן איז מיר טויזנט מאָל הייליקער פון איר... איך וועל חתונה האָבן און אין דער שויס פון אַ פרוי און קינדער מיין מידן קאָפּ אויסרוען!...

שאַפן אַ נייע... — האָבן קאַנערס הענט נאָך לאַנג געציטערט, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן... ווייל פאַר אים האָט די חתונה פון אַ קינסטלער געהייסן טויטן די קונסט און דאָס טוט אַ קינסטלער נאָר אין אַן אומאיבער־לייגטן מאָמענט... סוף כל סוף דערוואַכט ער ווידער און איז מקריב זיין ווייב און קינד פאַר זיינע שפּעט פאַרזייטע פירות פון וועלכע נישט ער און נישט די וועלט קאָנען מער געניסן... און בכלל ווי קאָן דען דער קינסטלער זיין גייסט פאַרקראַטן צווישן טיש, בענק, שפּיגל, שענק און דאָרט אַ פאַר־שמאַכטער צו גרונט גיין. איז דען דאָס נישט אַ שוואַכער מאָמענט, פאַר וועלכן ער באַצאָלט דאַן מיט זיין גאַנצן לעבן? און אַזוי אין טרויעריקע גע־דאַנקען פאַרטראַכט האָט זיך קאַנער שטום פון האַרפּאַנען אַרויסגעשלייכט...

און ווידער איז דער „ערשטער" געקומען, אַזוי אַז האַרפּאַן האָט געקענט אייניקע חפצים פון לאָמבאַרד אַרויסנעמען און אויך בלימעלען אָפּצאָלן זיינע חובות. דער נייער ענגאַזשמענט פון שטאָט־טעאַטער האָט אים פעסטער

געמאַכט זיין פּאָזיציע אין לעבן. אפילו דער גרעסטער אידעאַליסט איז אונ־טער אַ קלעגלעך מאַטעריעלן מצב פּאַריאושט און אומזיכער. אָבער היינט דערפילנדיק זיך באַפּעסטיקט האָט האַרפּאַן ווידער זיין העל־געשטרייפטן אַנצוג אָנגעטון מיט אַ בלויען צעפּיר־העמד, אַ זיידן־געשטריקטן שניפּס פון וועלכן ס׳האָט אַ ברילִיאַנט אַרויסגעבלישטשעט. זיין פּנים גלאַט ראַזירט, לייכט פּאַרפּודערט און מיט פּערפיום זיך באַשפּריצט, און אַזוי זיך גאַנץ אַנ־דערש און יום־טובדיק געפילט. די תנאים מיט פריילין מייער האָט ער אויף זיך ווי אַ זיידן רויטע וואַל־שאַל געפילט אין וועלכער ער האָט זיך תּמיד אין אַנמעכטיקע מינוטן פאַר איינזאַמקייט און אומרו באַהאַלטן. אין מינוטן ווען די וועלט, האָט אים אויסגעדוכט, גלויבט אין אים מער, ווי ער גופא. אפילו קליין אין ווזקס האָט ער איר געשטאַלט פּאַרטיידיקט, ווייזנדיק פאַר זיינע חברים איר בילד. „אָבער פאַר דאָס אַ לאַכערקע, אַ שטיפּערקע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, וואָס די גאַנצע וועלט מיט לעבן האָט זיך אין איר קאָנ־צענטרירט און פון איר פיינגעשמאַק גלאָצט דאָס פאַרבנפּולע פּאַריז אַרויס״. און רעדנדיק וועגן איר, האָט זיך זיין חן־גריבל אין דער מיט גאַמבע מיט מער תענוג אָנגעפילט, ווי אַ ברונעם נאָך אַ רעגן. אָן איינפאַך מיידל איז זי, זיין זאָשע, אָבער דאָך מיט אַזוי פיל פּאָעזיע . . .

אין אַ קליין דערפל, אויף זומער דאַטשע געוווען. ווי דער שטייגער יעדן פרימאָרגן און אָוונט שפּאַצירט, איינמאָל אַ מיידל באַגעגנט, באַלד מיט איר אויף דו געוואָרן, מיט איר „קאַמער־קאַמער־טיר״ געשפּילט, זי געכאַפּט און אַזוי לאַנג געקושט, אַז אירע ביינדלעך האָבן ווי צווייגלעך געקנאַקט. אויף איינמאָל טוט דאָס קליינע פלינקע באַשפּעניש זיך פון אים אַ ריס און הויבט אָן שפּרינגען ווי אַ וועוויאַרקעלע . . . אָפּגעזעגנט זיך פון איר, איז ער מיט אַ מאָדנע שטימונג אַהיים געגאַנגען, אָפּגעלאָזן, אָן חרטה, די ראַנדעוו מיט דער דיק־ברוסטיקער האַניען (אַ קאַסירקע אין אַ קאַבאַרעט), איז אים אויפן געדאַנק געקומען . . .

נאָכמאָל געגעסן, אויפגעפּראַלט די קליינע פענסטערלעך, אַראָפּגע־רוימט אַלע בלומענטעפּ, זאָל די לבנה אַריין — און וואָס מער ליכט ! . . . גע־נומען די פידל, אַרויפגעלייגט דעם דעמפער, און „שומאַנס טרוימעריי״ האָט זיך ציטערדיק אין לבנה־שיין אַריינגעשיפט, און געקלונגען ווייט־ווייט ביז זי איז אין דעם אומענדלעכן האָריזאָנט אַנטקומען. און פּלוצלינג איז זאָשע פאַר אים אויפגעוויכט, ווי אַ גנב נאָך זיינע טענער זיך נאָכגעשלייכט. ער האָט זי אַרומגענומען, זי אים נאָך פעסטער, דער פידל איז אים פון האַנט געפאַלן, ער איז שווייגנדיק שטיין געבליבן, מיט איר צוזאַמענגעגאָסן.

— זאָשע ! — איז זיין קול אים ווי צו חלום געקומען — כ׳האָב מיט דיר חתונה ! . . .

זיינע ליפּן האָבן מתחילת געציטערט, נישט געוואָלט זיין שטים פאָלגן. זי האָט אים מאָמענטאָן נשתומם אָנגעקוקט, אָבער באַלד דערנאָך מיט אַ זילבערהאָגל מסכים געווען... און ווי צוויי ווילדע נאַטור־קינדער האָבן זיי דאַן ביידע אין די גאַסן אַרומגעיובלט. צומאָרגנס האָט האַרפּאַן שוין אַ גאָלדענעם רינג אויף זיין לינקן פינגער געטראָגן...

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך באַרואיקט, און גאָר נישט געפילט אין זיין נייער שטעלונג אַלס חתן. אָבער באַלד ווי זיין כלה האָט זיך פון אים אָפּגעזעגנט, און ער איז צוריק אין שטאָט אַריינגעקומען, האָבן ווידער זיינע אַלטע דאגות פאַרמישט מיט נייע בענקשאַפט און ספקות דערוואַכט און ווידער האָט די גרויע לאַנגווייליקייט אין אַ ווינקל פון זיין האַרץ זיך פאַרגנבעט און דאָרט ווי אַ מויז פון זיין אָנגעזאַמלטער לעבנס־לוסט געגריזשעט. אין אַזעלכע שטימונגען האָט ער זיין גאַנצן איך פאַרלוירן, אָדער אפשר גאָר זיין אמתן איך געפונען... דעקאַדענץ, הפקרות, זנות זענען דעמאָלט זיינע אויסלייזער געווען. און מאָדנע! אין אַזעלכע פאַרהאַסטע מאָמענטן איז ער אַמפּראָדוקטיווסטן געווען, און זיין קונסט האָט זיך אַממייסטן אַנטוויקלט. זיין שפּילחשק איז געוואַלטיק און אומענדלעך געוואָרן. ווייל דאָס אייביקערע, שענערע, טיפערע „זיין“, האָט ער דאָך נאָר אין אַ פרייען, אומבאַגרענעצטן, קינסטלערישן, הפקר־לעבן געפונען, נישט אין דער פיליסטעריעז־בירגערלעכער מאָראַל־תפיסה. און אין יענע נאָך האַלבע נעכט פאַרהוליעטע מוזע־שעה'ן האָט ער תמיד קאַנערן רעכט געגעבן און מסכים געווען מיט זיין באַהויפּטונג, אַז דאָס לעבן וואָס לעבט אויף ביים קינסטלער אין געזאַנג, פאַרב, טאָן, וואָרט און בראָנז איז טויזנט מאָל בעסער און שענער, ווי דאָס לעבן אַליין. ווייל אין לעבן איז מען תמיד פאַרקנעכט און אָפּהענגיק, און דערפאַר קליין און מיאוס, אין דער קונסט אָבער פרייער, שענער און דערהויבענער... ווער עס פילט זיך דערהויבן, דער קאָן מיט אַלעמען אין לעבן האַרמאָנירן, און קיינער וועט אים פון זיין פערזענלעכקייט נישט אַראָפּנעמען.

האַניאַ, די קאַבאַרעט־קאַסירקע, האָט עס אפּנים שוין געפילט... פרויען האָבן אַ טיפן אינסטינקט, ווי די חיות... יעדן אָוונט איז זי ביי אים געזעסן, אירע שלאַנקע פינגער מאַניקירט, און בשעת מעשה האָט ער איר וועגן דער פאַרשלייערטער האַלבער אלמנה דערציילט, כדי ביי איר שטאַרקער נושא־חן צו זיין... איר מאַן פאָליטיש אין סיביר פאַרשיקט, זי יונג, שיין, לעבנסלוסטיק פאַרגייט נאָך ליבע... האַניאַ האָט אים קנאהדיק איבערגעהאַקט, „אָבער דאָך אַ הינקענדיקע“...

האַרפּאַן, פראָפּאַנירנדיק: — די ליבע קאָן נישט קיין אויסנאַם, נאָר די גלייכהייט, דערפאַר מעג זי זיין וואָס זי וויל! אפילו הינקען... אירע שוואַרצע

קרויזן אַרום דעם שטערן, איר פיין געטאָקט בלאָס געזיכט, איר הערלעכע טאַליע, אירע שמאַכטענדיקע אויגן מאַכן אומבאַדינגט אינטערנאַציאָנאַל געשטימט...

— כדי זי צו געווינען, האָב איך מיר ביי אונזער נישט אָנערקענטן אומ־גליקלעכן דיכטער עולם הבא איינגעקויפט, אים געלאָזן לייענען די אינם רעדאַקציע־קויש פאַרשליידערטע לידלעך און זי וואָס פלעגט קוים דאָס רעדל פון דער זינגער־מאַשין באַוועגן, פון דער אַרבעט אָוועקגעריסן, און זי געקושט, גיהנומדיק הייס, דעם דיכטער דאָן צום טייוול געשיקט, און דעם שמאַכטנדיקן רעוואָלוציאָנערס ווייבל, דעם וועלט־באַפרייערס געליבטע פון איר ליבע און דריקנדיקע תאוה באַפרייט... זי האָט נאָר כסדר געמורמלט:

— דו קאָנסט מיך יעדעס מאָל האָבן — אָבער איך דיך קיינמאָל, קיינ־מאָל נישט!...

זיין לעבן האָט זיך אָוועקגעלאָזן אויף זיין אַלטן שטייגער. די תנאים מיט זאָשען האָט אויך זיין ממשלה איבער אים פאַרלוירן... ווייל ער האָט זיך צו איר ווי נערוועזע דאַמען צו מיגרענע צוגעוווינט...

זיין אַרכיוו איז מיט בריוו פון זיין כלה פול געוואָרן, זיין האַרץ מיט נייע איבערלעבונגען.

און ווידער האָט די פאַרשאָלטענע לאַנגווייליקייט איר נעץ איבער אים פאַרשפּרייט. אין אַזעלכע צייטן איז ער געוויינטלעך ציניש און טריוויעל געוואָרן... אַלעס הייליקע צו שטויב געמאַכט, אַלעס ערנסטע צו שפּאָט, אַלעס שיינע צום עקל... און אין די דאָזיקע מינוטן האָבן אָממערסטן געהאַט צוליידן פרויען, וואָס האָבן זיך אין זיין נאָנטקייט געפונען... זיי זענען ביי אים געווען אַ בייטש די פאַרהאַסטע צייט צו שמייסן...

און וואָס האָט אים אין אַזעלכע מינוטן צוריקגעהאַלטן, ווער איז אים אַ רחמנות געווען, פאַר וועמען האָט ער געקאָנט ליבע עמפינדן?...

דער זייגער האָט געשלאָגן 7. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַ צייט לאַנג אַרונטערגעקוקט אויב קיינער קומט נישט. אפשר פאַרט אַרונטערגיין אין די אַלעען, האָט ער אַ טראַכט געטון, און זיך צום שרייב־טיש אָוועקגע־זעצט, און אויף אַ קליין ראָזע בריוול אָנגעפאַנגען:

מיין האַרציק ליבסטע זאָשע!

מוזיק, געזאַנג, און פרוי איינזאַמקייט, אַלעס טויג אויף צרות!... ווען דיין האַרץ ליבט נישט פון זיך אַליין קאָן עס אַ צווייטער נישט ליבנדיק מאַכן... און ס'העלפט דיר אויך גאָרנישט וואָס דו ווערסט געליבט... איז פאַר דיר די ליבע נישט מער ווי אַ ריין גופישער דרוק פון וועלכן דו זוכסט זיך וואָס גיכער צו באַפרייען...

און דערפֿאַר ביזטו נישט קיין איבערקלייבער אין אַזעלכע מאָמענטן; נאָר ווער עס רוקט זיך דיר אונטער איז גוט גענוג אַז דו זאָלסט אים דיין ליבע אָוועקשענקען.

דאָס וואָלט נאָך נישט דאָס טרויעריקסטע געווען, ווייל דעם שטויב פֿון זיך אַראָפּצעוואָרפֿן פֿאָדערט די היגיענע — איז אָבער וואָס מער דו שטויבסט זיך אויס, אַלץ מער שטויבסטו זיך ווידער איין...

און פּלוצלינג דריי קלאַפּ אין טיר...

דעם בריוו האָט ער שנעל מיט לעש־פּאַפּיר פֿאַרדעקט, און אויפֿשפּרינגענדיק מיט שמחה אויסגעשריגן:

— האַלאָ, קאַנער!... האַלאָ, קאָלעגע!...

אָבער באַלד איז ער אַנגענעם איבערראַשט געבליבן דערזעענדיק נאַטאַשען פֿאַר זיך שטיין...

דאָס איז געווען אַ חסידיש מיידל מיט וועלכער ער האָט פֿון צייט צו צייט ראָמאַנסירט... און זי אָפֿט מיט פּוילישע סטודענטן...

האַרפֿאַן האָט מיט פֿאַרלעגנהייט זיין צימער אין אָרדנונג געבראַכט. נאַטאַשע איז דערווייל ביים טיר נאָך געבליבן... דאַן האָט ער זיך צו איר געווענדעט, ביידע הענט אויסשטרעקנדיק:

— נאַטוניו, אַזוי לאַנג שוין זיך נישט געזען, גוט וואָס דו ביזט געקומען!

און רויט ווערנדיק האָט נאַטקע ביי אים געפֿרעגט: וואָלט נישט בעסער געווען ווען קאַנער וואָלט געקומען?... — ניין, נאַטושי — האָט ער אירע פֿינגער קושנדיק, מיט אַ ציטערדיקן קול געענטפֿערט.

— וואָס שטייסטו אַזוי פֿרעמד ביי מיר? טו אויס דיין זשאַקעט, מאַך דיך באַקוועם, זעץ זיך אַוועק אויף דער זאָפֿע, כ'וועל דעם סאַמאָוואַר אויפֿשטעלן און דאַן ווידער ווי אין די גוטע צייטן בעטהאָווענס סאָנאַטאַ שפּילן, איאָ? נאַטולו, מיין האַרציקע נאַטושקע — האָט ער זי פֿאַר דער האַנט גענומען קושנדיק אונטער די גאָלדענע צעפּ איר שמעקנדיק ווייסן וואַרימען האַלז...

— ניין, ניין, איך וויל ליבער ווידער גיין... — האָט זי טרויעריק איר קאָפּ געלאָזט זינקען — צו וואָס ווידער פֿון דאָס ניי?... דאַן די אַלטע בענקשאַפֿט, און צער... ניין, ניין... כ'וועל ליבער גיין...

— אָבער, נאַטולו, נאַטולו, וואָס הייסט ווידער אָנהויבן? ווער האָט דען געענדיקט?...

— האַרפֿאַן!... — האָט זי אין גאַנצן געציטערט — בעסער אַזוי, דאָס ליד נישט דערענדיקט, דעם ראָמאַנס נישט אויסגעזונגען, שענער אין מיטן אויפֿגעהערט... „ווער האָט דען געענדיקט?"... איצט ערשט פֿאַרשטיי

איך דיך... אָבער... — האָט זי אָנגעהויבן צו שטאַמלען... ער האָט באַמערקט ווי איר ליפּ האָט געצוקט, און אַז איר פּנים איז ווי קרייט געוואָרן...

— וואָס דען, וואָס האָסטו דען געוואָלט זאָגן, נאַטולו, נאַטושקאַ, שעם זיך נישט, קרעמפּיר זיך נישט — און ווידער האָבן זיינע הענט זי אַרומגענומען, אָבער איצט שוין מיט אַזאַ געוואַלטיקן כוח, אַז ס'האָט איר אָטעם פאַרפעלט...

— ניין, ניין — האָט זי אַלץ ווייטער געמורמלט — איך וועל גיין, איך וועל גיין, האַרפאַן; קאַנער וועט דאָך באַלד קומען, דו האָסט אים דאָך באַשטעלט...

— כ'דאַרף קיינעם נישט, נאַר דיך, מיין נחמהלע, מיין האַרץ, מיין נשמה, ציטרינקע מיידעלע מיינס! איך לאָז קאַנערן נישט אַריין; רעד דאָך מיין קרוין; נחמהלע, וואָס האָסטו דען געוואָלט זאָגן?... אָבער ניין, וואַרט, פריער וועל איך דעם סאַמאָוואַר אָוועקשטעלן, מיר וועלן טרינקען טיי און דאַן, דאַן וועסטו רעדן...

זי איז פּלוצלינג אויפגעשטאַנען, אַ מאָמענט אים טיף אין די אויגן אַריינגעקוקט, דאַן מיט אַ היסטעריש געוויין אויסגעבראָכן, פאַלנדיק אין זיינע אָרעמס: — גיב מיר איינהאַלט אין לעבן, איך קאָן אַזוי פּוסט נישט ווייטער לעבן, דו הערלעך מעכטיקער מאַן, דו קינסטלער, גיב מיר פון דיין פּערזענלעכקייט, גיב מיר, גיב מיר גליק — אָדער מאַך מיך אומגליקלעך... ווייל ווייטער אַזוי קאָן איך נישט, וויל איך נישט, טאָר איך נישט!... האַרפאַן דו, דו, מיין איינציקער אין דער וועלט!...

ער האָט דעם זוים פון איר קלייד געכאַפּט, און מיט אַ געבראָכענער שטים זיך פאַר איר געוואָרפן. ווען איך זע מיין גאָט פאַר מיר דערנידריקט קאָן איך נישט מער גיין!... אירע שיך געקושט... דער סאַמאָוואַר האָט דערוויייל אָנגעפאַנגען צו זידן. ער האָט די גלעזלעך אָנגעפילט, זי האָט דעם זשאַקעט אויסגעטון און געבליבן שטיין פאַר אים אין דער שוואַרץ־סאַמעטענער בלוזע באַשטיקט מיט זיידענע רויזן, נאָך וועלכער ער איז אַזוי פאַרגאַנגען...

ער האָט זי לייכט פאַר איר טאַליע גענומען און זי אויף דער זאָפע אַוועקגעזעצט. אירע תמיד אומזיכערע בלויע אויגן האָבן אויף אים בעטנדיק געשוועבט. ער האָט זי פאַר איר קרויז־קאָפּ גענומען, זיין באַק צו אירער צוגעפּרעסט, דאַן אירע שלאַנקע ווייסע פינגערלעך אין זיין גלאַנצנדיק שוואַרצער טשופּרינע איינגעראָבן...

— האַרפאַן — האָט איר שטים מיד געציטערט און איר בליק איז אויף זיין כלה'ס בילד געפאַלן — איז דאָס וואָר?... — אַ ווײלע איז ער זינלאָז

און פֿאַרשטיינט געבליבן... זי האָט זיין קאָפּ נאָכגעלאָזט. אין צימער האָט געהערשט אַ פּיינלעכע שטילקייט, ביז ענדלעך האָבן זיי דעם זייגערס מאָנאָ־טאָנעם טיק־טאַק דערהערט...

ער האָט זי געוואָלט איבערבעטן, נאָר זי האָט אים וויינענדיק אָפּגעשטויסן: — לאָז מיך, איך וועל גיין.

— גענוג, גענוג, מיין גאָלדן נחמהלע, וואָס רעדסטו פֿון גיין?...

— האָב איך דען ביי דיר וואָס צו זוכן? האָסטו דען נישט דיין באַשערטע?...

— אָך, מיין קינד!... דאָס זעלבע וועסטו אויך באַלד האָבן!... פֿאַר וואָס דען מיט דעם צווייטנס גליק, מינדעסטנס אַזוי ווי מיט זיין אומגליק זיך קאָנען פֿאַרטראָגן... איז דאָס נישט קאָמיש אין לעבן?...

נאָטאַשע האָט אָנגעשפּאַרט איר גאָלדענעם קרויז־קאָפּ אין אירע צוויי הערלעך געפֿאָרמטע הענט, און זיך אומעטיק פֿאַרטראַכט... אירע אויגן האָבן אַ פּייכטן גלאַנץ באַקומען.

זי האָט אים נישט געקענט אין פּנים אַריינקוקן... ער האָט עס פֿאַרשטאַנען. ער האָט באַלד איר דאָס גלאָז טיי נאָך אַמאָל אָנגעפּילט און זי געזוכט אויף אַלע אופֿנים צו באַרואיקן...

— האַרפֿאַן — האָט זי פֿלוצלינג מיט אַ טרערן דערשטיקטער שטים אויסגעשריען — שפּיל, שפּיל נאָך אַמאָל די „מאַנטשיין־סאָנאַטע", איך וויל זי נאָך אַמאָל פֿון דיר הערן... שפּיל, שפּיל!... און דאַן וועל איך אַוועק אין דערמיט...

האַרפֿאַן איז אומעטיק פֿאַריאושט געבליבן זיצן, ווייל די שכינה האָט זיך פֿון אים געהאַט אָפּגעטון... אָבער דאָך האָט ער געוואָלט איר בקשה ממלא זיין. די פֿידל וועלכע איז געלעגן אין שוואַרצן שייד, האָט ער אין האַנט גענומען, די נאָטן אויף זיין עמודל אַוועקגעלייגט, אַ פּאָר מאָל איבער די סטרונעס אַריבערגעפֿאָרן און זיין טאָן געשטימט. זי האָט זיך אין זיין אַקסל אָנגעלענט און ער האָט אָנגעפֿאַנגען שפּילן. איר האַרץ האָט זיך געוואָרפֿן, אירע פּיס האָבן קוים איר גוף געוואָלט דערהאַלטן, אים האָט איר גליענדיקער אָטעם אויף זיין האַלז און רוקן געבריט... זיין בויגן האָט זיך כסדר פֿון דער סאָנאַטע פֿאַרבלאָנזשעט, און פֿון די סטרונעס מיט אַ שווידערדיקן קוויטש אַראָפּגעפֿאַלן... אָבער זי האָט דאָס נישט דערפֿילט, נאָר זיך אַלץ מער און מער אין זיין גוף איינגעפּרעסט, און מיט די פֿאַלשע קלאַנגען געשוועבט, געציטערט, זיי געזונגען — און זיך מיט זיי דערטרונקן... און ער האָט געקראַצט, געשפּילט אַז עס האָט געגרילצט אין זיינע אייגענע אויערן...

און זיין שאָטן אויף דער וואַנט האָט אים און זי פֿאַרלאַכט... פֿון די

טרעפּ האָבן זיך לייכטע טריט געהערט, אָבער ער האָט זיי נישט פאַרנומען... ער האָט געשפּילט סאַרקאַסטיש ציניש, און כסדר מער דערפילט ווי עס ווערט אים וואַרימער, הייסער, ווי איר גוף ווערט ווייכער, מידער... און פּלוצלינג האָט זי אים די פידל אַרויסגעריסן, זיך אויף זיין האַלז געוואָרפן און מיט אַ תאווה פאַרצערטער שטים ווידער אויסגעבראָכן: מאַך מיך אומ־גליקלעך ווען דו קאָנסט גליקלעך מיך נישט מאַכן!... — אין טיר האָבן זיך דריי קלעפּ דערהערט, זי איז ווי וואַנזיניק אונטער דער זאָפע אַרונטער און זיך דאָרט פאַרשטעקט... און פון דאָרט האָט זי געהערט קאַנערס אַנגע־שטרענגטן קול:

— אַזוי לאַנג ווי די צענטראַל־קראַפט פון אונזער פּלאַנעט האַלט זיך נאָך נישט ביים פאַרלעשן, און די ערד דרייט זיך נאָך אַרום דער זון, טאָר מען די ליבע, און זיך, אַזוי נישט שענדן!...

האַרפּאַן האָט ווי אַ שאָטן זיך צולאַכט: האָסטו געהערט די פאַלשע סאָ־נאַטע?... — קאַנערס הענט האָבן איצט מער ווי אַלעמאָל אַנגעפאַנגען צו ציטערן... — ניין, ניין! דאָס איז דאָס אמתע ליד פון דער וועלט, פון איר ליבע, פון איר שאַפן!... — האָט האַרפּאַנס שטים ווי אַ האַמער־קלאַפּ די לופט צוריסן.

— אָבער וועער וויל עס דען הערן?

— קאַנער, הערט, מיין איינציקער פריינט — האָט האַרפּאַן אים פאַר די לאַצן גענומען — די בריק צו אומשטערבלעכקייט איז געניאַליטעט. די בריק צו געניאַליטעט — שגעון. די בריק צו שגעון דאָס שאַפן, און צום שאַפן די ליבע, צו ליבע דאָס לעבן, און די בריק צום לעבן? זנות, רויב, שקר, גזל, דאָס זענען די פיר עמודים אויף וועלכע דו מוזט דיין בריק צום לעבן פאַר־וואַרפן, ווען דו ווילסט פון לעבן נישט געקרייציקט ווערן!... און דערפאַר פילן מיר פאַלש, דענקן מיר פאַלש, זעען מיר פאַלש, הערן מיר פאַלש, רעדן מיר פאַלש, טוען מיר פאַלש, לעבן מיר פאַלש, שאַפן מיר פאַלש, שפּילן מיר פאַלש, אַלעס פאַלש, פאַלש, פאַלש!... אַלץ פאַרפלוכט און פאַלש.

פון אונטער דער זאָפע האָט אַ פרויען־קול היסטעריש אַרויסגעשלוכצט ...דאָס האָט די אָרימע נאַטאַשע געוויינט...

רחמנות...

נאָך יאָרן לאַנגער פּינסטערניש, שרעק און טויט, זענען די גאַסן פּלוצ־לינג ווידער פאַרפלייצט געוואָרן מיט ליכט, געזאַנג און מוזיק.

ענגלישע, אַמעריקאַנישע און רוסישע פענער האָבן געפלאַטערט מיט נצחון און טריאומף איבער אַלע הייזער, גאַסן און טורמען.

און דער פון גליק פאַרשיכורטער המון האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס פון ליכט, געזאַנג און מוזיק.

יונג און אַלט האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען, כדי נישט צו פאַרזוימען דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט פון נצחון איבער דער שרעקלעכסטער בעסטיע פון אַלע צייטן.

נאָר אַניטאַ האָט נישט געהאַט קיין חשק אין גאַס אַרויסצוגיין, די גרויסע פרייד פון זיג האָט איר פאַרשאַפט מער אומעט ווי גליק...

די צויבערדיקע קלאַנגען האָבן זי געלאָקט, געררייצט און געצויגן, צו־זאָגנדיק איר די העכסטע תענוגים פון ליבע, גליק און פאַרגעסנקייט. אָבער איר אומעט האָט אַלעס גובר געווען. זי איז געבליבן שטיין ביי דעם גרויסן ענגלישן פענסטער, ווי אַ געפּענטעטע פון צער און אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין מיט הילפלאָז זוכנדיקע אויגן, ווייל פון דעם גאַנצן פריידנגעליאַרם, און פון יעדן טאָן און קלאַנג האָט עס אַרויסגעוויינט צו איר: רודאָלף, רודאָלף!

אין הימל זענען ראַקעטן ווי בליצנדיקע שלאַנגען אַרומגעקראָכן, שיינ־וואַרפער האָבן אַלעס פאַרבלענדט מיט אַ מבול פון ליכט.

פּלוצלינג האָט זיך אַ שטראָם מיט מילדע טענער אין איר קליין אָרעם חדר׳ל צוגאָסן, און זי ווייך און וואַרעם אַרומגענומען און אַרומגעאַרעמט, אַזוי ווי אַ טייערער, נאָנטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון ווייטע וועגן, וועלכן מען האָט שוין לאַנג מער נישט געזען.

און אין דער אומאַרמונג האָט זי דערשפּירט אַ רייצנדיקן פּערפיום־געשמאַק, וואָס האָט זי דערמאָנט אין רודאָלף׳ס ווייסע רויזן וואָס ער האָט איר געבראַכט, ווען זיי האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין לאָנדאָן, נאָכ־דעם ווי זיי זענען פון דייטשלאַנד אַנטלאָפן, נישט האָבנדיק יאָרן לאַנג פון זיך געהערט...

אַ, ווי האָט זי זיך דאָס מיט די רויזן אָפּגעווערט פאַר די ליידנשאַפטלעכע און הייסע קושן, מיט וועלכע ער האָט איר פּנים באַשאָטן. נאָר זיינע שטאַרקע צומוסקלטע אָרעמס האָבן זי נישט אַרויסגעלאָזן, און אַזוי ווי אַ צוגליטע צוואַנג איינגעפּרעסט!

„וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַניטאַ?" האָט רודאָלף מיט זיין טיפער באַס־שטים ביי איר געפרעגט. „אודאי זיך ווידער שוין אין דיינע עלטערן דערמאָנט, האַ?"

„איז דען דאָס אַן עבירה, רודאָלף? ווער דען זאָל אין זיי דענקן ווען נישט זייער איינציק קינד, וועלכעס זיי האָבן אַזוי ווי אַן אויג אין קאָפּ אָפּגעהיט, און פון וועלכן זיי האָבן זיך אַזוי שווער געקענט צושיידן? נאָר צוליב מיין טובה האָבן זיי אויף זיך די זאָרגן מיט דער נאָגנדיקער בענקשאַפט גענומען, מיט וויפיל לייכטער וואָלטן זיי זייער האָפנונגסלאָזן לעבן געווען געקענט מאַכן, ווען זיי וואָלטן מיך ווי אַ סך אומגליקלעכע מאַמעס געוועזן געקענט ביי זיך באַהאַלטן, אָבער וואָס וואָלט דאַן פון מיר געוואָרן?"

„געוויס, אַניטאַ, האָסטו דאָס רעכט וועגן זיי צו טראַכטן, אָבער נישט צו לאַמענטירן! ווייל זיי זענען כאָטש קיין איטאַליען געלאָפן, איז נאָך פאַראַן אַ האָפנונג פאַר זיי אויף געראַטעוועט צו ווערן. אָבער מיינע עלטערן האָט מען פון בערלין קיין פוילן פאַרשיקט, און וואָס פון זיי איז געוואָרן דאָס ווייס נאָר איין גאָט. זיי טאַקע גליקלעך וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט אַ קינדער־קאָלאָניע קיין ענגלאַנד, דערפאַר זאָלסטו לעבן און האָפן און העלפן דעם לאַנד דעם שונא צו באַזיגן. דאָס איז דער גרעסטער חוב פון אַלע פּליטים. אַ, ווי גליקלעך וועלן מיר זיין ווען מיר וועלן דערלעבן די גרויסע מינוט פון נצחון!"...

„איך ווייס דאָס אַלעס זער גוט, רודאָלף, אָבער מיין בענקשאַפט און ווייטאָק ווערט דערפון נישט אויף אַ האָר געשטילט"...

„דו זאָרג זיך בעסער דו זאָלסט זיין געזונט, אַניטאַ, אַזוי מונטער און גליקלעך, ווי בעת מיר האָבן זיך באַקענט. זאָלן דיינע אויגן ווידער אויפלייכטן, דיינע באַקן ווידער פול און רויט ווערן, זאָלן דיינע ליפּן ווידער שמייכלען און זיך לערנען זאָרגלאָז אויפלאַכן מיט דעם העלן געלעכטער, וואָס האָט געשפרודלט פון יידישע קינדער איידער די מערדער־קליקע איז צו דער מאַכט געקומען! באַפריי דיין מויל פון די צעקרומטע קניפּן פון לייד אַרום דיינע ליפּן. פריער אָדער שפּעטער מוז דער טאָג פון נצחון קומען!"

„יאָ, רודאָלף, ווען איך וואָלט געקענט מיט דיר אַזוי תמיד זיצן אינם וואַרעמען קאַפע־הויז ביי דער אַנגענעמער מוזיק, און נישט מוזן אָפּפירן אַ גאַנצן טאָג אין אָפּיס ביי שווערע אַרבעט, וואָלט עס שוין גוט געווען. אָבער

דאָס אַלעס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, דאָס ערגסטע איז מיין פּרימיטיווער צימער, מיט דעם קליינעם קאַמין, וואָס גיט ווייניק היץ און מ׳קען אפילו נישט אַ טעפּל וואַרעמס אַרויפשטעלן; מיט דעם גרויסן פענסטער וואָס גיט אַ סך קעלט, און דערצו נאָך די אַפּטע וואַרנונגען מיט מיינע מאָגן־קרעמפּן וואָס קומען ס׳רוב פון די שלעכטע קעסט אין די ביליקע רעסטאָראַנען. יאָ, זיי לאָזן מיך נישט איינשלאָפן, און שלאָף איך שוין יאָ אַמאָל צייטלעך איין, וועקן מיך די וואַרנונגען ווידער אויף״.

„וואַרנונגען זענען אונזער אַלעמענס גורל, נישט בלויז דיינער, אַניטאַ!״

„אָבער איך בין קראַנק, רודאָלף! איך ווייס נישט וואָס צו טון״...

ער האָט זי מיט רחמנות אָנגעקוקט און מיט אַן ערנסטן קול זי געטרייסט:

„שרעק זיך נישט, אַניטאַ, דו ביזט נאָך יונג, דו וועסט ווידער געזונט ווערן!״

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער — חרטה געהאַט וואָס זי האָט אים אויסגעזאָגט אַז זי איז קראַנק, און געוואָלט אירע ווערטער צוריקכאַפּן. ער האָט עס באַמערקט. און זי האָט אָנגעהויבן אָפּצווענדן דעם געשפּרעך: „דו ביזט גערעכט, רודאָלף, עס ליגט שוין אַזוי אין מיין געוווינהייט זיך צו קלאָגן און צו לאַמענטירן, זיך קיינמאָל נישט צופרידנצושטעלן מיט דעם גליק וואָס איך בין אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן און נישט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם אומגליק פון די אַלע פאַרבליבענע!... ווי שלעכט ס׳זאָל דאָ נישט זיין, זענען מיר פאַרט פרייע מענטשן, מיר דאַרפן נישט ציטערן פאַר דער געסטאַפּאָ יעדע רגע ווען מ׳קלאַפּט אין דער טיר... מיינע מאָגןשמערצן זענען ביי מיר אייגנטלעך מער איינבילדונג און קומען נאָר פון מיין נערוועזן צושטאַנד, ווי דו זאָגסט מיט רעכט — פון דער לאַמענטאַציע!״ און בשעת מעשה האָט זי פאַר אים אויסבאַהאַלטן צו דערציילן די פאַרצווייפלטע ביטערע שעה׳ן, און אָפט אויך טעג און פינסטערע נעכט, וואָס זי האָט אויסצושטיין ווען עס כאַפּט זי אָן אַ מאָגן־קראַמף, דעמאָלט קאָרטשעט זיך צעניף פאַר ווייטאָק איר אינגעווייד ווי אַ שלאַנג און נאָגט זי, דריקט זי, שניידט זי ווי מיט מעסערס, עס באַדעקט איר אַ קאַלטער שוויס, עס ווערט איר איבלדיק שלעכט, זי דערפילט אַ ביטערקייט אויסגעמישט מיט אַ צעגטען־שווערן דראַנג די גאַל אויסצושפייען, עס שוימט איר פון מויל און זי זוכט נאָר באַפרייט צו ווערן פון דעם מוראדיקן מאָגן־דרוק... עס ווערט איר דאָס לעבן נמאס, זי וואָלט דעמאָלט געוואָלט, אַז ס׳זאָל אימיצער קומען און תיכף מאַכן אַן עק דערפון.

„דו וועסט מוזן גיין צו אַ מאָגן־ספּעציאַליסט, אַניטאַ״, האָט רודאָלף

פלוצלינג זי אויפגעוועקט פון איר טיפער פאַרזונקנקייט, און זי האָט דער־
פילט זיינע רחמנותדיקע בליקן וואַנדערן אויף איר בלאַסן אָפּגעמאָגערטן
פנים און דער געלער לענגלעכער נאָז, און פון דער נאָז און פנים האָבן זיי
זיך אין איר האַרצן אַריינגעגנב׳ט, זי געשטאָכן ווי שפּיזן.

עס פאַרקלעמט איר די נשמה און שנירט איר צו די קעל, זי וויל וויינען
און דערשטיקט די טרערן, עס ווערט ביי איר געבוירן אַ נאַגנדיקער געפיל
פון אַנגסט און פיין, ווען איר זינען ווערט נאָר לייכט באַרירט פון דעם חשד־
געדאַנק, אַז ער ליבט זי איצט נאָר פאַר רחמנות, און דאָס דאָזיקע רחמנות־
געפיל קען זיך ביי אים נאָך אַמאָל ענטוויקלען און אַזוי אויסוואַקסן אין זיין
נשמה, אַז עס זאָל אים צווינגען צו ווערן מיט איר חתונה האָבן; און זי, פאַר
הילפלאָזיקייט, שוואַכקייט און אומבאַגרענעצטער ליבע צו אים, וועט נישט
קענען זיין געפיל ביישטיין און מסכים זיין צו דער דערנידערנדיקער
כלומרשטער ליבע זיינער.

ניין, ניין! דאָס טאָר נישט זיין, בעסער אין איינזאַמקייט און אין בענק־
שאַפט צוגרונד־גיין, איידער פאַר רחמנות געליבט צו ווערן, און פירן אַ לעבן
ווי אַ בעטלער פון סאַמע נדבות...

אָט דער דאָזיקער חשד האָט נאָך מער אָנגעהויבן פון איר בלוט אין
געפיל, און פון איר געפיל אין איר באַוווסטזיין זיך אַריינצורייסן בעת
רודאָלף האָט זיך אַמאָל פון איר געזעגנט, זי צייגערנדיק, מעכאַניש צו זיך
צוגעצויגן און איר אַ קורצן פלעגמאַטישן קוש געטון אויפן שטערן. יאָ, דער
דאָזיקער פאַרהאַסטער קוש האָט איר שוין אַלעס קלאָר געמאַכט. פאַר דעם
באַליידיגענדן קוש האָט זי אים געדאַרפט שפייען גלייך אין פּנים אַריין, און
עס האָט זי נאָך אַ לאַנגע צייט דערנאָך אַ געפיל פון עקל צו אים געקוועלט
וואָס זי האָט אים דעמאָלט נישט אַזאַ שליידער אַוועק געטון פון זיך, אַז ער
זאָל מוזן זיינע ביינער צונויפקלויבן!...

אַ גרויע פאַגעדיקע אָסיען־נאַכט האָט זיך אַזוי ווי אַ מאַוימדיקער גע־
שפּענסטערהאַפטער בלינדער באַרג געלייגט אויפן האַרץ פון לאָנדאָן און
עס געדישעט, געדריקט און שיעור דערוואָרגן. באַסעס זענען געבליבן שטיין
אין דער גרויער ריזלדיקער פּייטקייט, ווי פאַרזונקענע שיפן אין מיטן דער
טיפקייט פון ים. און אַזוי ווי אַ שווער אָסטמאַ־ליידנדיקער האָט דער שטאָק־
פינסטערער הימל זיך פלוצלינג צוהוסט מיט אַ וואָרנונג. טויזנטער שאָטנס
זענען אַפּאַטיש און פאַמעלעך אַריינגעקראָכן אין די שעלטערס מיט אַ טיפן
ווידערווילן.

רודאָלף האָט זיך געשלעפּט אַ מידער פון דער גאַנצער טאָגעדיקער
שווערער מוניציע־אַרבעט, געטאַפּט אין דער פינסטערניש און געטראַכט יאָ

אָדער נישט אַריינגיין אין אַ שעלטער. און בעת עס האָבן זיך שוין דערהערט די אוממיטלבאַרע אויפרייסן פון די האַגלדיקע באָמבעס, איז רודאָלף ערשט אַריין אין אַ קאָרידאָר פון אַ הויך־שטאָקיקן מאָדערנעם הויז. דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ סך איינוווינער פונם פלעט און אייניקע אַדורכ־גייענדיקע פאַסאַנטן וואָס זענען על־פּי צופאַל דאָרט אַהין אַריינגעגאַנגען, און אויך די אַרומיקע שכנים פון די אומבאַשיצטע הייזלעך זענען דאָרט געווען.

רודאָלף׳ן איז געפעלן געוואָרן די מונטערקייט וואָס האָט דאָרט גע־הערשט נישט קוקנדיק אויף די פאַלנדיקע באָמבעס, און די ליבלעכע ליכטי־קייט וואָס האָט יעדן וואָרעם מקבל פּנים געווען. די עלטערע פאַרשוינען האָבן געשמועסט און געלייענט צייטונגען, דאָס יונגוואַרג האָט זיך אַמוזירט מיט טאַנצן, זינגען און שפּילן.

פון דער גאַנצער חברה איז אים אויפגעפאַלן מאַרגאָט, אַ העל־בלאָנדע חנעוודיקע מיידל, וואָס האָט באַגלייט אויף אַ מאַנדאָלין די טאַנצנדיקע און פון צייט צו צייט אַליין אויך צוגעזונגען מיט איר העל־זילבערנעם סאָפּראַן. מען האָט איבערהויפּט יעדן איינדרוק פאַרלוירן אַז אין דרויסן רעגנט מיט באָמבעס און עס ווערן אָפּט פאַרשאָטן גאַנצע געסלעך מיט הייזער, און אונ־טער די חורבות גוסס׳ן נאָך מענטשן און ראַנגלען זיך מיט זייערע לעצטע אָטעמס, איידער זיי ווערן אויף אייביק פאַרשלונגען פון דער פאַרניכטונג. ווייל אונטן אין קאָרידאָר האָט דאָס לעבן אָן אָן אָפּהאַלט זיך געריסן צום ליכט ווי אַ באַרג־שטראָם, און געשפּרודלט אַלץ פאַרגיסנדיק מיט פריידי־קייט, יוגנט און גליק.

בעת רודאָלף איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און מיט זיינע בליקן געגעסן פון מאַרגאָטס פרישער שיינקייט, איז אים נישט ווילנדיק אויפן זינען געקו־מען אַניטאַ׳ס אָפּגעלאָזנקייט און פאַרבאַרגענער אומעט, מיט וועלכן זי האָט זיך אין דער לעצטער צייט שטאַרק צונויפגעלעבט, אַ דאַנק דער קראַנקהייט אירער וואָס האָט אים מאָדנע אינטריגירט, ווייל זי האָט זיך מיט יעדן שריט און טריט געהיטן פאַר אים, אַז ער זאָל נאָר נישט דעם אמת געוויר ווערן...

אַ געפיל פון רחמנות און צער, וואָס האָט אים שוין לאַנג געהאַט אַרומ־גענומען, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט זיין פאַרלאַנג איר צו וועלן העלפן. אָבער מיט וואָס, און ווי אַזוי וואָלט ער איר דען געקענט העלפן? סיידן חתונה האָבן מיט איר, אָבער וואָס וועט ער פועל׳ן דערמיט? וועט דען דער־פון איר קראַנקהייט געהיילט ווערן?...

קלערנדיק וועגן חתונה האָבן, האָט ער פלוצלינג אויפגעשוידערט, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם שלעכטן ריח וואָס שפּירט זיך די לעצטע

צייט פון איר מויל... אָ, ביי זיין גרעסטן רחמנות־געפיל צו איר, קען ער אָפּט דעם אָפּשטויסנדיקן עקל געפיל נישט מנצח זיין.

אָ, ווי אַנדערש זי איז דאָס געוואָרן זינט ער האָט זיך מיט איר באַקענט! זיין געוויסן בינדט אים צו איר, און זיין בלוט רייסט זיך פון איר.

מאַרגאָט, וואָס האָט מיט אַ בחור פלירטנדיק דורך רודאָלף׳ן פאַרביי־געטאַנצט, האָט נישט ווילנדיק זיך פאַרטשעפּעט אָן אים, און לאַכנדיק גע־בעטן ער זאָל איר ענטשולדיקן. רודאָלף האָט זי מיט תרעומותדיקע און בייזע בליקן אָפּגעמאָסטן, אָבער מאַרגאָט איז נישט געקומען אין פאַרלעגנ־הייט, נאָר אים נאָך מיט אַ העלערן געלעכטער באַמערקט, אַז ער קען זיך איר צו יעדער צייט רעוואַנזשירן, ווען איר ענטשולדיקונג איז פאַר אים נישט גענוג... רודאָלף׳ן האָט זיך קיין תשובה גלייך אונטערגערוקט, האָט ער געמוזט שווייגן. אָבער איר פרעכקייט איז אים שטאַרק געפעלן גע־וואָרן, אודאי אַ ווייגערין, האָט ער ביי זיך געטראַכט, און איר לוסטיקע לייכט־זיניקייט וואָס שמעקט אויך נאָר מיט ווין האָט ער איר שוין נישט געקענט פאַראיבל נעמען, ווייל זי האָט אין זיך פאַרמאָגט די פאַרכישופטע קראַפט אים מער צוצוציען ווי אָפּצושטויסן. אַ ווײַלע האָט זי אים אַזוי פאַרשיכורט אַז ער איז נישט אימשטאַנד געווען די אויגן פון איר אַראָפּצונעמען, און באַטראַכט פאַרגאַפט איר שלאַנקן גראַציעזן קערפּער. ער האָט אָפּגעוואַרט די מינוט ווען מאַרגאָט האָט אויפגעהערט צו טאַנצן, און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן גלייך צו איר צוגעגאַנגען און זי פאַרבעטן צו אַ נייעם טאַנץ.

מאַרגאָט האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, נאָר אַלץ ווייטער שמייכ־לענדיק מיט אירע פּערלדיקע ציין אים פלינק אַרומגענומען און באַלד זיך אין אַ רייצנדיקן טאַנגאָ מיט אים פאַרוויגט. רודאָלף האָט דערפילט איר שמעקעדיקע נאָענטקייט און נישט ווילנדיק האָט ער זי פעסט איינגעקלאַ־מערט אין זיינע פעסטע, צומוסקלטע אָרעמס. מאַרגאָט האָט דערפילט אַ לייכטן אָנגענעמען ווייטאָק, און שעלמיש אויף אים אויסגעשטעלט אירע קאַצנגרויע אויגן. אירע בלאָנדע קרויזן אַרום די שלייפן האָבן אים כסדר געגלעט זיינע ליפּן, איר חנעוודיק פאַרריסן נעזל האָט זיך געבעטן ביי אים נאָך פעסטער זי אַרומצונעמען, אַזוי אַז עס זאָל איר אָטעם פאַרפעלן... און עס האָט איר טאַקע באַלד אָטעם פאַרפעלט, און זי האָט געזוכט מיט קאַצישע פלינקייט זיך פון זיינע אָרעמס צו באַפרייען, אָבער עס איז איר נישט גע־לונגען... דער גערוך פון זיינע פון דער אַרבעט פאַרשווייסטע אָרעמס איז צו איר נאָז דערגאַנגען, און זי געגנומען רייציק צוציען און אָפּשטויסן... דער זיסער קינדישער געשמאַק וואָס אירע צוגליטע רויזנליפּן האָבן אויסגע־דופטעט פון איר פיינעם מיילכל מיט די געזונטע פּערלדיקע ציינער, האָט

זיך אין זיין בלוט אַריינגעגאָסן און אים פּשוט ווי פאַרשיכורט.

פּלוצלינג האָט אַ טויבער זעץ דעם גאַנצן קאָרידאָר אַ וואַקל געטון, אייניקע ליכט־פלאַמען האָבן זיך פאַרלאָשן, די אַנווועזנדע האָבן פאַר אַ ווײַלע פאַרלוירן דעם אָטעם מיטן באַוווסטזיין, אָבער רודאָלף׳ן, וועלכער איז פון אַ סך געפערלעכערע ספּעקטאַקלען שוין אויסגעפּרוווט געוואָרן, האָט עס כמעט נישט געאַרט, נאָר פּשוט אַ בעסערע געלעגנהייט געגעבן מיט מאַר־גאָטן אַן אמתן שטיף צו טון. ער האָט דערפילט ווי איר האַרץ האָט הילפלאָז פון שרעק געציטערט.

„איך מיין״, האָט זיין קול אַ הילך געטון אין איר מוח, „אַז עס איז שוין געקומען אונזער לעצטע מינוט, מיר וועלן איצט אַלע מוזן שטאַרבן״. זי האָט נישט געהערט דעם סאַרקאַסטישן חוזק־עכאָ וואָס זיין געמאַכטער ערנסט האָט נאָך זיך צוריקגעלאָזן, נאָר געשוויגן מאַכטלאָז און זיך פּשוט אין דער האַלבער טונקלקייט אין רודאָלף׳ן איינגענורעט...

רודאָלף האָט פון דעם פאַר אים אומדערוואַרטעטן מאָמענט געלעכצט וואָס מער ליבע גליק אַרויסצובאַקומען, און זיך אינסטינקטיוו פאַררוקט מיט איר אין אַ ווינקל אַריין, כדי כאָטש צו קענען זיין ליידנשאַפטלעכע ליבע צו איר מיט אַזעלכע אומאַרמונגען און קושן אין איר בלוט איינברענען, אַז זי זאָל אין אים קיינמאָל נישט קענען פאַרגעסן...

„פרייליין מאַרגאָט, איר זענט רייצנדיק שיין!״ האָבן זיינע רייד נישט ווילנדיק ווידער גענומען וועקן איר באַוווסטזיין. „מ׳מוז אַ סך קראַפט פאַר־מאָגן כדי זיך צו באַצווינגען אייך נישט צו מוזן קושן. איך באַזיץ אפילו די קראַפט, נאָר איך וויל זיך נישט באַצווינגען, ווייל איר זייט פאַרבלענדעדיק! און עס וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכן אַזאַ שיינקייט צו לאָזן אומ־באַרירט״ — און ער האָט אָנגענומען איר בלאָנד־צעפלאָטערטן קרויז־קאָפּ און אַריינגעטאָקט אַ פלאַמענדיקן קוש צווישן דער אויבערליפּ און איר פאַר־ריסן נעזל, אַז עס האָט איר אויסגעדאַכט ווי זי זעט ווידער דעם מלאך וואָס האָט איר מיט זיין שנעל געמאַכט דאָס גריבעלע אין דער אויבערליפּ, אַז זי זאָל אין אַלעם פאַרגעסן...

„אין מיינע אָרעמס שטאַרבט מען נישט, אין מיינע אָרעמס ווערט אפילו דער טויט לעבעדיק! אין מיינע אָרעמס זינגט די ליבע דאָס אייביקע לײדנ־שאַפטלעכע ליד פון לעבן!״...

דער פּלוצלינגער שרעק פון פריער און די אומדערוואַרטעטע ליבעס־כוואַליע האָט זיך אין איר צונויפגעגאָסן, און זי איז געבליבן ווי אַ צע־מישטע פון הער צו גרויסער און שטאַרקער איבערלעבונג. אַ טיפער באַגער נאָך אים האָט זיך אַזוי ווי אַ גאַנץ דינער געשליפענער עקבויער אין איר

בלוט אַריינגעבויערט, זי געשטאָכן און ווייעדיק געברענט. זי האָט זיך געזוכט צו באַפרייען פון דעם שווערן געפיל וואָס איז זי אַזוי פלוצלינג און אומדערוואַרטעט באַפאַלן, אָבער זי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי.

שפּעטער נאָכן „אַל־קליר", ווען אַלע האָבן שוין געהאַט דעם קאָרידאָר פאַרלאָזן, האָט זי ערשט באַמערקט זיין וויזיט־קאַרט אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן: „אומבאַקאַנטע מאַראַט, ווייל דו געפעלסט מיר דאַכט זיך מיר אַז איך קען דיך שוין פון מיין יונגסטער יוגנט אָן, און דערפאַר מוז איך דיך ווידער זען"...

„זיי מיר מוחל, אַניטאַ, וואָס איך האָב דיך פאַר איייניקע טעג פאַרנאַכלעסיקט, עס איז מיר נישט געווען מעגלעך צו קומען. ווי גייט עס דיר, מיין טייערע?"

דער גאַנצער שטראַף־מאָנאָלאָג מיט אַלע געפלאָכטענע שפּיזלדיקע פראַזן וואָס זי האָט אין שלאָפלאָזע נעכט געהאַט פאַר אים צוגעגרייט כדי צו נעמען נקמה אין אים ווייל ער איז צו איר אַזוי לאַנג נישט געקומען, האָט זיך אַ דאַנק זיין אָנוועזנהייט אויף איינמאָל צעשאָטן, איר כעס איז אין זיין נאָענטקייט פאַרלאָשן געוואָרן. און ווידער האָט זי זיך געפונען פאַרפּלאָנטערט און פאַרשפּינען, מיט די אומצורייסבאַרע פעדים פון זיין אַלטער ליבעס־נעץ... אין גאַנצן פאַרגעסן אַז ער איז צו איר אַכט טעג לאַנג נישט געקומען. אָבער פלוצלינג האָט זי באַמערקט אַ פאַרבלוטיקטן פלאַסטער אויף זיין אונטערשטער ליפּ.

„וואָס האָסטו דאָ, רודאָלף?" האָט זי אַ דערשראָקענע געפרעגט.

„עט, נאַרישקייטן, אַניטאַ, זיך נאָר אַ ביסל ביים ראַזירן צעשניטן, ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט".

„רודאָלף, איך וועל דיר אַ פרישן פלאַסטער צולייגן", האָט זי ליבלעך צו אים געזאָגט.

„אָ, אַ דאַנק, אַניטאַ, ס'איז נישט נויטיק, נישט נויטיק, מען ברויך נישט, ס'איז אַזוי אויך גוט...

„ס'איז אָבער נישט שיין, רודאָלף, צו טראָגן אַ פאַרבלוטיקטן פלאַסטער.

„וואָס האָסטו זיך עפּעס פלוצלינג אָנגעזעצט אויף מיר מיטן פלאַסטער, אַניטאַ? מיר איז עס רעכט אַזוי און גענוג!

„איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס דו זאָלסט דיר נישט לאָזן אַראָפּנעמען אַ שמוציקן פלאַסטער, און צולייגן אַ ריינעם!"

„דיר האָט זיך אפנים היינט פאַרגלוסט צו דאָקטאָרן, אַניטאַ! הער אויף מיטן פלאַסטער, און לאָז מיך געמאַך!"

זי האָט מיט חשד אויפגעהויבן אירע שוואַרצע אויגן אויף אים, און ער האָט געזען ווי זיי ווערן אין אַ נעפּל איינגעהילט...

„אַניטאַ", האָט ער זי געפּרוווט טרייסטן, „זיי דאָך נישט אַזוי קינדיש, איך האָב זיך נאָרביים ראַזירן צושניטן, גלויב עס מיר!"...

„און פאַרוואָס", האָט זי אָבער אומבאַפרידיקט און מיט חשד נישט אויפגעהערט ביי אים ווייטער צו פרעגן, „ביזטו צו מיר איבער אַ גאַנצע וואָך נישט געקומען? איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס ס'האָט חלילה פּאַסירט, און דו האָסט מיך געלאָזן וועגן אַזאַ גאָרנישט אַ גאַנצע וואָך אין איינזאַמקייט"...

רודאָלף'ן האָט דאָס בלוט געטון אַ שלאָג אין פּנים אַריין, עס האָט אים אַ שרעקלעכער אַנגסט־געפיל אַרומגעכאַפּט אַז ער וועט זיך מער נישט קענען פון אירע פראַגן אַרויספּלאָנטערן, און אַזוי אַרום אַן אומדערטראָגבאַרן צער גורם זיין. עס איז אים אין לעבן געגאַנגען אַז זי זאָל זיך פון גאָר נישט דערוויסן, אָבער נישט פאַר פייגהייט, נאָר פאַר רחמנות צו איר... און ער האָט זיך מיט אַלע זיינע כוחות אָנגעשטרענגט און זי געפּרוווט צו איבערצייגן און גלויבנדיק צו מאַכן אַז ער האָט געמוזט אַרבעטן נאַכט־שיכט, און דערפאַר איז עס פאַר אים נישט מעגלעך געווען צו איר צו קומען.

אַניטאַ האָט געשוויגן פאַרביטערט, און אַ פאַרלוירענע אין זיך; ווייל נישט זיינע רייד האָבן זי איבערצייגט, און נישט זי האָט אים געגלויבט. איר גאַנצער וועזן האָט שטום אויפגעיאָמערט פון פאַרדרוס ווייל זי האָט דערפילט אַז ער זאָגט איר נישט דעם אמת... רודאָלף האָט עס באַמערקט אין איר בלאַס־ווערנדיקן פּנים און אין די פליגלען פון איר געלער נאָז, אָבער ער איז געווען הילפלאָז און נישט באַזעסן די מינדעסטע מעגלעכקייט זי אָדער זיך פון דער פאַרצווייפלטער סיטואַציע אַרויסצוראַטעווען.

„אַניטאַ, דו ליידסט און ביזט קראַנק!" האָט זיין פאַרבאָרגענע חרטה פון אים אַרויסגעשריגן, מיט אַן אויפפּאַלנדיקן קול פון רחמנות צו איר. „דו באַשולדיקסט מיך אומזיסט, איך ווייס פון גאָרנישט".

אירע אויגן האָבן זיך פון טרערן פאַרנעפּלט, און איר שטים האָט אויפגעציטערט פון ביטערער באַליידיקונג: „ניין, ניין! דו דאַרפסט אויף מיר קיין רחמנות נישט האָבן, ווייל איך האָס דאָס, מיך עקלט דאָס, איך פיל אַז דו ליבסט מיך נישט, נאָר דו האָסט בלויז מיטלייד מיט מיר!... און איך ברויך קיין ליבע פון רחמנות נישט. ניין, ניין!"

„אַניטאַ, וואָס איז מיט דיר געשען? באַרואיק זיך, מיר וועלן גיין צו אַ ספּעציאַליסט און ער וועט דיר זיכער העלפן, איך פאַרגיב דיר מחמת דיינע נערוון זענען צערייצטע און דו ביזט נישט שולדיק!"...

„איך בין טאַקע נישט שולדיק, רודאָלף, אָבער ביזטו אויך נישט שול־דיק? קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין און זאָג עס מיר ערלעך!“ . . .

„איך . . . שולדיק? אַניטאַ, איך וואָלט דיך געבעטן זיך אַ ביסל מער צו רעכענען מיט דיינע לייכטזיניקע רייד!“

„ענטשולדיק, רודאָלף, איך האָב מיר באמת צופיל דערלויבט לגבי דיר, ענטשולדיק! אָבער וואָס האָסטו דאָ, טייערער, אויף דיין ליפּ? וואָלסטו נישט געוואָלט אַזוי גוט זיין און עס מיר ווייזן, דו ווייסט דאָך ווי באַזאָרגט איך בין תמיד וועגן דיר, דו ביזט דאָך מיין איינציקער פריינט אויף דער וועלט!“ . . .

„איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַניטאַ, אַז בעתן ראַזירן האָב איך זיך אַ ביסל צעשניטן“ . . .

אַניטאַ האָט געשוויגן, נאָר איר האַנט האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערן.

רודאָלף האָט זי אָנגענומען פאַר דער ציטערדיקער האַנט, איר גוף לייכט צו זיך צוגעצויגן, און בעת ער האָט איר געוואָלט אַ קוש טון, האָט איר ציטערדיקע האַנט אים פלינק דעם פּלאַסטער פון דער ליפּ אַראָפּגעריסן.

ער האָט אויפגעשריגן פון ווייטאָק און זי האָט באַמערקט אַ ווונד, וואָס האָט אויסגעקוקט אַזוי ווי אַ ביס פון ציינער . . . זי האָט אים פון זיך ראַפּטום אָפּגעשטויסן און אויסגעבראָכן אין אַ שטראָם מיט טרערן.

עס האָט נישט געהאָלפן זיין פאַרטיידיקן זיך, זיינע טרייסט־ווערטער און געבעטן, זי האָט זיך דערפילט הערנידעריקט, באַליידיקט און באַטראָגן!...

עס האָט זי אַרומגענומען אַ טיפער רחמנות־געפיל צו זיך, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ בייסנדיקן האַס צו רודאָלף׳ן, ווייל ער האָט געבראָכן זיין צוזאָג צו איר, אַז ער וועט איר זיין תמיד אַ געטרייער און איבערגעבענער פריינט, און קיינמאָל גאַרנישט אונטער איר רוקן אָפּטון . . .

און הגם זי האָט עס נישט געוווסט גענוי — מחמת זיין קליינע ווונד האָט דאָך אויך געקענט קומען פון ראַזירן, האָט זי פאַרט עפּעס טרויעריקעס גענאָגט, און די דאָזיקע אַנונג מיטן חשד, האָבן איר אויסגעוויזן ווי זיין ווונד אויף דער אונטערשטער ליפּ וואָלט באַשטאַנען פון אַן אויסגעלאָסענעם ביס — מיט די שאַרפע פאַרשייטע ציינער פון אַ היסטעריש, לייכטזיניקער פרוי.

און זי האָט זיך אויף איינמאָל דערפילט אַזוי עלנט און אומגליקלעך אויף דער וועלט, ווי זי וואָלט גאָר קיין גלייכן נישט געהאַט. טאַטע־מאַמע, ערגעץ־ווו אין איטאַליע פאַרוואָגלט, און איר איינציקער געליבטער פריינט, אַ פאַררעטער . . . און זי — אַ קראַנקע, ליידנדיקע, וואָס האָט אים אַזוי פיל ליבע געשענקט. ווי פון אַ לאַנג פאַרקלונגענעם ליד, איז צו איר אַ ווייטער

עכאָ דערגאַנגען פון יענעם גליקלעכן מאָמענט, ווען זי האָט צו זיין ליבע מסכים געווען...

אָ, ווי אַנדערש איז אַלעס דעמאָלט נאָך געווען — זי אַ סטודענטקע פון מעדיצין, אַלע סטודענטן פון אוניווערזיטעט האָבן זי פאַרערט, באַזונדערס איינער, וואָס רודאָלף האָט אים ביטער רעוואַליזירט, ווייל ער איז געווען רייכער, געבילדעטער און שענער. אָבער פאַר איר האָט נאָר רודאָלף עקזיס־טירט, נישט מחמת זי האָט אים ליבער געהאַט — ניין, נאָר ווייל זיין לעבן איז געווען אַ סך באַוועגטער און האָט זי מער אינטערעסירט מיט זיין טיפערן סאָציאַלן קוק אויף דער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. הגם זי האָט געשטאַמט פון רייכע דייטשע עלטערן, האָט זי די מחיצה נישט דערפילט וואָס אירס גלייכן האָט געוועגלעך געפילט צום פוילישן ייד... ער איז געווען גאַנץ אַנדערש, פרי די שול פאַרלאָזן, איז ער פון פוילן נאָך אַלס קינד קיין דייטש־לאַנד געקומען, און באַלד אָנגעפאַנגען שווער צו אַרבעטן, זיין מוטער פון דער נויט אַרויסגעראַטעוועט און זי קיין דייטשלאַנד אַראָפּגעבראַכט. אין זיין פרייער צייט זיך אָפּגעגעבן צו בילדונג און וויסן מיט דער גרעסטער התמדה פון אַן אויטאָדידאַקט. דערנאָך געוואָרן אַ פונקציאָנער פון אַ סאָציאַליסטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי. זיין ערלעכער און עטישער לעבן האָט זי תמיד גע־רירט, זיינע דערהויבענע אידעאַלן צו העלפן די אונטערדריקטע מאַסן, האָבן זי סטימולירט און דעם טיפסטן רחמנות אַרויסגערופן צו אַלע געדריקטע און שוואַכע...

רודאָלף'ן האָט זי כמעט מער געאַכטעט ווי געליבט, ווייל אין אים האָט זי דערזען דעם העכסטן אויסדרוק פון ליידן, קאַמף און אידעאַליזם. אין אים האָט זי פאַרקערפּערט דאָס גרויסע רחמנות־געפיל צו אַלע ליידנדע און געדריקטע... און איצט האָט זי דעם זעלביקן געמוזט פאַראַכטן, און נאָר האָס פילן צו אים פאַר דער שרעקלעכער ענטוישונג...

ווען זי האָט אָבער איינגעזען, אַז ווי שלעכט עס זאָל איר נישט זיין מיט אים, איז איר אָן אים נאָך אַ סך ביטערער, האָט זי דערפאַר אים געוואָלט גלויבן, און געזוכט צונישט צו מאַכן אין איר נשמה אַלע אַנונגען, פאַרדאַכטן, און זי האָט אים טאַקע אָנגעהויבן צו גלויבן אַז דאָס איז נישט אַזוי געווען ווי אירע צורייצטע, שוואַכע נערוון האָבן זיך עס אויסגעמאָלן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען אין אַ טריבער הערבסטיקער בליץ־נאַכט, בעת דער גע־פערלעכער צייט ווען מענטשן זענען ווי איבערגעשראָקענע שאָף צוזאַמענ־געקנוילט די גאַנצע נאַכט אין די שעלטערס אָפּגעלעגן, דערוואַרטענדיק יעדע מינוט דעם סוף...

דעמאָלט האָט רודאָלף ווידער איניקע טעג פאַר איר זיך נישט געוויזן. און זי האָט אים אויפסניי חושד געווען, אָבער דאָס מאָל שוין נישט סתם אַזוי, נאָר ווייל זי האָט געפילט ווי אימיצער וואָלט געשטאַנען אונטער איר רוקן, זי אָפגענאַרט, חוזק געמאַכט פון איר, און געלעבט אַ טאָפלטן גליקלעכן, לייכטזיניקן ליבעס־לעבן, איינעם מיט איר אויס רחמנות, און דעם אַנדערן מיט אַ צווייטער נאָר פון סאַמע ווילטאָג און נידעריקער לײַדנשאַפט...

איר איינציקער ווונטש איז נאָר געווען אָנצוזאַמלען ביי זיך גרויסע כוחות, כדי אים צו קענען פון האַרצן אַרויסרייסן און פאַרגעסן. אָבער איר האַס, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט אַ גליענדיקער און שמערצהאַפטער ליבע צו אים, האָט אירע כוחות צושפליטערט, זי נישט דערלאָזן, נאָר גע־טריבן זען וואָס ער מאַכט אייגענטלעך, און ווי אַזוי ער לעבט... פאַרט אַזעלכע געפערלעכע נעכט, מיט אַזוי פיל שוידערלעכע אומגליקן.

און מיט נאַגנדיקע מאַגן־קרעמפן האָט זי זיך אין אַ פרימאָרגן געלאָזן צו דעם הויז ווו רודאָלף וווינט. און ווען זי האָט זיך צו דער גאַס דערנענ־טערט, איז איר שווינדלדיק געוואָרן פאַר די אויגן, און די פיס האָבן זיך איר גענומען וואַקלען, מחמת זי האָט דאָס אָרט מער נישט דערקענט... פּאָליציי־לייט, וואַרדענס און די אַמבולאַנסן זענען דאָרט טעטיק געווען.

אַ ווײַלע האָט זי איר באַוווסטזיין פאַרלוירן, אויפגעהערט צו עקזיסטירן. און ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי באַמערקט ווי נעבן די פּאָליציי־לייט איז געשטאַנען אַ מיידל מיט בלאָנדע קרויזן אַרום אירע שלייפן, וועלכע האָט געהאַט אַ פאַרריסן נעזל מיט גרויסע פאַרטרערטע אויגן און עפּעס געפרעגט ביי די פּאָליציי־לייט, אויף אַן ענגליש וואָס האָט געקלונגען מיט אַ ווינערישן דיאַלעקט. ווען זי איז נענטער צוגעגאַנגען צו דעם בלאָנדן מיידל, האָט זי געהערט ווי די פּאָליציי־לייט האָבן איר דערקלערט, אַז דאָס אומגליק האָט ערשט היינט ביינאַכט פּאַסירט. און דערויף האָט דאָס בלאָנדע מיידל זיי נאָר געענטפערט מיט אַ פון טרערן דערשטיקטער שטים: „רודאָלף, אָ, מיין רודאָלף!“...

מער האָט זי שוין נישט געהערט, נאָר געפילט האָט זי ווי די ערט זינקט הינטער אירע פיס און ווי זי ווערט פון אַ פינסטערקייט פאַרשלונגען...

— —

אַניטאַ שטייט נאָך אַלץ ביים פענסטער פאַרלאָזט, און אירע אויגן זוכן רודאָלף'ן, אָבער נישט מער אין אַ וועלט פון טויט־שרעק און פינסטערניש, נאָר אין אַ וועלט פון פרייד, מוזיק, ליכט און יובל... זי טראַכט און טראַכט און איר האַרץ ווערט פול...

אָ, זי וואָלט אים שוין אַלעס מוחל געווען, אפילו דער בלאַנד־פאַרהאַס־

טער ווינערין מיט דעם קורץ־פאַרריסענעם נעזל, ווען ער וואָלט נאָר געווען דעם שלום דערלעבט נאָך וועלכן ער האָט אַזוי געבענקט און געהאָפט.

די ראַקעטן שלענגלען זיך ווייטער און בליצן אויפן הימל, די מוזיק און דער יובל־געזאַנג הערט נישט אויף די גאַסן צו פאַרהילכן...

יעדער דערגרייכט צו איר די כוואַליע פון פאַרחלומטע קלאַנגען וואָס ברענגען איר צו טראָגן דעם פיינעם ריח פון זיינע ווייסע רויזן, וועלכע ער האָט איר געבראַכט ווען זיי האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל אין לאָנדאָן גע־טראָפן, נאָך לאַנגע יאָרן זיך נישט זען און הערן איינער פון אַנדערן.

זי, די ליידנדיקע, קראַנקע איז לעבן געבליבן און דעם פרידן דערלעבט. און ער, דער געזונטער, מיט די שטאַרקע מוסקלען, איז פאַרשלונגען גע־וואָרן פון פאַרניכטונג; און מיט אים זיין רחמנות־געפיל צו איר...

אַניטאַ איז אַן אויפגעשוידערטע פון פענסטער אַוועק. עס האָט זי אַרומ־געכאַפּט אַ שווערער געפיל צו נעמען און אַנטלויפן פון איר אומעטיקער שטוב און צעבראָכענעם געמיט, צו אַנטלויפן פון איר איינזאַמקייט און דער דערינערונג, וועלכע האָט זי געפייניקט: „רודאָלף האָט אויף איר נאָר רחמנות געהאַט און זי נישט געליבט!״...

מעכטיקע כוחות האָבן זיך אין איר געריסן און זי געטריבן, געצויגן, אַראָפּ אין גאַס אַריין אויסצומישן זיך, אַמוזירן און פלירטן מיט דעם יובל־דיקן המון, מיט דער פריידיקער נצחון־מוזיק, און דעם בלענדענדיקן ים פון ליכט.

דאָס לעבן האָט זי גערופן און אין איר געשטורעמט: נאָך פאַרגעסנקייט, גליק און נייער ליבע; אָבער אירע כוחות האָבן נישט געקלעקט אויף צו פאָלגן דעם פרישן לעבנס־רוף, און זי איז אַ מידע און דערשלאָגענע אַרויפ־געפאַלן אויף איר קאַלטן איינזאַמען בעטל...

דער אתרוג

ווי נאָר דער ראש־חודש אלול האָט זיך באַוויזן און די ערשטע תקיעה האָט זיך דערהערט, האָבן זיך באַלד אַלע יידישע געסלעך צעזונגען מיט זייערע חזנים און משוררים, און די זיס־פאַרבענקטע ימים־נוראים׳דיקע ניגונים האָבן ווייט אָפּגעקלונגען, און אַלע הערצער אויפגעוועקט צו אַ הרהור תשובה.

פּאַר קלמעלען איז דעמאָלט די גליקלעכסטע צייט געווען, מחמת אַ גאַנץ יאָר האָט ער שוין אויף איר בענקנדיק אַרויסגעקוקט און זיך קוים געקענט דערוואַרטן.

זייענדיק אַ משוררל מיט אַ שיינעם אַלט־קולכל, זענען פאַר אים די טויערן פון אַלע שולן און בתי־מדרשים אָפן געשטאַנען. נאָך יעדן זינגען האָט אים דער עולם געלויבט, אים די בעקלעך געקניפּן און זיך געצאַצקעט מיט אים. דערנאָך האָבן אים טאַקע קיין מזומנים אויך נישט אויסגעפעלט. אַחוץ דעם צוגעזאָגטן שכר, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר גילדן, וואָס ער האָט עס אין דער היים אָפּגעגעבן, האָט ער נאָך אָפּגעשפּאָרט פון די סליחות—זכור ברית, שלשה עשרה מידות און פון דער ערב יום כפור קערה.

אָבער אַמליבסטן איז קלמעלען געווען, ווען ער פלעגט מיט זיין פאָטער ר׳ ליפּען, וועלכער איז געווען אַ גוט באַקאַנטער חסידישער בעל תפילה, מיטפאָרן אין אַ דערפל אַריין, ווו ער פלעגט דאַוונען מוספים און אים צו־העלפן. מחמת צו פאָרן אויף אַ בריטשקע מיט אַ פערדל זענען ביי אים פאַררעכנט געווען צווישן די גרעסטע תענוגי עולם הזה. און היינט ערשט דאָס דערפל גופא, די שטאַלן מיט די בהמות און עופות, דער ברונעם אין הויף מיט דעם עמער אויף שטריק אָנגעבונדן, דאָס באַחנטע גערטל מיט די צייטיקע אוגערקעלעך, די שיינע בירהעקעס, וואָס אַ נאַש צו טון פון זייערע זיסע ווייסע טייבעלעך, איז פּשוט געווען אַ טעם גן־עדן. די רייפע, פולע עפּל־ און באַרנע־ביימלעך מיט דעם אין דער נאָענט צערוישטן וועלדל — האָבן אים אַזוי פאַרכישופט, אַז ער האָט נאָך לאַנג דערנאָך דעם עכאָ פון דעם גערויש אין זיין האַרצן אַרומגעטראָגן . . .

אָבער ווען ער פלעגט מיט זיין פאָטער נאָך די ימים נוראים אַהיימפאָרן

דורך די ברייטע לאָנקעס און טיפע וועלדער, און ער האָט זיך אין סוכות דערמאָנט, זענען אַלע פריערדיקע תענוגים ביי אים פאַרבלאָסט געוואָרן, און אין זוניקן ליכט איז זיך צעוואַקסן אין זיין האַרצן די שמחה פון אויפשטעלן די סוכה. צוערשט וועט מען צוזאַמענברענגען די ברעטלעך, היבלעוון און זעגן, דערנאָך גריבלעך אין דער ערד אויסגראָבן און די קלעצלעך אַריינשטעלן, צושלאָגן די ברעטלעך און דאַן דאָס סוכהלע מיט פיינעם שמעקעדיקן סכך באַדעקן, דערנאָך עס ערשט באַהענגען מיט פאַרשידן־קאָלירטע ציצפּאַפּירענע קייטן, פרעכטיק אויסגעשניצטע קערבערלעך און בריקן, כישופדיקע פייגל פון אויסגעבלאָזענע אייער, זיי מיט ליישגאָלד די בייכלעך צו פאַרגילדן, מיט טריפוואַקס צוקלעפּן זיי פליגלען, אויסטאָקן פון אמתדיקן וואַקס קעפּלעך מיט שנעבעלעך און דינע פעדעמלעך זיי אָנהענגען, אַז זיי זאָלן זיך וויגן און שוועבן אין דער סוכה. פון מעלאָנען אויסשניצן לאָמטערנעס מיט פענסטערלעך און אין זיי פאַרביקע ליכטלעך אַריינשטעלן. באַקלעפּן די סוכות־ווענט מיט גאָלדענע אותיות פון די „אושפּיזין", און אָנצינדן אַ ספּעציעלן לאָמטערן מיט גרויסע רויטע אותיות: „בסוכות תשבו שבעת ימים". שפּעטער אַז מען וועט נאָכן דאַוונען אין סוכה אַריינקומען זאָל מען דורכגענומען ווערן פון דעם פיינעם סכך־געשמאַק, און פון דעם פרעכטיקן סוכה־באַהענגעכץ.

נאָר דאָס אַלץ איז נאָך נישט געווען דער עיקר, מחמת איבער דעם אַלעם האָט זיך צעוואַקסן דער לולב מיטן אתרוג בענטשן...

ווען קלמעלע האָט פון דעם אתרוג געטראַכט האָט אַ וואַרעמקייט זיין האַרץ אַדורכגענומען, ווייל ער האָט דעם אתרוג געהאַלטן פאַר דער שענסטער און שמעקעדיקסטער פרי פון דער גאַנצער וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט, ער קומט פון די וואַרעמע לענדער, און פון ארץ־ישראל, ער גיט אַרויס פון זיך אַזאַ איידעלן געשמאַק, און האָט אַזאַ שיינע הייליקע מראה. דערפאַר איז זיין גרעסטע תשוקה געווען — צו האָבן ביי זיך אין דער היים אַן אתרוג. ראשית כל זיך צו קענען גוט אָנזעטיקן מיט זיין פיינעם ריח ניחוח (נישט נאָר בלויז אויף אַ רגע אים אין קלויז אויסצולייען און באַלד מוזן צוריקגעבן); והשנית — אים אויך גוט בודק צו זיין וויפיל פגימהלעך ער פאַרמאָגט, צי ער איז איבערהויפּט אָן אַ פגם, גוט באַזען דעם „פּטום" מיט דער „שושנתא", צו באַטראַכטן אויך די אָדערלעך פון זיין הייליקן פנים...

אָבער ווי אַזוי האָט דען קלמעלע געקענט קומען דערצו, אַז זיין פאָטער ר' ליפּע איז תמיד געווען אַ גרויסער אָרימאַן, און קיינמאָל זיך נישט געקענט פאַרגינען די גרויסע מצוה צו קענען בענטשן איבער אַן אייגענעם אתרוג.

האָט זיך אָבער געמאַכט אַזאַ מעשה, — אַז ר' פנחסל קראָל, דער שטאָט

דיין וואָס האָט יעדעס יאָר זיך געקויפט אַן אתרוג, האָט היי־יאָר אַ טאָג פאַר סוכות נאָכאַמאָל באַקומען אַן אתרוג צוגעשיקט פון זיינעם אַן אַמאָליקן גוטן תלמיד פון ירושלים. און אויף אַזאַ אופן איז קלמעלעס פאָטער ר׳ ליפען גע־לונגען צו ווערן אַ בעל הבית איבער אַן אייגענעם אתרוג...

די שמחה ביי זיי אין דער היים איז געווען אַזוי גרויס, ווי זיי וואָלטן דעם גרויסן געווינס געמאַכט. אָבער צוגלייך מיט דער שמחה איז אויך אַ שטיקל זאָרג נולד געוואָרן — ווו דעם טייערן אומפּאַרהאָפטן אוצר צו באַ־האַלטן? האָט מען טאַקע אָנגעהויבן צו טראַכטן און קלערן איבער פּאַרשי־דענע מכשירים אין הויז. אָבער מען האָט זיך שווער געקענט אַנטשליסן: אין אַ צובראָכענער צוקער־דאָזע, אָדער געוועזענעם אליהו הנביא׳ס כוס דעם אתרוג אַריינצולייגן. ביז עס איז געבליבן ביי קלמעלעס רויטן שפּאָר־ביקסל, וואָס איז געווען מיט אַ שליסעלע צו פאַרמאַכן.

און דאָס האָט טאַקע קלמעלען טאָפּלט געפרייט, אי ער וועט זיך קענען גרויסן אין בית־המדרש פאַר זיינע חברים מיט דעם שיינעם שפּאָר־קעסטל, אי ער וועט זיך קענען בעסער חברן מיטן אתרוג; מחמת איבערן קעסטעלע איז ער דאָך דער בעל הבית, און קען עס אויך בעסער פון אַנדערע אויפ־שליסן און צושליסן.

און בעת ער האָט דערזען ווי זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן איינצוּוויקלען אין ווייסע קאָלטענעס צוערשט דעם „פּטום״, דערנאָך דעם אתרוג, און אים איינצובעטן אין זיין שפּאָר־קעסטעלע, איז זיין שמחה געוואָרן אין־לשער ואין לספּר, און דאָס גליק אין זיין הערצל איז זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער צעוואַקסן, ווען ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט צו יעדער צייט קענען צוגיין צום קעס־טעלע, עס אויפשליסן און דעם אתרוג אַרויסנעמען, זיך שפּיגלען אין זיין הייליקער מראה, וואָס אין זכות ווייל מ׳בענטשט איבער אים און מ׳איז פון אים נישט נהנה, וועט אָפּגעמעקט ווערן די זינד פון אדם און חוהן, וואָס זיי האָבן געגעסן פון עץ הדעת און דעם טויט מיט זיך געבראַכט...

יאָ, ער וועט אַזוי לאַנג בודק זיין דעם פּטום מיט דער שושנתא, ביז ער וועט דערגיין פון וואַנען דער ריח ניחוח נעמט זיך צו אים...

אָבער ווי נשתומם ענטוישט איז קלמעלע געוואָרן בעת ער האָט געזען ווי זיין פאָטער האָט דאָס קעסטעלע גוט פאַרשלאָסן, און דאָס שליסעלע צו זיך אין וועסטנטעשל באַהאַלטן און דערנאָך ערשט דאָס קעסטעלע אויפן הויכן כלים־שענקל אַרויפגעשטעלט, כדי ער, קלמעלע, זאָל נישט קענען דערלאַנגען דערצו.

דאָס מיינט — אַז אויך אַצינד בעת ער האָט שוין זוכה געווען און דער־לעבט די גליקלעכע מינוט אַז זיין פאָטער זאָל האָבן אַן אייגענעם אתרוג,

שליסט מען אַפּ זיין איגן קעסטעלע, און לא־די, שטעלט מען עס נאָך אַרויף אויף אַ הויכן שענקל... אַ טיפער וויטאָק האָט זיין הערצל פאַרקלעמט, און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. פאַר פאַרביטערונג און צער האָט ער גענומען קראַמפּהאַפט צו בייסן זיינע פינגער־נעגל. און בשעת די טרערן זיינע זענען פאַר הילפלאָזיקייט אַזוי גערינען איבער זיינע באַקן, האָט ביי אים אין מוח אַ מחשבה אַדורכגעבליצט, וואָס האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט אַ טיפער טרייסט...

ער ווייסט שוין וואָס ער האָט צו טון כדי צו דעם אתרוג צו דערלאַנגען און זיך אָנזעטיקן מיט דעם ריח־ניחוח, און בודק צו זיין דעם „פּטום" מיט דער „שושנתא". און קלמעלע איז זינט יענער מינוט שוין אַרומגעגאַנגען אַן אומרואיקער, מיט פאַרלאָפענע אויגן און צעפיבערטע גלידער און נאָר גע־גאַרט נאָך דער רגע כדי צו קענען דערפילן זיין פאַרבאָרגענע תשוקה...

עס איז געווען די ערשטע נאַכט נאָך יום כפור, בעת קלמעלעס פאָטער, די מוטער און שוועסטער, זענען געלעגן דערשעפּט אין אַ האַרטן שלאָף, נאָך דעם שווערן תענית מיט די לאַנגע תפילות.

פונם טונקעלן הימל האָט זיך אַרויסגעשטאָכן אַ צעבראָכן שטיקל שערף פון דער ווערנדיקער לבנה, און זיך גוט איינגעקוקט אין קלמעלען, וועלכער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און מיט אַ פיבער אין די גלידער — נאָך דעם אתרוג... און נישט אַזוי נאָך דעם אתרוג אַליין האָט עס אים געצויגן און געקרענקט — נאָר וויל מען האָט אים באַהאַלטן פאַר אים... ער האָט וויט צעעפנט זיינע פון בענקעניש צעפינקלטע אויגן און שטיל און שטום אַרויס־געקוקט דורך דעם קליינעם פענסטערל, וואָס איז אין דעם רמ"א'ס בית עולם אַריינגעגאַנגען, און געהערט ווי די ביימלעך איבער די אַלטע הייליקע מצבות האָבן זיך סומנע צערוישט, — פון דעם ווינענדיקן נאַכט־ווינטל, וואָס האָט אים צוגערופן: קלמעלע, קלמעלע, זיי גובר דיין יצר הרע! אַז נישט וועט דער יצר הרע דיך גובר זיין!...

אינם חדרל, ווו ער איז געלעגן מיט זיין פאָטער אין איין בעט, און זיין שוועסטער פעסעלע מיט דער מוטער אינם אַנדערן, איז געווען שטיל. נאָר פון צייט צו צייט איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן פון אַ שווערן אָטעמען און שנאָרכן.

קלמעלע איז געלעגן אין אַנגסטן געבאָדן, געפּרווט אַרויסצושטעקן אַ האַנט פון בעטגעוואַנט און זי באַלד ווידער אַריינגענומען. עס האָט אים גע־צויגן און געשראָקן, געשראָקן און געצויגן...

דער צעבראָכענער שערף פון דער לבנה איז גאַנץ געוואָרן, די וואָלקנס

דורכגעשטאָכן און פון הימל אַראָפּגעבליצט. דער ווייַנענדיקער ווינט האָט זיך געלייגט. אין קלמעלעס קינדישן מוחל זענען אַרומגעלאָפן פאַרציטערטע מחשבות ווי נאָכגעיאָגטע פייגל... אוי, טאָמער וועט דער טאַטע חלילה זיך אויפכאַפּן! וועל איך זאָגן: כ׳האָב נאָר געוואָלט נעמען אַ שלוק וואַסער ווייל כ׳בין זער דורשטיק. אָבער יאָ — ווי גייט מען דאָס פון בעט אַראָפּ, אַז דער טאַטע זאָל זיך נישט אויפכאַפּן?

קלמעלע איז געלעגן אינם בעטגעוואַנט שווייגנדיק פאַרבאָרגן, ווי אַ פאַרפאָלגטע מויז אין אַן ענגען גריבל... אָבער פּלוצלינג האָט עס אים אַ ריס געטון, ער האָט זיך פאַמעלעך צוזאַמענגעקאָרטשעט און שטיל צו דער וואַנט איבערגעקערט. און פון דער וואַנט נאָך לאַנגזאַמער און שטילער זיך אַרויסגעהויבן און באַפרייט זיינע הענט און פיס פון בעטגעוואַנט און אַזוי געבליבן ליגן אַ קורצע ווײַלע אָן אַן אָטעם. אויף איינמאָל מיט אַ פלינקער גיכקייט פון אַ קאַץ אומהערבאַר זיך אַראָפּגעלאָזט פונם בעט, און דאָס שלי־סעלע פונם טאַטנס וועסטנטעשל אַרויסגענומען, און כהרף־עין זיך געפונען אין דער קיך... מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט האָט ער צוגעשטעלט אַ בענקל צום הויכן כלים־שענקל, אַרויף אויפן בענקל, און מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל און צעציטערטע פינגערלעך אַראָפּגענומען דאָס קעסטעלע און עס אויפגעשלאָסן...

דער גאָלדענער שערף פון דער לבנה האָט דורך די בית עולם ביימלעך זיך אַדורכגעבויערט און באַגילט די ווייסע קאָלטענעס אין וועלכע דער אתרוג איז געווען איינגעהילט. אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף קלמעלעס פון מורא פאַרקרומטע ליפּעלעך, און זיי האָבן געשעפּטשעט אָן ווערטער: טאַטעשי, דו האָסט מורא געהאַט מיר צו געבען דעם אתרוג אויף לאַנג צו האַלטן, דערפאַר האָסטו אים פאַרשלאָסן און אַרויפגעשטעלט אויפן כלים־שענקל, אָבער פאַר קלמעלען דאַרף מען נישט קיין מורא האָבן, קלמעלע איז שוין מער נישט קיין קליין ייִנגעלע, נאָר אַ גרויסער בחור, וואָס ווייס ווי צו האַלטן אַן אתרוג און דעם „פּטום" נישט אָפּצוברעכן...

און באַלד דערנאָך האָט ער פאַרגעסן אין זיין פאָטער, מוטער און שוועסטער, און אויך נישט מער געדענקט, אַז ער טוט עפּעס וואָס דער טאַטע האָט נישט דערלויבט; אַרויסגענומען פון די ווייסע קאָלטענעס דעם אתרוג, צוגעהאַלטן אים לאַנג צו דער נאָז, און זיך איינגעגעסן אין דעם שאַרפן ריח־ניחוח. גוט בודק געווען און באַטראַכט דעם „פּטום" מיט דער „שושנתא", געזוכט און נישט געקענט געפינען אויף אים קיין איינציקע פּגימה, אַזוי ריין און שיין איז ער געווען, זיין פּנים אַזוי לויטער, ווי דער שערף פון דער בלענדענדיקער לבנה...

פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שאַרף פונם אַנדערן חדר. זיין בלוט האָט אַ שלאָג געטון פון האַרץ אין מוח אַריין. מיט צעציטערטע פיבערדיקע פינגערלעך האָט ער געוואָלט שנעל און פאַרזיכטיק איינוויקלען דעם אתרוג מיטן „פּטום" צוריק אין די ווייסע קאָלטענעס און אים ווידער אויפן שענקל אַרויפשטעלן, כדי דער טאַטע זאָל זיך פון גאָרנישט דערוויסן... האָט זיך אָבער די אימה אַזוי שווער אין זיינע פּיסלעך אַריינגעלייגט, אַז זיי האָבן זיך ביי אים אַ וואַקל געטון, און קלמעלע איז אַראָפּגעפאַלן פונם בענקל, זיך גוט צעקלאַפּט די נאָז, און פאַר גרויס מורא זיך נאָך צעוויינט הויך אויפן קול...

פונם העפטיקן קלאַפּ און געוויין האָט קלמעלעס פאָטער אויפגעוואַכט, באַלד פון בעט אַראָפּ, און געזען — זיין קלמעלען ליגן אויפן דיל, נעבן אים דאָס קעסטעלע מיטן אתרוג.

„רייצעלע, רייצעלע!" האָט ער מיט אַ באַנומענעם לשון אויסגעשריגן, „קום אַריין ווערסטו זען וואָס ס׳אַראַ שמד־שטיק אונזער משומד־יונג האָט אָפּגעטון!" בעת מעשה האָט ער דעם אתרוג אויפגעהויבן — און שטיין גע־בליבן ווי אַ געפּלעפּטער...

צעדולטע האָבן מוטער און טאָכטער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און פאַרציטערטע אַריינגעקומען.

ווי נאָר ר׳ ליפּע האָט דערזען זיין ווייב און טאָכטער, האָט ער באַלד מיט זיין באַנומענעם קול אָנגעהויבן שרייען: אוי ווי איז צו מיר, דער פּטום איז אָפּגעבראָכן, דער אתרוג איז פסול! איצט וועלן מיר שוין ניט האָבן קיין אתרוג. אַזוי פיל יאָרן געוואַרט ביז מען האָט זיך דערשלאָגן צו דער דאָזיקער מצוה צו קענען די ברכה מאַכן איבער אַן אייגענעם אתרוג, איז אָט דער משומד־יונג געקומען און ברגע אחת אַלץ צעפּטרט!...

„גזלן וואָס דו ביזט", האָט רייצעלע אַ טויט־דערשראָקענע איר פאַרבי־טערט האַרץ צו איר מאַן אויסגעלאָזן, „דו זעסט נאָר דיין אתרוג, מיט דיין מצוה, אָבער דו זעסט נישט אַז דאָ ליגט דאָס קינד אין בלוט און רירט זיך נישט!"...

„פּעסעלע, פּעסעלע, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם און ברענגסט קיין וואַסער נישט אַריין? אַ בראָך איז צו מיר געשען, ווי און ווינד איז צו מיר!"

קלמעלע איז געלעגן מיט אַ פאַרבלוטיקט נעזל און מורא געהאַט מיט אַן אויג אַ פּינטל צו טון, געמאַכט אַן אָנשטעל ווי אַ געחלשטער...

„ליפּע, געוואַלט, געוואַלט! דאָס קינד רירט זיך נישט, לויף נאָך אַ רופא, וואַסער, עסיק, וואָס שטייען מיר?" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסן און קנייפּן און וואַסער־גיסן, ביז קלעמעלע איז אויף אַן אמת לעבעדיק געוואָרן און זיך ערשט מיטן גאַנצן קול צעפּלאָנכעט, אויסוויינענדיק זיין גאַנצן שרעק

און ווייטיק, מיט דער יאָרן־לאַנגער בענקשאַפט און באַגער נאָך אַן אייגענעם אתרוג; איצט זיין טרויעריק ביטערן סוף...

און בעת קלמעלע איז ווידער געלעגן אין וואָרעמען ווייכן בעט, האָט ער נאָר געוואָרט און געבעטן, אַז ער זאָל אויף אַן אמת קראַנק ווערן, און געהאַט דעם איינציקן ווונטש, אַז אַלע זאָלן אים לאָזן אַליין, מחמת ער האָט זיך פאַר זיך אַליין אַזוי געשעמט, אַז ער האָט נישט געוווסט וואָהין זיין פנים פאַר בושה צו פאַרבאַרגן... און ווען ער האָט דערפילט דעם טאַטנס מאָגערע דאַרע הענט אויף זיינע באַקן און שטערן, האָט אַזאַ ברענענדיקער ווייטיק זיין הערצל פאַרקלעמט, אַז ער האָט נאָר געוואָלט, בעסער זאָל דער טאַטע אים באַשטראָפן מיט שלאָגן און פעטש, וועלכע ער האָט זיך כשר פאַרדינט... בעסער זאָל די מאַמע אים שעלטן און אַרויסוואַרפן פון שטוב, און נישט אַזוי קושן מיט אירע וואַרימע ווייכע ליפּן... יאָ, בעסער זאָל זיין שוועסטערל פעסעלע אים נישט לייגן קיין קאָמפּרעסן אויף דער נאָז, נאָר אויף אים שרייען: גנב, רוצח! האָסט אַרויסגעגנבעט פון טאַטנס וועסטנטעשל ס׳שלי־סעלע, דעם אתרוג אַרויסגענומען, און דעם פּטום אָפּגעבראָכן, און דעם טאַטן אַזאַ ביטערן צער פאַרשאַפט. זאָל זי בעסער פון זיין בעט אַראָפּגיין, און נישט כסדר אַזוי צערטלעך פרעגן ביי אים: קלמעלע, וואָס מאַכסטו, איז דיר שוין בעסער, טוט דיר די נאָז שוין מער נישט ווי? שטעכט עס דיך מער נישט אין די זייטן און אין קאָפּ? זאָג, קלמעלע, שעם זיך נישט, איך וועל עס דעם טאַטן און דער מאַמע נישט דערציילן...

און ווען קלמעלע האָט דערהערט זיין פאָטערס נאָמען איז אים נאָך פינסטערער געוואָרן פאַר די אויגן און שווערער אויפן הערצל, ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז שוין שמחת תורה און אַלע זיינע חברים זענען זיך שוין צונויפגעקומען צו די הקפות, מיט זייערע גאָלדן־בלויע און גרינע ציץ־פּאַפּירענע פּיין אויסגעשניצטע פענער. און ווי אויף צו להכעיס מיט די אַנגעצונדענע ליכטלעך אים אין פנים אַריין געפּאַכעט, און לאַכנדיק זיך מיט אים גערייצט: קלמעלע גנב, קלמעלע רוצח, האָסט אַרויסגעגנבעט דיין טאַטנס אתרוג פון דיין אייגן קעסטעלע, דערפאַר פון בענקל אַראָפּגעפאַלן, דעם פּטום אָפּגעבראָכן, דעם אתרוג פסול געמאַכט, און זיך די נאָז צע־פּלעטשט!... כאַ, כאַ, כאַ! סורר־ומורה, וועסט פון גיהנום נישט אַרויסקו־מען, מ׳וועט דיך אויף אַ שטעכפעדל אַרויפזעצן און דיך ברענען און בראָטן, שינדן דיר די הויט פון לייב, זאָלסט וויסן וואָס דאָס מיינט אַ טאַטן אַזוי מצער צו זיין!...

און קלמעלע האָט זיך פאַר חרפה און ווי אין גאַנצן אין בעטגעוואַנט

איינגעגורעט, פאַרבאָרגן אין די קישנס זיין צעגליט פּנים און שטום אַריינ־געוויינט אין זיי, נישט וויסנדיק זיך קיין שום עצה צו געבן...

אָבער ווי נאָר ער האָט ווידער דערפילט אויף זיך זיין פּאָטערס האַרטע מאָגערע הענט און זיין טייערער מוטערס ווייכע ליפּן, איז אים עפּעס ווי אויף איינמאָל לייכטער געוואָרן אויף זיין האַרצן, און ליכטיקער פאַר די אויגן...

און ער האָט געהערט דייטלעך ווי זיין טאַטע האָט צו אים ליב און האַר־ציק געזאָגט: איך בין דיר אַלץ מוחל, מיין קינד, נאָר דו זאָלסט מיר מבטיח זיין, אַז דו וועסט שוין מער קיינמאָל נישט טון וואָס טאַטע־מאַמע וועלן דיר נישט הייסן...

—נייך, נייך, טאַטעשי—האָט ער צוגעדריקט זיין פּאָטערס האַנט צו זיינע ליפּן און זי געקושט שעפּטשענדיק: שוין קיינמאָל נישט מער, שוין קיינמאָל נישט!

— און דערפאַר, מיין קינד, אַז גאָט וועט שענקן דאָס לעבן, וועל איך דיר איבער אַ יאָר אין פריידן צוריקקויפן אַ נאָך שענערן שמעקעדיקערן אתרוג, אַ ריינעם לויטערן ווי די זון, און אָן אַן איינציק פּגימהלע, אָן אַ פּגימהלע, מיין אָרעם קלמעלע!...

דעם טאַטנס מנורה

לייבעלע האָט זיך שוין קוים געקענט דערוואַרטן אויף דעם גליקלעכן און געבענטשטן טאָג, וואָס האָט געדאַרפט קומען פאַר אים. זיין קינדיש הערצל האָט זיך פאַר פרייד ווי אַ פישל געוואָרפן אין אים, ווען ער האָט נאָר אַ טראַכט געטאָן וועגן די נייע הייזלעך וועלכע זיין מוטער האָט פאַר אים גענייט.

אוי, ווי גוט און ווויל מוז דאָס זיין נייע הויזן צו טראָגן — האָט זיין קינדיש נשמה׳לע אויפגעשריגן אין אים, ווייל זינט זיין פאָטער עליו־השלום איז געשטאָרבן האָט לייבעלע שוין ניט מער קיין נייעם מלבוש אויף זיך געהאַט, נאָר תמיד אַרומגעגאַנגען קרוע בלוע, אַז זיינע חברים אין חדר האָבן ניט איינמאָל אָפּגעחוזקט פון זיינע מאָדנע, לאַנגע, צעריסענע הויזן מיט די אויסגעריבענע קניען, וועלכע זיינען משונהדיק איבער זיינע גרויסע, צעקרימטע שטיוול אַריבערגעהאַנגען, און בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיין קורצן דינעם איבערציערל, וועלכעס זיין מאָגער גופל האָט סיי ווינטער, סיי זומער ניט אַראָפּגעלאָזט פון זיך.

קוקט אים נאָר אָן,\
קוקט אים נאָר אָן,\
לייבעלע קוואַקע,\
לייבעלע האָן !

האָבן אים זיינע חברים תמיד נאָכגעשריגן און פאַר געלעכטער זיך גע־קאַטשעט.

און ניט איינמאָל האָט אויך דעם רבינס האַרטער קאַנטשיק זיך אין זיינע צאַרטע ביינדלעך איינגעשניטן, און אים פון זיין זיסן חלום, זיין אָרעמער מאַמען אַמאָל צו קענען אַרויסהעלפן, אויפגעוועקט. האָט ער זיך אָבער דער־מאָנט ווי ווויל עס וועט אים זיין ווען ער וועט זיך קענען זיינע נייע הייזלעך אָנטון, האָט ער שוין אַלעס מקבל באהבה געווען, און אין אַלעם שלעכטן פאַרגעסן. ער האָט פאַרגעסן דעם בייזן קאַנטשיק מיט דעם ביטערן הונגער וואָס האָבן אַזוי אָפט זיין אָרעם הערצל גענאָגט. יאָ, ער האָט אויך פאַרגעסן

די אומבארחמנותדיקע חברים וואָס פלעגן אים תמיד אויסלאַכן און מבייש זיין...

באַלד, באַלד, וועלן מיך מיינע חברים מער ניט רופן לייבעלע האָן, און אָפּחוזקן פון מיינע אַלטע מלבושים, נאָר באַוואונדערן מיט קנאה מיינע שפּאָגל־נייע הויזן! און ווי וועלן זיי דאָס קוקן און גאַפן, ווען איך וועל זיי וויַיזן די בלישטשענדיקע קנעפּלעך, און ס׳באַגילדעטע זענקל, מיט די צוויי פיינע טיפע טאַשן, וווּ מ׳וועט קענען מיט תענוג די הענט אַריינלאָזן און אַלעס פאַרבאַהאַלטן, ס׳זאָל גאָרניט פאַרלוירן גיין . . .

אַזוי האָט לייבעלע ביי זיך געטראַכט, און אין זיינע גרויסע, שוואַרצע אייגלעך האָט זיך אַ טרויעריק פייערל אָנגעצונדן.

און ווי גליקלעך איז ער עס געווען ווען ער פלעגט אַמאָל ביי דער נאַכט דערוואַכן און געזען ווי זיין טייערע מאַמע זיצט אין אַ ווינקל געבויגן, און נייט מיט געפרווירענע ציטערדיקע פינגער זיינע נייע הייזעלעך ביים שטיקנ־דיקן קאַגעניקל מחמת אַ גאַנצן טאָג האָט זי געמוזט אויפן מאַרק זיצן ביי אַ סטראַגאַן אויבסט, כדי צו קענען זיך און איר אָרעמען יתום מפרנס זיין.

זינט איר מאַן — אין ליכטיקן גן־עדן זאָל ער דאָרט רוען — איז גע־שטאָרבן, איז דער עול פּרנסה שווערער אויף איר געפאַלן.

פריער פלעגט ער פאָרט נאָך אַמאָל אַ גראָשן פון זיינע עופות אַהיימ־ברענגען, הגם קיין גרויסער פאַרדינער — ער זאָל עס איר דאָרט מוחל זיין — איז ער קיינמאָל ניט געווען. געקויפט די עופות געזונט און פריש, און געהאָדעוועט זיי מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. אָבער שוין אַזאַ ביטערער מזל, עס זאָל אים דאָרט צו קיין גנאי ניט זיין, איז אים תמיד געווען באַשערט — אָדער די עופות זיינען אים דאָס רוב פאַרן קוילן אַוועקגעפגרט, אָדער נאָכן קוילן טריפה געווען. דערפאַר האָט ער טאַקע פאַר זיין אָרעמן יתום נאָך זיין טויט ניט קיין סך איבערגעלאָזן. וואָס ער האָט אָבער יאָ געלאָזן איז געווען לייבעלעס באַרימטער צונאָמען, און אַ פּאָר צעריסענע הויזן . . .

מחמת דעם האָט די וויסטע אלמנה דאָס קלאָגעדיקע הינער־מסחר אויפגעגעבן, און זיך בעססער פאַר אַ סטראַגאַן מיט גרינצייג און אויבסט גענומען.

לייבעלע האָט זיך שוין קוים געקענט דערוואַרטן אויף דער גליקלעכער מינוט. זיין אָרעם הערצל איז אים שיר פאַרגאַנגען נאָך די שוין פון לאַנג באַגערטע הייזלעך, יעדער טאָג איז אים ווי אַ יאָר לאַנג געווען, און יעדע נאַכט האָט ער נאָר געדעדט און געוויינט אין חלום. און אַלץ ניט געקענט משיג זיין פאַרוואָס בעת ער פלעגט ביי זיין מוטער פרעגן: ווען שוין מאַ־מעשי וועלן מיינע הויזן פאַרטיק ווערן? — האָט זי אים תמיד נאָר געטרייסט

און געענטפערט: באַלד, באַלד, מיין זונעלע! מוזט נאָר נאָך אַ קורצע צייט צוװאַרטן, ס'װעט שוין מער ניט לאַנג דויערן . . .

אָבער היינט, בשעת לייבעלע האָט װידער ביי זיין מוטער אַ פרעג געטון און זי האָט אים ניט געענטפערט מיט אַ טרייסט, װי געװענלעך, נאָר אים ליב אַרומגענומען און געזאָגט: מאָרגן צו מזל, מיין קינד! איז לייבעלע אַזוי װי פון אַ כװאַליע הייסע זונען־שטראַלן געבליבן שטיין אַ צעװאָרעמטער און פאַרבלענדטער, און עס האָט זיך אים פאַרװאָלט אי װיינען אי לאַכן צוגלייך. ער האָט ניט געװוסט װו ער זאָל זיך אַהינטון פאַר פרייד. איז ער װי אַ שכורער צו זיין מאַמען צוגעפאַלן, מיט די דינע הענטעלעך אירע פיס אַרומגעכאַפּט, זיין פּנימל אין אירע שויסן אַריינגעגראָבן, און זיי אָן אָן אויפהער געקושט . . .

זיין מוטער האָט דערויף גאָרניט געענטפערט, נאָר די טרערן זיינען ביי איר שטום אַרונטערגערונען און געפאַלן אויף איר לייבעלעס דאַרע הענטלעך.

יאָ, װאָלטן כאָטש אירע שבת־לייכטער ניט פון מעש געװען, װאָלט זי זיי זיכער שוין פון לאַנג געהאַט פאַרזעצט, און ניט געלאָזט אַזוי לאַנג צאַפּלען דאָס אָרעמע הערצל פון איר איינציקן לייבעלען.

און װען ס'װאָלט דער װינטער כאָטש ניט אַזאַ שטרענגער געװען, װאָס מ'מוז נאָר אַ גאַנצן טאָג דעם פייערטאָפּ שפּייזן, די הענט און פיס זאָלן ניט אָפּגעפרוירן װערן, כדי צו קענען מאַכן מישטיינס געזאָגט אַ לעבן — פון צעפרוירענע קאַרפּעלעך, מערלעך, זשויגערלעך מיט ערד־עפּל, װאָלט זי אוודאי אויך געװען גיכער זיך געקענט צו אַ פּאָר גראָשן דערשלאָגן. אָבער אַזוי איז עס טאָפּלט שװער אויסגעפאַלן פאַר איר, װייל ניט איינמאָל האָט עס אויך געטראָפן װאָס זי האָט געמוזט איר ליב בן־יחידל אָן אַ ביסל װאַרעמס אין חדר אַריין שיקן, מחמת עס זיינען קיין קוילן אין שטוב ניט געװען.

הגם לייבעלע איז ערשט קוים 11 יאָר אַלט געװען, האָט ער שוין כמעט װי אַ דערװאַקסענער געהאַלפן זיין מוטערס ביטערן גורל דערטראָגן; ביים לערנען אָפט געחלומט און געטראַכט װי אַזוי זיין אָרעמער מוטער אַרויסצוהעלפן — דערפאַר זיך טאַקע פון צייט צו צייט פונעם חדר אויפן מאַרק אַרויס פאַרגנבעט, און געהאָלפן אָפּטראָגן אין די שטיבער אַריין די רייכע װייבערס איינגעהאַנדלטע שװערע קוישן מיט הינער, געגנדז און עסנװאַרג, און די פּאָר גראָשן װאָס ער פלעגט דערפאַר באַקומען, האָט ער דערנאָך, װען ער איז פון חדר אַהיימגעקומען, זיין מאַמעשי באַלד אָװעקגעגעבן.

דער מאַמען פלעגט דער גאַנצער עסק שטאַרק ניט ניחא זיין, מחמת ראשית איז ער דאָך נאָך אַזוי יונג און קען זיך חלילה די לונגען אָפּרייסן, והשנית איז ער דאָך מבטל פונעם תורה לערנען. דערפאַר האָט זי אים תמיד

אויסגעמוסרט און אויף אים אָנגעשריגן, די פּאָר גראָשנס אָבער דאָך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און ציטערדיקע הענט ניט ווילנדיק צוגעשאַרט, ניט פאַר־טראַכטנדיק זיך טיפער איבער דעם גאַנצן ענין . . .

האָט זיך אָבער לייבעלעס רבי דערוווסט דערפון, האָט ער אים שוין גוט די ביינדלעך אַדורכגעקרייזלט. אָבער נאָך אַ סך ערגער איז אים געווען אַז זיינע חברים האָבן אים אַמאָל באַגעגנט די שווערע קוישן אָפּטראָגן; דע־מאָלט האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ שורה און אים מיט אַ חוזקדיקן קול נאָכגעשריען:

קוקט אים נאָר אָן,
קוקט אים נאָר אָן,
לייבעלע קוואָקע,
לייבעלע האָן!

ווייטעקדיקער צאָרן האָט זיין קינדיש הערצל צוזאַמענגעפּרעסט, און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט ווי אַ פינסטערער גרוב וואָלט זיין שוואַרצן פּיסק אויף אים געעפנט און אים איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט. און כאָטש ער איז אַנומלט שיר געפאַלן איבער אַ שווערן קויש, וואָס זיינע דינע הענטלעך האָבן אים מער ניט געקענט דערטראָגן, און ער האָט אָנשטאָט אַ שכר הליכה באַקומען גאָר גוטע סטאַרקעס און פּעטש, ווייל ער האָט דעם קויש פאַלענגעלאָזן און צוויי פלאַשן מיט בראָנפן און ווין צעבראָכן, איז ער ניט אָפּגעשטאַנען, נאָר ווידער ביי זיך באַשלאָסן מאָרגן פונם חדר זיך צו פאַרגנבבענען אויפן מאַרק . . .

און דאָס אַלץ פאַר גרויס ליבע און דאַנקבאַרקייט צו זיין געטרייער מאַמעשי.

יאָ, מאָרגן — האָט זיין הערצל ווי אַ פישל פאַר פרייד זיך אין אים גע־וואָרפן — וועל איך שוין מער ניט אַרויסגיין אין די אַלטע, צעריסענע הויזן, נאָר אין די שפּאָגל־נייע וואָס די ליבע, גוטע מאַמעשי האָט פאַר מיינעט־וועגן אויפגענייט! . . .

און אָט איז דער גליקלעכער טאָג שוין געקומען, דער דאָזיקער טאָג נאָך וועלכן לייבעלעס הערצל האָט אַזוי געפיבערט און געבענקט.

דערוואַכנדיק פון זיין געלעגערל, איז לייבעלעס ערשטער רעיון געווען — היינט איז עס דער געבענטשטער טאָג אין וועלכן די ליבע מוטער האָט איר יתומל צוגעזאָגט די נייע הייזעלעך צו געבן.

זיין מאַמע איז ווי תמיד שוין געווען אַוועקגעגאַנגען, און אים ווי גע־ווינלעך אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט איבערגעלאָזט.

לייבעלע האָט אָבער גאָר קיין חשק ניט געהאַט צום עסן. ער איז אויף זיין געלעגערל פאַרבליבן. זייער שטיבל איז ניט געווען באַהייצט, מחמת די קוילן זיינען ביי זיי אויסגעגאַנגען. אָבער אין זיין הערצל איז געווען וואַרעם, די פרייד פון זיינע נייע הייזלעך האָט זיך צענויפגעמישט מיט דער פרייד פון דעם ליבן חנוכה וואָס האָט געהאַלטן אין קומען. אויפן פענצטער איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר לייבעלען זיין פּאַטערס בלעכענע מנורה און זיך איינגעקוקט אין די בלומען און בייטלעך וועלכע דער פראָסט האָט מיט זיין שנייאיקן פּענדזל אויסגעמאָלן אויף די געפרוירענע שייבלעך. באַלד וועט די מאַמעשי קומען און מיטברענגען אַ ביסל קוילן, דאָס אייוועלע איינהייצן און ס'וועט ווידער ווערן וואַרעם און ליכטיק אינעם שטיבל ווי אַמאָל בעת דער טאַטע עליו השלום האָט נאָך געלעבט . . .

לייבעלעס אויגן וועלכע זיינען אין חדרל אַרומגעלאָפן און עפּעס געזוכט, האָבן זיך ווי דערשראָקן אָפּגעשטעלט, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר אויפרעגונג, און פּלוצלינג זיינען זיי גרעסער געוואָרן, אָנגעצונדן זיך ווי שטורקאַצן, מחמת זיי האָבן עפּעס דערבליקט . . .

ער האָט פלינק ווי אַ קאַץ אַ שפּרינג־אַראָפּ געגעבן פון זיין געלעגער און זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם קליידער־שענקל ווו זיינע הייזלעך זיינען געלעגן און זיך אַרויסגעזען פון אַ צעריסן שאַכטעלע.

מיט גרויס בייגעריקייט האָט ער אַ שטרעק אויס געטון זיינע הענט און אַ ווילדן כאַפּ געטון פונעם שאַכטל די הויזן, זיי צום האַרצן צוגעדריקט, און פאַר שמחה אויף אַלע פיר אָנגעהויבן אויפן דיל אַרומצוקריכן זינגענדיק: מיינע נייע הויזן, מיינע נייע הויזן!

אָבער פּלוצלינג ווען ער האָט דערבליקט די פאַרשידנפאַרביקע צוזאַמענגעזעצטע לאַטעס, מיט דעם אַלטן אָפּגעשאָסענעם שטאָף, איז זיין שמחה באַלד פון אים אָפּגעטון געוואָרן, און ער איז שטיין געבליבן אַן ענטוישטער, בלייכער, ווי איינער וואָס האָט אַן אומדערזעצבאַרן אוצר פאַרלוירן, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג פאַרציטערט געוואַרט . . .

זיין מוטער, ווי זי וואָלט עס געווען געאַנט אָדער אינסטינקטיוו דערפילט, האָט באַקומען אַ שרעקלעכן דראַנג אַהיימצוגיין צו איר לייבעלען...

זי האָט דערפאַר אויף אַ ווײַלע ביי אַ שכנטע איר סטראַגאַן איבערגעלאָזן און געקומען אַ אומרואיקע אַהיימצולויפן. דערזעענדיק זיין מוטער, איז לייבעלע גלייך אין אירע אָרעמס אַריינגעפאַלן, און מיט אַ שטראָם הייסע קינדישע טרערן אויפגעשלוכצט.

— אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט — האָט זיין ענטוישט הערצל געהעשעצט און פאַר צער און ווייטיק קוים געקענט דעם אָטעם דערכאַפּן . . .

דעם אָרעמען לייבעלעס קינדישער מוח׳ל וואָס האָט פריער קיינמאָל ניט געקענט משיג זיין פּאַרוואָס זיינע הייזלעך זיינען אַזוי לאַנג ניט פּאַרטיק געוואָרן, וואָלט איצט שוין אַלעס קלאָר און פּאַרשטענדלעך געוואָרן, ווען ער וואָלט דעם מאַטעריאַל געווען געקענט פון וועלכן זיי האָבן ערשט געמוזט נולד ווערן . . .

זיין אָרעם הערצל וואָלט אוודאי אויך פּאַרשפּאָרט אַזוי צו צאַפּלען פון דערוואַרטונג, ווען ער וואָלט געווען פריער געוווּסט, אַז פונעם טאַטנס אַלטע הויזן האָט זיי די מאַמע ערשט געמוזט איבערניצעוון . . .

ניט איינמאָל לייגנדיק אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, האָט די מוטער זיך פּשוט שיר מיאש געווען, פּאַרווינטשן די יאָרן, די הויזן אַוועקגעשליידערט און געבליבן זיצן אַ הילפלאָזע פּאַרוויינטע . . .

און וואָלט דאָס קינד באמת איר ניט אָזאַ צער געווען, וואָלט זי אים זיכער בעסער געלאָזן אין די אַלטע צעריסענע הויזן אַרומלויפן. נאָר פון צער און ליבע באַוויזגן האָבן אירע געפּרוירענע פינגער יעדע נאַכט געצי־טערט איבער די לאַטעס, און מיט גרויס מי איבערגעניצעוועט די אַלטע צויטן! יעדן פּאָדעם האָט זי מיט אַ צעבראָכן האַרץ און בלוטיקע טרערן דורכגעוויקט, אים אָפּגענאָרט נאָר פּאַר רחמנות און ליבע־וועגן.

— לייבעלע, לייבעניו! אוי וואָס איז דען מיט דיר געשען, וואָס־זשע וויינסטו אַזוי, מיין טייערער? — האָט זי ביי אים מיט אַ תחנונימדיק קול געפרעגט; הגם זי האָט אַליין גאַנץ גוט געוווּסט פּאַרוואָס ער וויינט — און בשעת מעשה זיך טאָקע אַ שטאַרקן כוח אָנגעטון ניט מיטצווויינען.

— געמיינט, געמיינט — האָט לייבעלע אָנגעהויבן אַ פּאַרציטערטער צו שטאַמלען, נאָר די טרערן האָבן אים ניט געלאָזן פּאַרענדיקן.

— וואָס דען מיין טייערער, האָסטו געמיינט? שעם זיך ניט, זאָג עס דיין מאַמען! אפשר דיר אַ פּאָר אַנדערע הויזן קויפן? טאָ רעד, מיין קינד, וועל איך זען מיין לעצט העמד צו פּאַרזעצן, דו ווייסט דאָך מיין טייערער אַז פּאַר דיר וואָלט איך אַפילו ס׳חיות אַוועקגעגעבן.

און זי האָט דערפילט צו זיך שטאַרקע תרעומות מחמת זי האָט זיינע הייזלעך נישט פּאַרזיכטיקער אין דעם שאַכטל פּאַרמאַכט, נאָר אים געגעבן די מעגלעכקייט אַליין זיך זיי צו נעמען . . . זי וואָלט די הייזלעך אים דאָך געווען גאַנץ אַנדערש איבערגעגעבן.

לייבעלע האָט געקוקט אויף זיין מוטער אַ צעטומלטער, ביז ער האָט זיין קאָפּ אין דער מוטערס שויס טיף איינגענורעט, און מיט אַ פּאַרשעמט דערוואָרגן קול קוים, קוים אויסגעשעפּטשעט: גע־מיינט, גע־מיינט — ניי־ע,

מ־אַ־מ־ע־ש־י... דערוויל, דערוויל — האָט ער מיט אַ שלוכצן אויסגע־בראָכן — מאַמעשי! מאַמעשי!

— אָבער לייבעלע, לייבעניו! ווי קען איך דען דאָס גלויבן אויף דיר — האָט זיין מוטער געזוכט ווי אים איינצונעמען, ווייל זיינע לעצטע ווער־טער האָבן זיך אין איר האַרצן ווי שאַרפע מעסערס איינגעשניטן הגם זיי זיינען איר נישט אומדערוואַרטעט געקומען.

— מעג מען דען, טייערינקער, אַ טויטן־טאַטנס הויזן אַזוי מבזה זיין? מכל שכן נאָך אַ טאַטן וואָס האָט דיך נעבעך אַזוי ליב געהאַט — די לעצטע ווערטער אירע האָבן זי אַליין איבערגענומען און זי האָט זיך צעוויינט.

לייבעלע איז געבליבן שטיין אַ געפּייניקטער, ביטער ענטוישט פון די הויזן נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געגאַרט, און אַ געקוועלטער פון רחמנות צו זיין אָרעמער מאַמען — אַ רחמנות וועלכער איז געווען אויסגעמישט מיט אַ מורא פאַר זיין טויטן טאַטן...

און בעת זיין מוטער האָט אים אַזוי וואַרעם און ליב געצערטלט, און געזוכט אים איינצונעמען מיט טרייסט־רייד, האָט זיך לייבעלע שטיל פאַר־טראַכט און דערמאָנט ווי גוט עס איז אים געווען ווען זיין פאָטער עליו השלום האָט נאָך געלעבט, ווי ליב און צערטלעך ער פלעגט אים אויף דער שויס האַלטן, די פאַהלעך געקרייזלט און אַזעלכע וווּנדערלעך שיינע מעשיות דערציילט פון וועלדער און פעלדער, פון טאָלן און היילן, מיט בעטלער און גזלנים, וואָס האָבן זיך אָפּט פאַר למד־וואָוו'ניקעס פאַרשטעלט און אָנגעטאָן אַזעלכע חורבנות, אַז ס'האָט אים פּשוט שיר דעם אָטעם פאַרכאַפּט און ביינאַכט דאָס האַרץ אין זיס־שרעקנדיקע חלומות פאַרוויגט...

לייבעלע האָט זיך אויך דערמאָנט ווי זיין מוטער פלעגט אָפט אַהיימקו־מען פון מאַרק נאָך אַ גאַנצן טאָג ניט־פאַרדינען, אַ דערפּרוּירענע און פאַר־ביטערטע, אין שטוב איז קיין ביסן ברויט ניט געווען, און אין אויוון קיין ברעקל קויל.

די מאַמע האָט געשאָלטן און געוויינט, איר פאַרביטערט האַרץ צום טאַטן אויסגעלאָזט, ווייל אַן עוף איז אים טריפה געוואָרן און דאָס איז געווען זייער פאַרדינסט פון דער גאַנצער וואָך... לייבעלע איז דעמאָלט זער הונגעריק געווען און פאַרלאַנגט נאָך אַ שטיקל ברויט פון דער מאַמען — האָט זי אים דערפאַר געוואָלט שלאָגן... אָבער דער טאַטע האָט אים ניט געלאָזט אָנרירן, ער איז געזעסן איבער אַ ספר און נאָר שווער געזיפצט...

אוי, דער טאַטע! האָט זיך אים זיין קינדיש הערצל צוזאַמענגעצויגן און פאַר רחמנות שיר צעריסן, ער קען זיך אַפילו ניט דערמאָנען אַז ער זאָל ווען האָבן כאָטש איינמאָל אַ האַנט אויף אים אויפגעהויבן...

און פלוצלינג ווערן אים דעם טאַטנס איבערגענוצעוועטע הויזן אַזוי נאָענט, ליב און טייער, אַז ער וואָלט זיי אַפּילו ניט פאַר די שענסטע און בעסטע אויף דער וועלט פאַרטוישט.

— גיי, גיי, מיין טייערינקער, שוין אין חדר אַריין — האָט אים זיין מוטער פון די ווייטאָקדיק־זיסע זכרונות אויפגעוועקט.

— טו בעסער די הויזן אָן, זיי זענען באמת ניט אַזוי שלעכט, האָסטו שוין געזען ווי שיין און פעסט זיי זיינען אויפגענייט? און די צוויי טיפע עכטע טאַשן, פון אמתדיק נייער לייוונט. דו וועסט אין זיי קענען אַלע דיינע זאַכן באַהאַלטן, און היינט ערשט די גלאַנצנדיקע קנעפּלעך מיט דעם פאַר־גילדעטן זענקל! עס זאָל דיר מיין ליבער נאָר זיין צו לאַנגע יאָר און דו זאָלסט זיי געזונטערהייט צערייסן. און איצט, לייבעלע לעבן, גיי שוין טאַקע אין חדר אַריין, עס ווערט שפּעט, אַז גאָט וועט העלפן וועל איך דיר לכבוד חנוכה אַ שיין דריידל מיט פליגלען קויפן.

זי האָט אים די טרערן אויסגעווישט, אַ וואַרימען קוש געטאָן און ווידער צום סטראַגאַן.

לייבעלע האָט די הייזלעך נאָך אַמאָל באַקוקט און באַטאַפּט, און מיט אַ באַהאַלטענער ליבע און מורא אַ געטרייסטער זיי אָנגעטון, אָבער אין זיין הערצל טיף איז עפּעס אַן אומזעבאַרער ליכטיקער פאָדעם צעריסן געוואָרן, און אַ הייליקע קינדישע אילוזיע אויף אייביק צעשטערט . . .

קומענדיק אין חדר אַריין האָבן אים באַלד חברה ווידער מיט אַ גע־לעכטער און געזאַנג אויף זייער אַלטן נוסח מקבל געווען:

קוקט אים נאָר אָן,
קוקט אים נאָר אָן,
לייבעלע קוואַקע
לייבעלע האָן!

און לייבעלע וואָס האָט געהאָפט כאָטש איינמאָל זיך צו קענען פאַר זיינע חברים מיט אַ פּאָר נייע הויזן צו באַווייזן, האָט נאָר די ליפּלעך שטום פאַרביסן און געשוויגן, פאַר׳צערט . . .

נאָך דעם אַזוי לאַנג אויסגעבענקטן טאָג האָט לייבעלע אויך ביי זיין רבין גאָר קיין גליק ניט געהאַט, ווייל זיין יונג נשמהלע איז געווען ערגעץ ווייט, ווייט, דאָרט ביי זיין טייערן טאַטן אין הימל וועלכער האָט אים אַזוי ליב געהאַט און וועמענס צוריקגעבליבענע הויזן ער האָט אַזוי מבזה געווען.

נאָר דער בייזער קאַנטשיק פון זיין רבין האָט אים פון צייט צו צייט

פון זיין ליכטיקן חלום אויפגעוועקט, און זיך טיפער ווי תמיד אין זיינע דאַרע צאַרטע ביינדלעך אַריינגעשניטן.

נאָכן לערנען האָט דער רבי אים נאָך באַזונדערס פאַרבעטן צו זיך און אויסגעמוסרט: דו גוי גמור! שייגעץ איינער, ווייסט דאָך אויסוואַקסן אַ פּושע ישראל, אַ גראָבער יונג. דו ווייסט דאָך רחמנא ליצלן גאָר נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט דו ביזט, ממזר איינער! — און נאָכאַמאָל האָבן דעם רבינס גראָבע פינגער אין לייבעלעס צאַרטן גופל אָן רחמנות זיך איינגעפּרעסן.

— ווען דו וואָלסט ניט קיין יתום געווען און מיר וואָלט ניט אַ שאָד געווען דיין מאַמעס שווער פאַרהאָרעוועטע גראָשנס — האָט זיין רבי מיט דער לאַנגער פאַרקאַלטנטער רויטלעכער באָרד און די לאַמעוואַטע פינטל־דיקע אייגלעך זיך אויף אים צעכעסט — וואָלט איך דיך שוין לאַנג פון חדר אַרויסגעוואָרפן אַזוי אַז דו וואָלסט דיר די ביינער געמוזט צוזאַמענקלייבן!

— פאַרוואָס קנייפּט איר ניט יענקעלע רב גרונמ׳ס, ער ווייסט דאָך אָפּט ניט ווו מען האַלט—ווייל זיין פאָטער איז אַ שניט־סוחר, אַ יאָ? און פאַרוואָס וואָרפט איר נישט געצעלע רב זיינוולס פון חדר אַרויס, ער קען דאָך תמיד נאָך ווייניקער פאַר מיר—מחמת זיין פאָטער איז אַ דיין, אַ יאָ? און פאַרוואָס האָט איר מיך געשלאָגן ווען איך האָב יאָ געקענט, נאָר קיין שכר־לימוד ניט געהאַט צו ברענגען, האַ? — דאָס אַלעס איז ביי דעם אָרעמען לייבעלע אויף דער צונג געלעגן, נאָר עמיץ האָט אים דעם האַלז ווי צוגע־שנירט, דאָס לשון אָפּגענומען און דאָס מויל איז אים ווי געליימט געוואָרן, אַז ער האָט בשום אופן ניט געקענט קיין איינציק וואָרט אַרויסברענגען...

דער אָוונט איז געווען אַ קאַלטער, ס׳האָט גענומען אויף אַ שטאַרקן פראָסט. אַ רויער שניידנדיקער ווינט האָט געשמיסן מיט שניי־מאַסעס, און זייער זילבער־פּראָך אין דער לופטן אַרומגעטראָגן. אויפן מאַרק זיינען נאָך אייניקע שוואַך באַלויכטענע יאַטקע־ביידלעך אָפן געווען. שווער־לייביקע יידענעס מיט אַראָפּהענגענדיקע פעטע גוידערס זיינען געזעסן אין זייערע יאַטקע־ביידלעך און אַרום אויף די ווענט זיינען געהאָנגען קאַטשקעס, אינ־דיקעס, גענדז מיט הינער. די יידענעס האָבן זייערע הענט ביי גרויסע פייער־טעפּ געוואַרעמט.

און צווישן די יאַטקע־ביידלעך האָט זיך לייבעלע ווי אַן עלנט קליין הפקר־הינטל אַרומגעדרייט, אַרויסגעקוקט מיט זשעדנע אויגן כאָטש אויף אַ מאָגער ביינדל אָפּצולעקן, געשטאַנען און געוואַרט, געקלאַפּט מיט די ציינדלעך פאַר קעלט, די אַקסלען הויך געהויבן און דעם קאָפּ טיף אין זיי באַהאַלטן, וועלנדיק זיך פון שניי־שטויב און פראָסט־ווינט באַשיצן. זיינע

בלויע ליפּלעך האָבן געציטערט פון קעלט שעפּטשענדיק: רבונו של עולם, העלף, שיק כאָטש צו אַ מזלדיקע קונהטע אויף אַ שטאָף־גאַנדז לכבוד חנוכה וואָס מ׳לאָזט פון איר אויס פּסחדיק שמאַלץ, כדי ס׳זאָל זיין פאַר מיר אַ גרויסער קויש אָפּצוטראָגן, כ׳זאָל קענען אַ פּאָר גראָשן דער מאַמעשי אַהיימברענגען.

דער ווינט איז וואָס אַמאָל שטאַרקער און העפטיקער געוואָרן און זיך אַריינגעריסן דורך זיין דינעם גופל, אָנגעפּאַנגען עס צו קיצלען, צופּן און שטעכן. זיינע פינגער־שפּיצן וואָס ער האָט שוין באַלד פון קעלט ניט דערפילט, האָט ער געפּרוווט מיטן אָטעם צו באַהויכן און אין די הויזן־טאַשן צו באַהאַלטן כדי זיי זאָלן זיך דערוואַרעמען. אָבער זיין הערצל האָט ניט אויפגעהערט צו האָפן אַז באַלד וועט פּאַרט די באַשערטע יידענע קומען איינקויפן פעטע געגנדז לכבוד חנוכה און זיך ביי אים בעטן: קום ייִנגעלע, וועסטו העלפן אָפּטראָגן דעם קויש און דערפאַר אַ שיינע מטבע באַקומען.

און ביז דאָס לעצטע יאַטקע־לעמפּל האָט זיך נאָך ניט געהאַט פאַרלאָשן און ס׳טירל פאַרמאַכט, האָט לייבעלע נאָך אַלץ געהאָפט וואַרטנדיק אָן אַ מויער אָנגעלעגנט און געחלומט ווי אַזוי ער וועט צו דער מאַמען אַהיימקומען. זי וועט כלומרשט אָנהויבן צו כעסן זיך אויף אים: שוין ווידער אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען, און ער וועט זי זוכן צו איבערבעטן — מאַמעשי, דאָס איז היינט שוין אַ לעצט מאָל געווען, זיי מיר מוחל טייערינקע, מער וועל איך דאָס שוין ניט טאָן, — אויף נאמנות ניט! און ער וועט אַרויסנעמען די גלאַנצנדיקע מטבעות, און זיי פאַר איר אויפן טיש אָוועקלייגן.

דער מאַמעס הענט וועלן פון אָנהויב זיכער ווידער ציטערן, אָבער באַלד וועט זי דאָך די גראָשנס ווי תמיד מוזן צונעמען, און אפשר דערפאַר ווידער אַמאָל קענען מאַכן זיס־געפילטע פיש און חלות מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען איינגעבאַקן.

אָבער ווען לייבעלע האָט דערזען אַז אויפן מאַרק איז שוין טונקל און אַלע יאַטקע־ביידלעך ווערן שוין פאַרמאַכט, דעמאָלט האָט ער ערשט איינגעזען אַז זיין וואַרטן און חלומען איז אומזיסט מחמת ס׳וועט שוין קיינער מער ניט קומען.

אַ מידער און דערשלאָגענער האָט ער זיך געלאָזט אַהיים גיין. זיין אַלט פאַרראָסט לאַמטערנדל וואָס האָט אים דעם וועג באַלויכטן, כדי ער זאָל זען אין טונקעלע נעכט פון חדר אַהיימצוגייען, איז געהאָנגען אויף אַ שטריקל אָן אַ קנעפּל פון זיין איבערציערל אָנגעבונדן און זיך געוויגט אין ווינט ביז עס איז פאַרלאָשן געוואָרן. אַלע גאַסן זיינען שוין געלעגן שטיל און שטום, די קראָמען פאַרמאַכט. נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך נאָך אַן איינגעפּעלצטער

פאַרבייגייער באַוויזן, מיטן קאָפּ צו דער ערד געבויגן און די הענט אין די אַרבל באַהאַלטן און זיינע פּיס האָבן געסקריפּעט אין שניי.

דערווייל האָט דער ווינט מיט די דעכער זיך פאַרמאָסטן, אַרומגעהוליעט הפקרדיק איבער די גאַסן און געסלעך און אַלץ געוואָלט אין זיין ממשלה פאַרנעמען.

לייבעלעס מוטער האָט שוין לאַנג געוואַרט מיט דעם מאַלצייט אויף איר ליבן זונעלע. אויפן טיש זיינען שוין קאַלטע געשטאַנען די קאַרטאָפל מיטן שטיקל הערינג און נעבן זיי אַ קעזקיכל צו וועלכן זי האָט זיך קוים געהאָט דערשלאָגן, כדי איר לייבעלען היינט אַ ביסל מער פרייד צו פאַרשאַפן פאַר דער ביטערער אַנטוישונג וואָס ער האָט געמוזט דורכמאַכן.

אוודאי איז ער נאָך אין בית־המדרש נאָכן חנוכה־ליכט־צינדן צום לער־נען פאַרבליבן, אַזאַ צדיק ווי דאָס קינד וואַקסט אָן עין־הרע איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען, האָט זי ביי זיך געטראַכט — אָדער אפשר איז ער גאָר ווידער אויפן מאַרק אַרויסגעגאַנגען כדי מיר אַ פּאָר גראָשן צו ברענגען, האָבן אירע אויגן פאַר רירונג צו טרערן אָנגעהויבן — איך וועל זיי ביי אים ניט מער נעמען, נייז, איך טאָר זיי ביי אים ניט מער צונעמען. איין גאָט ווייסט, אַז ניט פאַר תענוג האָב איך זיי גענומען, אים אויך ניט געוואָלט ווי טאָן, אַז ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט אַ מאַמען אַרויסצוהעלפן.

אָבער ער וואָלט שוין פאַרט געדאַרפט דאָ זיין — האָט זיך אָן אומרו אין איר האַרצן אַריין פאַרגנבעט — טאָמער וועט ער ניט באַלד קומען, וועל איך אים תיכף אַקעגנגיין און זען פאַרוואָס ער זוימט זיך אַזוי לאַנג.

דאָס שטעטל איז טויט און שטיל געלעגן. ווו ניט ווו האָבן די קליינע הייזלעך פונעם געדיכטן שניי ווי טרויעריקע מצבות זייערע קעפּ אַרויסגע־שטעקט. גאָט האָט רחמנות געקראָגן אויף די אָפּגעשיילטע מויערלעך און געסלעך און זיי מיט אַ זילבער־ווייסער דעק איינגעהילט.

און אָט אין דער ווייסער טויטער שטילקייט האָבן זיך אַ פּאָר קליינע געפרוירענע פיסלעך אין גרויסע שטיוול קוים געשלעפּט. לייבעלע איז גע־גאַנגען און געגאַנגען, דער קאָפּ האָט זיך ביי אים ווי ביי אַ שיכור געדרייט. אין זיין האַרצן האָט גענאָגט אַ שרעקלעכער הונגער און זיין גופ׳ל האָט געפייניקט די ביטערע קעלט. די געסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען פאַר אים וואָס שמעלער און דינער, אַז ער האָט שוין באַלד ניט מער געקענט קיין פוס שטעלן אויף זיי און אויך ניט מער געוווסט צי גייט ער אַהיים, צי ערגעץ אַנדערשוווּ . . . זיין אויסגעדאַרט גופ׳ל האָט זיך פאַר קעלט ווי אַ שלאַנג צוזאַמענגעקאַרטשעט, מיט די לעצטע כוחות האָט ער אַהיים געאײַלט צו זיין מאַמען כדי זיך צו קענען כאָטש אַ ביסל דערוואַרעמען, און חנוכה־

ליכטלעך צינדן, ס׳איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, דערנאָך וועט ער זיך באָלד אין בעט אַריינלייגן און נאָר שלאָפן! אָבער די שוואַכע געפּרווירענע פּיסלעך האָבן אים ניט מער געקענט דערטראָגן, נאָר זיך איינגעבויגן טיפער, טיפער, און אין שנײ אַריינגעקניט . . .

און פּלוצלינג — אָט איז ער שוין ביי דער מאַמען אין דער היים. די מאַמע וויל אים אין וויכן בעט אַריינלייגן און אים פּעסט מיטן וואַרעמען איבערבעט צודעקן, נאָר ער קען דעם טאַטנס הויזן ניט אויסטאָן — עפּעס צעציען זיי זיך אַזוי אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז אַ שוידער לויפט אים דורך אַלע גלידער . . . — מאַמעשי, מאַמעשי! דו האָסט מיך אין בעט אַריינגעלייגט, נאָר עפּעס אַזוי קאַלט איז היינט דאָס בעטגעוואַנט, די קישענס האַרט ווי אַ שטיק אײַז, און ווילן גאָרניט וואַרעמען . . .

— מאַמעשי, גיב מיר דעם טאַטנס מנורה מיט די ליכטעלעך, איך וויל חנוכה־ליכט צינדן, וועט עס מיר אפשר וואַרעמער ווערן . . . מאַמעשי, מאַמעשי — אוי דער טאַטע איז דאָך אַהיימגעקומען; ער שטייט פאַר מיין בעט, נאָר עפּעס אַזוי מוראָ׳דיק גרויס און בלוט־פאַרלאָפן זיינען זיינע אויגן! זיין קול קרעכצט ווי אַ פאַרראָסטעטע זעג און שניידט מיר אין האַרצן אַריין. מיינע אַלטע צעריסענע הויזן האָבן דיר ניט געפּאַסט — ביטערט ער צו מיר —צופיל צויטן פון זיי געהאַנגען? ווײ, ווײ, צו דיר, לייבעלע! צי ווייסטו דען ניט אַז די לאַטעס זיינען הייליק? ווייל אַ מאַמעס ערלעך און ריינע הענט האָבן איבער זיי געציטערט און כשרע בלוטיקע טרערן האָבן זיי באַ־גאָסן? און ווער — ווער דערלויבט זיך דאָס פון בלוט און טרערן חוזק צו מאַכן און מיט זיי זיך צו שעמען?! . . .

נײן, נײן, מאַמעשי, איך האָב זיך ניט געשעמט, און אויך ניט חוזק גע־מאַכט! נאָר די בייזע, שלעכטע חברים, זיי האָבן זיך דאָך מיט מיר גע־שעמט און פון מיר חוזק געמאַכט און מיר תמיד נאָכגעשריען לייבעלע האָן! — האָט זיין שוואַכע קינדישע שטים אין נאַכט און אין פראָסטיקן ווינט געיאָמערט.

איך בין ניט שולדיק, טאַטעשי, כ׳וועל שוין קיינמאָל מער ניט ווייגען ווען כ׳וועל די הויזן אָנטון . . . נאָר קושן די לאַטעס וואָס די מאַמעשי האָט צוזאַמענגעשטיקעוועט, איך האָב זיך ניט געשעמט און וועל קיינמאָל זיך מיט זיי ניט שעמען, נײן, נײן, טאַטעשי, האָב רחמנות אויף מיר, גוטער, גוטער טאַטעשי . . . שטעך מיך ניט אַזוי מיט דיינע אויגן און שריי ניט אַזוי אויף מיר, ווייל איך בין דאָך שוין אַזוי מיד און מיר איז אַזוי ק־אַ־ל־ט. אוי, טאַטע! דעק מיך צו מיט אַ הייסן בעטגעוואַנט ווייל איך וועל דערפרירן, איך בין שוין אַזוי מיד און ש־ל־ע־פ־ע־ר־יי־ק . . .

וואָס רעדסטו דען לייבעלע מיין קינד? — איז זיין פאָטערס קול אויף איינמאָל עפּעס צאַרטער און ווייכער געוואָרן צו אים און גענומען כליפּן ווי אַ וויינענדיקער פידל — קאַלט איז דיר זאָגסטו לייבעלע, דאָס בעטגעוואַנט וויל דיך ניט וואַרעמען? דער בייזער ווינט האָט דיר דיין לאַמטערנדל מיט די חנוכה־ליכטלעך פאַרלאָשן בעת דו האָסט דיר געוואָלט דיינע געפרוירע־נע פינגערלעך ביי זיי אָנוואַרעמען? וואַרט, וואַרט נאָר אַ ווײַלע, באַלד וועל איך ווידער דיין לאַמטערנדל מיט די חנוכה־ליכטלעך אָנצינדן און זיי וועלן פאַר דיר אויפגליִען ווי די זון אין תמוז ביז דיר וועט ווידער ליכטיק און וואַרעם ווערן . . .

ליכטיק, וואַרעם זאָגסטו, טאַטעשי? יאָ, טו עס, טו עס! אַזוי, אַזוי — איצט הויבט שוין די זון אָן אויפצולייכטן. אָבער טאַטעשי, פאַרוואָס קען איך מיינע פינגער צו דעם לייכטנדיקן לאַמטערנדל און דער ברענענדיקער זון ניט אויפהויבן? נאָר אַלע גלידער טוען מיר ווײ? פאַרוואָס וואַרעמט מיך די זון ניט? . . .

פאַר די אויגן האָבן אים געפינקעלט רויטע, גרינע און בלויע פלעמ־לעך, אַזוי אַז ער האָט דעם שטעכעדיקן פראָסט אָנגעהויבן וואָס אַמאָל ווײ־ניקער אין זיינע ביינדלעך צו דערפילן. נאָר זיינע בלויע ליפּלעך האָבן נאָך קוים געשעפּטשעט: אוי מאַמעניו, מאַמעשי, גיב מיר נאָר אַ ביסעלע וואַ־רעם וואַסער וועל איך דעם פראָסט שוין באַלד גאָרניט מער ד־ע־ר־ש־פ־י־ר־ן.

און פּלוצלינג האָט דער ווינט ווידער אָנגעהויבן פאַר אַ ווײַלע צו בלאָזן און אים צו באַגיסן מיט כוואַליעס שניידענדיקן קאַלטן וואַסער, די ברענענ־דיקע זון מיט די מיליאָנען פלעמלעך אין זיין לאַמטערנדל האָבן זיך איינ־ציקווייז פאַרלאָשן, ביז דער פראָסט האָט אויף זיין פינסטערן בעט אים די אויגן פאַרשלאָסן און דער שניי אויף אייביק צוגעדעקט.

שמע ישראל!

געשען איז עס — אין אַ דערפל, אין דער מדינה פראנקן, ווו דער הויפט־רויבער יוליוס שטרייכער האָט געקיניקט מיט דער גרעסטער אכזריות.

ווען מען עס האָט זיך אים נאָר פאַרוואָלט האָט ער אויסגעזוכט אויף צו קאָנען זיין כעס שטילן, אים שטילן אין דעם פאַרפלוכטן אהאסוועד, — מיט זיין „פאָרנאָגראַפישער ביבל", באַטריגערישן תלמוד, און מיטן אָנגענאגלטן קריפל: יעזוס קריסטוס — דעם פייגן, עלנדיקן יידנקנעכט!...

דאָס איז געווען אין יענער בהלה־צייט — ווען הערשל גרינשפּאַן האָט נקמה גענומען אין דעם נאַציִשן אַמבאַסאַדאָר, פאָן ראַהט, אין פּאַריז, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ציען די טעג — שווערע, ווי אָנגעפילטע וואָלקן מיט עלעקטריציטעט, וואָס האָבן יעדע רגע נאָר געדראָט אויסצו־ברעכן מיט אַ ביטערן געוויטער . . .

דאַמאָלט האָבן אינם קליינעם פרענקישן דערפל אַלע יידן זיך געשראָקן אימת מות, און מיט גרויס פּאַראַכטונג געטאַדלט אויף דעם אומפּאַראַנט־וואָרטלעכן אַטענטאַטאָר, — וואָס האָט שוין סיי ווי סיי דאָס ניט דערטראָגנ־דיקע רשעות נאָך מער פאַרגרעסערט מיט זיין געמיינעם אַטענטאַט, וועל־כער איז געווען אַזוי ווי אַ פונק אין דער מיט פּולווער אָנגעפילטער אַטמאָס־**פערע . . .**

דאָס ביסל צעשראָקענע דאָרפס־יידן, די „סינאַגאָג" און דער יידישער „פרידהאָף", האָבן געפיבערט, און עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אומגליק דער־וואַרט . . .

ווי אַ פינסטערע שפּין האָט זיך דער 10־טער נאָוועמבער, 1938, אינעם יידישן געסל פאַרשטעקט, און אַלעס מיט פיין פאַרשפּינען . . .

מאַרטין העלמאַנס הייזל, וועלכעס איז נאָך דער נאַציִשער איבערקערע־ניש דעמאָלירט און פאַר'אבל'ט שטיין געבליבן — האָט זיך פון דערנידריי־קונג און צער, נאָך מער כורעים צו דער ערד געבויגן און פאַרבאַהאַלטן...

די 18 יאָריקע העלגא מיט איר אַלטער מוטער בלאַנקאַ, — האָבן זיך יעדן פרימאָרגן די אויגן אויסגעקוקט אויף דעם בריווטרעגער, וועלכער האָט זיי געדאַרפט ברענגען אַן אַפידעוויט פון אַ רייכן אָנקל פון אַמעריקע.

אָבער אנשטאָט דער בריוטרעגער מיטן אַפּידעוויט, האָט זיך באַוויזן אומדערוואַרט דער פּאַסטאָר ברונאָ קאַלטער, וואָס האָט זיך געהיים צו זיי אַריינגעשלייכט.

און ווען דער שלאַנק־בלאָנדער פּאַסטאָר מיט די טיף־בלויע אויגן איז בגנבֿה אַריין אין דעם פֿאַראיינזאַמטן יידישן הייזל, איז העלגאַ אַנגעצונדן געוואָרן ווי אַ פֿלאַם פֿייער, און פּשוט פֿאַר גרויס רעספּעקט ניט געוווסט ווו זיך אַהין צו טון . . .

פּאַסטאָר קאַלטער האָט גאַרניט באַמערקט העלגאַ׳ס פֿאַרשעמטקייט, נאָר מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם אויף גיך געגומען די טרויעריקע בשורה אָנ־זאָגן: אַז עס ציט זיך צו זיי אַ באַנדע מיט פּריץ הינצלע בראש. און כדי נקמה צו נעמען פֿאַר פֿאָן ראַטה׳ס טויט, — האָבן זיי באַשלאָסן די „סינאַ־גאָג״ צו פֿאַרברענען.

דערפֿאַר איז ער געקומען דעם „גנעדיקן״ פֿריילין דאָס אָנצוזאָגן — כדי זי זאָל דאָס זאָפֿאָרט מודיע זיין דעם „סינאַגאָגן־דינער״, און זי זאָל קע־נען אויף גיך מיט איר מוטער אַנטלויפֿן און זיך ראַטעווען.

און אויב דאָס „גנעדיקע״ פֿריילין וועט וועלן — קען זי צו יעדער צייט מיט איר ליבער מוטער ביי אים אַ פּלאַץ געפֿינען, אויף זיך דאָרט צו באַ־האַלטן. ווייל אויך ער האַסט און פֿאַראַכט די נאַציס מיט זייערע געמיינע יידן־פֿאַרפֿאָלגונגען, פּונקט אַזוי ווי די יידן גופֿא . . .

ווען פּאַסטאָר קאַלטער האָט געהאַט די העלמאַנס פֿאַרלאָזן, האָט די איבעראַשטע העלגאַ ניט לאַנג געטראַכט, נאָר געכאַפּט איר מוטער, זי פֿעסט אַרומגענומען און געקושט. און בעת איר מוטערס אויגן האָבן זיך מיט טרערן פֿאַרפֿולט און אירע ציטערדיקע הענט האָבן איר פּנים געגלעט, האָט העלגאַ געזוכט איר מוטער צו באַרואיקן:

— דו קאָנסט עס דאָך גוט פֿאַרשטיין, מיין טייערע מוטער, אַז איך טאָר איצט קיין רגע ניט פֿאַרלירן, נאָר לויפֿן צום „סינאַגאָגן־דינער״, און אים די טרויעריקע בשורה אָנזאָגן . . .

— מיין איינציק קינד, — האָט די אַלטע בלאַנקאַ זיך אין טרערן גע־שטיקט און פֿעסטער אָן איר טאָכטער געקלאַמערט. — דו זאָלסט נאָר באַ־וויזן באַלד ווידער צוריק צו קומען, ווייל איך וועל עס לאַנג ניט אויסהאַלטן אָן דיר . . .

— טאָמער קאָן איך אָבער אַזוי באַלד זיך ניט אומקערן אויף צוריק, זאָלסטו וויסן, מיין ליבע מוטער, אַז איך דאַרף מער צייט האָבן, כדי צו קע־נען דעם „סינאַגאָגן־דינער״ אויסהעלפֿן די „טאָרא״ פֿאַרבאַהאַלטן . . .

— מיין איינציק קינד! מיין איינציק קינד! איך בעט דיך, לאָז מיך ניט איבער צו לאַנג אַליין!

העלגא האָט דערפילט אויף איר פּנים איר מוטערס וואַרעמע טרערן און זיך קוים געקאָנט פון אירע ציטערדיקע הענט באַפרייען.

אַ טיף באַוועגטע איז העלגא צום „סינאַגאָגן־דינער״ געלאָפן כדי אים אויף גיך די ביטערע בשורה אָנזאָגן.

דער שמש, אַן אַלטער צעבראָכענער ייד, — איז פאַרציטערט אויפגעשפּרונגען און געדופן צו זיין קראַנקער פרוי, אַז זי זאָל גלייך צום באַנהויף אַנטלויפן און דאָרטן אָפּוואַרטן אויף אים, ביז ער וועט האָבן די ספרי־תורות אַרויסגעראַטעוועט און פאַרשטעקט . . .

ווען העלגא האָט אים אָבער דערקלערט, אַז דערויף איז שוין מער קיין צייט ניט פאַראַן, איז ער אָפּהענטיק שטיין געבליבן און אָנגעהויבן פאַרצווייפלט ביטער צו וויינען:

— אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, וואָס מאַכט מאַן? אָ, וואָס מאַכט מאַן?

— אַנטלויפן! — האָט העלגא אַנטשלאָסן און ענערגיש אים געענטפערט: — אָבער זאָפאָרט, הער „סינאַגאָגן־דינער״! און איך וועל די „טאָראַ״ שוין אַרויסנעמען, זי אין מיין מאַנטל איינהילן און ביים פאַסטאָר קאַלטער פאַרשטעקן, איך גלויב אַז ער וועט עס דערלויבן, ווייל ער איז אַן ערלעכער פרומער קריסט . . .

— גוטעס פריילין, איך האָב מורא אַז דו אַליין וועסט עס ניט קאָנען באַוויזן, דערפאַר ווייל איך דיר דערצו צוהעלפן, דו וועסט אַ גראָסע, גראָסע מצווה האָבן!

— איך וואָלט עס אייך ניט געראַטן, הער וואָלף, ווייל אַקייגן מענער זענען זיי אַ סך שטרענגער ווי לגבי פרויען, דערפאַר לאָזט עס בעסער מיך אַליין באַזאָרגן.

— ניין, ניין, פריילין העלגא, — דאָס וועל איך ניט טון, בשום אופן ניט!

— וואָס, איר האָט צו מיר ניט קיין פאַרטרויען, הער וואָלף? — האָט העלגא געפרעגט.

— פון פאַרטרויען רעדסטו, — איך האָב צו דיר נאָך מער פאַרטרויען, דו „גאָטגעזעגנטעס קינד״, אָבער איך טאָר דאָס ניט! אַלס אַ רעליגיעזער ייד טאָר איך אַזאַ הייליקע אויפגאַבע ניט אַליין צו אַ שוואַכער פרוי איבערלאָזן . . .

— מיר דאַרפן קיין צייט ניט פאַרלירן, הער וואָלף! איז דערפאַר נעמט

איר איין טאָראַ און פאַרשטעקט זי, און די אַנדערע וועל איך שוין אַליין...
(דאָ האָט איר דער שמש די רייד איבערגעהאַקט):

— אָבער ניט ביים פּאַסטאַר קאַלטער זאָלט איר זי פאַרשטעקן, טייע־רעס פריילין העלגאַ, נייערט אויף אונדזער „פרידהאָף", ווייל דאָרטן וועט זי אַמזיכערסטן זיין!...

— איך שטים איין מיט אייך, הער וואָלף — האָט העלגאַ געזאָגט — נאָר גייט געשווינד מיט דער תורה און איך וועל תיכף נאָכקומען. דערווייל ווינטש איך אייך פיל, פיל גליק און דערפאָלג!

— דאָס זעלביקע ווינטש איך אויך דיר, דו גאָט־געזעגנטעס קינד!

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט זיך דער אַלטער שמש ווידער צעוויינט, און אידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט זיין קראַנ־קער פרוי לאורא, אַז זי זאָל גלייך צום באַנהויף נאָכקומען און ניט וואַרטן ביז ער וועט זיך צוריק אומקערן.

דערהערנדיק איר מאַנס וואָרנענדיקע רייד, האָט די קראַנקע לאורא אין גרויס איילעניש און שרעק איר אָרעם ביסל „האָב און גוטס" צענויפגע־פּאַקט, און מיט אַ שטומען העשעצן איר מאַן ברוך נאָכגעקוקט, בענטשענדיק אים מיט אירע ברוינע־בלאָע ליפּן.

ווען דעם שמש׳ס ווייב איז דערנאָך מיט אָנגעשטרענגטע כחות און גע־שוואָלענע פיס פון הויז אַרויס, האָט זי זיך דערמאָנט אין העלגאַ׳ן און איר נאָכגערופן:

— העלגאַ, העלגאַלע, טייערעס קינד, ווי אַזוי וועסטו עס דען קענען באַוויזן? דער אייביקער זאָל עס דיר צענפאַך פאַרגעלטן, דו טייערע יידי־שע זעלע!...

וויינען האָט זי ניט געקאָנט, ווייל די טרערן האָבן איר קול פאַר־שנירט. זי האָט נאָר שטום געהעשעצט און געזיפצט און ווייטער אירע גע־שוואָלענע פיס מיט גרויס אָנשטרענגונג געשלעפּט.

העלגא האָט איר ליב צוגעוווּנקן:

— אויף באַלדיקעס ווידערזען, פרוי וואָלף, מאַכט אייך נאָר ניט קיין זאָרגן וועגן מיר, איך וועל עס שוין באַווייזן, מיט גאָט׳ס הילף! אדיע, אדיע פרוי וואָלף!

ווען העלגאַ איז אַליין אין סינאַגאָג געבליבן האָט עפּעס אין איר זינען אַזוי ווי פון אַ שווערן נעפּל אויפגעטויכט — די ברייט־פלייציקע מגושמ׳די־קע געשטאַלט פון דעם סטודענט פריץ הינצלע, מיט אַ שראַמפּ אויף דער לינקער באַק, און מיט די גראָב־פליישיקע ליפּן, בעת ער איז צו זיי אין שטוב אַריין, — אין יענער אומגליקלעכער נאַכט, ווען היטלער האָט געהאַט

די מאַכט איבערגענומען און איר פאָטער אין מיטן שלאָף פון בעט אַרויסגע־ריסן מיט אַן אויסרייד: אַז אַ פויער וויל אים צוועלף קעלבלעך פאַרקויפן צו צען מאַרק אַ שטיק . . .

אָבער ער טאָר זיך קיין רגע ניט פאַרזוימען, האָט ער אים געוואָרנט, ווייל אַ גוי קאָן אים נאָך ס׳געשעפט אויסדינגען . . . און בשעת מעשה האָט זיך פריץ הינצלע אַזוי משונה׳דיק צעלאַכט, אַז די געבליטן זיינען ביי אַלעמען שיר פאַרטאַיעט געוואָרן . . .

באַלד דערנאָך האָט ער איר נאָך האַלב פאַרשלאָפענעם פאָטער פון בעט אין העמד אַרויסגעריסן, אים געטריבן מיט אַ גומיקניטל אין אַן אויטאָ אַריין, און ערגעץ־ווו פאַרנדיק פאַרשלעפּט — פון וועלכן וועג ער האָט זיך נאָך עד היום צוריק נישט אומגעקערט . . .

הענלגא האָט טיף אויפגעציטערט. מיט שוידער איז איר אויך געקומען אויפן זינען יענער מאָמענט, בעת זי איז אַמאָל אין אַ זומער־אָוונט פונעם טורנע אַהיימגעגאַנגען. דעמאָלט, איז ווי אַ ניט־גוטער, פריץ הינצלע פון אונטער אַ בוים אויסגעוואַקסן, ער האָט זי אַ ווילדן כאַפּ געטאָן און אומגע־אַרעמט, געוואָלט איר אַ קוש געבן אין מויל אַריין מיט זיינע גראָבע עקל־דיקע ליפּן . . . נאָר צום גליק, איז עס איר נאָך געלונגען מיט אַ פּאַטש וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, זיך פון אים אָפּצווערן און צו אַנטלויפן . . . אָבער זיינע פאַרגאָפטע און פון צאָרן אַרויסגעזעצטע אויגן, מיט די פון האָס טריפנדיקע רייד, זיינען איר ווי אַנגערייצטע משוגענע הינט נאָכגע־לאָפן . . . און יעצט זאָל דער דאָזיקער עקלדיקער נפש ווידער מיט אַ גאַנ־צער באַנדע קומען צו דער סינאַגאָג, פונקט ווי דעמאָלט צו איר טייערן אומפאַרגעסלעכן פאָטער. אָ ניין, דאָס דאַרף ניט, און עס טאָר אים ניט גע־לינגען!!! זי וועט זען פריער די „טאָראָ״ אַרויסצוראַטעווען, און זיך צו איר טייערע מוטער אומקערן נאָך איידער ער וועט מיט זיין פינסטערער קליקע אָנקומען . . .

יאָ, זי וועט אַלעס אונמעגלעכע פאַר מעגלעך מאַכן, נאָר די „טאָראָ״ צו באַשיצן, ווי זי האָט עס דעם צובראָכענעם „סינאַגאָגן־דינער״ פאַרשפּראָכן. און גאָט וועט איר אוודאי דערצו העלפן!

מיט אַ בלייכן פּנים, צעפינקלטע אויגן און אַ פאַרציטערט האַרץ, האָט הענלגאַ הינטער זיך די גרויסע „סינאַגאָגן־טיר״ מיט אַ שליסל פאַרשלאָסן, און מיט פיבערדיקע טריט אַרויף אויף די טרעפּ צום ארון הקודש, אויפגע־צויגן דאָס פּרוכת, געעפנט די טירלעך, און געוואָלט אַ ספר תורה אַרויס־נעמען, פאַרהילן עס אין איר מאַנטל און זיך דערמיט דורך דער הינטער טיר אַרויסגנבענען . . .

אָבער אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט זי דערהערט אַ געטראַמפּל פון שטיוועליעס אַדורכגעפלאָכטן מיט אויסגעלאַסענע קולות פון אַ פאַרהעצטן שיכורן המון: „דאָ איסט עס, יאַ, דאַס פערפלוכטע יודענהאוז! דאָ דערינען ווערן אַלע שווינדלערישע פאַרברעכנס געפּלאַנט, נידער מיט די שווינדלער און באַטריגער! נידער מיט דעם יוד!"

און באַלד דערנאָך האָט זי דערהערט אַ ווילד געקלאַפּ אין דער טיר אַריין מיט די קאָלבן פון די ביקסן: „יודע וואָלף, באַרוך, זאָפאָרט עפענען! אַז ניט ווערט די טיר צעשמעטערט און די סינאַגאָג פאַרברענט!"

ביי העלגאַ'ן האָט דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן וואָס שטאַרקער און גע־שווינדער, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט פון איר בוזעם אַרויסרייסן; עס האָט איר אָטעם אויסגעפּעלט און אַ קאַלטער שוויס האָט באַדעקט איר שטערן.

פאַר אַ ווייל איז זי צו שוואַך געוואָרן, און מיט וואַקלנדיקע טריט האָט זי זיך געלאָזט צום נויט־אַרויסגאַנג, — געוואָלט זיך ראַטעווען און אַנט־לויפן . . . אָבער באותו הרגע האָט זי דערהערט פריץ הינצלע'ס בלוט־דורשטיק קול: „קאַמעראַדן, שפּרענגט די טירע!"

אירע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און זי האָט ביי זיך געטראַכט:
— אפשר טאַקע די טיר עפענען און בעטן ביי אים „פאַרצייאונג" . . . אַזוי אַרום וועט קאָנען געראַטעוועט ווערן די „טאָראַ" צוזאַמען מיט איר יונגען לעבן און זי וועט זיך אויך נאָך קאָנען אומקערן אַהיים צו איר טייערער מו־טער. ווייל פאַרבאָרגן טיף אין איר האַרצן האָט זי פאָרט נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן אויפגעהערט צו גלויבן, אַז איר געליבטער פאָטער לעבט, און ער קאָן זיך נאָך צו זיי אומקערן און זי וועט אים אויך נאָך זען . . . אָבער צו־גלייך זיינען אין איר אויך וואַך געוואָרן טיפע ספקות: טאָמער, אוי, טאָמער, נאָר פּלוצים האָט אַן איבערמענטשלעכער שטראָם פון כח אין איר האַרץ אַ כוואַליע געטאָן, — און פון דער כוואַליע איז צו איר אַ מעכטיק קול פון „ביין" דערגאַנגען . . .

דער דאָזיקער כח האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר פאָטערס ערלעכן לעבן, און אַריינגעפּלייצט אין איר ווילן; ניט געלאָזן אים בויגן זיך ווי אַ שטאָל, און זי פשוט געצוואונגען צו בלייבן פאַר'עקשנ'ט . . .

„איך בין ניט קיין פרומער יודע, מיין קינד, — אַזוי פלעגט איר פאָ־טער תמיד טענה'ן צו איר, — הגם מיין „גראָספאָטער" איז געווען אַ ראַבי־נער. דערפאַר בין איך אָבער פאַרבליבן ערלעך, און בשום אופן קיינמאָל ניט קיין ליגן געזאָגט. כאָטש איך בין נאָר אַ פשוטער פּי־העַנדלער געוועזן, האָב איך דעם אמת אָפּגעהיט אַפילו אונטער די שווערסטע באַדינגונגען . . . אין די הייליקע פייערטאָגע — ראש השנה און יום כפור, האָב איך קיינמאָל ניט

געאַרבעט, נאָר זיי תמיד געזען אָפּצוהיטן ווי אונדזערע „פראָמע אוראָנען".
און ווייל איך האָב די הייליקע פייערטאָגע געהאַלטן, — האָבן זיי מיך דער־
האַלטן . . . איז אַמאָל עפּעס שרעקלעכעס איבער מיר געקומען, — קיין
געלערנטער יודע בין איך ניכט געווען — האָב איך געבעטעט: יתגדל
ויתקדש שמה רבא, אָ, אייביקער גאָט, באַהיט מיך! בין איך אַמאָל פאַר־
צווייפלט געוואָרן האָב איך געזאָגט: „כל נדרי", אַלמעכטיקער גאָט פאַרגיב
מיר די זינד און רעטע מיך! . . . און איז ווען אַ געפאַר איבער מיר גע־
האַנגען האָב איך גערופן: שמע ישראל! גאָט פון מיינע אבות, דערבאַרעם
זיך איבער מיר . . . ווייל די פאַר הייליקע ווערטער זיינען די נשמה פון
אונדזער אייביק געדולדיקן, גרויסן גאָט . . . און ווען מען רופט זיי פון
טיפן האַרצן אויס, — ניט קיין אונטערשייד וועלכער יודע — מוז די געט־
לעכע זעלע אויפציטערן" . . .

. . . . און העלגאַ האָט זיך אויך דערמאָנט ווי איר טייערער פאָטער
פלעגט תמיד פאַר איר בעטל שטיין, ווען זי איז אַמאָל געפערלעך קראַנק
געווען און גערופן, געוויינט און געבעטן: „שמע ישראל! ש־מ־ע ישראל!
. . . אייביקער גאָט דערהער מיך!"

יאָ, די פאַר הייליקע ווערטער, וואָס האָבן זיך געהאַט אין אירע געבליטן
און געביין אויף אייביק איינגעקריצט, איינגעברענט, זיינען איצט אין איר
האַרצן נאָך מער אוינפגעפלאַקערט געוואָרן און פון איר אַרויסגעשטראַלט
און זי באַלויכטן . . .

עס איז ביי איר פאַרבליבן אַז פאַרלאָזן די „טאָראָ" — הייסט אָפּלייקע־
נען און אַנטלויפן פונעם אייגענעם שטאַם, און דאָס טאָר קיינמאָל ניט גע־
שען! עס מעג פאַסירן וואָס עס וויל; זי וועט איר הבטחה וואָס זי האָט דעם
אַלטן „סינאַגאָגן־דינער" געגעבן ניט ברעכן און די הייליקע „טאָראָ" ניט
פאַראַטן, ניין, ניין!

און מיט די דאָזיקע געדאַנקען איז זי צוריק אַרויפגעגאַנגען אויף די
ארון־קודש־טרעפּ, און דאָרטן, אַזוי ווי אַ פאַרגליווערטע מויער, שטיין גע־
בליבן . . .

זי איז כמעט ווי זיכער געווען ביי זיך, אַז ווען פריץ היינצלע וועט זי
דערזען וועט ער פאַרט זיין פינסטערן פּלאַן ניט קאָנען אויספירן, זי וועט
בשום אופן ניט אָפּטרעטן, און זי — וועט ער דאָך ניט קאָנען אונטערציינדן;
און אַרויסטרייבן וועט זי זיך בשום אופן אויך פון קיינעם ניט לאָזן. ניין,
ניין! און אַזוי אַרום וועט די סינאַגאָג און די הייליקע „טאָראָ" מיט איר איי־
גענעם לעבן געראַטעוועט ווערן . . .

אינצווישן איז אָבער דאָס געטראַמפּל פון די שטיוואַליעס וואָס אַמאָל

שטאַרקער געוואָרן און דאָס געבריל פונעם המון אַלץ בייזער און ווילדער, ביז פון אַ שרעקלעכן זעץ — איז די טיר אויפגעבראָכן געוואָרן, און פריץ הינצלע מיט זיין שוואַרצער באַנדע זענען אין שול אַריין.

אַ רגע איז ער אַ פאַרבליפטער שטיין געבליבן, און פשוט ניט געוואָלט זיינע אויגן גלויבן וועמען ער זעט דאָ פאַר זיך . . .

מיט צעשויבערטע האָר איז העלגאַ פאַרן ארון קודש געשטאַנען, פון איר פיין, אָוואַלן און טונקל־בלאַסן פנים, האָבן אַרויסגעבליצט צוויי גרויסע שוואַרצע מיט טרויער איבערגעפולטע יידישע אויגן, וועלכע האָבן אים פשוט ווי פאַרכשופט . . .

אַ טיפער חשק האָט אים גלייך אַרומגעכאַפּט זי אַרומצונעמען און קושן פאַר אַלע צייטן . . . איר שיינקייט און דאָס אומפאַרהאָפטע טרעפן זי אין שול, האָט אים ווידער זיין בלוט אויפגעברויזט, און ער האָט זיך ניט גע־קענט דערקלערן וואָס זי טוט דאָ אין שול . . .

אָבער ער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו פאַסן און אויסגעשריען מיט אַ געמאַכטן ירגזון: „וואָס מאַכסט דו דאָ יודענווייב ?“

העלגאַ האָט געשוויגן . . .

„וואָס האָסט דו היר פאַרלאָרן קאַנאַליע ?“ האָט פריץ הינצלע איבער־געחזר'ט זיין פריערדיקע שאלה און פאַר צאָרן זיך כלומרשט געכאַפּט פאַרן רעוואָלווער . . .

העלגאַ האָט אַ ווילדע געטראַכט און קאַלט איבערלייגט געענטפערט: „איך בין צום בעטן געקאָמען, הער הינצלע“ . . .

„און צו וועמען ווילסטו דען בעטן ?“ האָט ער זי שפּאָטיש געפרעגט און זיך ווייטער מיט זיין רעוואָלווער געשפּילט . . .

„צום גאָט דער יודן“, האָט העלגאַ אים דרייסט און אָן שרעק געענטפערט.

„כאַ, כאַ, כאַ ! צום גאָט דער יודן וויל דאָס דומע ווייב בעטן... פאַרשפּאָר דיר דיין מי, אויב דו ווילסט שוין יאָ טאָקע בעטן, טאָ בעט בעס־סער צו מיר, ווייל דער ערשטער וועט דיר באַשטימט ווייניקער העלפן ווי דער צווייטער“ . . .

„יאָ—ווו איז דען אייגענטלעך דער סינאַגאָגן־דינער, פרויליין העלגאַ ?“

„איך ווייס עס נישט, הער הינצלע“ . . .

„דו לייגסט, יודנווייב, אַרויס פון דאַנען ! אַז ניט וועלן דיך באַלד מיינע לייט אַרויסטראָגן !“ און ער האָט אויסגערופן: „קאַמעראַדן, גרייט צו האַלץ פאַר דער 'אויפאָפּפערונג איזאַקס'... גיסט פּעטראָל אין אַלע ווינקלען

אַז דאָס פייער פון דער סינאַגאָגע זאָל קענען אומגעשטערט אַרויפשטייגן — צום גאָט דער יודן!"

„אויף באַפעל, הער גאַולייטער!" און די באַנדע האָט זיך גלייך פאַר דער אַרבעט גענומען: צעבראָכן די שטענדערס, צעשמעטערט דעם עמוד מיטן באַלעמער, און געגאָסן פעטראָל אין אַלע ווינקלען פון דער סינאַגאָגע.

„און יעצט קאַמעראַדן", האָט הינצלע טריומפירנדיק אויסגערופן: „אַרויף אין דער וווינונג פונעם סינאַגאָגן־דינער. שלעפט דאָס שווין אַרויס פון זיין פאַרשטעק און קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער מיט אַלע ווערט זאַכן וואָס איר וועט דאָרט נאָר ביי אים געפינען. ווען איר וועט פאַרטיק זיין מיט דער אַרבעט, באַגיסט אויך פון דרויסן מיט פעטראָל אַלע ווינקלען פון דעם שאַנדהויז און גיט מיר דערנאָך באַשייד. אָבער פאַסט גוט אויף — אין דעם מאָמענט ווען איך וועל האָבן געציילט פון איינס ביז דריי, זאָל אַלעס אין פלאַמען אויפגיין, פאַרשטאַנען?!"

„אויף באַפעל, הער גאַולייטער, מיר שטייען צום דינסט!" האָט די קליקע געענטפערט מיט צוזאַמענגעשלאָגענע פיס, דעם קאָפּ גראַדהאַלטנדיק און האָבן דערנאָך אַרויסמאַרשירט.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און די קליקע האָט גערופן: „הער גאַולייטער, דער סינאַגאָגן־דינער איסט ניכט דאַ!"

„וואַ־אַס, ער איז ניט דאָ? זוכט אים ווייטער אין גאַנצן הויז, ער מוז געפאַקט ווערן!"

און דעם סטודענט הינצלעס שלאַנגיקער כעס צו די יידן וועלכער האָט אים ניט אויפגעהערט צו נאָגן אַ דאַנק דעם פאַטש וואָס העלגאַ האָט אים אַמאָל געהאַט דערלאַנגט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אויף אַ פּרעכן אופן דערנענטערן צו איר, האָט זיך אַפילו נאָכן פאַרשלעפן פון העלגאַ׳ס פאָטער אויך ניט געקאָנט איינשטילן אין אים . . . נאָר אַזוי ווי אַ געשלאָגענער הונט פון זיין האַרצן אַרויסגעבילט: „העלגאַ, דו ביסט איצט אין מיין געוואַלט. זאָג ווי אַזוי דו קומסט דאָ אַהער, און ווו דער סינאַגאָגן־דינער וואָלף באַרוך איז פאַרשווונדן געוואָרן, ווייל ווען דו וועסט ניט באַלד קיין ענטפער געבן, וועט די עלענדע בודע אין דער לופטן פליען!" . . .

די גאַנצע צייט איז העלגאַ געשטאַנען ווי אין אַ טיפן קאָשמאַר, נאָר דערזעענדיק די אויפגעבראָכענע שול־טיר, דעם צעשמעטערטן עמוד מיטן בעלעמער, וואָס די ווילד אַריינגעפלייצטע חברה האָבן נאָך זיך געלאָזן, איז זי מיט אַ שוידער וואַך געוואָרן. צייטווייליק האָט זי זיך פאַרלוירן און ניט געקענט אונטערשיידן צי איז דאָס אַ שווערער חלום צי די ביטערעווירקלעכקייט . . . אירע אויגן האָבן זיך מיט טרערן אָנגעפילט, איר האַרץ האָט

שטום געיאָמערט און מיט אַלע כחות האָט זי זיך באַצוואונגען און געענט־פערט: „איך ווייס עס ניט, הער גאוליטער!" . . .

„און ווי אַזוי ביסט דו דאָ אַהער געקומען? ענטפער זאָפּאָרט!"

„איך האָב עס אייך דאָך שוין געזאָגט: איך בין צום בעטן געקומען, הער גאוליטער".

„איך גלויב דאָס ניט, ווען דו וועסט מיר ניט גלייך דעם פולן אמת זאָגן וועל איך דיך מיט דיין גאַנצער שול באַלד לאָזן אַזוי ווי אַ ציגאַרעטל אויס־רויכערן!"

„דאָס איז דער פולער אמת, הער גאולייטער!"

„פערפלוכטעטע יודין, דו ליגסט!"

„אָבער, הער גאולייטער, איר זענט דאָך אימער אַזוי העפלעך צו אַ דאַמע" . . .

„האַלט ס׳מויל, עלענדע יודין!"

העלגאַ האָט אים לאַנג און אַדורכדרינגנדיק באַקוקט . . .

„וואָס ווילסט דו דען, העלגאַ?" ער איז גאַנץ נאָנט צוגעגאַנגען אַ באַ־נומענער פון איר בליק, און זי צוריק באַנומען ווי אַ הונט מיט זיינע ווייך לאַשטשענדיק געוואָרענע אויגן . . .

„איך ביטע געפעליגסט אום גנאַדע, הער גאולייטער, לאָסן זי גאָטעס האוז אונבעשעדיקט" . . . האָט זי פּרובירט דעם מאָמענט אויסצונוצן . . .

„יאָ, איך ווערדע געפעליק זיין, אָבער נור אונטער איינער באַדינגונג: ווען דו וועסט ווידער גוט מאַכן, וואָס דו אַמאָל פאַרבראָכן!" . . .

און ער האָט זי בשעת מעשה פעסט פאַרן אָרעם אָנגענומען, זי אַראָפּ־געפירט פון די ארון־קודש טרעפּ און געוואָלט אין נעבן חדר אַריינציען . . .

העלגאַ האָט זיך געפּרוווט ווערן און געוואָלט צוריקגיין, נאָר ער האָט זי געהאַלטן מיט אַ כלומרשטער צערטלעכקייט וועלכע האָט פאַראָטן גיריקע געוואַלט . . .

„אָבער פרויליין העלגאַ, דו ברויכסט דאָך קיין אַנגסט ניט האָבן פאַר מיר, איך וויל קיין שום אומרעכטס ניט, איך וויל דיר נור עפּעס וויכטיקעס זאָגן!" . . .

„ביטע, הער גאולייטער, זאָגט עס דאָ" . . .

„הער זיך איין העלגאַ, איך וויל דיך און דיין מוטער באַשיצן, אַז עס זאָל אייך קיין שום שלעכטס נישט געשען; אָבער דו מוזט גוט זיין צו מיר, וועל איך אָן אַלעם פאַרגעסן" . . .

זיין פון לאַנג שוין פאַרוואונדעטער באַגער האָט ווי אַ גיריקע שלאַנג אויפגעציטערט אין אים, און ער האָט זי לאַשטשענדיק מיט איין לאַפּע פעסט

אַרומגענומען און מיט דער אַנדערער געפּרוווט פּאַרקריכן צו דער טאַליע פון איר לייכטן קליידל אונטער וועלכן זי האָט געפּלאַטערט אים רייצנדיק...

ער האָט דערשפּירט אין דעם פיבערדיקן ציטער פון איר גוף אַז זי גייט אויסשרייען, און איר פריער ס׳מויל מיט זיין לאַפּע צוגעהאַלטן.

„אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, הער גאולייטער?"

„רואיק, העלגאַ, קיין לאוט!"...

„אָבער, הער גאולייטער, איר פאַרלאַנגט אַ צו הויכן פּרייז פון מיר, דאָס איז דאָך אונמעגלעך!" . . .

„כאַ, כאַ כאַ! ווען דיר דיין סינאַגאָג איז דיר דאָס ניט ווערט, דאַן טוסט דו מיר מיט אַלע דיינע פערפלוכטע גלויבנסגענאָסן זער לייד!"

העלגאַ׳ס געמיט האָט שטיל געיאָמערט אין איר: ווער קען אים דען גלויבן? ער וויל זי נאָר פאַראומרייניקן . . . און איר געוויסן האָט זי גענו־מען פייניקן און קוועלן: אַז מען קען ניט באַשיצן איין ריינקייט דערמיט וואָס מען טוט אויף איר חשבון די אַנדערע מטמא זיין . . . איז וואָס קען זי טאָן?

אָבער די חיה האָט קיין רירונג ניט דערפילט, נאָר זיין תאווה איז אין אים נאָך מער צורייצט געוואָרן, ביז ער איז זי ווידער אַמאָל פון הינטן באַ־פאַלן און אַרומגענומען, זיך ווילד איינגעזויגן מיט זיין צעיוירענעם מויל אין אירע צאַרטע ליפּלעך מיט אַ שמוציקן קוש . . . און דער קוש האָט אַזוי ווי אַ גיהנומדיקער פייער אַ ברי געטאָן איר נשמה . . .

העלגאַ האָט דערפילט אַז עפּעס פּחדים׳דיקס וויל מיט איר געשען . . . אָבער מורא האָבנדיק פאַר דער נקמה, וואָס האָט אין אים געגליט אַן איר צו נעמען, האָט זי אים זיס אין די אויערן אַריינגעפּליסטערט: „מיין ליבער, ליבער, הער גאולייטער!" . . . און גענומען צערטלעך לאַשטשען זיין מנובלדיקן פּרצוף.

ווי אַן אומגלויבלעכע פאַנטאַסטישע מוזיק האָבן אירע ווערטער גע־קלונגען און זיין בלוט פאַרשכורט . . . ער איז געוואָרן שוואַך פאַר תאווה און אַנגסט אַז זיינע קאָלעגן זאָלן זיך גאָרניט מערקן . . . און געזוכט אויף כלערליי אופנים פּטור צו ווערן פון דעם שווערן פיזישן דרוק, וואָס האָט אים געפּייניקט אין דער טיף פון זיין בלוט און געגאַרט נאָך באַפרידיקונג.

וויסנדיק אָבער אַז זיינע קאַמעראַדן זענען אין דרויסן, — האָט ער גע־זוכט אויף פאַרשיידענע כיטרע אופנים צו שטילן זיין באַגער . . .

און אַז ס׳איז איר ווידער געלונגען זיך אָפּצווערן, איז ער זי נאָכאַמאָל ווי אַ פאַרווונדעטע חיה באַפאַלן.

„אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, לאָזט מיך אָפּ!" האָט זי קראַמפּהאַפּט

זיך ביי אים געבעטן, „אָדער איך וועל מוזן שרייען: אַז איר ווילט מיך פאַר־גוואַלטיקן, און אייערע אייגענע קאַמעראַדן נאָך הילף רופן. איך וועל אַזוי לאַנג שרייען ראַסנשאַנד! ביז יעדער וועט זיך דערוויסן אַז דער הער גאוו־לייטער פריץ הינצלע האָט געוואָלט זיין ריין אַרישעס בלוט מיט אַ יידינס פאַראומרייניקן״ . . .

„איך, דיך, פאַראומרייניקן? — יודנהורע!״ — האָבן זיינע ציינער שטשירענדיק די הייזעריקע ווערטער פאַרביסן, און זיינע אויגן זיינען גע־וואָרן איבערגעלאָפן מיט בלוט, מחמת ער האָט זיך דערפילט נאָך איר לעצטער וואָרנונג, ווי אַ מיאוס אָפּגעשפּיגענער און נאָך מער באַליידיקטער ווי פריער . . . ביז ער האָט אויפגעהויבן זיין פון בייסיקן צאָרן צענויפגע־ביילטע פויסט און איר דערלאַנגט אַ האַרטן זעץ אין איר פּנים אַריין, און ווען ער האָט דערזען איר בלוט, איז ער ערשט אין אַ פרישן ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז אַריין, זי געכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך מורמלענדיק: „זאַ, זאַ, העלגאַ . . . איך — ליבע — דיך״ . . . און פאַרגלאָצנדיק זיינע אויגן ביז צו באַוווסטלאָזיקייט אויפגעשווידערט . . .

העלגאַ האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פאַרוווּנדערונג, וועלכע איז גע־ווען אויסגעמישט מיט טיפן עקל און אַנגסטיקער פאַראַכטונג . . . אָבער דערזעענדיק אים אַזוי שפּלדיק פאַרקרומט פאַר זיך האָט זי מיט אַ כיון נאָך אַמאָל איבערגעחזרט אירע פריערדיקע רייד: „ליבער, ליבער הער גאולייי־טער! אַ, ביטע אום גנאַדע״ . . .

איר בקשה האָט אים ווי אַ אייזיקער צעבער וואַסער אָפּגעצוואָגן. ער האָט זיך אַ כאַפּ־אויף געטון, אויסגעניכטערט, צערעכט געמאַכט זיין מונ־דיר, שטראַם אויסגעגלייכט זיינע גלידער, און דאַן דערלייכטערט האַלב טריומפירנדיק אויסגערופן: „און יעצט יודנהורע, ברויך איך דיך נישט מער! יעצט קאָנסטו גיין צום טייפל — אָדער צו דיין אַלמעכטיקן פאָטער אין הימל! און איך וואָרן דיך צום לעצטן מאָל, פאַס גוט אויף: איך וועל ציילן ביז דריי . . . אַז דו וועסט ביז דאַן פון שול ניט האָבן אַרויסגעגאַנגען, וועל איך דיך צוזאַמען מיט דער פאַרפלוכטער בודע פאַרברענען!״ . . .

ווען פריץ הינצלע איז פון שול אַרויס, האָט זיין אַלטער כעס מיט דער נייַ צוגעקומענער באַליידיקונג נאָך מער אויפגעציטערט אין אים, זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרומט ווי ער וואָלט פון אַ גיפטיקער שלאַנג געביסן גע־וואָרן, און אין זיין מח האָט געגומען אַרומקריכן אַ געדאַנק — ווי אַ בייזע הונגעריקע שפּין: ניין, ניין! ער מוז זי אינגאַנצן האָבן, זי מוז עס אויך פילן, און פשוט אויסגיין דערפילנדיק . . .

און זיין פון לאַנג דערנידריקטער שטאָלץ אויסגעמישט מיט דער ניט

דערווידערטער סעקסואַליטעט — האָבן ווידער אויפגעשטורעמט אין זיין האַרץ נאָך נקמה . . . יאָ, צו נעמען נקמה אָן איר פאַר אַלע צייטן ! . . . און דאָס דאָזיקע נקמה געפיל האָט געזאָטן, געפלאַקערט און געברענט אין אים, — געזוכט זיך אויסצולעשן אין איר יידישן בלוט ! . . .

העלגאַ, וועלכע איז אין דער סינאַגאָגע געבליבן האָט ניט געגלויבט אין זיינע רייד. זי איז ווידער צום ארון קודש אַרויף, אַרויסגענומען אַ ספר און עס אין איר מאַנטל איינגעהילט, און דאָרט אַזוי אַ מאָמענט אַ פּאַר־טראַכטע געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך . . . האָפנדיק אַז דערמיט וואָס ער האָט זי יעצט אַזוי שטאַרק געקושט און זי האָט אים גערופן ליבער הער גאָו־לייטער און גנאָדע ביי אים געבעטן, וועט ער איר שוין זיכער מער קיין שלעכטס טאָן, נאָר גלויבן אַז זי וועט שפּעטער זיין בקשה ממילא אויספירן. ער וועט אוודאי הייסן דער פינסטערער קליקע פון דער סינאַגאָגע זיך אָפּציען כדי ס׳זאָל קיינער זיך פון גאָרניט דערוויסן . . .

איר נאַאיוו־קינדישער גלויבן האָט פשוט ניט געאָנט צו וואָס עס איז נאָך אַלץ פעאיק אַזאַ ברוטאַלער מענטש, וואָס האָט שוין געהאָט איר פּאָטער פאַרשלעפּט, אַ דאַנק זיין אַלטער ניט דערפילטער תאווה צו איר, וואָס איז נאָך מער צורייצט געוואָרן דורך איר פרישער און טיפערער דערנידריקונג לגבי אים . . . איר יונג און בליענדיק לעבן האָט זיכער אין ברען פון התחייבות, וואָס די טראַגישע סיטואַציע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, אין גאַנצן פאַרגעסן אָן איר עקזיסטענץ . . . די געוואַלטיקע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פון איר נשמה האָט זיך עפּעס אין אַזאַ מין אויסטערלישן גלויבן איינגעהילט — וועלכער איז געוואָרן לייכטזיניק צו איר לעבן . . . און דערפאַר האָט זי עס אפשר נאָר פאַר אַ וויטערדיקע דראָאונג אָנגענומען, ווען זי האָט נאָכאַמאָל פון דרויסן פריץ הינצלעס וואָרנענדיקן רוף דער־הערט : ווען זי וועט ניט תיכף פון דער שול אַרויס, ווען ער וועט האָבן דריי געציילט, וועט ער די שול מיט איר אין איינעם פאַרברענען . . . אָדער זאָל דער דאָזיקער רוף, זי נאָך מער אָנגעאייפערט האָבן פאַרעקשנט צו בלייבן אין שול אַזוי לאַנג ביז ער וועט פון דער שול ניט אָפּטרעטן ? מחמת דער פשוטער ווירקלעכקייטס זין איז פון איר אַנטרונען און זיין אָרט האָט פאַר־נומען דער פאַרפירערישער אבערגלויבן, וואָס גרעניצט אָפּט נאָר מיט אַ פאַנטאַסטישער אומנאַרמאַליטעט. זי איז ניט בכח געווען זיך פאַרצושטעלן, אַז איין מענטש וועט קענען נעמען אַ צווייטן לעבעדיקן מענטש און אים לאָזן קאַלטבלוטיק פאַרברענען אינאייינעם מיט אַ שול . . . פאַר העלגאַ׳ס אויגן איז נאָר געשטאַנען איר אַלטע מוטער, מיט די אויסגעשטרעקטע הענט וואַרטנדיק אויף איר, און זי האָט געהערט ווי איר טרויעריק קול ציטערט :

„העלגאַ, העלגאַלע, מיין איינציק קינד! פאַרגעס נישט אַז דו האָסט דיין מאַמען צוגעזאָגט גלייך צוריקצוקומען צו איר״...

יאָ, אומקערן קאָן זי זיך דערווייל נאָך ניט, ביז זי וועט ניט האָבן צו ערשט דערפילט איר הייליקן חוב . . .

פּלוצים האָט זי ווידער דערהערט פריץ הינצלעס שווידערדיקן קול: — „יידין — איינס . . .״ און העלגאַ איז אַדורכגענומען געוואָרן פון די פּאַר־שיידענע געפילן וואָס האָבן דערוואַכט אין איר . . .

פון איין זייט האָט זי ניט געגלויבט אַז ער וועט זיין ביכולת אַ מענטש מיט אַ שול צו פאַרברענען; פון דער אַנדערער זייט, איז עפּעס פון די אַלע געפילן אויסגעוואַקסן אַזאַ מין געפיל — וואָס איז אַזוי ווי אַ פלאַם אַריבער־געקלעטערט איבער דעם העכסטן טורעם פון איר הילפלאָזיקייט . . . און זי האָט זיך נאָר געקלאַמערט אָן איר ניט גלויבן . . . זי האָט אַליין ניט גע־ווּסט וועלכעס געפיל עס איז שטאַרקער געוואָרן פון די געפילן וואָס האָבן געקעמפט אין איר: צי דאָס געפיל פון רחמנות און צער צו איר טייערער מוטער; צי דאָס הייליק גרויסע געפיל די תורה צו באַשיצן — וועלכע איר פאָטער האָט אַזוי געליבט און געאַכט . . .

העלגאַ האָט נאָר געוווּסט אַז אַלע געפילן האָבן זיך אין איר פאַראייי־ניקט און זי געצווונגען זיך ניט אונטערצוגעבן, נאָר שטאַלץ און ערלעך צו פאַרבלייבן אַזוי ווי איר פאָטער און אַלע אבות, וואָס זייער הייליק געבליט פליסט אין איר, און וואָס זייער באַפעל, די תורה מיט דער סינאַגאָגע צו באַ־שיצן, איז גרעסער און שטאַרקער פון אַלע באַפעלן אין דער וועלט! . . .

און ווידער האָט פריץ הינצלעס קול שווידערדיק פון דרויסן אַריינגע־דרונגען, אין דער הייליקער שטילקייט פון דער סינאַגאָגע, אָבער דאָס מאָל נאָך קאַלטבלוטיקער ווי פריער — „יידין — — צוויי!״ . . .

און זי האָט דערשפּירט אַז עס איז אין איר געבוירן געוואָרן אַן איבער־מענטשלעכער כח, זיך צו ווערן פאַר אַלע דורות, און ניט אויסצופירן זיין פינסטערן באַפעל, זאָל עס אפילו איר לעבן קאָסטן!

זי איז אויך איבערצייגט געווען אַז דאָס וועט ער פאָרט ניט קאָנען טון, שוין אַ דאַנק זיין ליבע צו איר, דערפאַר האָט זי עס בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן . . .

אָבער פריץ הינצלע האָט יאָ אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מיט דער העלגאַ איז עפּעס „דער טויפל לאָס״ . . . און דערפאַר איידער ער האָט געוואָלט „דריי״ אויסרופן, איז אים אין זיין קאָפּ אויפסניי טונקל געוואָרן, און אין זיין האַרצן האָט עס אים אָנגעהויבן צו נאָגן — אַ שאָד, וואָרהאַפטיק אַ שאָד, אַזאַ שיינקייט . . . אַזאַ ווייכער, עלאַסטישער און דופטנדיק רייציקער גוף.

אָבער טפוי! זי איז דאָך נישט מער ווי אַ הור — האָט ער געטראַכט — כאַ, כאַ, כאַ! ער האָט זי דאָך שוין געהאַט . . . וואָס, אפשר ניט?! עס קאָן זי דאָך אויך שוין יעדער האָבן . . . יאָ, יעדער, יעדער, יעדער! — האָט ער געזוכט צו פאַרשרייען זיין פאַרנעפּלטן געוויסן וואָס האָט אָן זיינע רייד ניט געוואָלט גלויבן . . . און אַלס אַ נקמה אָן זיין שוואַכקייט וואָס האָט אים ביז איצט געשטערט זי צו באַזיצן אויף אָן אמת . . . האָט ער ווי משוגע אויסגערופן: „דריי!“

אָבער העלגאַ האָט עס נאָך אַלץ ניט געגלויבט . . . ניט זי האָט זיך דערפילט הילפלאָז, און ניט זי האָט געהאַט מורא פאַר אים, מחמת זי האָט נאָך פאַרמאָגט איר לעבן, אויף צו קאָנען זיך ווערן אַנטקעגן אים און ניט צו מוזן אויספירן זיין באַפעל . . .

„קאַמעראַדן, לאָזט די פלאַמען פלאַקערן!“ — האָט הינצלע אויסגעשריען.

באַלד דערנאָך איז אַ געוואַלטיקער פלאַם צום הימל אַרויפגעשאָסן, און נאָך אים זענען ברענענדיקע זיילן נאָכגעשפּרונגען, זיך אויפגעשטעלט טורעמדיק הויך, און אומגעפאַלן, ביז זיי זיינען צוברעקלט געוואָרן אויף פּיצפּיצלעך.

העלגאַ האָט זיך אויסגעדאַכט ווי זי וואָלט דערהערט אַ האַרצרייסנדיקן יאָמער, אויסגעמישט מיט אַ וואָרנענדיקן צאָרן . . . און באַלד ווידער אַ שטומען געפּליסטער: ווי די נשמות פון אַלע סינאַגאָגן און תורות, וואָלטן אויף איינמאָל אויפגעציטערט און אָנגעהויבן מיט שרעק ווידוי צו זאָגן פאַר איר, אויסשטרעקנדיק זייערע שוואַכע הענט, ווי הילפלאָזע קינדער און גערופן, געבעטן, געוויינט: באַהיט און באַשיץ אונז, ש־מ־ע ישראל, ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל! . . .

און פון די זיך שלענגלענדיקע פלאַמען, זענען פאַר איר אויך אויפגעשטאַנען דורות מיט יידן, אין זילבערווייסע קיטלען, מיט טליתים פאַרהילט. און וויינענדיקע פרויען נאָך פאַרטיפט אין זייערע תפילות . . . יאָ, גאַנצע דורות — מיט זייערע סעודות, חתונות, לויות און הזכרות נשמות . . . אַלע זייערע הייליקע פאַרשטומטע תפילות האָבן ווידער אויפגעקלונגען אין אירע אויערן, און זי האָט זיי אַרומגענומען און צוגעדריקט ווי אַ קינד צו איר האַרצן . . . און זי האָט זיי געשווירן, ניט צו לאָזן אונטערגיין און אויסגעמעקט ווערן פון דער אייביקייט . . . נאָר זיי צו היילן, באַשיצן און אויפצוהאַלטן מיט איר אייגענעם לעבן . . .

אַזוי איז העלגאַ געשטאַנען ביים ארון קודש מיט דער פאַרהילטער תורה אין דער האַנט און, ווי אין חלום, געזען די פלאַמען זיך שלענגלען

קריכן וואָס אַמאָל נענטער צו איר, און אָנגעפאַנגען צו קושן און באַלעקן די זוימען פון איר קלייד, און די זיידענע הויט פון איר צאַרט מיידעלשן גוף...

ביז איר לייב האָט אויף איינמאָל דערשפּירט דעם ביטערן ניכטערנעם ווײ פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט... אין וועלכער איר נשמה האָט די גאַנצע צייט ניט געוואָלט גלויבן...

זי האָט אויפגעעפנט פון חלום אירע גרויסע שוואַרצע אויגן און אויסגערופן: „אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, דערבאַרם זיך!" אָבער די תורה האָט זי פון אירע הענט ניט אַרויסגעלאָזן, נאָר זי פעסטער צו איר האַרצן צוגעדריקט. און עס איז איר געקומען אויפן זינען איר פּאָטערס הייליקע געבעט — וואָס ער האָט תמיד געזאָגט ווען ער האָט זיך געפונען אין דער גרעסטער געפאַר...

דערווייל האָט דער רויך מיט די פלאַמען אַלץ שטאַרקער און הייסער אַרומגעכאַפּט, צעקעמט מיט אַ פורפורנעם קאַם איר סאַמעט שוואַרצע האָר און דער ווייטיק איז לאַנגזאַם, אַזוי ווי אַ גליטשיקע שלאַנג, צו די אָדערלעך פון איר באַוווסטזיין צוגעקראָכן, און זיי אָנגעהויבן שטום און טיף צו בייסן און אײנציקווײַז, אײנציקווײַז, פונאַנדערצורײַסן... זי האָט צוזאַמענגענומען אירע לעצטע כוחות — פעסטער, שטאַרקער, די „טאָראָ" צו איר האַרצן צוגעפּרעסט און געטאָן אַ לעצטן פאַרצווייפלטן אויסגעשריי: ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!

אין דעם זעלביקן מאָמענט, האָט זיך דערהערט אַ געוואַלטיקער אויפרייס, מיט אַ מוראדיקן קראַך...

דאָס אָרעמע יידישע מיידל מיט דער ספר תורה אין דער האַנט איז באַדעקט געוואָרן מיט צישנדיקע פלאַמען, און צוגליטע שטיינער פון דער צעשטערטער שול. נאָר אינעם פייערדיקן אויר, האָט נאָך אַלץ געציטערט און געריסן זיך דורך די וואָלקנס טיף אין הימל אַריין איר לעצטער אויסגעשריי: ש־מ־ע י־ש־ר־א־ל!...

דאָס טויטע מאַמעלע

(איבערדערציילט)

די קליינע זעקס־יאָריקע פּערעלע זיצט אין אַ ווינקעלע פון דער קיך און שפּילט זיך ביי אַ קליין טישעלע מיט אַ שפּיגעלע וויינענדיק ביטער: „איך וויל צו דער מאַמען, לאָזט מיך צו מיין מאַמעלען! פאַרוואָס קומט זי ניט צו מיר?"

שוין לענגער ווי אַ וואָך האָט פּערעלע איר מוטער ניט געזען, אַלע אירע געבעטן האָבן ניט געהאָלפן, זי האָט ניט געטאָרט צו איר קומען.

„זיי בראַוו און שטיל, פּערעלע", האָט איר אַלטע באָבע זי מיט אַ ציטערדיקן קול געבעטן: „שפּיל זיך מיט דיינע פּאַפּקעס און שפּיגעלע, ווייל דיין מאַמע איז זער קראַנק. בעט צום ליבן גאָט אַז ער זאָל איר באַלד העלפן און זי ניט לאָזן אַזוי יונג שטאַרבן". פּערעלע האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר אַז זי זאָל פאַר איר מאַמעלען בעטן. און זי הייבט אויף אירע הענטעלעך און אויגן צום הימל און בעט מיט אַ טיפער קינדישער כוונה: „ליבער גאָט, מאַך מיין מאַמעלען ווידער געזונט, לאָז זי נישט שטאַרבן!" אָבער דער ליבער גאָט האָט אוודאי פּערעלעס בעטן ניט געהערט מחמת איר שטים איז צו אַ שוואַכע געווען, אָדער ניט רעכט פאַרשטאַנען, ווייל צו מאָרגנס איז די באָבע צו איר מיט פאַרוויינטע אויגן געקומען, זי אָנגעטאָן, שלוכצנדיק: „דיין ליב מאַמעלע איז טויט, פּערעלע! אָרעם קינד, דו האָסט יעצט קיין מאַמען ניט מער". פּערעלען איז גאַנץ אומעטיק און באַנג אויפן האַרצן געוואָרן.

„וואָס איז דאָס טויט?" האָט זי געפרעגט. „איז דאָס עפּעס זער שלעכט? טוט עס וויי?"

„אַך, דו נאַריש שעפעלע, דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע . . . ווען אייגער איז טויט הערט און זעט ער נישט מער, אים טוט שוין גאָרנישט ווי, נייך, אים טוט שוין גאָרנישט וויי . . .

„מען טראָגט אים אויף תמיד אויפן קברות אַרויס, און ער קומט שוין קיינמאָל מער פון דאָרט ניט צוריק" . . .

„שוין קיינמאָל מער ניט צוריק? און ס'מאַמעלע אויך ניט?" האָט

פּערעלע וויינענדיק ביי איר פֿאָטער איבערגעפּרעגט וועלכן מען האָט אַקארשט אַ מידן און דערשלאָגענעם פֿון דער אַרבעט אַהיים געבראַכט.
„טאַטעשי!" וויקלען זיך אירע הענטלעך אַרום זיינע פּיס, „איז דאָס וואָר וואָס די באָבע האָט געזאָגט: די מאַמע איז טויט און וועט שוין קיינמאָל מער צו מיר ניט קומען?" . . .

דער טאַטע נעמט אַ געריבטער פֿון צער פּערעלען אויף די אָרעם, גלעט איר גאָלדן געלאָקט קעפּל, און דריקט עס פעסט, פעסט מיט ווייטיק צו זיין האַרצן.

ווייל רעדן קען ער ניט, שאָקלט ער נאָר שטום מיט זיין קאָפּ: וואָס דאָס איז משמע יאָ . . . און וואַרימע טרערן פֿאַלן אויף פּערעלעס פּנים.

און פּלוצים האָט דער טאַטע פּערעלען האַסטיק אַ שטעל געטאָן אויפֿן דיל, און געוואָלט אַרויסגיין.

„ניט אַוועקגיין!" האָט פּערעלע אויסגעשריען. „ברענג מיך טאַטעשי צו דער מאַמען, איך בעט דיך, ליבער, גוטער טאַטעשי!", האָט פּערעלע האַרצרייסנדיק געשלוכצט.

„מאָרגן, מאָרגן קינד לעב זאָלסטו דיין מאַמען נאָך איינמאָל זען, איידער זי וועט אויפֿן הימל אַרויפֿפֿליען צו די מלאכימלעך און דאָרט אויך אַ מלאך ווערן, מיט דיין קליין ערשט געבוירן ברידערל וואָס זי נעמט מיט זיך מיט" . . .

„און פֿאַרוואָס ניט מיך?" יאָמערט פּערעלע. „איך וויל אויך אַ מלאכל ווערן, און מיט די מלאכימלעך שפּילן . . . איך וויל דאָ ניט אַליין בלייבן אָן דער מאַמען! איך וויל ניט, איך וויל ניט!" וואַרפֿט זי העפֿטיק מיט די פֿיסלעך.

דער פֿאָטער נעמט איר פּנימל און הויבט איר קעפּל אויף און קוקט איר ערנסט אין די אויגן אַריין, זי פֿרעגנדיק: „און דער טאַטע?" . . .

אירע פֿון וויינען פֿאַרקרימטע ליפּעלעך שעפּטשען טרויעריק: „טאַטעשי איז דאָך קיינמאָל ניט אין דער היים. גייט תּמיד אַוועק אין דער פֿרי ווען איך שלאָף נאָך, און קומט צוריק אין אָוונט ווען איך שלאָף שוין" . . .

„אָרעם קינד, מיינס, דו האָסט רעכט. אַ טאַטע קען קיינמאָל ניט אַ מאַמען ממלא זיין. עלנט יתומהלע, ביטער און ווי איז צו אונז!"

דער טאַטע פֿאַרבאַהאַלט זיין געוויין, זיך אַרויסלאָזנדיק כּדי דאָס קינד זאָל ניט הערן. און פּערעלע בלייבט אַליין.

דעם אַנדערן טאָג האָט דער טאַטע זי אַריינגעטראָגן אין דעם חדר ווו איר מוטער איז געלעגן אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, און צוויי ליכט האָבן געברענט איר צוקאָפּנס . . .

דער טאַטע האָט דאָס שוואַרצע טוך אָפּגעדעקט, און אין שיין פון די ליכט האָט פּערעלע איר טויטע מוטער דערזען...

זי איז געלעגן גראַד אויסגעשטרעקט, זיך ניט באַוויגן ... אָנגעטאָן אין גאַנצן ווייס ... אירע שוואַרץ־געקרייזלטע האָר זענען מאָדנע אויף איר מאָגערן וואַקסענעם געזיכט געפאַלן ...

ווי קען מען דאָס אַזוי פעסט שלאָפן? — האָט פּערעלע ביי זיך געטראַכט — פאַרוואָס מאַכט זי נישט כאָטש די אויגן אויף? זי מוז דאָך מערקן אַז איך בין דאָ... ווי קען מען דאָס אַזוי פעסט שלאָפן? דאָ זענען איר דער באָבעס רייד איינגעפאַלן, אַז די טויטע קענען נישט הערן און נישט זען...

איך וויל כאָטש אַמאָל איר האַנט גלעטן — האָט פּערעלע זיך געבעטן ביי איר פאָטער — אפשר וועט זי דערפון אויפוואַכן...

דער טאַטע האָט זיך מיט איר צו דער מאַמען אַראָפּגעבויגן און פּערעלע האָט אירע קרייד־ווייסע הענט געגלעט. אַ שוידער איז דורך איר גופל אַדורכגעלאָפן... אַ, ווי קאַלט — האָט זי אַ דערשראָקענע געפּליסטערט און זיך באַלד פעסטער אין איר פאָטערס האַלז געקלאַמערט — דו ביזט גוט וואַרעם, טאַטע... קום מיט מיר אַרויס, טאַטעשי...

ווען פּערעלע איז ווידער אין איר שפּיל־ווינקעלע פון דער קיך געזעסן, האָט זי זיך פאַרטראַכט, פאַרוואָס איר מוטער איז עפּעס אַזוי ווייס געווען אָנגעטון, און נישט אין איר בעט נאָר אויף דער הוילער ערד געלעגן... און פאַרוואָס זי איז אויך אַזוי געל און קאַלט געווען...

אַ ביסל פאַרגעסנקייט האָבן איר נאָר די באַקאַנטע און קרובים גורם געווען וואָס זענען צו זיי פון צייט צו צייט געקומען, און איר געבראַכט פאַרשידענע שפּילעכלעך מיט שאָקאָלאַד, געבעקס און פּירות, באַדויערנדיק און באַוויינענדיק זי... דערפאַר אָבער ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען איז איר אומעט פיל גרעסער און שטאַרקער געוואָרן. דעם טאַטן האָט מען אַ גאַנצן טאָג נישט מער געזען, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט פאַרשיידענע זאַכן וואָס ער האָט געמוזט באַזאָרגן. ווען פּערעלען איז דערעסן געוואָרן צו זיצן ביי איר אַלטער באָבען און אויסצוהערן אירע ביטערע יללות, האָט זי זיך שטיל צו דער טיר פאַרגנבעט און אונטערגעהאָרכט אויב איר מאַמעלע רירט זיך נישט... רופט זי נישט... אויב זי שלאָפט נאָך כסדר... עס האָט זיך איר שטאַרק פאַרוואָלט זען וואָס איר ליבע מאַמעלע טוט...

פלוצלינג איז איר איינגעפאַלן אַז זי וועט שטיל די קלאַמקע עפענען און זיך גאַנץ פאַמעלעך צו איר מאַמעלען אַריינשלייכן... זי האָט די קלאַמקע גאַנץ פאָרזיכטיק אַראָפּגעבויגן, די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. פּערעלע איז לייכט און שנעל ווי אַ ווינטל צו איר מאַמעלען צוגעפלויגן און ביי איר שטיין

געבליבן מיט אַ קלאַפּנדיק הערצל... זי האָט דאָס שוואַרצע טוך פֿון איר אַראָפּגענומען און עס האָט זיך איר פֿאַרגלוסט אויפֿצוּוועקן איר מאַמעלען וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שלאָפֿנדיקער מלאך... ווייל זי איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי לאַנג געשלאָפֿן...

— וואַך שוין אויף, מאַמעלע — האָט איר קולכל ווי אַ פֿייגעלע געפּישטשעט — דיין פֿערעלע בעט ביי דיר, דו האָסט זי דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען...

פֿערעלע האָט זיך צו איר מויל צוגעבויגן: טו מיר אַ קוש, מאַמעלע! עפֿן די אויגן און זע דיין פֿערעלע שטייט ביי דיר... נעם מיך אַרום, מאַמעלע ליבע, און קום מיט מיר... — אַז פֿערעלע האָט געזען עס העלפֿט נישט איר בעטן, האָט זי זיך שטיל צעוויינט.

אין דרויסן האָט איר פֿאָטער, וואָס איז אַ פֿאַריאושטער און פֿאַרשלאָפֿטער צוריקגעקומען, זי דערשראָקן אַרומגעזוכט און גערופֿן. אָבער פֿערעלע האָט נישט געאַכט דערויף, ווייל זי האָט געוואָלט אייביק ביי איר טייערע מאַמעלען פֿאַרבלייבן... נאָך אַ לאַנגען אַרומזוכן האָט איר פֿאָטער זי אַ פֿאַרוויינטע און איינגעדרימלטע פֿון איר מאַמעלען אַרויסגענומען און זי צו אַ שכנטע אַריינגעפֿירט און אין אַ בעטל געלייגט שלאָפֿן. בעת פֿערעלע איז שוין אין בעטל געלעגן האָט זי נאָך געפּרוווט עפֿענען די אייגעלעך מורמלענדיק: מאַמעלע, אַ גוטע נאַכט... — אַ גליקלעך געלעכטערל האָט זיך אויף אירע ליפּעלעך צושפּילט — דו גייסט פֿון מיר נישט אַוועק, ניין, מאַמעלע, דו בלייבסט אייביק ביי מיר...

פֿאַר פֿערעלעס הויז האָבן זיך דערווייל פֿאַרזאַמלט אַ סך מענטשן, צדקה־פּושקעס האָבן געקלאַפּט און יידן האָבן גערופֿן: צדקה תּציל ממות! צוויי פֿאַרשוין זענען מיט אַ שוואַרצער מיטה געקומען און פֿערעלעס מאַמעלע אויף אייביק פֿון פֿערעלען צוגענומען...

ווען פֿערעלע איז פֿון זייער שכן ווידער אַהיימגעקומען איז עפּעס אין זייער וווינונג אויף איינמאָל אַזוי שרעקלעך שטיל געווען אַז ס׳איז זי אַן אימה באַפֿאַלן... דער שפּיגל איז געווען פֿאַרהאָנגען... דער טאַטע און די באָבע זענען אויף פּיסנבענקעלעך געזעסן... אויפֿן שאַנק איז אַ גלעזל וואַסער געשטאַנען מיט אַ ווייס שטיקל לייווענט באַדעקט, דאָרטן האָט מען געזאָגט, טובלט זיך דער מאַמעס נשמה... פֿערעלע איז איבעראַל אַרומגעלאָפֿן און געזוכט איר מאַמען... כסדר גערופֿן: מאַמע, מאַמעלע! ווו ביזטו אַהין געגאַנגען? דו זאָלסט ווידער קומען צו מיר... איך וויל נישט זיין אַליין... איך וויל צו דיר, צו דיר מאַמעלע, אויך אַ מלאכל ווערן מיט דיר אין הימל אַרומפֿליען... איך האָב דיך דאָך אַזוי ליב, מאַמעשי!...

טאַטע, באָבע און קרובים האָבן געזוכט פערעלען צו טרייסטן, פאַרשי־דענע נייע שפּילזאַכן געבראַכט, אָבער קיינעם איז נישט געלונגען פערעלען ווידער פריילעך צו מאַכן אַז זי זאָל אין איר מאַמעלען פאַרגעסן... אַ פאַר־אומערטע, פאַרשוויגענע מיט אייביק פאַרוויינטע אייגעלעך, האָט זי זיך עלנט אין די חדרים אַרומגעצויגן, נישט געוואָלט עסן און טרינקן, נאָר כסדר געזוכט... נישט געקענט באַגרייפן פאַרוואָס איר מאַמע וויל צו איר נישט מער צוריקקומען... גליקלעך איז זי נאָר אין חלום געווען, בעת זי האָט ווידער איר טויטע מאַמעלען געזען... זי האָט פערעלען צאַרט אויף די הענט גענומען, זיך מיט איר געשפּילט... די מלאכימלעך מיט די זילבערנע פליגעלעך האָבן פאַר זיי קרענצעלעך מיט בלומען געפלאָכטן, און זיי אויף די פליגעלעך גענומען, מיט זיי אַזוי לייכט, לייכט אַרומגעשוועבט, אַז פע־רעלע האָט פאַר פרייד זיך צו דער מאַמעס האַרץ צוגעטוליעט און די מאַמע האָט זי ווידער וואַרעם געקושט און געגלעט און שטאַרק, שטאַרק צום האַרצן געדריקט... — און דאַמאָלט אין גילדענעם חלום איז פערעלען אַזוי גוט, אַזוי גוט געווען, אַז ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז איר ליב מאַמעלע איז גאָרנישט געשטאָרבן נאָר לעבט ווידער פונקט ווי פריער, פונקט ווי פריער...

דאָס אָרימע קרויזקעפּל

קרויזקעפּל איז געווען אַן 8־יאָריק מיידעלע מיט באַחנטע טונקעלע פּיין, שוואַרץ־געקריבטע זיידענע הערעלעך, אַ געטאָקט נעזל, היינט ערשט אַ מוילעכל מיט פּערלדיקע ציינדעלעך, וואָס, ווען עס האָט זיך געעפנט, האָט דאָס פּלאַטערצינגל אויף יעדער תשובה טויזנט נייע שאלות געקענט פרעגן און גאָרנישט געוואָלט אויפהערן צו פּלאַפּלען. קלוג איז דאָס שוין איינמאָל געווען. אָבער איר שענסטע צירונג זיינען געווען אירע האַרציק בלויע פאַרחלומטע אויגלעך, ווייל אין זיי האָט זיך געשפּיגלט דאָס סאַמע שענסטע פאַרכשופטסטע גליק פון לעבן. ליידיק גיין איז פאַר קרויזקעפּלן סם המות געווען. יעדן פרימאָרגן איז זי ווי אַ ליכטיק קאַנאַריקל מיט געזאַנג אויפגעשטאַנען, אָנגעטון די מלבושימלעך וועלכע זי האָט תמיד פאַרן שלאָפן־גיין אין גרעסטער אָרדנונג אַוועקגעלייגט, זויבער אַרומגעוואַשן מיט זייף די הענטלעך און ס׳העלדזל, זיך געפּוצט די ציינדעלעך, אַפילו די צעריסענע שיכעלעך האָבן אויך געמוזט ביי איר גלאַנצן, ווען עס איז נאָר אַ שוך־קרעם פאַראַן געווען. מיט פאַרקעמטע לאָקעלעך, אַ זויבערע, אַ ציכטיקע, האָט קרויזקעפּעלע זיך יעדן טאָג צו איר אָרעם פרישטיק אַוועקגעזעצט, וועלכעס איז נאָר באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט און קוים געווייסטע קאַווע. אָפּגעגעסן האָט זי אויפן זייגער אַ קוק געטון, זי זאָל חלילה ניט צו שפּעט אין שול קומען, ווייל די שול האָט זי ליבער געהאַט ווי אַלץ אין דער וועלט. אָנגעטון איר טאָרבעלע אין וועלכן אירע ביכער און שרייב־העפטן זענען מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט און ריינקייט געלעגן, האָט זי יעדן טאָג פאַר איר בעסטן חבר לוקסל׳ס טיר געוואַרט, ווייל זי וואָלט עס גאָרניט געקענט איבערן האַרצן ברענגען, גיין אין דער שול אַריין זיך ניט האָבנדיק פריער מיט לוקסלן געזעגנט. געווען איז לוקסל דאָס גליקלעכע הינטל פון דער באַנק דירעקטאָרשע דאָנאַלד, וואָס האָט געהאַט די זכיה זיך אויפצוהאָדעווען אונטער די גליקלעכסטע בעסטע אומשטענדן. דערפאַר איז דאָס פשוט אַן אַריסטאָקראַטיש הינטל געווען, מיט גרויס־געזעלשאַפטלעכע מאַנירן, ניט אַלעס באַשמעקט און באַלעקט ווי אַנדערע הינט, ניט מיט יעדן זיך אָפּגעגעבן און דער עיקר שטאַרק מקפּיד געווען אויפן עסן. אָבער צו

קרויזקעפלן האָט עס אַ שוואַכקייט באַזעסן: זיך תמיד גליקלעך געפילט און פריידיק צעבילט בשעת קרויזקעפל האָט זיך מיט אים געשפּילט. דער די־רעקטאָרישע איז די חברשאַפט גאַרניט אַזוי ניחא געווען און לוקסל האָט טאַקע פאַר דעם נישט איינמאָל באַקומען מיטן קאַנטשיק געשמיסן. אָבער ס'איז ניט אַזוי לייכט געווען די צוויי פאַרליבטע בריאות צו צעשיידן. אויס־געגלעט לוקסל'ס סאַמעט קעפל איז קרויזקעפל שנעל אין שול געגאַנגען, ווייל זי האָט תמיד ליב געהאַט די ערשטע דאָרט צו זיין. אַלע קינדער האָבן זי ליב געהאַט, מחמת איר אויפריכטיקייט, זויבערקייט, פלייסיקייט און פינקטלעכקייט. האָבן איר אָפטמאָל פון זייער נאַשעכטס וואָס זיי האָבן אין שול מיטבאַקומען די בעסטע זאַכן אָוועקגעשענקט. קרויזקעפּעלע האָט אַ צייט לאַנג ניט געוואָלט נעמען; אָבער שפּעטער האָט זי פאַר זשעדנעקייט זיך מער נישט געקענט אָפּזאָגן, ווייל איר מוטער האָט גאַרנישט געקענט מער מיטגעבן מחמת דער פאָטער איז אַן אָרעמער, שוואַכער אַרבעטער געוואָרן, אַ דאַנק דעם כראָנישן אישיאַס־ליידן, וואָס ער האָט זיך פונם שיצן־גרוב אין דער וועלט־מלחמה מיט אַהיים געבראַכט. אָבער גענומען האָט קרויז־קעפּעלע נישט תמיד, נאָר אין אַ זעלטענעם פאַל, ווען זי האָט שוין פּשוט ניט געקענט מער ביישטיין דעם געשמאַק פון די זאַפטיקע אפריקאַזן און פער־זשעכע. איר גומען האָט געטריקנט און געלעכצט נאָך זיי, די סלינע איז איר אויפן צינגל געקומען; דעמאָלט ערשט האָט דאָס באַשיידענע קרויזקעפּעלע זיך מער ניט געקענט צוריקהאַלטן און גענומען אַ שטיקל ביי אירע חבר'־טעס. ניט זעלטן פלעגט קרויזקעפל פונם לערער מיט פלייס־בילעטלעך באַ־לוינט ווערן, מחמת איר זויבערקייט און פינקטלעכקייט. רעכנען, לעזן, זינגען און מאָלן, זענען אירע ליבסטע אַרבעטן געווען.

בעתן לערנען האָט זי פיינט געהאַט צו שמועסן און אויסגעמיטן די וואָס האָבן צו איר גערעדט. דערפאַר האָט זי אין דער פויזע־צייט מיט אַ טאָפּל־טער התמדה זיך צופלאַפּלט און געשפּילט מיט די קינדער, אויסגענוצט די גאַנצע צוריקגעהאַלטענע ענערגיע פון איר לעבעדיקן טעמפּעראַמענט. אַהיימקומענדיק פון דער שול האָט שוין לוקסל תמיד אירע פלינקע טריט־לעך דערשפּירט און זיך פריידיק צובילט. קרויזקעפל האָט אָפּגעוואַרט ביז ער איז צו איר אַרויסגעקומען, דעמאָלט ערשט האָט זי אים איר גאַנצע ליבע אַרויסגעוויזן: געגלעט אים, געטוליעט צו זיך, געכאַפּט מיט אים אַ טענצל, — אָפטמאָל ווען זי האָט עפּעס געהאַט אויפן האַרצן זיך פאַר אים אויך מתודה געווען . . . געשטראָפט און סיקירט איר באַליידיקער, ביז לוקסל האָט מיט זיין עקל אַ רעדל געמאַכט. אַ סימן געווען, אַז ער האָט זי מרגיש געווען און זיך אין אַ צאַרנדיקן בילן פאַרגאַנגען. דעמאָלט איז קרויזקעפּלן

לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה און ווי אַ מאַמע אַ קינד האָט זי זיין סאַ־מעט קעפּל אין אירע קליינע הענטלעך אַריינגענומען און אים דאַנקבאַר געטריי, לאַנג, לאַנג, אין זיינע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן אַריינגעקוקט — ביז לוקסל האָט זי צוריק ליבלעך און מענטשלעך־איבערגעגעבן אָנגעקוקט און מיט זיין פייער רויטן צינגל אירע הענטלעך באַלעקט.

ביי קרויזקעפּלס פאָטער, וועלכער האָט כסדר אויף אישיאַס געקרעכצט, האָט זיך אַ פּוס אויסגעבויגן און אָנגענומען די פאָרם פון אַ האַלב־ראָד, אַזוי אַז ער איז שוין מער נישט פעאיק געווען צו קיין שום אַרבעט. די פייכטע קליינע וווינונג, די קנאַפּע קעסט און די שלעכטע לופט מיט די טעגלעכע דאגות פרנסה האָבן אים געטריבן קעגן זיין ווילן צו גמילת־חסדים חברות און צו אַנדערע בעלי־טובות, וועלכע ער האָט פון תמיד אָן פיינט געהאַט בתכלית השנאה; און ווען דאָס אַלעס איז נישט גענוג געווען אפילו אויף ברויט מיט מילך, האָט קרויזקעפּלס מוטער, וועלכע איז אין די פאַרמיטאָגן געווען אַ משרתת, זיך אויך אויף די נאָכמיטאָגן פאַרדונגען פאַר אַ וועשין. אַזוי אַרום איז זי אָפט אַריינגעקומען אין דער באַנק־דירעקטאָרשעס הויז און צוגעזען ווי מען באָדט זיך פּשוט אין ווילטאָג און עשירות. און נישט איין־מאָל וואָשנדיק די זיידענע העמדער פון דעם הער און פרוי דירעקטאָר זענען אירע טרערן אין דער באַליע אַריינגעפאַלן טראַכטנדיק — ווען זי וואָלט כאָטש געהאַט די מעגלעכקייט יעדע וואָך פאַר איר מיידעלע אויסצוגעבן, וואָס די דירעקטאָרשע גיט אויס אין אַ טאָג פאַר איר הינטל, וואָלט זי געווען די גליקלעכסטע אויף דער וועלט. דערפאַר האָט עס איר אַזוי ביים האַרצן פאַרשניטן, ווען זי פלעגט זיך צוקוקן ווי איר מיידעלע שפּילט זיך מיט דעם הינטל, וועלכעס לעבט שענער, בעסער און גליקלעכער ווי איר אייגן קינד. און נישט ווילנדיק האָט זי דאָס הינטל פיינט באַקומען און באַשלאָסן, אַז איר מיידעלע זאָל זיך מיט דער זאַטער אָנגעפרעסענער צויג נישט שפּילן. אָבער קרויזקעפּל האָט דאָס באין אופן נישט געקענט משיג זיין און וואָס מער איר מוטער האָט געפּרוווט זי פון דעם הינטל צו דערווייטערן, כדי די חברשאַפט צו צערייסן, האָט זי זיך מיט דעם הינטל בגנבה נאָך מער פאַר־בונדן. אין יעדער פרייער צייט, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט אירע שול־אויפגאַבן, האָט זי באַלד לוקסלען אויפגעזוכט און פאַר אים אַלע נייע לידלעך געזונגען, וועלכע זי האָט פון דער שול מיטגעבראַכט, גענומען אים צום טורבען און אָנגעקוואַלן בעת ער פלעגט זיך אויפקשטעלן אויף די אונטער־שטע פיסלעך און מיט די פאָדערשטע כסדר צו מאַכן „ביטע, ביטע!" אַזוי זענען זיי געווען טיף פאַרבונדן און האָבן זיך ליב געהאַט קעגן דעם ווילן פון זייערע אפּוטרופּסים. ביז איינמאָל האָט קרויזקעפּלס מוטער דערזען ווי

איר מיידעלע נעמט אַרויס פון אַ טיכל פאַרהילט אַ קלעצל צוקער און דערלאַנגט עס לוקסלען, נאָר ער, אַ זאַטער פון נאַשעכטס און ווורשט, לעקט עס קוים אָפּ און דרייט אַוועק דאָס קעפל; דאָ ערשט איז איר גאַנצער צאָרן מיט דער פאַרביטערונג פון איר עלנדיקן לעבן אויסגעבראָכן און זי האָט געכאַפּט קרויזקעפּלען, איר דערלאַנגט אַ פלאַסק איבערן פּנימל און לוקסלען אַ שטויס אַוועק מיט די פיס. „איך האָב דיך שוין נישט איינמאָל געוואָרנט אַז דו זאָלסט זיך מיט דעם פאַרשעוואַטן כלב נישט חברן! ער זעט פאַר זיך בעסערס אין שלאָף ווי דו אויף דער וואַך, ווייל ער פירט אַ שענערן, גליקלעכערן און פריילעכערן לעבן ווי דו; דו גייסט אַרום אין צעריסענע שיך אָן זאָקן, אין געשענקטע אָפּגענוצטע קורצע קליידלעך, און קוק דעם כלב אָן, זע זיינע קאָסטיומען. ער פאַרמאָגט פאַרשידנפאַרביקע וואָל־געשטריקטע מענטעלעך פאַרן ווינטער, און פון פאַרשידן־געפלאָכטענע לאַק־פאַסיקלעך פאַרן זומער. דו שלאָפסט מיט מיר אויף אַ האַרטן שעניק מיט שמאַטעס צוגעדעקט, ער שלאָפט אויף אַ פיינעם מאַטראַץ ספּעציעל פונם טאַפּעצירער געמאַכט. היינט, מיט וואָס שטילסטו דיין הונגער, און מיט וואָס ער? דו האָסט אָפּט נישט צו עסן דאָס וואָס ער באַשמעקט און רירט עס נישט אָן — און ער ווערט געפיטערט מיט צוקער־לעקעכלעך, וורשטלעך און מילך. דו וווינסט אין אַן ענגען נאָסן פאַרפּושטן לאָך, ער אין אַ גערעמער לופטיקער, ליכטיקער פון פיל צימערן באַשטייענדיקער וווינונג. אַז דיר ווערט הייס באָדסטו זיך אין שווייס און אין שמוץ, און ער אינם הונט־באָסען; דו וואָלגערסט זיך הפקר אינם שמוציקן געסל און אים פירט מען יעדן אינדערפרי און אין אָוונט אויף די אַלעען אין דער גוטער לופט, מען מאַכט מיט אים די שענסטע אויטאָ־טורן, מען פּיעשטשעט און לאַשטשעט אים, ווי אַ טייערן בן־יחידל, און אַז ער ווערט חלילה קראַנק ברענגט מען אים תיכף דעם טיר־אַרצט מיט די טייערסטע מעדיקאַמענטן; אָבער דו, וועמען גייסטו אָן? ווער פרעגט אויב דו האָסט צו עסן? היינט ערשט אַז דו ווערסט קראַנק, קאָנסטו אָן אַ לעפל וואַרעמס און אָן אַ דאָקטאָר אַוועקפגרן, אַז קיין האָן זאָל נאָך דיר נישט קרייען; דערפאַר זאָג איך דיר אָן צום לעצטן מאָל, אַז דו זאָלסט זיך מער נישט דערוועגן צו חברן מיט דעם פאַסקודנעם פאַרכעוואַטן רייכן הונט“...

קרויזקעפּל איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטע און דערשראָקענע פון איר מוטערס רייד, וועלכע זי האָט נאָך נישט גוט פאַרשטאַנען, דאָס פינגערל פאַרשעמט אין מויל אַריינגענומען און די פאַרוויינטע אויגעלעך צו דער מוטער אויפגעהויבן מיט פיל רחמנות, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: טאַקע אמת, מאַמע, אַלעס וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט, אָבער וואָס קען דאָס קליינע לוקסל טון? וואָס איז ער דען שולדיק, אַז דאָס אַלעס איז אַזוי?...

קרויזקעפּלס הערצל איז זינט דאַמאָלט ווי פאַרוואַנדעט געוואָרן, איר לוסטיקייט און פריילעכקייט פאַרשוואונדן. מען האָט זי מער נישט געהערט זינגען אירע באַהנטע קינדער־לידלעך. זי האָט אויך נישט מער געמאַכט אין דער היים אירע פּלייס־אויפגאַבן. אין שול איז זי שטענדיק געזעסן אַ פאַר־זונקענע און טרויעריקע, נישט אויפגעפּאַסט אויף דעם לערערס אָנווייזונגען און דערקלערונגען, דערפאַר שלעכט געשריבן, פאַלטש גערעכנט, נישט מער מיט קיין פלייס־ביליעטלעך באַלוינט געוואָרן, נייערט שטרענג באַשטראָפט; ווייל איר קליין נפשל איז נאָר מיט איין געדאַנק געווען פאַרנומען, און דאָס איז געווען לוקסל!... זיך חברן מיט אים האָט זי זינט דאַמאָלט שוין מורא געהאַט פאַר דער מוטער — און דאָך האָט עס זי טיף אין האַרצן צו אים געצויגן; איר נשמהלע איז געווען צו שוואַך אויף איינמאָל זיך אָפּצוזאָגן פון דער קינדישער ליבע מיט וועלכער זי האָט לוקסלען אַזוי אמתדיק געליבט. און ווען ס'האָבן זיך נאָר דערהערט קרויזקעפּלס טריט בעת זי איז פון דער שול געקומען, האָט זיי לוקסל גלייך דערשפּירט און אָנגעהויבן צו בילן פאַר שמחה, וואָס דאָס האָט געמיינט: קרויזקעפּל טייערע, וואַרט אַ ווײַלע, אָט באַלד קום איך צו דיר, וועלן מיר זיך ווידער שפּילן... דאַמאָלט איז איר הערצל פּשוט פאַר בענקשאַפט פאַרגאַנגען, אָבער זי האָט איר אָרימע מוטער, וועלכע האָט אַזוי שווער אויף איר און אויף איר קראַנקן פאָטער געמוזט אַרבעטן, נישט געוואָלט מער דערצערענען; איז זי מיט טרערן אין די אויגן און מיט פאַרביסענע ליפּלעך אין שטוב אַריינגעגאַנגען. דאָרט אַ סך וועגן איר מוטערס רייד נאָכגעדאַכט: „דו האָסט אָפט נישט צו עסן דאָס וואָס לוקסל באַשמעקט און רירט עס נישט אָן“... אָבער איר איז באַלד דער רייף־וווּנדיקער קינדישער שכל אונטערגעקומען: דאָס איז נאָר שולדיק די בייזע שלעכטע דירעקטאָרשע דאַנאַלד, נישט דאָס בראַווע גוטע סאַמע־טענע לוקסל. זי האָט אַזוי לאַנג זיך דאָס קעפּל געבראָכן ביז ביי איר איז טאַקע פאַרבליבן וועגן דעם אַמאָל ביי איר מוטער נאָכצופרעגן. זי האָט גע־זוכט פאַרשידענע געלעגנהייטן ביז אַמאָל גייענדיק מיט איר מוטער אין גאַס איז זיי לוקסל אומדערוואַרטעט אַקעגנגעקומען, גלייך איז ער אויף קרויז־קעפּלן אַרויפגעשפּרונגען, אָנגעפאַנגען זי צו באַשמעקן און באַלעקן מיט זיין רויטן צינגל; און בעת קרויזקעפּל האָט ווידער געוואָלט אַריינגעמען לוקסלס סאַמעט פיסלעך אין אירע הענט, אין דעם מאָמענט האָט איר מוטער מיט אַ קללה לוקסלען פון איר אָוועקגעריסן. דאַמאָלט האָט קרויזקעפּל זיך מער נישט געקענט צוריקהאַלטן, און מיט שרעק ביי איר געפרעגט: „זאָג מיר, מאַמעשי, מיט וואָס איז לוקסל שולדיק, וואָס ער האָט בעסער צו עסן, צו שלאָפן און אָנצוטון פאַר מיר?“ גאַנץ איבערראַשט האָט די מוטער איר קינד

אַנגעקוקט און מיט אַ פֿאַרביטערטן כעס אויסגעבראָכן: „ער איז שולדיק דערפֿאַר, ווייל ער פֿאַשעט זיך ביי אַ פֿאַראַזיט, וועלכער לעבט פֿונם אַרבעטאַרערס שווייס און בלוט, און לאָזט זיך אַנרייצן אויף אַלע אָרימע פֿאַרהונגערטע בעטלער, וועלכע שטרעקן אויס אַ פֿאַרציטערטע האַנט נאָך אַ נישטיקער נדבה". קרויזקעפּל האָט דאָס נישט געקענט פֿאַרשטיין, עס האָט זיך נישט געלייגט אויף איר שכל, אָבער דערזעענדיק דאָס גרינע פּנים פֿון איר מוטער, האָט זי אַלע שאלות וואָס זי האָט נאָך געוואָלט פֿרעגן ביי זיך אין האַרצן דערשטיקט און טרויעריק פֿאַרטראַכט אַנטשוויגן געוואָרן...

פֿון די נישט גענוגנדיקע קעסט, קלאָגעדיקער קליידונג און שלעכטע לופֿט אין באַסן קליינעם צימער איז קרויזקעפּל שווער אויף דער ברוסט קראַנק געוואָרן, און זיך אַזוי לאַנג מיט אַ בייזן הוסט געראַנגלט, ביז זי איז אין סוכאָטעס אַריינגעפֿאַלן. אין שפּיטאָל האָט איר מוטער זי נישט געוואָלט אַוועקגעבן, ווייל פֿון דאָרט, האָט זי געוווּסט, קומען אָרימע קינדער זעלטן צוריק אַרויס; אויף אַ סאַנאַטאָריע האָט זי קיין געלט נישט געהאַט; האָט זי באַשלאָסן קרויזקעפּלן בעסער אין דער היים שוין צו לאָזן. אין דער היים האָבן אָבער אויך אויסגעפּעלט מיטלען פֿאַר אַ דאָקטאָר, מעדיקאַמענטן און אַ ריכטיקע נאַרונג. האָט דאָס אָרימע קרויזקעפּל אין היץ און אין פֿיבער געצאַנקט, ווי אַ ציטערדיק פֿלעמל פֿון אַן אויסגייענדיקן ליכטל. בעת קרויזקעפּל האָט מיטן הוסט זיך געוואָרגן, האָט איר מוטער געמוזט גיין פֿרעמדע באַדינען און פֿאַר זיי די ברודיקע וועש וואַשן. איר פֿאָטער דער קריפּל האָט איר קוים געקענט אַ גלעזל וואַסער דערלאַנגען, אַזוי אָפּגענומען זענען ביי אים שוין געווען די הענט און פֿיס פֿון זיין רומאַטישן ליידן. אָפּטמאָל ווען ער האָט שוין מער נישט געקענט דעם צער דערטראָגן און צוזען ווי זיין אָרים קינד מוטשעט זיך אַזוי ביטער און אומזיסט, איז ער זיך אין קרויזקעפּלס אַ לידעלע וויינענדיק פֿאַרגאַנגען, וואָס זי פֿלעגט תמיד זינגען, ווען ער פֿלעגט אַמאָל מיט איר אין אַ פֿרייער צייט שפּאַצירן גיין. ער האָט געזונגען און די אויגן האָבן געטרערט:

ווייסטו וויפיל בלימלעך ס׳בליען
אין דעם שיינעם גרינעם פעלט ?
ווייסטו וויפיל שטערן ס׳גליען
אין דעם הימלס בלוי־געצעלט...

ווייסטו וויפיל פייגל ס׳זינגען
אויף די ביימלעך אין דער הייך ;
ווייסטו וויפיל פישלעך שפרינגען
אינעם זילבער טיפן טייך ?

פישלעך בלימלעך שטראַלן שטערן,
פייגל ביימלעך טייך און פעלד,
אַלץ פאַר קליינע קינדערסוועגן
איז באַשאַפן אויף דער וועלט.

יאָ, מיין אָרים קרויזקעפּל, האָט ער איר לידל מיט אַ שלוכצן פאַרענ־דיקט, אַלץ טאַקע, אַלץ אין דער וועלט איז פאַר קליינע קינדערסוועגן באַ־שאַפן ; אָבער נישט פאַר אָרימע, ווייל זיי דאַרפן גאָרנישט געבוירן ווערן... דו מיינסט אודאי, מיין עלנטער פויגל, אַז אייביק איז דיין טאַטע אַזאַ קריפּל געווען. ניין, ניין ! געווען אַמאָל אַ געזונטער קרעפּטיקער אַרבעטער, געקענט פאַרדינען אויפן לעבן, נישט געדאַרפט לייטנס גאָב... אָבער שלעכטע מענטשן האָבן אַ מלחמה געמאַכט, און דאָרטן די אָרימע אַרויסגעהעצט, צווישן זיי אויך דיין טאַטן, נאָך דער מלחמה אים אַ קאַליקע אַהיים געשיקט. איצט אַז ער איז מער צו קיין שום אַרבעט נישט פעאיק, קען זיך שוין מער נישט רירן, לאָזן זיי אים פגרן ווי אַ הונט מיט זיין ווייב און קינד... איך וועל אָנזאָגן קינדס־קינדער אַז זיי זאָלן מער אין קיין מלחמה נישט גיין און דערשיסן אומשולדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיי קיינמאָל גאָרנישט געטון. ווען שוין יאָ גיין אין מלחמה, דאַן טאַקע נאָר קעגן די וואָס מאַכן די מלחמה, ווייל ווען די מלחמה־מאַכערס וועלן נישט זיין, וועלן די מלחמות אויפהערן... און אַלע וואָס ווילן ערלעך פון זייער אַרבעט זייער ברויט פאַרדינען וועלן קענען אַרבעטן און לעבן גליקלעך און צופרידן פון זייער אַרבעט...

קרויזקעפּל, וועלכע איז געלעגן אין טיפן פיבער, האָט איר פאָטערס רייד נישט פאַרשטאַנען, אירע בלויע גרויסע אויגן האָבן מאָדנע געפינקלט און כסדר אַלץ נאָך איר לוקסלען האָט זי גערופן : קום, קום, מיין טייערער, און לאָמיר זיך איבערבעטן, דו וועסט מיך ווידער באַלעקן מיט דיין צינגל און שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיסלעך, כדי מיט די פאָדערשטע

„ביטע, ביטע" צו מאַכן, און איך וועל דיך ווידער צו מיין האַרצן טוליען און קושן, גלעטן דיין סאַמעט קעפּל, איך וועל דיר אַלץ דערציילן, ווי באַנג מיר איז אָן דיר געווען, ווי גערן איך האָב דיך געוואָלט זען, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר דער מאַמען... קום, מיין לוקסל, ווידער צו מיר, און לאָז מיך נישט אַזוי אַליין, ווייל איך האָב דיך ליב פונקט ווי פריער, ווייל דו ביזט אין גאַרנישט שולדיק, ס'איז נישט אמת וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דו בילסט אויף פאַרהונגערטע, אָרימע, עלנטע בעטלער, איך קען דאָס נישט גלויבן, ווייל דו ביזט דאָך תמיד אַזוי גוט און ליב צו מיר געווען... אפשר וועל איך מוזן שטאַרבן און דיך נישט מער זען, זיך מיט דיר נישט איבער־בעטן. אוי, עס שטעכט דאָך אַזוי די ברוסט ביים אָטעמען. קום, קום, טוליע זיך צו מיין ברוסט און הייל זי מיט דיין סאַמעטן פעלעכל... אפשר וועט מיר בעסער ווערן און איך וועל קענען איינשלאָפן...

דער געלעמטער קריפּל האָט זיך מיט שווערע אַנגסטן אַראָפּגעוואַלגערט פון זיין צעבראָכענער זאַפע און אַ פאַרצווייפלטער געפרוווט צו זיין קינד זיך צושאַרן, געוואָלט זי באַרואיקן ביז די מוטער וועט קומען. אָבער ווען קרויזקעפּלס מוטער איז פון איר אַרבעט אַהיים געקומען, האָט עס איר קינד שוין מער גאַרנישט ווי געטון, נאָר זי איז געלעגן ווי אַ מלאכל מיט אָפענע אויגן אין אָן אייביקן שלאָף פאַרזונקען. די באַחנטע קרויזן פון איר טייערן קעפּל זענען געלעגן צעשאָטן, ווי אַ בינטל אָפּגעשניטענע בלומען, און דערציילט פון בלויע הימלען, ליכטיקע זונען און פאַרציטערטע גאָלדענע פייגל, וועלכע וואָלטן געוואָלט אייביק לעבן און זינגען, זינגען און לעבן...

קרויזקעפּלס מוטער איז שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע ביי איר קינדס בעטל, אַ צייט לאַנג פון איר אויג קיין טרער נישט אַרויסגעבראַכט, נאָר דערנאָך ווי אַ דערוואָרגענער נאַכט־ווינט אויסגעכאָרכלט: „אַ הונט ביי אַ רייכן האָט עס בעסער ווי אַ קינד ביי אַן אָרימען, ווייל ווען דער הונט ווערט קראַנק קען מען אים היילן, ווי אַ מענטש, און אַז אַ קינד ווערט קראַנק מוז מען עס לאָזן קראַפּירן, ווי אַ הונט"...

פון דרויסן האָט זיך דערהערט עפּעס אַ קייכנדיק געוויין: דאָס איז זיך לוקסל אין אַ קלאָגעדיקן געביל פאַרגאַנגען נאָך זיין געטרייער חברטע קרויזקעפּל.

פאַרנאַכט האָט זיך די מוטער צו די דאָנאַלדס גאָרטן פאַרגנבעט און דאָס הינטל צו זיך פאַרלאָקט, עס גענומען און דערטרונקען...

מיין רבינס שטיוול

געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון יצחק משה באַדער הכהן ז״ל.

געווען איז מיין רבי אַ הויכער, אַ שלאַנקער מיט אַ לענגלעך בלאַסן פנים פון וועלכן ס׳האָבן תמיד אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר קלוגע, דורכדרינגענ־דיקע אויגן. זיין גרויסן למדנישן שטערן האָבן שטענדיק סתרי־תורהדיקע קנייטשן צעקאַרבט, ווען ער פלעגט לערנען מיט די קינדער. ער האָט נישט געהאַט די טבע ווען ער איז אַמאָל אין כעס אַריינגעקומען, צו קאַטעווען די תלמידים, ווי אַלע אַנדערע מלמדים פון דער תלמוד תורה האָבן געפלעגט טון, נאָר ווען זיין מצב איז באמת שוין געווען אַן אוממעגלעכער, האָט ער דעם אָדער יענעם תלמיד אַרויסגעוואָרפן אויף אַ געוויסער צייט, און דערנאָך מיט שאַרפע רייד אים אויסגעמוסרט; און אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, האָט ער זיך מטריח געווען צום תלמידס פאָטער און מיט שכלדיקע רייד אים באַוויזן, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט דעם קינד נוהג צו זיין, אַז די השפעה זיינע זאָל פועלן צום גוטן. און אַז דאָס פלעגט אויך מער נישט העלפן, איז זיין עצה געווען דאָס קינד אויף אַ צייט אָדער אין גאַנצן צו אַן אַרבעט אָוועקצוגעבן . . .

אַ באַזונדערע ליבע און דרך ארץ האָב איך טיף אין האַרצן צו מיין רבין תמיד געפילט, אָבער נישט דערפאַר ווייל ער פלעגט אַלעס אַזוי דייט־לעך און קלאָר מבאר צו זיין, נאָר ווייל דער ניגון מיט וועלכן ער האָט גע־לערנט האָט זיך אַזוי אין אַלע רמ״ח אברים אַריינגעגאָסן, אַז ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל נשמה איז עס ביי אים שוין אויף אייביק פאַרבליבן . . .

די טרוקנסטע שטעלן פון בבא מציעא האָט ער פאַרשטאַנען אַזוי זאַפ־טיק באַטעמט צו מאַכן, אַז ס׳איז פשוט געווען אַ נחת רוח אים אויסצוהערן, הגם גמרא פלעגט ער מיט אונז נישט באַזונדערס גערן לערנען; און דאָס איז נישט דערפאַר ווייל ער איז נישט געווען קיין בקי, אדרבה, עס פלעגן אָפּט־מאָל גמרא־ און תוספות־מלמדים זיך קומען מיט אים שואל עצה זיין און באַוואונדערט מיט וואָס פאַר אַ פשטות ער האָט זייערע האַרבסטע שאלות פאַרענטפערט . . .

היינט ערשט ווי גרויס איז אונזער שמחה געווען, אַז ער האָט מיט אונז

אַמאָל אַ שטיקל תנ״ך געלערנט; באַלד האָבן מיר פאַר זיך דערזען דעם נביא ירמיהו מיט זיין צעשפּרייטער זילבער־ווייסער באָרד, און דערהערט זיינע מוסר־רייד, דערפילט זיין ביטערן צער, ווי ער פאַלט מיט אַ זאַק אַש צו דער ערד, אַרומגעגורט זיינע לענדן, אַנזאָגנדיק דעם טרויעריקן אונטער־גאַנג פון ירושלים... איבערן רבינס מאָגערן פּנים האָבן זיך גרויסע טרערן געקייקלט, און זיין קול האָט זיך געבראָכן פאַר ווייטיק...

אָבער דערפאַר פלעגט אונדז טאָפּלט ווויל זיין, אַז דער רבי פלעגט פרייטיק נאָכמיטאָג קומען אַן אויפגערוימטער אין אַ זויבער ווייסן העמד מיט גלאַנצנדיקע שטיוול און מיט אונדז אַ שטיקל מדרש אָדער פּרק געלערנט. זיין אָרעם בעקעשל האָט געשימערט ווי אַ קעניגלעך קלייד, און זיין בלאַס פּנים האָט געשטראַלט ווי די שכינה... זיין מאָגערער הייליקער גוף האָט זיך מיט חדוה געוויגט און געבויגן איבער דעם ספר. זיין זיסער קול האָט געציטערט, זיך אין אויר צעגאָסן ווי אַ פאַרכישופטע האַרפע פון אַ גן־עדן־מוזיק... מיר האָבן פאַרשוועבט אין די עולמות העליונים, פאַרגעסן דעם ענגען חדר, דעם שמוציקן ברודיקן דיל, די צעבראָכענע בענק, די אָפּגע־שיילטע פייכטע ווענט; נאָר דורשטיקע געטרונקען, ווי דעם טייערסטן ווין, די הערלעכע אגדתות און פערלדיקע משלים פונם רבין...

נאָר איין חסרון האָט דער רבי געהאַט פון וועלכן מיר, ווי ער, האָבן שטאַרק געליטן, און דאָס איז ליידער זיין בייזער הוסט געווען... און האָט זיך ווען דער אכזר אין אים מדבק געווען, האָט ער באַלד זיין פּייקע־ציבעכל, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט בנעימותדיק צו פּיפּקען, געמוזט אַוועק־לייגן. אויף זיין שטערן האָבן זיך שוויס־טראָפּנס אַוועקגעשטעלט, זיין קול איז הייזעריק געוואָרן, די אויגן פאַרטרערט, און דער גאַנצער פּנים פאַר־ענדערט... דער הוסט אָבער האָט אויף גאָרנישט געקוקט, נאָר מיט אכזריות אים וואָס אַמאָל מער געדישעט און געוואָרגן, ביז ער האָט מיט איין האַנט זיך פאַרן האַרצן געכאַפּט, און מיט דער אַנדערער פון זיין ווענטל אַ פּראַשעק אַרויסגעצויגן, מיט אַ ביסל וואַסער פאַרטרונקען, און דאַן ווי אַ פאַרחלשטער אָן כוחות אַ צייט לאַנג געבליבן זיצן. און בשעת מעשה האָבן תמיד די פּאַפּ־רעס און גראָבע־יינגען זייער שליטה איבער אים געהאַט, אין אים נקמה גענומען, אָנגעהויבן זיך צו סודן, שפּעטער הויך צו רעדן, דאַן כלערליי שטיקלעך צו באַווייזן... ביז דער רבי איז אַ פאַרצאָרנטער און צע׳כעס׳־טער אויפגעשפּרונגען און מיט אַ וויינענדיקן קול אויסגעשריען: ווען איר וואָלט מיך אפילו באַשיט מיט רענדלעך און אַוועקגעשענקט כל הון דעלמא, וואָלט איך עס אויך נישט געקענט ביי אייך מער אויסהאַלטן; רשעים גמורים! היצליקעס אָן אַ ניצוץ פון אַ האַרץ און נשמה!...

איך, װעלכער בין אין דער ערשטער באַנק געזעסן, אַ דאַנק דעם װאָס איך האָב יעדעס מאָל נאָכן רבינס פֿאַרזאָגן יעדן פּסוק, װאָס מיר האָבן גע־לערנט, אים דרײַ מאָל איבערגעחזרט און בזה אופֿן אים דעם גאַנצן חדר איבערגעגעבן, האָב בשעת מעשׂה נישט געװוּסט װאָס איך זאָל אָנפֿאַנגען. זאָל איך אױפֿשטײן דעם רבין מפֿײס זײַן? אים איבערבעטן אין נאָמען פֿון אַלע תּלמידים, אָדער פּשוט אַנטלױפֿן... אַזױ האָט עס מיר מײַן האַרץ פֿאַר־קלעמט פֿאַר רחמנות צו מײַן רבין... דער רבי האָט עס אפֿנים דערפֿילט, און ער האָט זיך צו מיר גאַנץ אַנדערש באַצױגן, װי צו די אַנדערע תּלמידים. „הױב זיך אױף, קינד", האָב איך דערהערט דעם רבינס קול. איך בין תּיכּף אױפֿגעשטאַנען. „גײ און ברענג מיר פּראָשקעס פֿון דער אַפּטײק, אָבער זױם זיך נישט לאַנג, װײַל איך דאַרף זײ באַלד האָבן". דער רבי האָט זײַן טײַסטער אַרױסגענומען, מיר אָפּגעצײלט זיבן זעקסערלעך און פֿינף גרײַצער און געבנדיק דאָס געלט, זיך פֿאַר מיר נאָכאַמאָל געקלאָגט: „אַזעלכע רשעים, אַז זײ דערצערנען מיך, פֿאַרברױך איך מער געלט װי איך פֿאַרדין, מישטײנס געזאָגט; און דאָס איז מײַן פּרנסה. אױ, רבונו של עולם, װי װערט מען שױן אײַערע פּטור!" אָבער לײדער איז דער רבי נישט פֿון אונז און נישט פֿון זײַן הוסטן פּטור געװאָרן, נאָר זיך אַזױ שױן געמוטשעט עד סוף כּל ימיו. דאָס געלט האָב איך צוגענומען און זיך צו דער אַפּטײק אַװעקגעלאָזן.

גײענדיק האָב איך באַגעגנט אַ חבֿרה ײנגען, און אין דעם רבינס אָנ־זאָג אין גאַנצן פֿאַרגעסן. פֿון פֿאַײַנדיקע פֿערד האָבן מיר די װײדל־האָר אַרױסגעריסן, זײ געקניפּט און געװעבט, אָפּגעשניטן ריטלעך און זיך װענט־קעס געמאַכט. אין די װענטקעס האָבן מיר האַטשעקלעך פֿאַרקאַטשעט, אױף זײ װערעמלעך אױפֿגעשטאָכן און פֿיש געכאַפּט. זיך אײַנגעמאַטערט, האָבן מיר די בגדימלעך אַראָפּגעװאָרפֿן און אין דער װײַכסל אַרײַנגעשפּרונגען, געשטיפֿט, געלאַכט, פּולקעס געלײגט, געשװומען, לוסטיקע, זאַרגלאָזע אַזױ װי די זילבער־פֿישלעך... אױסגעבאָדן זיך, האָבן מיר זיך אױף דעם װאַרי־מען זאַמד אַװעקגעלײגט און פֿאַרװיגט פֿון דער זון און ליבלעכע װינטלעך אײַנגעדרימלט. דרימלענדיק אױף דעם װײכן װאַרימען זאַמד, האָב איך דער־זען מײַן רבין אַ בלײכן, מיט אײַן האַנט זיך האַלטנדיק פֿאַרן האַרץ און מיט דער אַנדערער פֿאַרציטערט זוכנדיק ערגעץ אַ פּראָשעק. זײַנע אױגן זענען געװען פֿײכט, דער הוסט האָט אים געװאָרגן, נישט געלאָזט דעם אָטעם כאַפּן, קױם, קױם ער האָט די פֿאָר װערטער אַרױסגעבראַכט: זױם זיך נישט לאַנג, װײַל איך דאַרף די פּראָשקעס באַלד האָבן... — איך האָב זיך אױפֿ־געכאַפּט אין שװײס באַגאָסן און געציטערט, װי אין פֿיבער... פֿאַרשטײט זיך, אַז נאָך אַזאַ שליחות האָט די חרטה װי אַ װאָרעם מײַן נשמה געטשעפּעט.

איך האָב מורא געהאַט זיך אומצוקערן אין חדר אַריין און זיך ווי מיט אונ־טערגעהאַקטע פיס צו מיטאָג אַהיים געלאָזן.

אַהיימקומענדיק איז שוין דער רבי ביי מיין טאַטן געזעסן און מיט אים איינגעטענהט... די יריעה, איבער וועלכע מיין טאַטע איז שטענדיק פאַר־בויגן געזעסן און אות באות מיט תגין באַפּערלט, פון די אותיות — שורות און פון די שורות עמודים צו דער ספר תורה געמאַכט, איז געלעגן אַוועקגע־רוקט, גערונצלט געל ווי מיין טאַטנס און רבינס פנימער. די פען האָט גע־שטעקט אין טינטער, דאָס תקונדל אָפן, און אַלע צוזאַמען מיטן רבין און טאַטן האָבן מיך טיף שווייגנדיק אָנגעקוקט, און געפרעגט ביי מיר אויף שטום־לשון: היתכן, היתכן?...

ס'איז קלאָר, אַז זינט דאַמאָלט בין איך מער דעם רבינס שליח נישט געווען, און איך האָב אויף דער מעשה שטאַרק, שטאַרק חרטה געהאַט; אָבער די תאווה צו פיש כאַפּן, אין ווייכסל באָדן, קנעפּ, פּאַלענט און באַהעלטערלעך שפּילן, האָט אַלעס גובר געווען, און זינט דאַמאָלט פון איר שליטה נישט אַרויסגעלאָזן, נאָר שטענדיק פון דאָס ניי מיך פאַרפירט... איך האָב געזוכט און געפונען פאַרשידענע אופנים און תירוצים, ווי אַזוי זיך פונם לערנען אַרויסצוגנבענען, און זיי געפונען.

מיט דער צייט האָט דער רבי זיך געמוזט אויסזוכן אַ ממלא מקום פאַר מיר, וואָס ער זאָל די פסוקים נאָך זיין פאַרזאָגן קענען מיט די קינדער איינ־חזרן, און ער האָט טאַקע באַקומען אַ בעסערן פון מיר... מתחילת האָב איך אפילו געהאַט דערפון גרויס צער און קנאה, אָבער די תשוקה צום וואַיעוון און שפּילן האָט אַלעס, אַלעס צוגעדעקט...

ביז אויף איינמאָל האָט דאָס דער רבי שוין מער נישט געקענט סובל זיין, און מיך נאָכן לערנען פאַר דער האַנט אָנגענומען און מיט מיר צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. דעם גאַנצן וועג האָט ער צו מיר אַ וואָרט נישט אויסגע־רעדט; איך האָב געפילט, אַז עפּעס שרעקלעכעס וועט דאָ געשען. אפשר פּעטש, קללות, נישט געבן צו עסן? אָבער אַ טעות... איך בין געגאַנגען מיטן רבין און מיין האַרץ האָט געציטערט, ווי אַ טויב פאַר דער שחיטה. יעדער טראַט, וואָס דער רבי האָט געמאַכט מיט זיינע הויכע שטיוול כאַלע־וועס, האָט ווי אַ האַמער אין מיין קאָפּ אַ זעץ געטון...

און אַז איך האָב דערלעבט אַהיימצוקומען, האָט ער מיט אַ חוזק־שמייכל און אַ ביטערן קול זיך צו מיר געווענדעט: זעץ זיך, יאָסעלע, דו ביזט דאָך זיכער מיד פון תורה לערנען. דיין טאַטע זאָל לעבן ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ תכשיט ער פאַרמאָגט, עס וואַקסט אַ גאון, אַן עילוי, וואָס פאַרנעמט

זיך אַ גאַנצן טאָג מיט קנעפּ שפּילן, פּיש כאַפּן און האָר פון די פערד־שווענץ אַרויסרייסן, און זיינע חברים זענען די בעסטע און פיינסטע גנבים...

דאָס גאַנצע בלוט האָט מיר, ווי אַ פלאַם, אַ שלאָג געטון אין פנים אַריין. איך בין איינגעזונקען געוואָרן פאַר חרפה, דעם גילדן וואָס דער רבי האָט יעדן חודש בעל־כרחו געמוזט צונעמען פאַר זיין באַזונדערער טרחה מיט מיר, האָט געציטערט אין זיין מאָגערער האַנט, ביז ער האָט אים אַרויפגע־לייגט אויף דער געלינירטער יריעה, וועלכע דער טאַטע האָט גראָד געוואָלט אָנהויבן צו שרייבן. דער טאַטע האָט זיך כמעט בדמעות ביי אים געבעטן: „טוט עס נישט, טוט עס נישט, ר׳ משה! וואָס זענט איר שולדיק און וואָס זאָל איך טון, אַז דער משומד איז אייך אַזוי מצער?... איר האָט די פאָר גראָשן ערלעך זיך פאַרדינט”...

„ניין, ר׳ אַלטער, איך קען די בלוטיקע גראָשנס אייערע נישט בחינם צונעמען”, האָט דער רבי טרויעריק און אַנטשלאָסן געענטפערט. „גיט בעס־סער אַוועק אייער זון צו אַן אַרבעט, זאָל ער כאָטש ווערן אַ בעל מלאכה; ער האָט אפילו אַ גוטן קאָפּ און וואָלט געקענט קענען, אָבער אַז ער וויל נישט, איז די גאַנצע טרחה און יעדער גראָשן אַ שאָד”...

דעם טאַטנס פאַרלוירנקייט, דעם רבינס האַרבע רייד, און דער גילדן אויף דער יריעה האָבן אַזוי שטאַרק אויף מיר משפיע געווען, אַז איך בין געפאַלן מיט אַ געוויין צוערשט איבערן טאַטן, דערנאָך איבערן רבין און געקושט זייערע הענט מחילה בעטנדיק, און מבטיח געווען דאָס קיינמאָל מער נישט צו טון, זיך תמיד נאָר אַנשטענדיק און געלאַסן אויפפירן, מיט די שטותערייען זיך מער נישט מתעסק זיין. מיין הבטחה האָב איך געהאַלטן ביז איך בין אָנגעקומען צו אַ תוספות מלמד, ביי וועלכן איך בין שוין אין גאַנצן צעפלאַשעט געוואָרן, ווייל עס האָט אים געפעלט די חכמה, די תורה, דאָס קענען, און בכלל די גאַנצע פערזענלעכקייט און צוציענדיקער חן פון מיין ערשטן רבין...

די מאַמע, וועלכע האָט נישט ווייניק דחקות געליטן פונם טאַטנס עבודת הקודש, האָט פשוט מרעיש עולמות געווען מ׳זאָל מיך צו אַן אַרבעט אַוועק־געבן. דער טאַטע האָט באַין ברירה מיך שוין געוואָלט צו אַ בעל מלאכה אָפּגעבן, אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט, אַז דער פריערדיקער רבי האָט אָפּגעזאָגט דאָס תלמוד תורה מלמדות, נישט פילנדיק בכוח עס ווייטער צו פירן, ווייל דער הוסט צוזאַמען מיט די שלעכטע תלמידים האָבן אים אָנגע־הויבן וואָס אַפּטער אַלץ שטאַרקער צו פאַרמוטשן, האָט ער זיך אַ קליינעם לימוד מיט אַ פאָר אויסגעזוכטע תלמידים פון זיין פריערדיקן חדר אין דער

היים איינגעאָרדנט, האָט מיך דער טאַטע ווידער צו אים אָנשטאָט צו דער אַרבעט אַוועקגעגעבן...

ס׳איז דאַמאָלט גראָד געווען פאַר די ימי נוראים, האָט דער רבי ווידער מיט אונז די סדרה האזינו דורכגעלערנט. דער באַטעמטער טייערער קול זיינער מיט דעם האַרצעדיק טרויעריקן ניגון וואָס איך וועל ביז אין מיין קבר אַריין קיינמאָל נישט פאַרגעסן, האָבן מיך ווידער ווי אויפגעמונטערט און דערפרישט...

אויף די ימי נוראים איז דער רבי, ווי זיין שטייגער איז געווען, יעדעס יאָר אַוועקגעפאָרן, אויך דאָס מאָל זיך דערפון נישט אָפּגעזאָגט, הגם ער האָט זיך שוין גאָרנישט געפילט בקו־הבריאות...

אָפּגעדאַווענט מוספים און שחריתים, איז דער רבי פאַרשטייט זיך אַהיימגעקומען קראַנקער און צעבראָכענער, ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, און זיך נאָך אַ קליינע מתנה פון וועג מיטגעבראַכט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו ביסלעך מיט בלוט צו שפייען. זיין בני בית האָט אָנגעהויבן מיט פּחד אַרום אים זיך צו פאָרן, אָבער דער פינסטערער עול פּרנסה איז פון אַלעם שטאַר־קער געווען... דערפאַר איז דער רבי נאָך אַ צייט לאַנג געצווונגען געווען מיט אונז האַלבע טעג צו לערנען. אָבער שפּעטער, אַז דער הוסט האָט שוין גאָרנישט מער פון אים געוואָלט אָפּטרעטן, האָבן זיינע מידע קנאָכן דאָך געמוזט דאָס בעט אויפזוכן...

אַמאָל בעת איך בין פאַר זיין קראַנקן בעט געזעסן, ווען דער הוסט און דאָס בלוט־שפּייען זענען אויף אַ ווײַלע פון אים אָפּגעטרעטן, האָט ער גרויס זיינע קלוגע דורכדרינגענדיקע אויגן אויף מיר אויפגעהויבן און זיינע ברויך־בלויע ליפּן האָבן שוואַך צו מיר געשעפּטשעט: „גיי, יאָסעלע, רוף צוזאַמען די אַנדערע קינדער און בעט, זייט מתפּלל פאַר מיר, ווייל נאָר קינדער־געו־ויין קען מיר נאָך העלפן און מיך אויסבעטן. און אַז גאָט וועט העלפן איך וועל ווידער געזונט ווערן, וועל איך דיר שענקן אַ סך שיינע יידישע מעשה־ביכלעך, פון וועלכע דו וועסט אַ גרויסע הנאה האָבן״...

„אוי, רבישי, גיט מיר דערוויל אַן איינציקס״, האָב איך אַ פאַרציטער־טער ביים טויט־קראַנקן רבין געבעטן. „איך וועל מתפּלל זיין פאַר אייך, איך וועל אויך גיין די אַנדערע קינדער אויפזוכן, און מיר וועלן אַלע אין דער אַלטער שול פאַר אייך מתפּלל זיין״...

אויפן רבינס בלייכן אויסגעצוימטן פּנים האָט זיך אַ לייטזעליקער שמייכל באַוויזן. זיין אָפּגעצערטע, ציטערדיק בלאַסע האַנט האָט זיך צום ספרים־שאַפּקעלע אויסגעשטרעקט, פון דאָרטן אַ דין מעשה־ביכעלע אַרויס־געצויגן, אויף וועמענס שער־בלעטל ס׳איז געשטאַנען מיט קליינע אותיות

פון אויבן אויפגעשריבן: „פּאַרפּאַסט פון יצחק משה באַדער הכהן״, און ער האָט עס מיר שטיל מיט ליבע איבערגעגעבן...

דאָס ביכל פון מיין רבין האָב איך גלייך אין טאַש גוט באַהאַלטן און עס ווי אַ הייליקייט אָפּגעהיטן. איך בין געלאָפן צענויפזאַמלען די קינדער, וואָס האָבן מיט מיר געלערנט, און אַלע צוזאַמען האָבן מיר אין דער אַלטער שול מתפלל געווען מיט גרויס כונה און געוויין, אַז דער ליבער גאָט זאָל אונזער טייערן רבין העלפן צושיקן אַ רפואה שלימה און אים נאָך לאָזן לאַנג, לאַנג לעבן... אָבער דער ליבער גאָט האָט ליידער אונזער געבעט און געוויין נישט דערהערט, ווייל שוין צומאָרגנס איז אונזער רבינס לויה געווען...

פון צווישן די יידן וואָס האָבן מיין רבין צו זיין אייביקער רו באַגלייט האָב איך געהערט ווי איינער האָט אים וויינענדיק אַ שבח נאָכגעזאָגט: אפילו אַ משכיל געווען, נאָר אַן אָפּגעהיטענער ייד, אַ פּשוטער אָבער אַ גרויסער בעל־דקדוק און תנ״ך־קענער, געשריבן לשון־קודש, אָבער מער פאַר אַלעם אַן אמתדיקער ירא־שמים, אַ צדיק יסוד עולם, אַ קדוש עליון...

און איך בין געשטאַנען פאַר דעם אָפענעם קבר אין וועלכן מ׳האָט מיין ליבן טייערן רבין אַריינגעלאָזט, פאַרשאָטן מיט דער קאַלטער ערד; דעם קלוגן, דעם גוטן לערנער פאַרשטומט אויף אייביק דאָס האַרצעדיקע זיסע טרויעריקע קול זיינס... און אַלע, צוזאַמען מיט מיר, זענען זיך צעגאַנגען, נאָר אים, מיין טייערן רבין, האָבן זיי דאָרט אַליין געלאָזן...

איך בין דערנאָך וואָכנלאַנג אַ דערשלאָגענער אַרומגעגאַנגען און נאָך מיין רבין געבענקט און געטרויערט, אים גאַרנישט געקענט פאַרגעסן; גע־בעטן טאָג־טעגלעך צו גאָט מיט הייסע טרערן, אַז משיח זאָל וואָס גיכער קומען, אַז מיין ליבער רבי זאָל צו תחית־המתים אויפשטיין, און איך זאָל קענען אים ווידער זען...

איינמאָל גייענדיק אין דער אַלטער שול אַריין צום דאַוונען, האָב איך די רביצין באַגעגנט. אַ שלאַנקע, צאַרטע פאַרצייטיקע ערלעך גוטע פרוי אין אַ האַרבאַנד, און אין אַ דאַרע איינגעהילט. געגאַנגען איז זי פאַראומערט מיט דעם קאָפּ איינגעבויגן, נאָר פון דער דאַרע האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר הויכע שוואַרצע כאַלעוועס. אין מיין האַרצן האָט עס אַ ריס געגעבן: דעם רבינס שטיוול, אוי דעם רבינס שטיוול! זי גייט זיי אודאי פאַרקויפן! ניין, ניין! — האָט אַ שטים אין מיר אויפגעשריען — מיין רבינס שטיוול טאָרן נישט פאַר־קויפט ווערן, זיי טאָר נישט טראָגן אַבי ווער. ניין, ניין! איך האָב זיך שטיל אונטער אַ פאַרקן באַהאַלטן, כדי צו וויסן וועמען זי פאַרקויפט די שטיוול. און וואָס האָב איך דערזען? די רביצין איז אין אַן אָרים הייזל אַריינגעגאַנגען, און איידער זי האָט די טיר געעפנט, האָט זי די שטיוול פון אונטער דער

דאָרע אַרויסגענומען, זיי מיט צער באַטראַכט און זיי פעסט צום האַרצן צו־געפּרעסט, ביז צוויי גרויסע טרערן זענען ווי פּערל פון אירע אײדעלע באַקן שטיל אַראָפּגערינען... דאַן האָט זי די טיר געעפנט, און מיין רבינס שטיוול האָט זי זיינס אַן אָרימען תלמיד אָװעקגעשענקט...

איך בין דאַן אַ ביסל באַרואיקטער געוואָרן. דאָך האָט מיך עפּעס אַ ביטער געפיל טיף אין האַרצן גענאָגט, און מיין האַלז ווי מיט אַ שטריקל צוגעשנירט... איך האָב געוואָלט וויינען, נאָר נישט געקענט; האָב איך מיינע אויגן שטום און גרויס צום הימל אויפגעהויבן און מתפלל געווען בלחש: רבון כל העולמים! דערבאַרעם זיך און האָב רחמנות אויף מיר און שיק וואָס גיכער דעם מלך המשיח, מיין רבי זאָל צו תחית המתים אויפשטיין, און איך זאָל אים ווידער קענען זען...

געלערנט האָב איך זינט דאַמאָלט שוין נישט מער ביי קיין שום רבין, וויל קיינער אין דער וועלט האָט מיר מיין רבין נישט געקענט דערזעצן...

דאָס פידעלע

איך שיק מיין זכרון אין דער טיף פונם לעבנס־ים כדי פון דאָרט אַרויס־
צוברענגען די פּערל און די בריליאַנטן פון מיין פאַרגאַנגענער יוגנט..

אַמאָל אין די גליקלעכע פאַרגאַנגענע צייטן, ווען איך בין נאָך קליין געווען, איז מיין גרעסטער חלום און טיפסטע בענקעניש געווען אַ פידעלע. און האָב איך אַמאָל ווען שפּילן געהערט האָט מיין נשמה פאַר פרייד אויפ־געציטערט און שיער פאַרגאַנגען...

אָבער ווי אַזוי האָב איך דען געקענט צו אַ פידעלע קומען? מיין טאַטע אַ סופר, אַ גאַנצן טאָג ביי זיין הייליקער מלאכה פאַרנומען. מיין מאַמע אַ פאַרביטערטע פון דאגות פרנסה. איז ווער האָט מיר דען געקענט שפּילעכ־לעך קויפן! האָב איך נאָר מיט מיין פידעלע זיך אין חלום געקענט באַהאַלטן, און גליקלעך זיין דערמיט...

און ווי ווייל איז מיר געווען, אַז מיין מחשבה האָט עס מיר גענומען מאָלן. מיר האָט זיך געדאַכט איך האַלט עס פאַרן פיינעם אויסגעטאָקטן שלאַנקן העלזל, דריי פאַר די שוואַרץ באַהנטע פלעקלעך, שפּיר דאָס גלאַנ־ציק געוועלבטע ריקנדל, קוק אַריין אין די צוויי פאַרסודעטע אָפענע שפּעלט־לעך פון סאַמע מיטן פידל האַרץ און וויל דעם רעטזל דערגיין: ווער פון דאָרט ס׳שפּילט שטענדיק אַרויס...

מיין בענקשאַפט איז תמיד דערנאָך אַזוי געווען, אַז איך האָב מיר גע־מוזט וועלכע נישט איז צוויי שטיקלעך האָלץ נעמען, מיט איינעם איבער דעם אַנדערן אַרויף און אַראָפּ געפירט און אַ לידעלע מיר צוגעברומט, ווי כ׳וואָלט אַן אמתדיקע פידל געהאַלטן...

און האָב איך זיך געקענט אַמאָל צו מיינעם אַ חבר זייגוועלע צימבלער פאַרגנבענען איז מיין שמחה געווען אין־לשער. זייגוועלעס פאָטער איז געווען אַ קלעזמער, און ער אַליין פלעגט שוין אונטערצימבלען אויפן גראָבן באַס. ביי זיי דאָרט האָב איך אויך די גאַנצע קאַפּעלע באַגעגנט, אויף וועלכער איך האָב נישט מיט ווייניק קנאה געקוקט. אַמליבסטן פון אַלע פלעגט מיר זיין אַ הויכער דאַרער בעטלער, וועלכער פלעגט דאָרט תמיד אַריינקומען מיט אַ שוואַרץ קודלוואַטן הונט. ער פלעגט מיך אויף דער שויס נעמען און זיך

אַזוי פונאַנדערגעזונגען, אַז זיין קול איז זיך צוגאַנגען אין אַלע מיינע ביינער. (אוי איז דאָס געווען אַ מנגן און אַ יודע קול נגינה, אַז איך קאָן אים נאָך עד היום נישט פאַרגעסן).

דאָס גליק האָב איך אָבער זעלטן ווען געהאַט, ווייל איך האָב עס תמיד געמוזט מיט אַ פּאָר גראָשן מיר קויפן. ווי אַ פאַרכישופטער פלעג איך זיין ווען איך האָב זיך דאָרט געפונען; מיינע אויגן נישט געוווּסט וווּ פריער אַהינצוטון, ווייל אויף די ווענט זענען געווען צעהאַנגען פידעלעך פון כל המינים, מיט דינע קורצע העלזלעך און אויפגעבלאָזענע בייכלעך מיט יונג קוויטשעדיקע קולעכלעך, ווי די קינפּעט־קינדער; און ווידער פידלען מיט לאַנגע גראָבע העלזער און דיקע בייכער וואָס האָבן געהאַט שטימען הייזע־ריקע ווי אַלטע יידן... קלאַרנעטלעך, פלייטן און טרומפּייטן האָבן ווי גאָלד און זילבער געכישופט און געבלענדט (די לעכעלעך פון וועלכע די זיסע טע־נער האָבן זיך אַרויסגעגאָסן זענען געווען מיט לעפּעלעך באַדעקט, וואָס האָבן ווי פּערל אויסגעזען)...

ווי איך האָב זיך נאָר צו אַ גראָשן דערשלאָגן, האָב איך אים גלייך מיין חבר זיינוועלען אָוועקגעטראָגן, כדי ער זאָל מיך לאָזן האַלטן אַזאַ פידעלע און כאַטש אַמאָל אַ צופּ טון אין די סטרונעס...

און פלעגן זיך חברה אַמאָל פונאַנדערשפּילן, איז מיין האַרץ שיער פאַר מתיקות פאַרגאַנגען. אָבער אַז איך זאָל אַמאָל אַליין צו אַזאַ פידל קומען, דאָס איז פשוט אַן אוממעגלעכקייט געווען; סיידן נאָר איך זאָל קראַנק ווערן... אַזוי האָב איך מיר תמיד געטראַכט, דאַמאָלט וועט אפשר דער טאַטע אויף מיר רחמנות באַקומען און מיר אַ פידעלע קויפן. איז טאַקע מיין גרעסטער ווונטש אַ לאַנגע צייט געווען, אַז גאָט זאָל מיר ווי אַמגיכסטן העלפן איך זאָל אין אַ קרענק אַריינפאַלן...

אַזוי זענען טעג און חדשים אין בענקעניש פאַרגאַנגען, ביז אויף איינ־מאָל האָט זיך גאָט איבער מיר מרחם געווען און מיין בקשה ממלא געווען...

אָנגעהויבן האָט עס זיך נאָר מיט אַ ביסל האַלז־ווייטיק, אָבער געענדיקט האָט עס זיך מיט אַ שווערער דיפטעריע. פאַר מיין בעט האָבן זיך געפּאָרעט מיין טאַטע, די מאַמע און מיין שוועסטער. בייטאָג ווי ביינאַכט מיר קאָמפּרעסן געלייגט, און איך בין געלעגן אין איין פייער און געברענט...

מיר האָט זיך געחלומט אַז גרויסע בייזע גוים שטייען פאַר מיר, נעמען יעדעס מאָל אַן שווערע לאַפּעטעס מיט גליענדיקן זאַמד און באַשיטן מיך... איך ליג שוין איינגעקאַפּעט ביזן האַלז, קען זיך קוים רירן דעם אָטעם צו דערכאַפּן... נאָר פון צייט צו צייט האָט אויף מיר אַ נאַס קאַלט ווינטל גע־בלאָזן און אָפּגעקילט, דאָס זענען טאַקע געווען די קאָמפּרעסן וואָס האָבן

מיך געראַטעוועט איך זאָל נישט פאַרברענט ווערן... אין מיין קעל האָט עס געשטאָכן, ווי כ'וואָלט געהאַט הונדערטער פיש־ביינער פאַרשלונגען. גע־בראַכט האָט מען מיר אפילו פון אַלעס גוטן: וויינטרויבן, לעקעך און שאָקאָ־לאַד. אָבער עסן האָב איך גאָרנישט געקענט...

ביז איינמאָל איז דער דאָקטאָר געקומען און מיר עפּעס שאַרפס שטע־כעדיקס אין האַלז אַריינגעשטעקט; מ'האָט דאַמאָלט געמיינט, אַז ס'איז שוין מיין סוף, ווייל דער דאָקטאָר האָט מיך אויך שוין געהאַט אויפגעגעבן... די מאַמע איז געפאַלן אין חלשות, אַז מ'האָט זי קוים געקענט אָפּראַטעווען.

אָבער זינט דאַמאָלט האָב איך ווידער מיינע אויגן געעפנט, און דאָס ערשטע גלייך דערזען נעבן מיר ליגן אַ קליין רויט־געפאַרבט פידעלע מיט אַ סמיק, וועלכעס מיין ליבער טאַטע האָט מיר געבראַכט. ווער ווייס וויפיל מאָל איך האָב עס פון פיבער און היץ געהאַט פאַרלאַנגט. דער טאַטע איז גע־זעסן אויף מיין בעט מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, געשפּילט אויפן פידעלע און זיך אַ זמרל צוגעזונגען.

איך בין אַזוי גליקלעך געווען, אַז איך האָב נישט מער געוווסט צי דאָס איז אַן אמת צי אַ חלום... און זינט דאַמאָלט האָט פאַר מיר נישט מער עק־זיסטירט נאָר מיין פידעלע. אַ גאַנצן טאָג האָב איך עס פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזן נאָר געשמירט דעם בויגן מיט קאַניפאַל, געדרייט פאַר די פלעקלעך, עס אָנגעסטראָיעט און געשפּילט, געשפּילט אָן אַן אויפהער...

מתחילת האָט עס דער טאַטע מקבל באהבה געווען. מיר אפילו צוגעוויזן ווי כ'האָב זיך נוהג צו זיין מיטן פידעלע. אָבער דערנאָך ווען דאָס פידעלע האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס אָרט פון דאַוונען און חדר, איז ער אַ ביסל ברוגז געוואָרן און גענומען קרום אויף מיר קוקן...

און הגם דאָס איז אים גאָרנישט ניחא געווען, האָט ער מיר ווייניק וואָס געזאָגט, ווייל שרייען אויף אַ קינד אָדער חלילה גאָר אַ האַנט אויפהויבן, איז נישט זיין טבע געווען.

איינמאָל — און דאָס וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן — איך האָב זיך גאָר פרי אויפגעכאַפּט, און באַלד זיך מיט מיין פידעלע צו דער אַרבעט גע־נומען. דער טאַטע איז געזעסן אַ בלייכער איבער אַ פּרשה געבויגן און אַן מפסיק צו זיין געשריבן... די זון האָט דאַמאָלט אַזוי געברענט און געבראָטן, אַז ס'איז פּשוט נישט געווען אויסצוהאַלטן, און איך האָב נישט אויפגעהערט אויף דעם פידעלע צו סקריפּן און קראַצן. דעם טאַטן האָט עס שרעקלעך געאַרט, אַזוי אַז ער האָט אייניקע מאָל מיט אַן „אום אום" און „ני, ני, ני" זיך צו מיר געווענדעט. איך אָבער האָב דאָס גאָרנישט געהערט, אַזוי פאַר־

ברענט בין איך געווען אין מיין עבדות, נאָר אַלץ ווייטער געסקריפּעט און געקראַצט...

ביז אויף איינמאָל איז דער טאַטע אַ צו׳כעס׳טער אויפגעשפּרונגען, ווי כ׳האָב אים נאָך פריער קיינמאָל אַזוי נישט געזען, און אויסגערופן נישט מיט זיין קול: „פּושע ישראל! דורך דיין פינסטערן פידל, האָב איך אַ שם פאַרפעלט און אַלע פּרשות זענען פּסול”... איך האָב נאָך דאַמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מיט אַ האַלבע וואָך אונטערהונגערן געשמעקט... אָבער אַז איך מוז תיכף אַנטלויפן, דאָס האָב איך באַלד דערפילט און פאַרשטאַנען. איך האָב זיך טאַקע גלייך געלאָזן ווו די אויגן האָבן מיך געטראָגן, אָבער מיין טאַטע נאָך מיר... אַ קרייד־ווייסער און מיט פאַרביסענע ליפּן. איך בין געלאָפן אין הויף אַריין, פון דאָרט אויף גאָרנס הויכע, שמאָלע, וואָס האָבן זיך ווי אַ שלאַנג געדרייט און מיינע פיס פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט. אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, אַז ס׳האָט מיר פּשוט אָטעם פאַרפעלט. דאָך האָב איך זיך נישט אונטערגעגעבן, ווייל כ׳האָב געפילט אַז עפּעס שרעקלעכעס וועט דאָ געשען. דער טאַטע האָט זיך יאָגנדיק נאָך מיר שטאַרק איינגעמאַטערט, און אָנגעהויבן צו קרעכצן פאַר שלאַפקייט און צאָרן, וואָס דאָס האָט נאָך מער אימה אין מיר אַריינגעיאָגט... איך האָב זיך קוים אַרויסגעדרייט פון די משונהדיק צודרייטע גרונטרעפּ און שיפּע טרעפּ און גאַניקעס, וועלכע זענען ווי אויף שפּינוועבס אָן אונזער הויז געהאָנגען. קוים בין איך אַ פאַרסאָפּעטער פונם געראַנגל אין טאַטנס שטוב אַריין, האָבן מיך גלייך די כוחות פאַרלאָזט און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויפן דיל. דעם פידל וועלכער איז געווען קראַמפּהאַפט אין מיין האַנט פאַרשלאָסן, האָט מיר דער טאַטע אַרויסגעריסן. מיט אַ פעסטן צי פאַרן אויער מיך פון דיל אויפגעהויבן (דאָס איז דאָס איינציקע מאָל געווען אין זיין לעבן, וואָס זיין האַנט האָט מיך באַרירט) און וואָרנענדיק צו מיר געזאָגט: „משומד! גוואַלד, גוואַלד, וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? וואָס האָסטו זיך אויף מיר אָנגעזעצט! איך קאָן דאָך דאָס געסקריפּע און געקראַץ פון דעם פינסטערן פידל שוין נישט מער סובל זיין... איך קאָן דערפון יומם ולילה נישט פּטור ווערן”... די לעצטע ווערטער האָט ער אַזוי רחמנותדיק און געקרענקט אַרויסגעבראַכט, אַז איך האָב זיך מער נישט געקענט צוריקהאַלטן און זיך פונאַנדערגעוויינט...

דער טאַטע האָט דערווייל דעם פידל אין דער לופטן אויפגעהויבן, געוואָלט אים אַ שליידער טון אויפן דיל. איך האָב מיין פּנים אין די הענט באַהאַלטן, דאָס האַרץ איז מיר שיער שטיין געבליבן, מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פידעלע וועט זיך אין טויזנט שטיקער צושיטן. אָבער איך האָב געהאַט

אַ גרויסן טעות, ווייל באַלד האָט דער טאַטע זיין פאַרציטערטע בלייכע האַנט צוריק אַראָפּגעלאָזן און דעם פּידל אויפן טיש נעבן די פּסולע פּרשות אָוועק־געלייגט... מיך מיט אַ ווייך קול איינגענומען, מיר טיף אין די אויגן אַריינ־געקוקט און מיך אויף זיין שויס אַוועקגעזעצט.

„האַ? זאָג, בני היקר, איז דאָס אַ יושר געווען? יאָגט מען זיך אַזוי מיט אַ טאַטן? מעג מען אים אַזוי מצער זיין? אדרבא, זאָג אַליין!" און ער האָט מיין האַנט פול מיט ליבע אין זיינער אַריינגענומען.

מיר וואָלטן דאַמאָלט צען פּעטש ליבער געווען. איך האָב נישט געוווּסט ווו זיך פאַר חרפה אַהינצוטון, ווייל מיין האַרץ איז מיר שיער פאַר צער און רחמנות צוגאַנגען... האָב איך געכאַפּט דעם טאַטנס ציטערדיק בלייכע הענט און זיי מיט קושן און טרערן באַדעקט. געשווירן, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט מער שפּילן אויף דעם פּידל! דער טאַטע האָט אויף מיר אפילו אָנגעשריען, אַז מ'טאָר נישט שווערן, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן...

און הגם מיין האַרץ איז מיר דאַן אָפּט אַ סך מאָל פאַרגאַנגען, איך האָב פּשוט געציטערט פון באַגערן, האָב איך אָבער דעם פּידל נישט מער אָנגערירט.

דער דאַנק

צו די איבערצייגטסטע פאַרקעמפער פאַר דער אומשולדיקייט פונם קאַפּיטאַן דרייפוס האָט באַלאַנגט דער באַרימטער נאָרוועגישער דיכטער ביערנסטערנע ביערנסאָן.

באַלד נאָך זיין באַפרייאונג איז גראַד אויסגעקומען, אַז דרייפוס מיט ביערנסאָנען זאָלן זיך צו דער זעלבער צייט אויפהאַלטן אין רוים; און עס פאַרשטייט זיך, אַז דרייפוס האָט געוואָלט באַנוצן די געלעגנהייט, כדי פּער־זענלעך אויסצודריקן זיין דאַנק דעם גרויסן נאָרוועגישן דיכטער.

ביערנסאָן האָט געלאָזט וויסן דרייפוסן, אַז ער דערוואַרטעט זיין באַזוך. דער דיכטער האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ פון זיינעם אַ רוימישן פריינט.

דרייפוס איז דערשינען צו דער באַשטימטער צייט, און אין דעם עמפּפאַנגס־זאַל האָט ער באַלד זיין אײדעלן העלפער פאַר זיך דערזען.

ער איז געווען אַזוי דערשיטערט פונם צוזאַמענטרעפן זיך מיטן דיכטער און פון זיין דערשיינונג, אַז ער האָט נאָך אַ לאַנגען שווייגן נאָר קוים, אין טאָן פון אַ מיליטערישער מעלדונג, געקענט אַרויסברענגען איבער זיינע ליפּן די ווערטער: אַלפרעד דרייפוס!

ביערנסאָן האָט אים שווייגנדיק לאַנג און טיף אָנגעקוקט בליידוערנדיק.

און בשעת מעשה האָט זיך דרייפוסעס גוף אַזוי אויסגעשטרעקט, ווי ער וואָלט פאַר אַ פאַרגעזעצטן געשטאַנען. דאָן האָבן זיך אים אַ גאַס געטון די טרערן פון די אויגן נישט ענדערנדיק זיין מיליטערישע האַלטונג... נישט ער, און נישט דער דיכטער זענען פעאיק געווען אַ וואָרט אַרויסצוברענגען...

אייניקע טעג שפּעטער איז צוליבביידנס צוזאַמענטרעפן זיך פאַרגעקומען אַ באַנקעט, אין אַן ענגען קרייז, אויף וועלכן עס האָבן אויך אַנטייל גענומען זייערע פרויען.

ביערנסאָן, איינער פון די באַגייסטערטסטע רעדנער פון זיין צייט, האָט געזאָגט: אַזוי ווי די שיינע, טונקעלע, טרערן־שווערע אויגן פון דער פרוי

דרייפוס זענען אים די גרעסטע אנאייפערונג אין קאַמף געווען, כדי איר מאַנ׳ס אומשולדיקייט צו באַווייזן, אַזוי זענען אירע טרערן ביי זייער ערשטן צוזאַמענטרעפן זיך, דער שענסטער און בעסטער דאַנק פאַר אים . . .

יאָ, שענער ווי אַלע ווערטער פון דער וועלט וואָלטן געקענט זיין.

פאַר יענע יידישע אויגן און פאַר די יידישע טרערן האָט ער געקעמפט, און זיי זענען זיין גרעסטער און הייליקסטער דאַנק אויף דער וועלט . . .

זכור ד׳ מה היה לנו...

איך בין געזעסן אין מיין צימער, ווען די נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע, געהיימע פליגל איבער מיר.

גרויע געדאַנקען און טריבע געפילן האָבן מיט ווייטאַק דערוועקט מיינע דערינערונגען...

און איך האָב מיך פּלוצלינג געפילט ווי אַ פאַלשער טאָן אין דער נאַכט.

אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט האָט אַ שטים מיך באַפרייט פון מיין ווייטאָק.

און די שטים האָט געקלונגען מעלאַנכאָליש, פרום:

„זכור ד׳ מה היה לנו״.

ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי ס׳וואָלט פון אונזער דריטל אומגעקומענעם פאָלק אַרויסגעשוווּמען איין ליידנדע גרויסע נשמה, וועלכע בלאָנזשעט אַרום אויף איינזאַמע וועגן און זוכט איצט, אין דעם גרויסן מאָמענט פון דער וואַנדערנדער שכינה, אַ גאולה פאַר זיך...

אַ גרויל איז מיך באַפאַלן, און שטום האָבן מיינע ליפּן נאָכגעמורמלט:

— גאָט, דו גרויסער, שטאַרקער גאָט, געדענק, וואָס פון אונז איז געוואָרן!...

די געדאַנקען האָבן מיך ווייטער פאַרטראָגן אין אַן אומענדלעכן ים פון דערינערונגען, און עס האָט זיך קיין ברעג נישט געפונען.

און ווידער האָב איך די פריערדיקע שטים דערהערט, אָבער איצט שוין באַדייטנדער, שטאַרקער און דייטלעכער:

— שטיי אויף, שטיי אויף, דו מענטש...

אין מיין צימער איז געוואָרן אַזוי העל, גלייך ווי טויזנט זונען וואָלטן עס באַלייכט.

און פון דעם שטראַלענדן ליכט האָט זיך מיר באַוויזן אַ געשטאַלט: דאָס געזיכט איז געווען בלייך און איינגעטרוקנט, די באַקן בייניק און שפּיציק, ווי צוויי מעסערס... די אויגן האָבן ווי צוויי אויסגעלאָשענע גריבער, אין וועלכע ס׳איז געווען פול ווייטאָק און פאַרצווייפלונג, געשטאַרט מיט ווילדן לייד און טייפלישן שפּאָט... די ליפּן זענען געווען געריבצלט און פאַרטרוקנט...

און אויף דעם הויכן געפֿאַלדעטן שטערן זענען געווען מיט פֿייער־צייכנס אויסגעקריצט אַלע זיבן מדורי־גיהנום...

— ווער ביזטו, ווער ביזטו, הייליקע געשטאַלט? — האָב איך געפֿרעגט מיט פֿורכט און ווייטאָק.

אַנשטאָט אַן ענטפֿער האָט ער צו מיר געוווּנקן:

— גיי! לאָז דיין חלומען, איצט איז נישט קיין צייט צו חלומען און צו רוען... איצט איז די צייט פֿון צאָרן און משוגעת, איצט איז די שרעקלעכע צייט פֿון מלחמה... גורט אָן דיינע לענדן, באַוואָפֿן דיך מיט דער שווערט. טויזנט לעבנס ווען דיך וויינענדיק בענטשן... קום מיט דיין גייסט!... דיין גייסט, וועלכער לעבט און גליט זינט טויזנטער און טויזנטער דורות... נעם דיין האַרץ, רייס עס אַרויס פֿון דיין ברוסט און באַלייכט די טונקעלע, ווילדע וועלט!...

— הערסטו נישט די זיפֿצן פֿון די איבערגעבליבענע אלמנות?... הערסטו נישט דאָס יאָמערן פֿון די ציטערדיקע הימלאָזע יתומים?... הערסטו נישט די האַרצרייסנדע שטימען פֿון די בלאָנזשענדע כלות?... דעם ווייטאָק פֿון דיינע געשענדעטע שוועסטער, אָ מענטש?... האָסטו נישט געהערט דעם לעצטן קלאַנג פֿון די הייליקע נשמות אויף די וועגן צו די גאַז־קאַמערן?... האָסטו געזען דאָס לעצטע צוקן פֿון אַן אויג־אַפּל?... האָסטו געהערט די ווילדע קולות פֿון די מערדער, וועלכע האָבן ביי דער גסיסה גע־קלונגען מיט שפּאָט?... פֿילסטו נישט, ווי די אַלע קרבנות פּאַראייניקן זיך און שרייען צו דיר: רייס אַרויס, רייס אַרויס דיין האַרץ און באַלייכט די טונקעלע ווילדע וועלט!...

די הייליקע שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין פּוסטן צימער איז ווידער פֿינסטער געוואָרן, ס'איז פֿאַרשוווּנדן, פֿאַרשוווּנדן די הייליקע געשטאַלט... טיף צוזאַמענגעפֿאַלן פֿאַר שרעק האָבן מיינע ליפּן שטיל געמורמלט:

— אָ, גרויסער שטאַרקער גאָט פֿון ישראל!... ווער, אַך, ווער איז גע־ווען די הייליקע געשטאַלט?...

פֿון ערגעץ־ווו, ווייט, ווייט, האָב איך דערהערט דאָס טרויעריקע בת־קול פֿון דער הייליקער שטים. אין שרעק בין איך צוגעלאָפֿן צו מיין קליין פֿענסטער, אַ בלוטיקער קלאַנג האָט זיך אויפֿן מזרח־האָריזאָנט אַריבערגע־טראָגן:

— איך בין אַ ייִד, וועלכער איז אומשולדיק דערמאָרדעט געוואָרן...

באַלאַדן און לידער

יוסף הלל לעווי און זיין פרוי מרים (1917)

רבי אמנון

1

ווו ס׳פּליסן פאַרכשופט צעזונגען און פאַלן,
אין בעט אין זייער בלויען באַגאָסן מיט שיין,
די רוישיק צעשוימטע און איילקע וואַלן,
אין דייטשישן בוזעם פון טיף־ברייטן רהיין;
דאָרט טראָגט זיך אַן אייביק פאַרשיכורטער ניגון
פון מאַכט און גבורה וואָס קען ניט קיין ווי, —
און גלוסט נאָר אַלץ מער וואָס ער האָט, מער צו קריגן,
פאַרהילעכט דעם בענקענדן פאַסטעכס שאלמיי.

ווו ס׳ליגן די פעלדער ווי קינדער אין חלום,
די וועלדער ביי הימלען פון בלויען קרישטאַל, —
ניט ווייט מיט זיין קליינער פאַמיליע בשלום
דער צדיק הגדול געוווינט האָט אַמאָל:
אין מאַינץ אין דער שטאָט אין דער אַלטער פאַרצייטן,
גאַנץ נאָנט פון דעם פירשטן הגמונסנס הויף,
אַ נכבד ביים פירשט, — און אַ נכבד ביי לייטן,
דער צדיק געווען ניט שטאָלץ איז דערויף.

פון תורה און חכמה און מעשים טובים,
עס האָט פון זיין פנים געלויכטן מיט פראַכט —
די שכינה, און ס׳האָבן די פירשטלעכע אוהבים
און שרים, ביים פירשט אים געשעצט און געאַכט.
זיין קינדיש־תמימותדיק צערטלעכער שמייכל
האָט תמיד ביי אים אויף די ליפּן געשפּילט;
דאָס אויג זיינס איז הייליק געווען ווי דער היכל
פאַרצייטן, מיט טיפער קדושה פאַרפילט.

און ס׳האָבן זיך אַלע עבדים ושפחות
געבוקט און געבויגן פאַר אים צו דער ערד,
און האָבן געבענטשט אים מיט טויזנטער ברכות,
וואָס ס׳איז זיי קיין פּראָסטער בן אדם ניט ווערט...
דאָך תמימותדיק פרום איז דאָס האַרץ זיינס פאַרבליבן,
און ס׳האָבן זיך מצוות דאָרט שטיל אָן אַ צאָל, —
מתרבים געווען און זיי האָבן געטריבן
דעם צדיק אַלץ בעסער צו זיין וואָס אַמאָל.

2

אַמאָל האָט דער איידעלער הגמון באַפוילן
אַ מאָלצייט — אַ הערלעכן פירשטלעכן פעסט,
און ס׳האָבן פאַרזאַמלט זיך אַלע גדולים,
דערונטער רב אמנון צווישן די געסט.
עס האָבן געשימערט די קונסטפולע זאַלן,
פון ליכטער מיט רויזן און מירטן באַצירט,
און ס׳האָבן די גאָלדענע שווערע פּאָקאַלן
ביינאַנד מיט טאַאַסטן גערוישט און שעמרירט.

די שפּיגלען געשליפן מיט פּערל דורכפלאָכטן
זיי האָבן פאַרשפּרייט אַ פאַרכשופטן פּראַכט,
און ס׳האָבן די ליכטער אין זיי דאָרט געלאָכטן
ווי גאָלדענע זונען אין טייכן פאַרנאַכט.
און פּרויען צעבליטע ווי דופטיקע רויזן
זיי האָבן געוויגט זיך דעקאָלטע אין טאַנץ,
און מוזיק־קאַפּעלעס מיט וואַלצערס וואָס ברויזן
פאַרכאַפּט און פאַרשיכורט דאָס האַרץ האָבן גאַנץ.

דער פירשט איז געזעסן דער פירשטין ביים אָרעם,
אַ גרויסער ברילײאַנט אויף איר ברוסט האָט געברענט, —
און דאַמאָלט בשתיקה עס האָבן די שרים
גאַנץ צאַרט צו רב אמנון אַזוי זיך געווענדט:
מיר ווערן דיך חכם און מייסטער באַגליקן,
מיר האָבן גערעדט מיט דעם פירשט שוין דערפון,
דו זאָלסט נאָר קיין עקשן ניט זיין און זיך ביקן,
מיר וועלן דערהויבן דיין גליק צו דער זון...

דער גרעסטער בעל יועץ פון פירשט און די הערן
זאָל ווערן גערופן דיין נאָמען פון היינט,
ווען דו וועסט צו אונזער אמונה אומקערן
אַזוי האָט דער פירשט גאָר אַליין דיך געקריינט.
דער צדיק ער האָט ניט קיין תשובה געגעבן
נאָר פעסטער געבליבן ביי גאָט און זיין פאָלק,
דער פירשט פון זיין שטול האָט אַ סימן געגעבן
און ס׳זענען די שרים אַוועק אָן אַ טאָלק.

דער ווין האָט געשוימט זיך, די מוזיק געריגען,
און זינגעריגס האָבן אויף האַרפן מיט גלאַנץ, —
געשפּילט און געזונגען און פלייטן, וויאָלינען,
זיי האָבן באַגלייט אים דעם פירשטלעכן טאַנץ.
עס האָבן געוויגט זיך אין פּייאישע טראַקטן
צום ריטעם די טענצערינס ייגגע דעקאָלט, —
באַצירטע מיט פּערל און דימענט, סמאַראַגדן,
און האָבן די מענער פאַרפירן געוואָלט.

רב אמנון אַליין נאָר איז טרויריק געזעסן,
און שטיל אין זיין האַרץ האָט דאָס בלוט אים געטריפט,
פון זינדיקן הבל הבלים פאַרגעסן,
אין ליכט פון זיין גרויסער אמונה פאַרטיפט.
פון פירשטן די שוועסטער די שלאַנקע באַחנטע,
געוואָרפן האָט שטום אויף רב אמנון איר בליק,
עס האָט זי פאַרצויבערט זיין פּנים ס׳צעשיינטע
פון עפּעס אַ וויים ניט פאַרשטענדלעכן גליק...

3

אַמאָל ווען ס׳איז הגמון געוועזן אין קומער,
געשיקט האָט ער רופן זיין נאָענטסטן פריינט,
דער צדיק געקומען איז בלייך און אַ שטומער
ווייל ר׳האָט שוין געוווסט וואָס דער פירשט האָט געמיינט.
מכבד געוועזן האָט אים הגמון מיט פּירות,
מיט טייטלען און טרויבן און גוטס אָן אַ צאָל,
און האָט אים מגלה געווען אַלע גזירות
וואָס ער האָט באַשטימט מיט זיין פירשטלעכן קהל.

אונ האָט אים אויך סודות פון פנקס געלעזן
אונ האָט זיך מתנצל געוועזן שטיל פאַר אים,
אונ דאָך וואָס דאָס האַרץ זיינס איז אויסן געוועזן —
עס האָט שוין דער צדיק דערקאָנט אין זיין שטים.
אונ ס'האָבן געצויגן אַזוי ווי מאַגנעטן
די אויגן פון צדיק אונ האָבן געשיינט,
אונ פלוצים דער פירשט האָט אַליין אים געבעטן:
פאַרטויש אים דיין גלויבן אויף מיינעם מיין פריינט!

פאַרשטיינערט אונ שטום איז דער צדיק געוואָרן,
דאָס האַרץ זיינס פאַרציטערט, דערשראָקן, באַשווערט,
אונ ס'האָט ניט קיין תשובה צום איידעלנס אוירן
דערגרייכט, ווי עס וואָלט ניט דער צדיק געהערט.
אונ נאָך אַמאָל האָט ביי אים הגמון געבעטן,
אַצינד מיט אַזאַ מין דערהילעכטע שטים,
וואָס האָט זיין נשמה די גרויסע געטרעטן
האָט מפציר געוועזן דער רשע אויף אים.

4

אונ צייטן עס זענען פאַרשוווּנדן, פאַרגאַנגען,
די וועלט האָט אין שניי זיך אין ווייסן פאַרהילט,
אונ ווידער עס האָבן דערהערט זיך געזאַנגען —
אונ הערצער עס האָבן דערוואַכט מיט פאַרלאַנגען,
דער שניי איז צערינען, דאָס אייז איז צעגאַנגען,
אונ ס'האָט זיך דער פרילינג מיט פאַרבן צעשפּילט.

אונ ווידער גערופן פון מאַינץ האָט דער שררה
דעם צדיק אַהיים מיט אַ כיוון צו זיך,
באַפלעקן געוואָלט דורך אַ טרפהנער סברה
דער גאָלדענער ריינער אמונה'ס עטרה,
אונ טרייבן דעם צדיק אַריין אין אַ צרה
אונ פאַנגען זיין גרויסן אונ הייליקן איך...

אונ ווי נאָר רב אמנון צום פירשט איז געקומען,
דערלאַנגט האָט דער פירשט אים זיין אייגענעם שטול,

מיט ליבלעכע ווערטער אַרום אים גענומען,
באַקראַנצט אים מיט לאָרבער און כלערליי בלומען,
דער צדיק איז טיף אין אַ פחד פאַרשוווּמען,
געוואָרן זיין האַרץ איז פון אַנגסט איבערפול.

קוים איז נאָר געקומען צו זיך און גענעזן
דער צדיק אַ ביסל פון פריריקן שרעק,
האָט ווידער דער פירשט אויף אים מפציר געוועזן:
פאַרבייט אים דיין גלויבן — איך שווער ביי מיין וועזן
דו ווערסט מיר וואָס ס'איז נאָך קיינער געוועזן
דער גרעסטער בעל יועץ מיט גליק אָן אַ ברעג!

די דייטשע מדינה צו שעצן וועט וויסן
אַ חכם, אַ קענער, אַזאַ ווי דו ביסט,
וואָס קאָן יעדן סוד מיט זיין שכל אויפשליסן,
אַז יעדער זאָל קאָנען זיין חכמה געניסן,
מיט דאַנק עס וועט פאָלן דאָס פאָלק דיר צופיסן,
און אַכטן עס וועט דיך איעדערער קריסט.

עס וועט צו לטובה אויך זיין דיינע ברידער,
זיי וועלן זיך גרויסן מיט דיר יעדע צייט,
זיך קיינער דערוועגן דיר זיין וועט דערווידער
און האַלטן עס וועלן דיין וואָרט דיינע ברידער —
אַזוי ווי אַן אות אין אַ הייליקן סידור,
ווייל יעדערער וויים וואָס דאָס וואָרט דיינס באַדייט...

דערפאַר זאָלסטו יעדערן געבן אַ צייכן,
באַווייזן ווי גוט און דערהויבן דו ביסט,
און לייכטן דיין חכמה עס זאָל אָן אַ גלייכן,
אַזוי ווי די זון פון די ווייטעסטע הייכן
פאַר וועלכער יעדערעס ליכט מוז פאַרבלייכן,
וואָס ניט פון דער אמתער חכמה עס פליסט...

און ס'זענען געקומען די שדים, מזיקים,
און האָבן דאָס ליכט פון דעם צדיק פאַרשטעלט,

פאַרטריבן דעם זכות פון די גרעסטע צדיקים,
און האָבן געליאַרעמט ווי ווילדע דיבוקים,
און ס׳האָבן די פינסטערע שדים מזיקים
דעם צדיק רב אמנון אָן אויפהער געקוועלט.

און שטאַרקער דאָס קול איז פון הגמון געוואָרן,
דעם גדול געשליידערט אַרויף אויף אַ וואָג,
און פלוצים דאָס צינגל איז וואַקליק געוואָרן
ווי ס׳וואָלט זיך אַ ווילע דער צדיק פאַרלאָרן,
און נכשל זיין גרויסע נשמה געוואָרן,
זיין צונג האָט געפליסטערט: גיב צייט מיר דריי טאָג.

ווייל האָבן געוואָלט האָט דער צדיק מנוחה
און האָט ניט קיין אַנדערע ברירה געהאַט,
איז נעלם געוואָרן פון אים יעדע ברכה,
און האָט שוין ניט קיינמאָל געהאַט קיין הצלחה,
ווייל האָבן געוואָלט האָט דער צדיק מנוחה,
האָט הגמון געמיינט אַז ער האָט זיך געשמדט...

5

און ווי נאָר דער צדיק אַרויס איז געגאַנגען
פון הגמון, האָט באַלד אים אַ חרטה געקוועלט;
אוי בין איך אַ זינד דאָס אַ שווערע באַגאַנגען,
אַ זינד צום גרוב שוין דעם פינסטערן באַנגען
וואָס כ׳האָב מיין אמונה אין ספק געשטעלט.

דער מענטש איז פון שטויב דאָך צו שטויב טוט קערן,
מיט יגון ואנחה פאַרדינט ער זיין ברויט,
אַזוי ווי אַ גרעזל פאַרוועלקט טוט ער ווערן,
פאַרבלייכט ווי אַ שאָטן פאַרגייט ער מיט טרערן,
און גלייך ווי אַ שאַרבן צובראָכן טוט ווערן
אַזוי ווערט זיין לעבן צעבראָכן פון טויט.

צי האָסטו ביי מיר דען אַמאָל חס ושלום
רבונו של עולם אַ ספק פאַרדינט? —

מיין לעבן עס איז דאָך ניט מער ווי אַ חלום,
און איך בין דאָך הבל, אוי הבל הבלים,
ניטאָ שוין פאַר מיר קיין מנוחה, קיין שלום,
ביז איך וועל פאַרשווונדן, פאַרגיין ווי אַ ווינט.

איך וויל מיין עברה דעם וויטיק דעם הייסן
אויסגיסן פאַר דיר מיט מיין פינסטער געמיט,
און קורע זיך זיין, מיינע קליידער צערייסן,
פאַרהילן אין טלית, אין קיטל אין ווייסן,
אַזוי וועל איך שרייען מיט טרערן אין הייסן:
איך בלייב ביז צום קבר אַ ייד, אוי אַ ייד!

ווייל קלייך איז געווען הגמונס נסיון,
און גרויס איז געוואָרן מיין עוון אַצינד, —
און ביטער און פינסטער עס איז דער בזיון,
מחלל השם כ׳האָב געווען פאַר גויים
וואָס כ׳האָב זיך געדאַרפט ערשט דריי טעג צו באַזינען,
איך האָב זיך אַצינד שוין מיט טרערן באַזינט.

6

דער צדיק פאַראבלט אַהיים איז געגאַנגען
פון שווערער חרטה געקוועלט,
עס האָט אים מיט ליבע זיין טאָכטער עמפאַנגען, —
דאָס ווייב זיינס מיט אויגן פאַרטרערט.
מיין מאַן אַ מיין ליבער, מיין טײַרע נחמה,
אַ, זאָג וואָס עס פעלט דיר מיין קרוין,
וואָס שווייגסטו מיין ליכטיקע גרויסע נשמה,
דערצייל עס, דערצייל עס מיר שוין!

צי זאָל איך מיין תכשיט אַ רופא דיר ברענגען?
אוי רבקהלע, טאָכטערשי טײַרע, מיין וועלט —
איך פיל ווי אַ וואָלקן עס וואָלט אויף אונז הענגען,
פרעג דו וואָס דעם טאַטעשי פעלט!
אוי טאַטעשי טײַערער, האַרציקער ליבער,
דערצייל אונז דיין וויטיק, דיין שמאַרץ,

דו ביסט דאָך אַ חכם, טאָ נעם דיך ניט איבער,
אָ, נעם ניט אַרויס אונז דאָס האַרץ.

פאַרוואָס איז געוואָרן דיין קאָפּ דיר געבויגן
און גרוי איבער נאַכט דיינע האָר,
פאַרוואָס זענען תמיד פאַרצערט דיינע אויגן,
דאָס האַרץ דיינס פאַראומערט ביז גאָר?...
פאַרוואָס אַזוי בלייך איז דיין פּנים געוואָרן,
דאָס הייליקע קול דיינס פאַרשטומט, —
פאַרוואָס האָט דיין לעבן דעם שימער פאַרלאָרן,
וואָס תמיד מיט ליכט האָט געשטראַמט?...

7

און וואָס אַמאָל שטילער, און באַנגער און בלייכער,
דער צדיק געוואָרן עס איז אין זיין שטוב,
אין האַרצן געטראַכט זיך אַזוי איז שוין גלייכער
צו גיין אַ באַטריבטער אַריין אינעם גרוב.
ווען ס'האָט זיך רב אמנון דערמאָנט זיין עברה,
ער האָט זיך געוואַלגערט אין היץ און אין פראָסט,
דערפאַר האָט פאַריאָגט ער פון זיך זיינע טירע,
און האָט זיך פון קיינעם ניט טרייסטן געלאָזט.

ביינאַכט זיין געלעגער געבעט נאָר אויף שטיינער,
פאַרטריבן, פאַריאָגט פון די אויגן דעם שלאָף,
און קיינער געוווסט פון זיין ווייטיק האָט, קיינער,
אָפּקומען געוואָלט האָט ער שטום פאַר זיין שטראָף.
מיט פאַסטן געבעטן ער האָט אויף מחילה,
און תשובה געטאָן טיף מיט יראה און קלאָג, —
אין שרעקלעכער חרטה, אין הייליקער תפילה,
עס איז אים פאַרגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג...

8

צוויי טעג און צוויי נעכט טיף איןליידן און באַנגען,
פון רבקהלען זענען אַוועק מיט געוויין,

צוויי מאָל אין דעם הימל איז אויף שוין געגאַנגען —
די זון, די לבנה פאַרגאַנגען מיט פּיין.
די זיידיקע שוואַרצע צעפלאַטערטע לאָקן,
זיי האָבן איר פּנימל ס׳בלייכע פאַרהילט,
די אויגן די קינדישע בלויע צעשראָקן
זיי זענען געוועזן מיט טרערן פאַרפילט.

איר האַרץ האָט פון ווייטיק פאַרציטערט געצויגן,
עס האָט זי געפּייניקט אַן אַנונג, אַ שרעק,
עס האָבן געפּערלט מיט טרערן די אויגן,
דערזען נאָר יסורים און צער אָן אַן עק.
און מיד מיט די פינגערלעך ווייסע און שלאַנקע,
זי האָט אַ פּרוכת געהאָפטן געצייט,
און דאָרט אירע פינסטערע שווערע געדאַנקען
געהאָפטן אַריין מיט דעם גאָלדענעם זייד.

9

און פּלוצים איר האַנט האָט געגעבן אַ ציטער,
און ס׳איז דאָס פּרוכת אַראָפּ אויף דער ערד,
עס האָט זיך באַוויזן געפּאַנצערט אַ ריטער —
הגמונס בן יחיד פאַר איר אויף זיין פערד.

— רעבעקאַ, רעבעקאַ, ווי גאָלדענע גלאָקן —
זיין קול האָט געקלונגען מיט זעלטענער פּראַכט,
און זי האָט די אויגן געעפנט דערשראָקן,
און האָט זיי באַלד ווידער מיט אימה פאַרמאַכט.

וואָס כ׳האָב אין מיין האַרצן פאַרשלאָסן געטראָגן,
וואָס ס׳האָט מיך צייט יאָרן געמאַטערט געקווילט, —
אַ דאָס בין אַצינד איך געקומען דיר זאָגן,
רעבעקאַ איך ליב דיך ווי ס׳גליק פון דער וועלט!

באַלד וועט ער פאַרשווינדן דיין פּחד און ציטער,
און זיין וועסטו גליקלעך ביי מיר אָן אַ שיר,
געהערן דו וועסט צו דעם מעכטיקסטן ריטער,
געהערן אויף אייביק רעבעקאַ צו מיר!

און ער פון זיין פערד איז אַראָפּ גלייך געשטיגן,
אין פורפורנעם מאַנטל פון גאָלד און בריליאַנט,
געגומען די ערד זיך מיט איר האָט צו וויגן
ווען ער האָט געכאַפּט איר פאַרציטערטע האַנט.

און באַלד איז איר קאָפּ מיט די טונקעלע קרויזן
געלעגן צעפּיבערט ביי אים אין די הענט,
און ער האָט אַ קוש אין די ליפּן ווי רויזן —
אַזוי ווי אַ פייער אַריין איר געברענט.

און רבקהלע בלייך און פאַרבליפּט איז געוואָרן,
און האָט ניט געוווסט ווו צו ווענדן איר קאָפּ,
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קלינגען פון שפּאָרן
און ער איז אַוועק מיט זיין פערד אין גאַלאָפּ.

רבונו של עולם אין הימל דאָרט אויבן,
וואָס זאָל דאָס באַדייטן דער שרעק און די פּיין ?!
און זי האָט דאָס פּרוכת פון דר׳ערד אויפגעהויבן
געקושט און צום האַרצן געדריקט מיט געוויין.

10

איר מוטער אַליין מיט אַ האַרצן אַ שווערן
געזעסן זי איז אין איר חדר בסוד, —
ביים צאינה וראינה מיט הייליקע טרערן,
געבעטן, צעגאָסן דאָס האַרץ אירס פאַר גאָט.
ניט עסן, ניט טרינקן, ניט ריידן, ניט שלאָפן,
ניט וויסן ביי טאָג און ביי נאַכט פון קיין רו,
איז ווילסטו מיך הייליקער בורא שוין שטראָפן,
טאָ לאָז מיר דעם צדיק און מיך נעם שוין צו !

ווי קאָן איך דען צוזען די צרות און ווינדן,
וואָס בייגן דעם צדיק פאַרצייט צו דער ערד ?
ווי קאָן איך צוזען ווי ס׳האַרץ זיינס פאַרצינדן
פון ביטערן ווייטיק צעריסן עס ווערט !
דו ווערסט דאָך אודאי מיין וויינען דערהערן,
און ווערסט ניט פאַרשטויסן מיין תפילה אַצינד,

עס בעט דיך אַ זינדיקע אשה מיט טרערן:
לייטזעליק מיך, הייל אויס באַשעפער מיין ווונד!

אוי טאַטעניו זיסער מעגסט מאַכן מיך אָרעם,
אודאי געזינדיקט איך האָב אָן אַ שיר, —
כ׳וועל גיין אויף דעם קברות איינרייסן די קברים,
און שרייען: אַ לאָז אים דעם צדיק ביי מיר!
דו ווייסט אין דעם זכות פון די אבות הקדושים,
וואָס האָבן פאַר דיר זיך אין פייער געקוועלט,
דערהאַלטן ביים לעבן דעם צדיק דעם גרויסן,
וואָס גלייך ווי אַ שטערן באַלייכט ער דיין וועלט!

11

אויף איינמאָל עס האָט זיך די איידעלע שוועסטער
פון מעכטיקן הגמון ביים צדיק באַוויזן,
געבעטן באַהאַרצט אים און שטיל:
מיין מייסטער איר זייט דאָך אין חכמה דער גרעסטער,
נעמט צו פאַר אייער גוטסקייט דאָס בינטל נאַרציזן,
און הערט אויס מיין האַר וואָס אייער דינערין וויל.

דער צדיק געעפנט האָט פרום זיינע אויגן,
געוואָרן ער איז פאַר אַ ווײַלע נשתומם,
געפיבערט האָט שטום אויף איר שיינקייט זיין בליק,
מיין פריינט, אַ עס האָט מיך אייר אומעט באַוויגן,
ניטאָ איצט קיין צייט זיך צו שפילן אין טרוימען,
וויל יעדערע רגע קאָן קאָסטן אייער גליק!

וואָס זייט איר דען איידעלע מאַגדאַ געקומען,
די לעצטע מינוטן פון פרייקייט מיר רויבן
וואָס זענען ביי מיר נאָר פאַרבליבן געציילט?
איך דאַנק אייך פון האַרץ פאַר די פריינטלעכע בלומען,
איך מוז אייער חסד באמת נאָר לויבן,
וואָס איצט נאָך די שוועסטער פון פירשט ביי מיר ווײַלט...

זייט וויסן איך בין פון אַ העכער פאַרלאַנגען
געקומען בשתיקה אַהער דאָ געטריבן,

באַוויגן פון אמתער פריינטשאַפט צו אייך;
איך קאָן דאָך ניט צוזען דער פירשט זאָל אייך פאַנגען,
באַקערט אייך צום מענטש גאָט דעם מענטש וואָס טוט ליבן,
און זיין איז דאָס אייביקע הימלישע רייך...

איר מעגט אייער אמונה גאַנץ רואיק פאַרבייטן,
ווייל סיי ווי זי וועט דאָך ניט אויפהערן וועבן
זיך ווייטער און טיפער אין קריסטענטום איין, —
און דאָרטן מיט אייך וועט אויף אייביק זי לעבן
אַריבער די אַלע פאַרבלוטיקטע צייטן
ביז ווערן די מענטשהייט ווי קריסטוס וועט ריין...

מיין טייערע מאַגדאַ, איך ווייס אַז אייער ווילן
און אייער כונה איז ערלעך און לויטער,
זי לאָזט אויף אייער גוטסקייט ניט צוריק גאָר קיין חשד, —
אָבער ווי קאָן מען אַ ווונטש דען דערפילן,
ווען זיין הייסט דער ווונטש שוין ביים לעבן אַ טויטער,
פאַרבייטן דעם אמת אויף שקרע שמד?!

איר ווייסט איך בין תמיד געוואָרן געפאַנגען
פון העכערע, בעסערע, מענטשן־פאַרלאַנגען,
ווען כ׳האָב אייער עניוות די גרויסע געזען;
אָבער איר טאָרט פון אייער פאָלק ניט דאָס לעבן
אויף ווייטער אַוועק פאַר דעם גלויבן אָפּגעבן,
און לאָזן אַז תמיד זאָל שלעכטס אים געשען...

איך ווייס אַז דערצו דאַרף מען האָבן גבורה —
אויף עפּעס צו זאָגן — ניט אָפּ זיך צו זאָגן,
פון אייגענעם פאָלק, און פון אייגענעם גאָט;
נאָר גלויבט ניט מיין חכם אַז דאָס וועט זיין כפירה —
ווען איר וועט באַפרייען אייער פאָלק פון די פּלאָגן,
פון אייביקער וואַנדערשאַפט, טויט און פון שפּאָט!...

אַ פאָלק קאָן ניט ווערן דערלייזט ווען ס׳נעמט איבער
אַן אַנדערנס גלויבן, וואָס אַנדערע איז ליבער,

אַליין ווערט עס בטל און לעבט נאָר אין זכות
פון יענע וואָס ווילן מיט אים זיך פאַרבינדן,
כדי ער זאָל ווערן אויף אייביק פאַרשווינדן,
צי איז דאָס ניט פירשטין אַ טרויריקער שטות?

מיין פאָלק האָט אַ ליכטיקע מיסיע — זיין גלויבן
געהייליקט פון יושר און רעכט צו פאַרשפרייטן,
פאַרנעמען די גרעסטע יסורים און פיין,
אים שרעקט ניט דער גרויזאַמסטער טויט פון די צייטן,
און וויל מען דעם אמת ביים לעבן אים רויבן —
דאַן שענקט עס אַוועק אייך דאָס גליקלעכסטע זיין...

אַ, מייסטער איך קאָן ניט דעם שוואַרצן געדאַנקן
געהיים אין דער טיף פון מיין האַרצן פאַרנעמען
אַז איך זאָל פאַרשלינגען פון ליידן דאָס רייך;
פאַרשענקט ניט די שאַרף פונעם מעסער דעם בלאַנקן,
אייער לעבן דאָס גרויסע, — פאַרמיידט דעם גיהנום,
איך ליב זי די חכמה, און גוטסקייט אין אייך...

אַ, טייערע פירשטין איך קאָן ניט פאַרמיידן
דעם גורל וואָס איר האָט באַפרייט מיר פון ליידן
צו טראָגן מיט שטאָלץ אין מיין טרויריק געמיט;
און וואָס פון מיין פאָלק און פון מיר זאָל ניט ווערן,
כ׳וועל דורכגיין די ימים פון פלאַמען און טרערן,
און אייביק פאַרבלייבן וואָס כ׳בין — נאָר אַ ייד!...

12

אַ גערטל איז שטיל און פאַרחלומט געשטאַנען
מיט ביימלעך און רויזן און ליליעס באַקריינט,
אַ שפיגלדיק טייכל מיט זילבערנע שוואַנען,
די זון האָט באַגאָסן מיט גאָלד און באַשיינט.
און אָט אין דעם גערטל אַריין איז געגאַנגען
דאָס פענסטער פון צדיק הכנעהדיק שטיל,
פון זיסע ניגונים, גמרא־געזאַנגען,
געוועזן דאָס גערטעלע ס׳קליינע איז פול.

און יעדן פרימאָרגן מיט זון אין באַגינען
האָט רבקהלע שטיל אין דעם גערטל שפּאַצירט,
מיט זון צעשטויסענעם גאָלד און רובינען,
געווען איז דאָס טייכל באַקראַנצט און באַצירט.
געבראַכט אויף די פליגלען אַ דופט האָט אַ שאַרפן
דער ווינט, און די פריילעכע רויזן צעוויגט,
עס האָבן די בוימלעך צערוישט זיך ווי האַרפן,
די פייגל אין הימל צעזונגען אַנטציקט.

פון זיסע דמיונות און בלויאינקע ריינע
געפילן — פאַרכישופט, פאַרחלומט, פאַרוועבט;
עס האָט דאָרט די יידישע טאָכטער די שיינע,
איר כשרע יידישע ליבע געוועבט.
ווען ס׳פלעגט זיך די זון שוין אין וועלדל פאַרלירן,
דאָס גערטל אין שלייער פון אָוונט פאַרהילט,
ווען ס׳האָבן די הימלען ווי בלויע סאַפּירן —
מיט גאָלד און פיאָלעט און סמאַראַגד זיך צעשפּילט.

איז זי אַהיים ערשט פון גערטל געגאַנגען,
די ליפּלעך פון ליבע־חלומות באַהנט, —
פון עפּעס אַ טרויער אַ זיסן געפאַנגען,
און קריאת־שמע פון ליבע, מיט טרערן געלייענט...
אַרום איז געוואָרן דאָס געסל אַנטשוויגן,
עס האָט זיך דער אָוונט צעקושט מיטן טאָג,
און ס׳האָט זיך געטראָגן אַ בענקענדער ניגון
פון קלויסטערס צעוויגטן צעקלונגענעם גלאָק.

נאָר היינט איז דאָס גערטל פאַריתומט געבליבן,
די בוימלעך זיך האָבן געביקט צו דער ערט,
די טאָכטער פון צדיק געווען איז פאַרטריבן,
פון צדיק ס׳געזאַנג האָט זיך אויך ניט געהערט.
געריינצלט געוואָרן איז ס׳טייכל, די שוואַנען —
זיי האָבן געקלאַפּט מיט די פליגלען פאַרצערט,
און דאָרט איז דעם פירשטנ׳ס בן יחיד געשטאַנען,
אויף רבקהלען שעהן אומזיסטע געוואַרט...

13

די זון איז פֿאַרגאַנגען,
אין הימל אין באַנגען,
מיט טיפֿע יסורים און פּיין,
און לאַנגזאַם מיט ציטער
דער טאָג איז דער דריטער,
געקומען דער טאָג איז צו גיין.

עס האָט זיך מיט צאָרן,
אַ קלינגען פֿון שפּאָרן,
אַ שרעקלעכעס קלאַפּן געהערט, —
עס זענען פֿון ווייטן
געקומען צו רייטן,
צוויי ריטער אין פּאַנצער און שווערט.

און ס'האָבן פֿאַרבייגט זיך
די ריטער פֿאַרנייגט זיך,
און שטאָלץ האָט געקלונגען זייער שטים:
דער פֿירשט האָט דיר פֿרומער,
באַפֿוילן צו קומען,
באַפֿוילן צו קומען צו אים!

אַ קרעכץ נאָר האָט ביטער, —
געענטפֿערט די ריטער
פֿון צדיקס נשמה מיט לייד.
דריי טאָג שוין פֿאַרפֿלאָסן,
די ריטער פֿאַרדראָסן
זיי שרייען: דער פֿירשט וויל באַשייד!

און פּלוצים צעטראָגן
דערהערן זיי זאָגן —
די ריטער, דעם צדיק מיט גרים:
אַ, זאָגט אים דעם פֿירשט דאָרט,
איך גיב אים קיין ענטוואָרט,
און קום אויך צו אים ניט אַהין.

אוּן ווידער מיט צאָרן —
עס קלינגען די שפּאָרן,
אַ וואָלקן פון שטויב זיך פאַרשפּרייט,
אוּן שטיל מיט אַ ציטער
דערציילן די ריטער
דעם פירשטן, — פון אמנון די רייד...

דער פירשט האָט מיט חימה
געשריען — אָן אימה
געווען איז צו הערן זיין וואָרט:
אַ, גייט צו דעם פרומען,
אוּן זאָגט ער זאָל קומען,
איך האָב אים געהייסן זאָפאָרט!

אוּן ווידער מיט גרוילן
עס האָבן באַפוילן
די ריטער דעם צדיק פאַראַכט!
אוּן ווידער מיט ציטער
עס האָבן די ריטער
די זעלביקע תשובה געבראַכט.

מיט צאָרן אַ הייסן,
אַ פּנים אַ ווייסן,
דער פירשט האָט געווענדט זיך פאַרגאָלט:
אַהין צו די ריטער,
אַ פאָלגט אייער געביטער —
אוּן ברענגט מיר דעם הונט מיט געוואַלט!

14

אוי גאָטעניו האָב אויף דעם צדיק רחמנות,
דערהער אונזער צער אוּן געוויין,
דו ביסט דאָך אַ פאָטער — יתומים, אלמנות,
אוי לאָז אונז ניט איבער אַליין!
געכאַפּט אים דעם צדיק מיט רוגזה געבונדן
אַזוי ווי אַ גזלן פאַרשלעפּט,

עס טריפן אין האַרצן די בלוטיקע ווונדן,
צו וואָס אוי מען האָט זיך דערלעבט.

אַ רבקהניו, טאָכטער, צערייס דיינע קליידער,
און גאַרטל מיט אַש דיר אַרום
די לענדן, און גיי אינעם הייליקנס חדר
און זיי דאָרט מתפלל פאַר אים.
מיר וועלן ניט קאָנען דעם ווייטיק דערטראָגן,
מיר וועלנ׳ס ניט קאָנען דערזען, —
עס זאָל עס חלילה דער טאָג ניט באַטאָגן!
אַז אים זאָל נאָר עפּעס געשען.

אוי מאַמעניו וויין ניט, וויש אויס דיינע טרערן,
צעברעך ניט ביי מיר דאָס געמיט,
דער אייבערשטער וועט אונז אודאי דערהערן,
באַהיטן דעם הייליקן ייד.
און זי איז געפאַלן אַרויף אויף איר מוטער,
דערשטיקט איר געשלוכטס און געוויין, —
אוי מאַמעניו וויין ניט, באַלד קומט ער דער גוטער
דער הייליקער צדיק צו גיין!...

15

מיט טיפע פאַרטרערטע און טרויריקע אויגן,
אַזוי ווי אין אָסיען אַ גוססע בלום, —
געבראָכן, געבוקט צו דער ערד און געבויגן
דער צדיק געקומען צום פירשט איז שטום.
און באַלד האָט דער פירשט זיך געווענדט צו דעם פרומען,
זיין קול האָט געקלונגען מיט האַס אָן אַ שיר:
וואָס האָט דאָס באַדייטן געזאָלט דיין ניט קומען,
דו ווייסט דאָך מיר קומט היינט אַ תשובה ביי דיר?!

ווייל נאָר אַזאַ צדיק ווי דו קאָן פאַרמיידן
דאָס אייביקע אומגליק פון אייביקן ייד!
צו וואָס זאָל דער גלויבן די מענטשן צעשיידן,
אַז לעבן קאָן יעדער פון ליבע באַהיט?!

צו וואָס זאָל מען אייביק אייך מאַטערן, פּלאָגן,
וואָס טויג אייך דאָס פייער פון שייטער, דער שפּאָט;
צו וואָס זאָל מען אייביק אייך מאַטערן טרייבן און יאָגן,
צי האָבן מיר דען ניט צעזאַמען איין גאָט?!

זייט מוחל מיין פירשט, אַ איך קאָן אייך ניט געבן
קיין תשובה אויף דעם וואָס דאָס האַרץ אייערס באַגערט;
מיין גאָט וואָס ער לעבט איבער אַלעם וועט לעבן,
און איך בין זיין נאָמען צו מעלדן ניט ווערט!
איז וויל כ'האָב קיין אַנדערן אויסוועג געפונען,
נאָר האָב אים געשטעלט אין אַ ספק אַריין, —
און איך האָב פאַרלאַנגט זיך דריי טעג צו באַזינען,
דערפאַר וויל איך דן זיין אַצינד זיך אַליין:

און וויל ס'האָט מיין צונג ניט מיין וואָרט אָפּגעהיטן
נאָר האָט מיין אמונה באַגאָסן מיט שפּאָט, —
דערפאַר זאָל זי ווערן אַרויס מיר געשניטן,
אַזוי וויל איך תשובה איצט טאָן צו מיין גאָט.
דער רשע איז נבהל ונשתומם געוואָרן,
און שטאַרקער אין אים האָט דער כעס זיך צעברענט,
און ער האָט צעברילט ווי אַ לייב זיך פון צאָרן,
אַזוי אַז עס האָבן געציטערט די ווענט:

דעם פּסק וואָס דו האָסט דיר געגעבן דעם באַנגען
איז ריכטיק, נאָר ליידער צו אָרעם פאַר דיר, —
און איז אויך אין זין מיר אַריין ניט געגאַנגען,
וויל ער איז צו שוואַך און צו קליין נאָך פאַר מיר...
דער צדיק ער האָט עס געהערט און פאַרנומען,
דער פירשט האָט זיין גאָלדענעם בעכער צעקנאַקט,
די פיס וואָס זיי זענען צו מיר ניט געקומען —
זיי זאָלן אויך ווערן אַראָפּ דיר געהאַקט.

און איר האָט אודאי אויך גאָרניט דאַגעגן
אַצינד מיינע הערן מען זאָל אים דעם ייד, —
אַזוי ווי עס קומט אים דאָס האַרץ זיינס באַוועגן,

צענעמען באַזונדער זיין יעדערעס גליד...
עס האָבן געלאַכט ביי דעם פירשט די גדולים,
אַ שוואַרצער פאַרייניקטער טרויריקער בונד, —
ביז ענדלעך דער רשע האָט גרויזאַם באַפוילן:
צו נעמען און בינדן דעם יידישן הונט...

16

צי ווילסטו זיך בוקן שוין יעצט איינגעשפּאַרטער,
צי האָסטו זיך כלב נאָך אַלץ ניט באַזינט?
עס ענטפערט רב אמנון אַ קראַנקער, צעדאַרטער —
פון טיפע יסורים געקוויילט אַ פאַרצערטער:
אוי, פייניקט מיך האַרטער, נאָר האַרטער, און האַרטער,
ווייל איך האָב די שטראָף מיר גאַנץ ערלעך פאַרדינט!

און ס'האָבן די ווילדע אכזרים גענומען
דאָס צאַקיקע מעסער, דעם גליאיקן שפּיז,
און וויטער געפייניקט רב אמנון דעם פרומען,
וואָס האָט אַלץ געבעטן צום בורא אין שטומען,
און איז אין זיין אייגענעם בלוט שוין פאַרשוואומען,
אַראָפּ אים געשניטן די הייליקע פיס.

און ווידער געפרעגט אים אַ זאָג איינגעשפּאַרטער,
מיר וועלן צענעמען דיר יעדערעס גליד!
איז בוק זיך, מיר לאָזן דיך לעבן פאַרצערטער,
עס ענטפערט רב אמנון דער קראַנקער צעדאַרטער:
אַ, פייניקט מיך וויטער נאָר האַרטער און האַרטער,
צעשניידט מיך אויף שטיקער, איך שטאַרב נאָר אַ ייד!

און ס'האָבן געהערט די תלינים מיט וואונדער
פון פירשטן דעם חוזק־באַפעל און דעקרעט:
צו נעמען די גלידער וואָס ליגן באַזונדער
און לייגן צעזאַם אין אַ בעט זיי געשווינדער,
און ברענגען אַהיים פון דעם טרויריקן זינדער
צו טראָגן די בלוטיקע גלידער אין בעט.

17

ס׳שרייט זיין ווייב און יאָמערט ביטער,
רייסט זיך אויס פון קאָפּ די האָר,
שמע ישראל, דער באָמען דיין גוטער,
ניין, דאָס אַלעס איז ניט וואָר!
ווין ניט ליב און ערלעך ווייב מיינס
אויף מיין לעבן וואָס פאַרשווינדט,
ווין ניט טאָכטער כשר קינד ריינס,
כ׳האָב דאָס אַלעס אַליין מיר פאַרדינט...

ווייל כ׳האָב זיך געוואָלט באַזינען
חס ושלום שיר געפעלט, —
מוז איך דאָ אַצינד אָפּקומען
מיין עברה אויף דער וועלט.
וויינט ניט, גאָט אין הימל אויבן
וועט איך ניט פאַרלאָזן, ניין!
ווייל איז דעם וואָס שטאַרבט מיט גלויבן, —
ווייל וועט דעם אין גרוב אויך זיין.

און דעם בייזן ווילדן רשע
וועט אויך שטראָפן גאָט פאַר אייך, —
כ׳האָב צו אייך נאָר איין בקשה,
זייט זי מיר ממלא גלייך:
מאָרגן איז דאָך ראש השנה,
אויף מיין גרויסן שווערן חטא
וויל איך בעטן מיט כונה,
טראָגט אין שול אַריין מיין בעט...

18

זיין ווייב און זיין טאָכטער זיי האָבן גענומען
פאַריאושט מיט טרערן, פון ווייטיק פאַרשמאַכט,
דעם צדיק הגדול, דעם הייליקן פרומען,
פון כרובים באַגלייט האָט זיי טרויריק אַ ברומען
ווען ז׳האָבן אין שול אים דאָס בעט זיינס געבראַכט.

אין שול האָט דער חזן מתיקות געזונגען,
און נאָך ניט די מוסף קדושה געזאָגט,
זיין קול ווי אַ גאָלדענע האַרף האָט געקלונגען
און יעדערן טיף אינעם האַרצן געדרונגען,
ביז ס'האָט זיך דער עולם צעוויינט און צעקלאָגט.

די שול האָט געשימערט געהיימפול מיט שטראַלן
ווייל ס'האָט דאָרט דער בורא אַרום שטיל געשוועבט.
צעגאָסן האָט יעטוועדער האַרץ זיינע קוואַלן,
און פּלוצים איז יעדן אַן אימה באַפאַלן,
און ס'האָט זיך זיין צונג אים צום גומען געקלעבט.

און שטום איז געוואָרן דאָס וויינען און קלאָגן,
ס'האָט יעדער זיין פּנים פאַרבאָרגן געקוועלט.
און קיינער דערוועגט האָט אַ וואָרט זיך צו זאָגן,
ווייל טרויריק און שטיל איז געוואָרן געטראָגן
אַ בעט און צום עמוד ביים חזן געשטעלט.

און באַלד האָט דערהערט זיך אַ שטימע, אַ שטילע,
פון טיפע יסורים און שרעקלעכער נויט, —
אַ, חזן האַלט איין אויף אַ רגע דיין תפילה,
איך וויל מיט מיין מידער נשמה די שטילע
מקדש השם זיין אַצינד פאַרן טויט!...

און ס'האָט זיך געעפנט דער הימל פון אויבן,
און ס'זענען מלאכים אַריין אין דער שול;
און האָבן געררישט מיט די פליגלען ווי טויבן —
אַ, גרויס ביסטו צדיק און שטאַרק איז דיין גלויבן,
דיין לעבן געהייליקט עס איז אָן אַ גבול.

די שול איז געוואָרן מיט פחד אַנטשוויגן,
דער צדיק געעפנט די לעפצן האָט קוים, —
ובכן לך תעלה קדושה זיך וויגן,
געגומען אַ תפילה האָט שטיל ווי אַ ניגון,
פון עפּעס אַ וויטן פאַראומערטן טרוים.

„ונתנה תוקף״ — האָט טרויריק געקלונגען,
וואָס פרום האָט רבי אמנון מיט טרערן געזאָגט.
ווי ס׳וואָלט פאַרן טויט זיך אַ מלאך צעזונגען, —
אַזוי האָט זיין שטימע די שוואַכע געקלונגען,
און איז ווי אַ ווינטל פאַרווייט אין פאַרטאָג...

און גלייך האָט דערהערט זיך פון טיפער נחמה
אַ הייליקעס שעפּטשן געמישט מיט געוויין, —
עס האָבן מלאכים דעם צדיקס נשמה
גענומען פאַרציטערט און וויינענדיק שטומע,
געטראָגן אַרויף זי אין הימל אַריין.

מיט גרויל און מיט ציטער דער בית דין של מעלה
דערפילט האָט דעם צדיקס פאַרביטערט געמיט...
ווייל ער מיט זיין בלוט האָט פאַרענטפערט די שאלה,
בישיבה של מטה ובישיבה של מעלה,
פאַרפּיינט צווישן גוים, אין גלות אַ ייד...

און ס׳האָבן גענומען די כנפי־השכינה
דעם גדולס נשמה, מיט איר זיך פאַרהילט, —
אין שטראַלן פון גינגאָלד בריליאַנטענע דינע,
מיט צער און מיט בענקשאַפט אין הימלס מדינה,
דאָס ליד פון דער גלות־השכינה געשפּילט.

און גאָט האָט גערופן — אָ, אמנון מיין גוטער,
געהייליקט פון אומקום, נסיון, געפאַר;
אמנון מיין זון, אַ דו אייביק פאַרבלוטער —
ביז זי וועט ניט וואַשן זיך ריין פון דיין צער!...
די וועלט פון איר לייד וועט ניט ווערן מער פטור,

מיין טאַטע דער סופר

נישט געשריבן, איבערשריבן —
האָט ער נאָר די ספרי תורות,
דאָך איז טיף אין זיי פאַרבליבן
זיין קדושה איבער דורות...

ווייל ער פלעגט דאָרט איינצוועבן
אין אַ יעדער שורה, מילה, —
ס׳גאַנצע עצבות פון זיין לעבן
טיף בלחש מיט אַ תפילה...

ס׳איז זיין ליבע ווי דער מולד
אויפגעגאַנגען — ריין אָן ספקות,
צו דער שכינה דאַמאָלט נולד
איז געוואָרן טיף זיין דבקות.

דורך דער דבקות, און אהבה,
זיין נשמה איז געוואָרן, —
פריי פון יעדער גופים־תאווה,
ריין פון יעדן האַס און צאָרן.

ווי אַ פרום פאַרלאָזטע כלה
דאַמאָלט האָט זיין לעבנס־עמקות, —
מיט התבודדות מגלה
שטיל געוועזן זיינע תשוקות...

נישט געשריבן, איבערשריבן —
האָט ער נאָר די ספרי תורות,
דאָך איז טיף אין זיי פאַרבליבן
זיין קדושה איבער דורות.

יוסף הלל לעווי

גאָטס יצירה

פונעם זוהר האָט ער זעלטן
אויפגעבליקט — פאַרבענקט, פאַרקלערט,
ס׳האָט דאָס אויג פון זיינע וועלטן
טיפע סודות אויסגעטרערט.

אָנגעקומען איז אַ ספירה
אין זיין האַרץ זיך איינגעקריצט,
און פון דאָרט דעם סוד היצירה
ווי אַ שטערן אויסגעבליצט.

די אומענדלעכקייט געפונען
האָט אין נעפל איינגעשפינט, —
שטיל זיין האַרץ אַזוי ווי זונען —
פערל־טויען ווען אַ טאָג באַגינט.
זיין נשמה ווי אַ לירע —
אויסגעשפילט האָט גאָטס יצירה...

ווער ס׳ווערט וויט פון גאָט

כ׳ווייס מיין זון דו ביזט אַ סופר,
לייקנסט גאָט אָפּ מיט זיין דת,
האָט מיין טאַטע מיר דער סופר
טרויעריק געזאָגט אָן כעס.

ווער ס׳ווערט וויט פון גאָט, — אַמייסטן
ווערט אויך פון זיין פאָלק דערווייט...
אָבער טאַטע, האָב איך טרייסטן
אים גענומען לאַנג מיט רייד.

נאָר דער טאַטע איז אַנטשוויגן
בלייך, און מער קיין וואָרט געזאָגט,
אָנגעקוקט מיך טיף דערהויבן,
מיט דער יראה פון זיין גלויבן,

ביז זיין שוויגן ווי אַ ניגון —
האָט פאַר מיר זיך טיף צעקלאָגט...

מן המצר!

אַ צעוויגטער פון בקשות
האָט פון שלוש־סעודות זמירות, —
אָפט צעזונגען זיין נזירות
זיך אין שבת בין השמשות.

ס'רוחניות וואָס איינצוועבן
פלעגט ער אין די זוהר־דרשות —
האָט אויף איינמאָל אַ ממשות
אָנגענומען אין זיין לעבן...

אָנגעקומען פון מרחקים
איז אַ ליכטיקער זיין יצר־
טוב, אין יענער אוונט־שעה;
ביז צעווייַנט זיך: מן המצר —
האָט דאָס האַרץ זיינס ומעמקים
טאָטעניו קראתי יה!...

דבקות...

אָפטמאָל איז פון זיינע זמירות
שטיל אַרויס אַזאַ מתיקות, —
ווי זיין ליבע און נזירות
וואָלטן זיך באַהעפט בנשוקות.

אין זיין עצבות דער משורר
פונעם בלויען בין השמשות,
איז דאָס לעבן זיינס מעורר
טיף געוועזן צו בקשות.

די געהייליקטע געפילן
וואָס ער פלעגט פון דבקות שפינען,

האָבן צאַרט מיט חלום שפּילן
זיין פאַרוויטיקט האַרץ געווינען.

ביז צווינגען מיט התפּעלות
האָט זיך זיין נשמה טאַקע
היילן מיט אַ שיר המעלות
און אַ קול דממה דקה.

ס'איז דער מזמור ווי אַ תחינה
פון זיין האַרץ אַרויסגעפלאָסן,
און אַריין אין האַרץ פון שכינה
מיט קדושה זיך געגאָסן.

און געוואָרן איז נתעלה
זיין נשמה צו דער צדקות;
לכה דודי לקראת כלה —
האָט צעשפּילט זיך זיין דבקות...

יעדער האָט געמוזט אים גלויבן

יעדער האָט געמוזט אים גלויבן
ווער עס האָט אים נאָר געזען, —
ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן
איבער דעם וואָס איז געשען...

און קיין רגע נישט חלילה
ווען געשטרויכלט אויף זיין וועג,
ביז עס האָבן ווי צו נעילה
שטיל געניגט זיך זיינע טעג.

אין אַ פידל ווי אַ סטרונע
איז געווען איינגעוועבט —
אין זיין לעבן זיין אמונה;
און פאַר איר האָט ער געלעבט.
זי האָט אים איר ליכט געגעבן,
ער דערפאַר — איר צוריק זיין לעבן...

ווי אַ שטערן...

מיט מיין טאַטנס גוטע מידות
ווען מיין האַרץ איז זיך מתיחד,
פיל איך אויך ווען כ׳בין ביחידות
מיט מיין שפלות נישט קיין פחד.

און מיין האַרץ געקוועלט פון שרעקן
קומט אַ מלאך צו באַשיצן,
מיט אַ ניגון אויפצוועקן
מיך פון כלו כל הקיצין.

ווי אַ שטערן ליכטיק ווייסער
פון קבלות העכסטער בחינה, —
פאַלט אויף מיר די ספירה בינה...
ווי אַ כלה קושט בסתר
און אהבה מיך די שכינה,
ביז מיין האַרץ גייט אויף ברינה...

די הייליקע מסורות

ס׳ווערט דאַס האַרץ מיינס אויפגעשלאָסן
כ׳זאָל דעם חלום ווייטער וועבן,
פון מיין טאַטנס גרויסן לעבן
זיין מיט אים צוזאַמגעגאָסן.

און די הייליקע מסורות
פונעם גלות איבערנומען,
נישט דערלאָזן זיי פאַרקרומען
ווייטער היטן זיי לדורות...

די מנהגים און די מידות
נישט פאַרגעסן מיט דעם חיבוט —
פון דעם יידיש לאַנגען קבר;
דאָס מתנגדות און דאָס חסידות —
זאָלן אויפגיין נישט לאיבוד
גיין פון יידיש זאָל קיין אבר...

יוסף הלל לעווי

בעט אויף רחמים

פון מיין טאַטנס שטילע מילות
פיל איך זיך אַרומגענומען,
און מיין האַרץ ווי טוי פון בלומען
טרינקט דאָס ליכט פון זיינע תפילות.

מיינע טעג זיך נעמען נייגן
פאַר דעם אָוונט־גאָלד ווי לעמער —
מידע פאַר דעם גרויען דעמער,
איינגעהילט אין טיפן שווייגן.

פאַר די זינד פון וואָרט, די רעות
וואָס עס האָט געטון אוודאי
זוכנדיק מיין גייסט יניקה;
בין איך זיך אַצינד מתוודה
מיט חרטה און בדמעות
בעט אויף רחמים טיף בשתיקה.

ווי בלומען און שטערן...

ווי בלומען צעבליטע וואָס ווערן נישט שוואַך
צו היטן די אייביקע פאַרבן, —
אַזוי מיין נשמה וויל היטן איר שפּראַך,
כדי זי זאָל קיינמאָל נישט שטאַרבן.

ווי ס'היט יעדער שטערן באַזונדער זיין אָרט
צו לייכטן אין הימלישע ספערן, —
אַזוי זאָל מיין דאָ־זיין יעדערעס וואָרט
אָפּהיטן ווי ס'ליכט זייערס די שטערן...

ווי בלומען און שטערן אין האַרבסטיקער צייט,
וואָס ווערן אַ ווייל גאָר פאַרשווונדן, —
אַזוי זאָל מיין שפּראַך זיך אויף אייביקערהייט
פאַרלעשן, און ווידער אָנצונדן...

אויסגעלייטערט

מיינע ווערטער טיף פאַרשוויגן
ווי די ליידן פון מיין שטאַם, —
אינעם גרונד פון האַרץ מיר ליגן
ווי די פערל אינעם ים.

ס'האָט מיין האַרץ זיך אויסגעלייטערט
גלייך ווי משה'ס גייסט אין סנה,
ווען צום הימל אויפגעשייטערט
האָט עס הויך צו גאָט פאַר ווײ...

מיין גורל

ס'איז מיין גורל נאָר ס'דערקענען
פון דעם מענטשן דאָס גיהנום,
און אין יעדערן געשלעכט,
חתמענען מיט בלוט מיין רעכט...

ווו איך וואַנדער, ווו איך גיי,
גלי איך אייביק ווי דער סנה,
מיין נשמה גליט און ווערט
קיינמאָל נישט אין פלאַם פאַרצערט...

מיין ירושה

ניט קיין פערל גאָלד בריליאַנטן,
אָדער גאָר אַ פּאַלאַץ דירה,
האָט מיין איינזאַם שטילער טאַטע,
מיר געלאָזן נאָך זיין פּטירה.

נאָר אַן אָרעם תּפילין־זעקל,
מיט אַ זוהרל אַ בלאַסן, —
געל געפלעקט פון יענע טרערן
וואָס ער האָט אין צער פאַרגאָסן.

נאָך אַ פּאָר ניגונים באַנגע
וואָס באַגלייטן מיט קדושה, —
מיינע לידער, איז געבליבן
נאָך מיין טאַטן מיר ירושה...

אין טאַטנס חדר

קום אַריין איך אינעם חדר
וווּ דער טאַטע פּלעגט צו וווינען,
האַלט איך איין אין מיר אַ שלוכצן
נאָר די מאַמען צו פאַרשווינגען.

גיי איך טרויריק צו צום אַלמער
וווּ ער פּלעגט באַהאַלטן אַלעס,
און געפין דאָרט אַ פּאָר גראָשן
אָפּגעשפּאָרטע אויף אַ טלית...

גראָב איך איין מיין קאָפּ אין אַלמער,
שלוכץ אַרויס מיט הייסע טרערן,
ציטערט אויף מיין שוואַכע מאַמע,
קאָן מיין וויינען ניט דערהערן.

פאַל איך אויף זיין בעט דעם אַלטן
וואָס שטייט ליידיק נאָך און אָפן,
וווּ ער פּלעגט זיך נאָך דער אַרבעט
אויסצורוען זיינע מידע קנאָכן.

שטיי איך אויף און לויף צום שולחן
וווּ זיין פּען ליגט אויסגעשריבן,
כאַפּ זיין תּיקונדל, דעם פאַרמעט,
אַלץ וואָס ס'איז נאָך אים פאַרבליבן.

גענאַמלטע שריפטן

שריי אַרויס אַ גרויסער צדיק,
הייליק טייערע וועלט באַשיינער!
ליגסט פאַרשאָטן אין אַ קבר
ווו עס פוילן דיינע ביינער.

און מיט מיר זיין גאַנצער סופרות
וויינט ווי ער אַמאָל אין חצותן, —
אויף די פסולע ספרי תורות,
און דאָס פאָלק ישראל פאַרלאָזן...

און איך קוש אַריין מיין ווייטיק
אין זיין תיקונדל דעם אַלטן, —
בלעטלעך געל באַפלעקט מיט טרערן
וואָס ר׳האָט דאָרט אַריין באַהאַלטן...

ווען דו רעדסט צו מיר...

מאַמע, דיין געקנייטשטער שטערן
מיט דיין פּנים שרומפּיק מאַטן,
האָב איך ליב ווי דיינע טרערן
ווען דו רעדסט צו מיר פון טאַטן.

ווען פון טאַטן כ׳הער דיך ריידן,
און די טרערן דיינע פליסן, —
מיינע ליפּן שטום פאַרביסן
האַלט איך ביז ס׳ווערט לייכט מיין ליידן...

אין אַ נאַכט פון אדר...

איינמאָל אין אַ נאַכט פון אדר
האָט דער אומגליק מיך געטראָפן, —
און מיין טאַטע איז מיר טרויריק
ווי אַ פויגל איינגעשלאָפן...

איינמאָל אין אַ נאַכט פון אדר
האָט מיין טאַטע מיך געבוירן, —
מוז איך טאָפּלט אויף דעם חודש
וויינען קלאָגן, טיף און טרוירן...

אין טהרה־שטיבל

כ׳האָב דערקענט דיין ווייסן קיטל
איינגעפלעקט פון דיינע טרערן,
און דיין טייער כפּור־היטל
אויף דיין הויכן, געלן שטערן...

ס׳האָט מיין האַרץ געבעטן רחמים,
ליבער זיין אַליין פאַרשניטן,
אײדער אַזאַ טײַרן אוצר
מיט די אייגנע הענט פאַרשיטן...

נאָר זיין עצבות איז געבליבן

אויסגעצאַמט מיט געלע גאַרבן
איז געווען דעם טאַטנס הויט, —
איידער ס׳האָט דער ווי פון שטאַרבן
אים באַפרייט פון גרויער נויט...

ס׳האָבן זיינע מידע גלידער
מיט די שורות זיך צעשיט, —
ווי דער איינבאַנד פון אַ סידור
דורכגעריסן אינדערמיט...

אויסגעמעקט זיך און פאַרפלויגן
איינמאָל אין אַ טיפן חצות, —
איז זיין שמייכל פון די אויגן
ווי די תגין פון זיין אות...

נאָר זיין עצבות איז פאַרבליבן
אין מיין האַרצן הייליק שטום, —
און איך טראָג אים מיט אַ ניגון
ווי דעם אוונט־טוי די בלום...

דער זייגער

דער זייגער פון מיין טאַטן, דער געטרייער היטער,
וואָס איז מיט גרויס דרך־ארץ געהאַנגען אויף דער וואַנט, —
און געהערט זיין זוהר לערנען מיט אַ ציטער
און איז ביים גאַנצן לעבן געווען זיין רעכטע האַנט;

ער האָט אונז אָפּגעהיטן די שעה׳ן און מינוטן
און טריי געוועקט אויף תמיד פּינקטלעך וואָך צו זיין, —
היינט ער גייט נאָך ווייטער, ווען לאַנג שוין אויסגעליטן
האָט זיך ס׳האַרץ פון טאַטן, און ס׳איז געבליבן שטיין...

ער האָט זיך ניט פאַרענדערט, און איז אויך ניט אַנטשוויגן,
נאָר קלאַפּט נאָך פּונקט ווי דאַמאָלט מיט דעם זעלבן קלאַנג, —
אַז מיר דאַכט איך הער נאָך — דעם טאַטנס זוהר ניגון
וואָס גיסט זיך שטיל צוזאַמען מיט דעם זייגערס גאַנג...

זיין פּען

אַ, ווען ווען — וועט מען דען געבן
קאַנען זיין פּען אין דער האַנט, —
וואָס ער האָט געהאַלטן ביים לעבן
אַזוי ווי אַ טייערן בריליאַנט?!

ווי ווייניק עס איז דאָ פאַרבליבן
פון האַרץ פון זיין גרויסן צעהעלט, —
זיין יעדערעס וואָרט ניט פאַרשריבן
וועט פעלן אויף אייביק דער וועלט...

יוסף הלל לעווי

ס׳איז געווען...

ס׳איז געווען אַ צאַרטע סטרונע
אויף דעם גרויסן, האַרצנס פידל
פון דער ווייטער טיפער וועלט;
האָט דאָס שטיל פאַרבענקטע יידל
פול מיט ווייטיק און אמונה
אויסגעשפּילט זיין איינזאַם לידל
אָפט אין הונגער נויט און קעלט.

און די האַרצעדיקע טענער
פלעגן זיך ביינאַנד צוגיסן, —
מיט אַ צער אַ שטומען זיסן,
יעדן מאָרגן — קלאָרער, שענער,
ביז אויף איינמאָל זיך צעריסן
האָט די סטרונע און געשפּרונגען,
מיט דעם לידל און פאַרקלונגען...

אַזוי ווי דער ריח פון דופטיקע בלומען

עס שוועבט נאָך אַרום פון זיין ניגון דעם פרומען
אין חלל אַ זאַנפטער, אַ זילבערנער קלאַנג, —
אַזוי ווי דער ריח פון דופטיקע בלומען
וואָס זענען געריסן געוואָרן ניט לאַנג...

נאָר שטיל ליגט דער צדיק געהיים און אַנטשוויגן
אין חלום פון אייביק פאַרזונקען, פאַרקלערט, —
דאָך הערט ניט אויף פליסן זיין הייליקער ניגון,
נאָר ציטערט ווי טוי אויף דער בלום ניט געהערט...

זיין סידור...

כ׳גיי אַריין אין טאַטנס חדר,
און פאַרמאַך זיך אויפן ריגל,
זע איך ווי פאַרלאָזט די קליידער
זיינע הענגען אינעם שפיגל...

און באַקוקן מיטן בלייכן
בילד זיך אינעם שוואַרצן ראַמען,
וואָס עס גיסט זיך מיטן ווייכן
צער וואָס שוועבט אין שטוב צעזאַמען...

זעץ איך זיך פאַרבענקט אַנידער
אויף זיין פשוט אַלטן בענקל,
נעם אַרויס זיין גרויסן סידור
פון פאַרשטויבטן ספרים שענקל.

ביז כ׳הויב אָן פון זיינע קנייטשן
און די געלע פלעקן ליינען, —
וועלכע טוען שטיל פאַרטייטשן
מיר זיין לעבן טיף פון פיינען...

זינג איך מיט...

קלינגט ניט מער די זאַנפטע שטימע,
פליסט ניט מער דאָס הייליקע ליד, —
וואָס האָט ס׳הארץ מיר אויפגעעפנט
ווי די זון אַ פרילינג בליט...

ציטערן ניט מער די פינגער,
גיסט ניט מער דער בוימל זיך;
וואָס האָט ליכטיק ווי אַ קנייטל
אָנגעצונדן מיר מיין איך...

יוסף הלל לעווי

פאַלט ניט מער די טייערע ברכה
אויף מיין לעבן ווי אַ טוי, —
שיילן זיך ווי לעצטע רויזן
מיינע טעג אין אָסיען גרוי...

שטיי איך שטום, פאַרבאָרג די טרערן
אין צעבענקטן האַרץ פאַרשמאַכט,
בליקן פון מנורהס רערן
צו מיר אויגן בלינדע אַכט...

וואַרף איך זיך אַנידער כורעים,
גייט מיר ווידער אויף דאָס קול;
ווי דעם לוי׳ס אין בית־המקדש
הייליק, האַרפנדיק אַמאָל...

ליג איך ציטער אין עזרה
באָרג פאַר שרעק מיין פנים איין,
ווערט מיין ווייטיק פורפל פאָדעם
ווי אַ שניי געבלייכט און ריין...

גיסט די ברכה מיטן בוימל
ווידער הייליק זיך בייַנאַנד, —
צינדט מיר ווידער די מנורה
אָן זיין ציטריק ריינע האַנד...

הייב איך אויף זיך ווי אין חלום,
זינגט פאַר מיר אַ גאַנצער דור;
זינג איך מיט דאָס ליד פון דבקות
פון צוויי טויזנט באַנגע יאָר...

אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג...

עס האָט אין מיין האַרצן אַ בענקשאַפט פאַרזיגלט
מיין פאָטער דער הייליקער, געטלעכער קנעכט,
און דאָרטן פאַרבאָרגן דער ווייטיק זיך שפּיגלט, —
פון אים, און זיין לײַדנדיק גאַנצן געשלעכט.
איך האָב מיט דעם שמערץ זיך אויף אייביק פאַררינגלט —
און היט אים אין איינזאַמע טעג און אין נעכט...

עס זענען געפאַלן צוויי הייליקע טרערן,
ווען ס׳האָט מיר מיין מוטער געזונגען אַ ליד, —
ביים וויגל, און כ׳האָב אים איר עלנט דעם שווערן
פאַרנומען ביינאַנד מיט איר טרויריק געמיט.
און וויל איך ווען זינגען פון לוסט און באַגערן —
דאַן פילט זיך מיין האַרץ צו מיין מוטערס געשמידט.

און כ׳פאַל אַזוי באַנג און פון יעדן פאַרשטויסן
אַריין אין דער שויס פון מיין מאַמען מיט קלאָג;
אַזוי ווי דער פרילינג מיט בליאיקע רויזן
פאַרלאָזט אין אַ טריבן און האַרבסטיקן טאָג...
די בענקשאַפט מיין פאָטערס דעם איינזאַמען גרויסן;
די טרערן מיין מוטערס — איז אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג...

יוסף הלל לעווי

פאַר מיין טאַטנס קבר...

שטיי איך פאַר מיין טייערן טאַטנס
אויפגעהויפטן בערגל ערט,
בויער איך איין אין אים די אויגן
מיט מיין בענקשאַפט טיף פאַרצערט...

איינמאָל ווען איך האָב געזעגנט
זיך פון אים און בין אַוועק, —
האָט ער אויך אַזוי די אויגן
איינגעבויערט אין מיר מיט שרעק...

וואָס ער איז פון מיר דערגאַנגען —
האָט זיין טרער מיר אויסגעזאָגט;
היינט ווען כ׳קאָן אים נישט דערלאַנגען —
וויס איך ערשט וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט...

בויג איך איין זיך, לייען זיין נאָמען
פון מצבה שטיל אָפּיר, —
רעדט זיין בין צו מיינע ביינער,
און זיין פראָך, צום פראָך אין מיר...

ווערסט פאַרגיין אַ לעבנס־מידער,
ווי די בלום אין אָסיען גרוי, —
נאָר אַ פלאַם פון דיינע גלידער
פאָספאָרדיק וועט אויפגיין בלוי...

בויער איך טיפער איין די אויגן
אינעם גרוב און צייל מיט פיין
זיינע לעצט געבליבענע קנאָכן,
ווי מיין קינדס געוואָרנע ציין...

ס׳איז אַמאָל אַזוי געזעסן...

ביי דעם אויוון טיף פאַרשוויגן
זיץ איך קוק אין פלאַם אַריין,
און פון גרינלעך גאָלדענעם שיין —
נעמען זיך זכרונות וויגן . . .

עפּעס גיסן קלאַנגען טריבע
הייליק זיך פון האַרץ אַרויס, —
ווי פון לעצטער זומער רויז
ריחות שיכורע פון ליבע . . .

ס׳איז אַמאָל אַזוי געזעסן
גלייך ווי איך אַצינד מיט טרויער
אין מיין לידער־בוך פאַרטיפט, —
שטיל דער טאַטע ביי אַ זוהר
פון דער גאַנצער וועלט פאַרגעסן
און זיין אויג האָט אים געטריפט . . .

סעודת התורה

ס׳גייט דער טאַטע אויפגעהייטערט,
און זיין שמייכל גיסט זיך, העל, —
ווי לבנה פרום און געל,
שיינט זיין פנים שטיל דערווייטערט.

און די פרייד זי טראָגט און ברייטערט
אויס זיך מיט געזאַנג און טאַנץ, —
און פון מוזיק, פאַקל־גלאַנץ,
ווערט דער עולם אויפגעהייטערט.

ס׳דרינגט די שמחה ווייט אָן מורא
פולט מיט גליק דעם טרערן כוס . . .
ביז ס׳פאַרשטומט די מרה־שחורה;
מיט דער בענקעניש פון חצות . . .
יעדער ייד אין ספר־תורה
שרייבט אַריין אַ הייליק אות . . .

יוסף הלל לעווי

ביים באַזעען די פרשות...

(אהרן צייטלינען)

טונקל ווערט אין קליינעם חדר,
און דער אויוון ברענט זיך אויס,
ס׳הענגען פונעם טאַטנס קליידער
צויטן טרויריקע און גרויס . . .

דרויסן איז אַ פראָסט, אַ קרירה,
פייגל פאַלן טויט פאַר קעלט,
איינגעשנייט דער שבת־שירה
גרייט זיך קומען אויף דער וועלט.

ס׳זיצט דער טאַטע ביי דעם אויוון,
תפילין הייליק ער באַזעט, —
זילבער־ביימלעך פון די שויבן
דאַוונען מנחה ס׳איז שוין שפּעט.

מיט אַ חידוש הייבט זיין וויע
פלוצים אויף זיך ציטריק, שלאַף, —
צו באַזעען אַ גרויסע זכיה
איז ר׳ שמעון סופר׳ס כתב . . .

און באַגייט מיט טינט די שטילע
שורות ביז אַריין אין חצות,
ציילט ווי פערל יעדע מילה;
און באַקוקט אַ יעדעס אות.

אוי איז דאָס געווען אַ גדול
שמייכלט ער צו זיך מיט רו, —
נעמט דעם גידן מיט דער נאָדל,
און ער נייט די תפילין צו . . .

וואַרעמט זיך די בלויע פינגער,
ביי דעם אויוונס לעצטן קויל, —
און ער פילט נישט ווי פון הונגער
טרוקנט אים די צונג אין מויל . . .

ביים לינירן

פון יריעה די גליונות
ווען דער טאַטע פלעגט לינירן,
פלעגט ער מעסטן מיט אַ צערקל
און אַן אַל אַריבערפירן.

אַז עס זאָלן זיך די שורות
צו דעם שרייבן נישט פאַרקרומען,
האָט ער תמיד מיך אַלס שותף
צום לינירן צוגענומען.

כ׳האָב די ליניע פעסט געהאַלטן
און געקוקט אויף יעדן צייכן,
פון דעם ווייס־לאַקירטן פאַרמעט
וואָס ער פלעגט זיך גלאַנציק בלייכן.

די יריעה פלעגט דער טאַטע
אָפּלינירט אַוועקצולייגן,
און די פען אַרויסגענומען
פונעם טינטער טיף מיט שווייגן.

צו דעם הימל זיינע אויגן
אויפגעהויבן, איינגענעצט זיך, —
קוים די פינגער אינעם וואַסער
שרייבן שטיל אַוועקגעזעצט זיך.

האָבן הייליק זיך באַוויזן
אויף די שורהלעך לינירטע, —
אותיות געטאָקט ווי פערל
און מיט תגין שטיל באַצירטע.

ס׳האָט אַזאַ מין טיף באַגערן
דאַמאָלט מיך אַרומגענומען, —
צו מיין טאַטן, אַז די טרערן —
זענען מיר אין אויג געקומען . . .

יוסף הלל לעווי

ניט געפילט

דרויסן האָט דער שניי געפּערלט
פאַר די אויגן און געשיט, —
גאַסן האָבן אויפגעשימערט
פונעם פראָסט — און איז פאַרשמידט.

ס'האָט דער אויוון זיך געררייכערט,
און געווען איז טיף פאַרשנייט
אונדזער הייזל, פון די פענסטער
האָט דער פראָסט אַריינגעווייט . . .

און דער טאַטע איז געזעסן
ניט געפילט, און ניט געזען,
ווי עס רויכערט זיך דער אויוון
נאָר געהאַלטן טריי די פען . . .

מיט אַ ניגון אויף די ליפּן,
און אין האַרץ דער גלויבן גרויס, —
איז אַן עמוד, נאָך אַן עמוד
פון זיין שוואַכער האַנט אַרויס . . .

ס'האָט דער טאַטע ביי דעם ספר
מיט זיין הייליק סופר־כּתב, —
נישט דערפילט ווי זיינע גלידער
ווערן וואָס אַמאָל מער שלאַף . . .

ביז די מאַמע איז געקומען
און אַ גרויס געשריי געמאַכט, —
טיר און פענסטער אויפגעריסן,
האָט ערשט דער טאַטע אויפגעוואַכט . . .

פסול...

פאַר אַ פּרשה איינגעבויגן
זיצט ער, עפנט ווייט זיין ברעם,
פול מיט עצבות זיינע אויגן
קוקן אויף דעם פּסול׳ן שם...

פסול! — וועקט זיין קול דאָס שווייגן,
גיט אין האַרץ אים טיף אַ שניט,
אַז ס׳ווערט פּסול נאָר איין פּרשה —
נעמט זי אויך די אַנדערע מיט . . .

אוי, ווער האָט דען אַן השגה,
ווי דער צער איז גרויס ביז גאָר?
ווען אַפילו אויך בשגגה —
מ׳איז אַן אות מחלל נאָר . . .

און די מאַמע וויינט פאַר ווייטיק
האַלט זיך ביי דעם האַרץ דערנאָך;
אכזר זאָג ווו וועט מען נעמען —
ווי מיר — אויף אַ גאַנצער וואָך? . . .

אין שטוב ביים טאַטן איז שטיל

אין מיין פרומען טאַטנס חדר
פלעגט אַ מאָדנע שטילקייט ליגן,
דאָרט האָט ער זיין גאַנצן לעבן
שרייבנדיק פאַרטיפט געשוויגן.

יעדער עמוד מלא רחמים
פלעגט מיט שטילן צער און בושה, —
זיך צעווייגען פאַר עניוות,
פאַר זיין יראה און קדושה.

די חפצים פון זיין חדר
האָבן הייליק איינגעזויגן, —
זיינע תשוקות און סבלנות,
כורעים זיך פאַר אים געבויגן.

זעלטן פלעגט זיין קול מחדש
זיין דאָס שווייגן מיט אַ ניגון,
פלעגט ער זיין אַ שם מקדש,
האָט ער באַלד דערנאָך געשוויגן.

אות ביי אות געטאָקט ווי פערל,
אָנגעטאָן אין תגין קרוינען,
אָפטמאָל פלעג איך פאַר זיין שווייגן
ווערן נבהל און נשתומם.

אַז די מאַמע פלעגט זיך קלאָגן,
אויף איר דחקות ווען אַ תשובה,
פלעגט דער טאַטע אויך ניט מפסיק
זיין אַפילו במחשבה.

נאָר פון שחרית ביז צו מנחה
הייליק מיט דער פען געזעסן,
אָפט פאַר בענקשאַפט און פאַר דבקות
ניט דעם גאַנצן טאָג געגעסן.

צו זיין עבודות אָפּגעגעבן
פלעגט ער זיך — אַ פעלדז ניט בייגן,
ביי מיין גרויסן טאַטנס לעבן —
האָב איך מיך געלערנט שווייגן!...

מיינע לידער

איך אַ זינגער, דו אַ סופר,
פון די תורות כשר ריינע,
לייענען יידן זיי מיט יראה,
און ווער לייענט די לידער מיינע? . . .

ניט די גוטע פרומע יידן,
און אויך ניט די אפיקורסים, —
ניט איך בין ווי דו פאַרשוויגן,
ניט איך בין ווי דו מפורסם.

טייערער סופר, מיינע לידער
האָבן טרויעריקער געטראָפן, —
ווען איך לייען זיי וואָלט איך גערן
ווייט פון מיר און זיי, אַנטלאָפן . . .

וואָלט איך נאָר געדאַרפט שווייגן

טאָטע אָ איך ווער אַ שפּל,
ווען דו קוקסט און רעדסט צו מיר,
די עמודים פון דיין ספר
זענען טיפער פון מיין שיר.

וואָלט איך נאָר געדאַרפן שווייגן,
מער ניט זינדיקן געטאָרט;
בעטן אַז אויף מיר זאָל מגין־
זיין דיין יעדעס אות און וואָרט. —

פאַלן כורעים ווו געזעסן
מיט דיין פען דו ביסט אין האַנט, —
און געפּערלט אין דיין ספר
יעדע שורה אַ ברילאַנט.

און ניט זינגען מער קיין לידער,
דו געווען ביסט גלייביק גרויס!
און געהייליקט מיט דיין לעבן
אין דיין ספר יעדעס אות . . .

יוסף הלל לעווי

איז געקומען ערב שבת

צער און צרות, נויט און דאגות,
אַלעם ליב און שטום פאַרנומען,
און די גאַנצע וואָך געוואַרט נאָר
אַז דער שבת זאָל שוין קומען.

איז געקומען ערב שבת
אין זיין חדר אָרעם טונקל, —
האָט די שכינה אויפגעלויכטן
אַז געשטראַלט האָט יעדעס ווינקל.

איז געקומען ער פון מרחץ
ליכטיק, זויבער, אויסגעצוואָגן,
אָנגעטאָן די שענסטע קליידער
וואָס ער פלעגט נאָר צו פאַרמאָגן.

ס'האָט זיין בעקעשל געשימערט,
ווי פאַרשוונדן יעדע לאַטע,
כ'האָב דערזען זיין הדרת פנים,
ניט דערקאָנט דאָס איז מיין טאַטע.

איז געקומען ערב שבת
האָט ער מיט אַ צער אַ זיסן, —
אָפּט פאַרזעצט פון שטוב אַ חפץ
אַז די מאַמע זאָל ניט וויסן...

זיינע בלויע קינדער־אויגן
האָט אַ חדוה אָנגעצונדן,
און דער עצבות פון דערוואָכן
איז געוואָרן ווי פאַרשוונדן.

שבת קודש, שבת קודש,
איז דאָך ווידער שוין געקומען, —
האָבן זיינע טייערע לעפצן
הייליק פערלען זיך גענומען.

געזאַמלטע שריפֿטן

און די הענט די ציטריק דאַרע
האָבן אויפגעפּאַטשט פֿאַר פריידן,
און געלויכטן אויף זיין מראה
האָט די שכינה און ס׳גן־עדן . . .

שיר השירים, שיר השירים,
האָט זיין שטימע אויפגעקלונגען,
ווי עס וואָלט אַ פרייער פויגל
זיך צעטרילערט און צעזונגען.

חלות, ווייַן, געוואַרט אויף קידוש
אויף דעם שלחן ווייס באַצויגן —
האָבן מיט דעם אַלטן בעכער,
אויסגעטאַקט מיט גאָלדענע טרויבן.

איז געקומען ערב שבת
האָט ער שטיל אַרומגענומען
זיינע לענדן מיט אַ גאַרטל
און דערוואַרט דער מלכה׳ס קומען . . .

יוסף הלל לעווי

סופר־לידער אויסגעזונגען

סופר־לידער אויסגעזונגען,
ס׳איז מיר אויך מיט אייך ניט גוט!
ס׳פליסט געהיים אין מיינע גלידער
אומרו נאָך פון טאַטנס בלוט...

און וואָס מער די ביינער זיינע
שימלען שטויבן אין דער ערט, —
ווערט מיין לעבן אַלץ פאַרבענקטער,
טיף פאַרטראַכטער און פאַרצערט.

איינמאָל ווייס איך וועט מיין בענקען
נעמען אויך אַ שטילע ענד, —
איך וועל בלייבן ווי מיין טאַטע
ליגן קאַלט מיט געלע הענט...

סופר־לידער אויסגעזונגען
ווי איר בלייבט מיר אייביק טריי, —
די געבליטן פון מיין טאַטן
לאָזן קיינמאָל מיך ניט פריי!...

צו דער זון . . .

זון, אָ זון!
וואָס זאָל איך טון,
אַז דו גליסט,
און ביסט, —
אייביק, אייביק,
נאָר אַרום מיר . . .
און דיין ליכט,
וואָס פלייצט און פליסט —
דרינגט ניט קיינמאָל
איין אין מיר,
אויפצוהעלן
מיט דיין שיין,
מיר מיין זיין . . .
נאָר דיין גאָלד'נע
פייער־טיר —
האָלטסטו תמיד
פעסט פאַר מיר
צוגעשלאָסן, —
און איך זוך
אַרום און פלוך:
מיט דער אָנונג
שרעק באַגאָסן;
אין דעם שווייס
פון אנגעזיכט,
צו דערגיין
דיין גאָלדן ליכט . . .

מיד, און וויסטערהייט
פאַרצערט, —
קרייז איך,
וואָגל:
ווי די ערט
אַרום דיר —
זון, אָ זון!

אוז קאָן דיך ניט דערגרייכן,
קאָן דיך ניט דעריאָגן . . .
און ווייס געהיים
מיין פּיין ;
אַז מיין געדאַנק —
איז פינסטערער
און טויזנט מאָל
אַ קלענערער,
פון דיר . . .
און ווייס געניי :
אַז מיין געזאַנג —
איז נאָר אַזוי
ווי דיין פייער לייבס
אַ טונקלער,
גרויער
וואָלקנצויט, —
וואָס מוז אייביק זיך דערנערן,
נאָר פון מיינע טריבע טייכן,
שוימענדיק פון בלוט און טרערן . . .
און איך קאָן דיך ניט דערגרייכן,
און דיך קיינמאָל ניט דעריאָגן . . .
תמיד איידער ס׳הייבט אָן טאָגן,
נעמט מיין האַרץ פאַר מורא שלאָגן —
מיט דער אָנונג פונעם טויט . . .
דיינס אַ פונק נאָר צו געווינען,
מוז מיין בלוט אין ימים רינען . . .
זון, אַ זון !
וואָס זאָל איך טון ;
מיט מיין האַרץ,
און מיין געביין —
ווי דו צו זיין ? . . .

און דאָך, — איך דענק
און לעב, און לייד,
און פלאַטער אויף —
פאַר צער און פרייד ;

ווי נאָר עס טאַנצט
דיין פייער שיין,
אַרום מיר,
מיין הויט, געביין;
און עגבערט אום
מיין לעבן לאַנג —
ביי מיר אין בלוט,
און אין מיין זיין . . .
ווי דו, אַ דו,
צעפלאַמטע זון,
אין טיפסטער טיף —
פון וועלט־געמיט . . .
און ברענג נאָר קוים
צו מאָל פון מיר,
פון מיין יעדן
קנאַכן, גליד, —
אַ ווייטיק קלאַנג,
אַ בלייכן טרוים
אַרויס פון בלוט,
מיט אַן אָרעם
שטערבלעך ליד . . .
ניט גלייך ווי דו,
צעפלאַמטע זון,
וואָס ברענגסט אַרויס, —
צעשימערט רויט;
אייביק וווּנדערלעך
דיין רויז:
וואָס פאַרבליט,
און ווידער בליט . . .
אַ זון, דו זון!
וואָס זאָל איך טון, —
אַז כ׳בין נאָר דיינס
אַ טונקלער וואָלקנצויט? . . .
און אַז כ׳קום
זיך נאָר צו ווייזן, —
אַרום דיר

אַרומצוקרייזן,
און צו וואָגלען
ביז צום טויט . . .
טאָ ווי קאָן איך —
דיך דערגרייכן ?
איך — וואָס קאָן ניט
דיינע הייכן . . .
און איך ווער
פון ווינט געטריבן :
ווי אַ וואָרעם,
און צעריבן
פונעם שטורעם . . .
מזרח, מערב,
צפון, דרום —
איבעראַל
איז אַלץ מיר וויי ;
איך בין ניט פריי,
איך בין ניט פריי !
אייביק נאָר
ווי פראָמעטיי
צום פעלדז געשמידט, —
פון צער און וויי . . .
און מיר פעלט :
דיין גלוט צום גליען,
און אויך פליגלען
צוויי צום פליען —
ווייט אַוועק,
פון מיין טונקלען איך —
און ליד —
פול שרעק . . .

צי אַרום איך טרויריק לאַנג
זיך מיט ערמה ווי אַ שלאַנג, —
אויף דער ערט׳ס פאַרסמטע ווונדן,
טראָג אין האַרצן אַ פאַרלאַנג —

אייביק נאָכן זונענפלאַם . . .
טו אַליין די וועלט אַנצינדן,
לעש זיך אויס מיט בלוט און טרערן,
ווער אַליין פאַרסמט — אין סם . . .
זוך די שוואַרצסטע צייטנס שטויבן —
מיט מיין לעבן אויסצוקערן . . .
און עס מאַכט אַן אַלעם גלויבן
מיך דער יאוש און די נויט, —
וועלכע ס׳ברענגט דער שרעק פון טויט . .

אָבער דו, אָ דו!
וואָס טראָגסט אויף דיינע אַקסלען
גאַנצע אייביקייטן,
און צווישן בערג —
פון מענטשנס פרייד און ליידן
יעדן אָוונט זיך צו רו
דו לייגסט;
ווען אַ מידע וועררסט פון שטייגן,
און דו שווייגסט
אין פלאַמען רויט,
און ווייסט ניט
פון מיין נויט,
מיין פאַרצווייפלונג,
און מיין טויט . . .

אַז איך — אַ ביין,
איך קאָן ניט שווייגן
אין מיין פיין, —
גלייך ווי דו
אין גאָלדנעם שיין . . .
איך בין צעקוועלט,
און מיר פעלט:
דיין רו,
דיין גלי געזיכט,
דיין הייך,

דיין ליכט . . .
מיר איז פֿאַרשטעלט —
מיין פרייד און גליק,
מיט גורל־ווענט . . .
און גרענעץ צוים . . .
מיר פעלט, מיר פעלט,
דיין שטראַלן בליק,
דיין רוים —
דיין צייט —
צו זען
אין ווייט,
אין טיף
און ברייט:
דעם אָנהויב
און דעם ענד . . .
איך ווייס מיר פעלט —
דיין הימל־בלוי
צו זיין אַזוי
ווי דו . . .
פלאַמענדיקער
שטראַלנקנויל;
מיר פעלט דיין מויל,
דיין פייער האַרץ
אויף תמיד ליכט צו געבן . . .
און נאָך, און נאָך:
דיין אייביק שטראַליק לעבן . . .
מיר פעלט,
מיר פעלט —
די גאַנצע וועלט!
אָ זון, דו זון,
וואָס זאָל איך טון?!

ווייסטו פאַרוואָס?

(אין ליבע און אַכטונג מרים'ן)

ווייסטו פאַרוואָס אַלע בלומען פאַרבליען
אין זומער ביים גאָלדענעם שיין;
ווייסטו פאַרוואָס אַלע פייגל פאַרפליען
פון וואַלד מיט אַ שטילן געוויין?

ווייסטו פאַרוואָס דער פאַרזילבערטער טייך
שווייגט אַזוי טרויריק און רוט;
ווייסטו פאַרוואָס די לבנה איז בלייך,
די זון אַזוי רויט ווי אַ בלוט?

ווייסטו פאַרוואָס ס'איז מיין האַרץ מיר באַשווערט,
מיין פּנים פאַרשרומפּן, פאַרדאַרט;
ווייסטו פאַרוואָס אויך מיין אויג איז פאַרטרערט,
מיין גאַנצע נשמה פאַר'צער'ט?

ווייסטו פאַרוואָס אַזוי טרויריק דער ווינט
קלאָגט אין פאַרטריקענטן גראָז;
ווייסטו פאַרוואָס אויך די מענטשהייט איז בלינד,
מיין ליבסטע אויך ווייסטו פאַרוואָס?

ווייסטו פאַרוואָס דען מיר אַלע באַנאַנד,
מיר צערן און פרירן פון קעלט;
ווייסטו פאַרוואָס עס פאַרגייט אַלץ אין לאַנד?!
די ליבע איז טויט פון דער וועלט . . .

יוסף הלל לעווי

פון מיין ליבעס אלבום . . .

1

אַ פויגל געשפּילט האָט אין בלומיקן נעסט —
איך האָב דיך געקושט און צום האַרצן געפּרעסט.
דער פויגל אַנטשוויגן איז דאַן אין דער נאַכט,
און דו האָסט די אויגן, די בלויע פאַרמאַכט . . .

עס האָבן אַקאַציען פיל ריחות פאַרשפּרייט ;
צי דענקסטו נאָך קינד אין דער גאָלדענער צייט ?
די צייט וואָס זי קומט שוין ניט קיינמאָל צוריק . . .
און לאָזט נאָר אין האַרצן אַ בענקשאַפט נאָך גליק . . .

2

איך האָב דיך געקושט און געוויגט אויף מיין שויס,
דיין פּנים האָט דופטענד געבליט ווי אַ רויז . . .
די פייגל זיי האָבן געטרילערט באַגליקט ;
איך האָב דיך געקושט, און צום האַרצן געדריקט . . .

עס האָט זיך אַ שטערן מיט גאָלדענעם פלאַם,
באַוויזן אין בלויען, אין הימלישן ים . . .
איך האָב זיך ביים שטערן פון הימלישן־מער
געפרעגט ווער ס'איז שענער — צי דו צי ער ?

דיין אויג האָט געוויס שוין ניט איינמאָל געטריבט,
דיין האַרץ אויך אוודאי נישט איינמאָל געליבט . . .
דאָס אויג און דאָס האַרץ ווערט פאַרבלענדט פון דעם ליכט,
ווער וויס ווער ס'האָט אַלץ שוין געקושט דיין געזיכט . . .

געקושט דיין געזיכט, — און צום האַרץ דיך געפּרעסט,
דער פויגל אַוועק איז — צעבראָכן די נעסט . . .
מיין קוש האָט פאַרקלונגען, מיין ליבע פאַרוויַיט . . .
דער וועג צו דעם גאָרטן פאַרלאָזן, פאַרשנייט . . .

3

װען כ׳האָב דיר געקוקט אין די אויגן,
און האָב דיר געקושט דיין געזיכט;
אַ גליוואָרים פאַרביי איז געפלויגן
דורך גראָזן מיט גאָלדבלויען ליכט . . .

װען כ׳האָב דיינע צעפּ דיר צעפלאָכטן
און האָב דיך געוויגט אויף מיין שויס,
דער גליוואָרים האָט שטאַרקער געלאָכטן
מיט פּאַסן פון זילבער געגרויסט . . .

אויף דיינע קינדישע ברוסטן
װען כ׳האָב אים מיין קאָפּ אָנגעלענט,
דער גליוואָרים ער האָט שיר די קוסטן,
די ליליען, באַרציזן פאַרברענט . . .

װען דו האָסט פאַרשלאָסן די אויגן
פאַרשיכורט פון גאווה און דופט . . .
דער גליוואָרים פאַרביי איז געפלויגן
און האָט זיך פאַרלאָשן אין לופט . . .

4

אַזוי מיין קינד איז שעה׳ן די צייט
פון ליבעס־גליק מינוטן;
די זעל זי טראָגט זיך ערגעץ וױיט
דאָס האַרץ, עס וויל פאַרבלוטן . . .

דאָס אויג עס פלאַקערט אויף און לייכט
מיט געטלעך ריינע שיינען;
און פלוצים ווערט עס טריב און פייכט
און פאַנגט אָן צו וויינען . . .

5

אַ זיי מיר געלויבט און געזעגנט
עס שרעקט דיך מיין איינזאַמער וועג;
און וואָלט איך דיך קינד ניט באַגעגנט
מיט שמערץ וואָלטן דורך מיינע טעג . . .

דו האָסט מיר מיין לעבן פאַרשענערט,
מיין אומרו און בענקשאַפט פאַריאָגט,
מיין אייביקן ווייטיק פאַרקלענערט,
מיין שוואַרצע פאַרצווייפלונג באַטאָגט . . .

6

אַזוי ווי צו דיר כ׳בין געקומען
וועל איך אַוועק גיין פון דיר . . .
בלום, אַך, דו שענסטע פון בלומען,
פאַרגעס ניט, פאַרגעס ניט אָן מיר!

איך בין דאָך אַן אייביקער וואַנד׳רער
פאַרמשפּט צו לעבן באַטריבט . . .
און וועט דיך ווען טרעפן אַן אַנד׳רער
דערצייל אים ווי כ׳האָב דיך געליבט . . .

א קוש און א טרער און א שמייכל

1.

אַ קוש און אַ טרער און אַ שמייכל
אַ ברוגז צום האַרצן אַ דריק;
אַ דאָס איז פון ליבע דער היכל,
פון גילדענער רויז די מוזיק . . .

דו זאָלסט זי די רויז ניט צושיילן
אין זילבער לבנה׳קע נעכט . . .
וואָס פלעגט דיין נשמה צו היילן —
די רויז אַ די זעלבע זי שטעכט . . .

2.

געבענשט זאָל זיין דיין ווייסע האַנט
וואָס האָט מיר אָפט די האָר געקרויזט
פון מידן קאָפּ — דיין זיסער קול,
וואָס האָט מיך אָפט מיט רייד געטרייסט . . .

געבענשט זאָל זיין דיין הימל אויג
וואָס האָט מיר אָפט מיט ליכט פאַריאָגט,
פון שטערן יעדן טונקעלן פאַלט
און מיר קיין איינציק וואָרט געזאָגט . . .

געבענטשט זאָל זיין דיין ליפּל מילד,
וואָס האָט מיך אָפט מיט ווי געקושט;
און נאָך מיין יעדער גרויער האָר
פאַרבאָרגן זיך אַ טרער געוווישט . . .

3.

פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן
אינם גאָרטן ערשט ניט לאַנג,
פלעגט דיין האַרץ ווי גילדענע לירן
מיך באַגלייטן יעדן גאַנג . . .

זעמירביידע שטיין געבליבן
פֿאַר אַ פרישער בליט אַ ווייל,
האָט דיין אויג אַריינגעשריבן
אין מיין האַרץ אַ פייערצייל.

טראָג איך אים אַרום פֿאַרבאָרגן
אין מיין האַרצן צוגעמאַכט,
דאַוון אים אַ יעדן מאָרגן,
און אַ יעדן גאָלד פֿאַרנאַכט . . .

איינמאָל ווייס איך וועסטו קומען
צו מיר פלוצים נאָך צעגיין,
ווי דער טוי צו לעצטע בלומען —
איידער ס׳נעמט די זון פֿאַרגיין . . .

און דו וועסט מיך קושן פרעסן
צו דיין האַרץ מיט טרער און באַנג,
און דו וועסט מיך וועלן פֿאַרגעסן —
און ניט קענען אייביק לאַנג . . .

4.

כ׳וועל ניט אייביק דיך באַגערן
נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר . . .
נאָך אַ קנייטש אַריין אין שטערן
און אין קאָפּ אַ גרויע האָר . . .

מיינע טעג ווי פויגל פליען
אין סוף זומער ערגעץ ווייט —
מיינע לעצטע רויזן בליען
אויף מיין גילדערנער ליבעס בייט . . .

5.

איך וועל אַלט זיין כ׳וועל מיך וואַרמען
אָן מיין הייסן יוגנט בלוט . . .
און מיין חלום פעסט אומאַרמען
אפשר וועט מיר דאַן זיין גוט . . .

ווען פרירן מיינע גלידער
מיינע ליפּן ווערן בלוי,
וועל איך זינגען ליבע לידער,
אפשר זיין וועט גוט אַזוי.

.6

היי! דו זונען פלאַם דו ריינער,
טראָג מיך אין דיין פייער לאַנד!
און צוגלי מיין הויט און ביינער —
ווי אין מדבר טיף דיין זאַמד . . .

נעמט מיך ריזן אוראַגאַנען
שטאַרקער ווילדער פאַר די האָר,
און צוטראָגט אויף שבעה ימים
מיינע ווילד צעטאַנצטע יאָר!

.7

גאָלד און זילבער איז דיין קלייד
לילעס ווייסע איז דיין רוקן,
און דיין הויט איז ווייך ווי זייד
דופּטנדיק מיט טויזנט גליקן . . .

ס׳פאַלט מיין קאָפּ אַריין צוגליט
טיף אין דיינע צויבער אָרעם,
פּיבערט אויף מיין יעדעס גליד
ווערט מיין האַרץ אַ פייער טורעם . . .

פלאַקערט אויף אין מיר מיין בלוט
פון מיין האַרצן פליען שטערן,
אין מיין זעל אַ ליבע ליד
זינגט פון אייביקן באַגערן . . .

ווען דו נעמסט מיך שטיל אַרום
כשופסט דו מיך איין אין גאַנצן,
ווי פון ווינט געפליקט אַ בלום
הויבסט דו אויף מיך לייכט צום טאַנצן.

ס'פאַלט פון קאָפּ מיין דערנער קראַנץ
פון מיין האַרץ די ספרי תורות!
פון בראשית דויערט מיין טאַנץ, —
שוין מיט דיר עד סוף כל דורות . . .

8.

זאָל דיין שיינקייט אַלץ מיר געבן
פאַר מיין ליבע, וואָס דו האָסט,
ווייל עס וועט זיך אויף מיין לעבן
לייגן באַלד אַ זילבער פראָסט . . .

דו וועסט שפּעטער אַלץ אויסזאָגן
אַלץ וואָס דו פאַרשווייגסט אַצינד,
ווען דורך הוילע צווייגן קלאָגן —
ביטער וועט דער אָסיען ווינט . . .

איך הער דיך אין יעדערן רויש פונם ווינט

וואָס ביסטו געוואָרן מיין האַרציקעס קינד,
דערציייל עס געליבטע פאַר מיר!
איך הער דיך אין יעדערן רויש פונם ווינט
שפּילן פאַרבענקט ווי אַ ליר.

ווו האָסטו באַהאַלטן, מיין טייערע זאָג,
פאַרבאָרגן דיך ערגעץ אין ווייט?
אַזוי ווי אַ שאָטן ווען ס'קומט אָן דער טאָג,
געהיים און פאַרשוויגענערהייט . . .

צי ביסטו אַזוי ווי אַ שטראַל וואָס ער שוועבט
געוואָרן אַרום אינם רוים?
און ערגעץ אין אייביק געהיים זיך פאַרוועבט
גאָר לייכט ווי אַ גילדענער טרוים.

אָדער אַזוי ווי אַ בלימעלע בלוי
געוואָרן דיין זעל איז צעבליט?
וואָס לעבט נאָר ווי זילבער צעלויכטענער טוי
אין אויג מיט שטראַלן באַשיט? . . .

יאָרן זיך וועלן צושפּרייטן מיט טעג
ווי וואָלקנס פאַרומערטע שוואַרץ,
מיט דיר דו געגומען זיך האָסט אויף דיין וועג
אויף אייביק מיין טיף, אָרים האַרץ.

דיינע זיידענע באַרירן
ווי די שמייכלען פון די געטער
וויגן מיך ווי גאָלדנע לירן
שטיל צעוויגט פון הימל־עטער.

ס'האָט די מאַמע ערט פאַרבאָרגן
דיך אין אירע ווייכע קניען,
ס'זאָלן אין אַ זילבער מאָרגן
פון איר ווייסע ליליעס בליען.

דיינע ווערטער ליב זיי קלינגען —
קומען פון דער ווייט צו שוועבן;
כ'זאָל פון האַרץ אַרויס זיי זינגען
ווי דער מאַי מיט אייביק לעבן.

כאָטש דיין גוף פון מיינעם ווערן
וועט אומזיכטבאַר מיט די צייטן,
גייסטיק נאָנט דורך הימל־ספערן
ווערן איינער וועט צום צווייטן . . .

קיינמאָל כ'וועל דיך ניט אויפגעבן,
כאָטש פון זינד כ'וועל ווערן טמא —
דו אין מיר וועסט אייביק לעבן,
גלייך ווי איך אין דיין נשמה.

ביז דער גרויסער טאָג וועט קומען
ווי די קלאָרע זונענשיינען;
זיך מיט דופטנדיקע בלומען
וועלן ביידע מיר פאַריינען . . .

יוסף הלל לעווי

פרילינג קומט

1

ווי אַ יונגער שיינער ריטער
אויף אַ גרינעם פערד געריטן, —
קומט מיט קרייטער און מיט בליטן
אַז דער פרילינג אַ צעבליטער.

אַלע פייגעלעך זיי קומען
שוין באַגריסן פון דערווייטן;
ווו דער ריטער לאָזט זיך רייטן
דאָרט באַווייזן באַלד זיך בלומען.

זיינע זילבערדיקע שפּאָרן
דורך די בערגער טאָלן פליינען,
בליצן ווי די זונענשיינען, —

ביז אין לופטן שפּילט און ברומט,
אויף זיין גילדנעם צויבער האָרן
אויס דער ווינט, — דער פרילינג קומט.

2

שוין אַ וואַרים ווינטל ווייט
וויגט די לופט אויף ציטערדיק,
ווי אַ ליבלעכע מוזיק!
כאָטש די ערט איז נאָך פאַרשנייט.

פונעם הימל בלוי צעהעלט
לאַכט די זון אַראָפּ מיט חן, —
קושט אַ יעדן בוים מיט שיין
אויס ווי יעדע בליט פון פעלד.

שמעלצן בערגלעך אייז און שניי,
טייכלעך פון די ברעגעס שפּרינגען
און אין לופטן ציטריק שוועבן, —

גאָלד און זילבער שמעטערלינגען
נעמט דערוואַכן פון דאָס ניי
ווידער ליכטיק פריי דאָס לעבן.

3

הייסע זונענשטראַלן שיטן
בונטן גאָלד אויף בוים און בייט; —
שפּילן ווינטעלעך פאַרשייט
זיך מיט אַלע גראָזן בליטן.

לויפן פריידיק מיט געזאַנגען
קינדער אויף דער לאַנקע גיך,
פריי אָן מאַנטל און אָן שיך
שמעטערלינגען גאָלדנע פאַנגען.

מיט אַ שריט אַ סאַמעט וויכן
ווו די בינען רוישן ברומען
מיט די פליגלעך זיידיק דין, —

דאָרט אַהין זיך קינדער שלייכן
פאַנגען שמעטערלינגען — אין די בלומען,
לאָזן דאַן זיי באַלד פאַרפליען.

שמעטערלינגען

שמעטערלינגען וועמענס זינגען,
וועמענס חלום־יינגע לעבן
טראָגט איר אינעם צאַרטן שוועבן
שמעטערלינגען, שמעטערלינגען?

שמעטערלינגען וועמענס ציטער,
וועמענס כשופדיקע פאַרבן, —
וואָס פאַרצייט געמוזט האָט שטאַרבן
טראָגט איר אינעם זילבער פליטער?

שמעטערלינגען וועמענס דופטן
רויש פון גאָלדענעם באַגינען,
וואָס האָט ס׳לעבן ערשט געווינען; —

וועמענס בלויקייט פון די אויגן
פון די בלומען אויסגעזויגן
טראָגט איר ציטריק אין דער לופטן ;

איז העכער געקלעטערט

עס האָט דאָס אַליין זיין
מיין לעבן געלערנט
געדולדיק צו זיין; —
צו קענען פאַרטראָגן
די ביטערסטע פּלאָגן
און שרעקלעכסטע פּיין.

עס האָבן די הימלען
מיך דענקן געלערנט
געהיים אין דער שטיל; —
אַזוי ווי די שטערן
ניט וויסן און הערן
זאָל קיינער וואָס איך וויל.

עס האָבן די ווינטן
געלערנט מיך טראָגן
די ליבע אין שויס;
און איבעראַל זייען
זיי שטיל און צעווייען
פון יעדערן אות.

עס האָבן מיך ימים
די ברייטע געלערנט
פאַרטיפן מיין שפּראַך; —

אַזוי ווי די וואַלן
זיך הויבן און פאַלן
און בלייבן ניט פלאַך.

עס האָבן די פייגל
געלערנט צעקלינגען
מיין שווערן געמיט; —
ווען ס'האַרץ וויל צעשפּרינגען
זאָל תמיד איך זינגען
אַ פריילעך ליד.

עס האָבן די בלומען
געלערנט אין שטומען
צום ליכט מיך צו ציען; —
צו זיי די טויען די פייכטע,
פון הימל דעם בלויען
און דופטנדיק בליען.

עס האָבן די פעלדזן
מיך טראָגן געלערנט
פון פרייהייט דאָס וואָרט; —
ווי זיי אין די אָרעם
דעם בליץ מיטן שטורעם
מיט פלאַם אָנגעגאָרט.

עס האָט מיך דאָס לעבן
פאַרצווייפלען און האָפן
געלערנט מיט באַרוט; —
ניט אונטער זיך געבן
נור אַלץ איבערלעבן
מיט שטראַליקן מוט.

עס האָט נאָר דער טויט מיך
געלערנט ס'עקשנות
פאַרביסן און שטיל; —

צו גיין אָן רחמנות
דורך אַלע סכנות
צום ליכטיקן ציל.

עס האָבן באַצווינגער
פון בערג מיך געלערנט
נישט שרעקיג צו זיין; —
כאָטש ווערן צושמעטערט
איז, ווייטער געקלעטערט,
נאָר צו בלייבן ניט שטיין . . .

פרילינג

(מיין ליבן יוסף בינענפעלד צום תמיד׳ן אָנדענקן)

ווען דער בוים פאַנגט אָן צו בליען
און די ערד באַקליידט זיך גרין,
און די פייגל אָפּ צו פליען
ווייסן נישט פאַר פרייד וווהין.

נעמט מיין האַרץ די סטרונעס שאַרפן
אין דער טיף פון מיין געמיט...
און מיין זעל זי זעצט זיך האַרפן
פאַר מיין האַרץ אַ צויבער ליד...

ווי אַ מיידל מיט באַגערן
פון אַן ערשטן קוש באַרירט,
שוועבט מיין ליד אַרום אין ספערן
פון דער אייביקייט פאַרפירט...

ציטערט פלאַטערט אין דער לופטן
אַזוי פריי און באַנג און פלינק,
צווישן טויזנט שטראַלן דופטן
ווי אַ גילדנער שמעטערלינג...

און זומט און ברומט צווישן בלומען
לאַכט און וויינט פאַר זעליקייט...
— זע דער פרילינג איז געקומען
און ווי ס׳זילבערט יעדע בייט.

זע די גילדענע זונענגאַרבן
פאַלן אין דעם קלאָרן טייך,
זע בריליאַנטן פערל־פאַרבן
אין דער בלויקייט אין דער הייך.

זע די וועלדער, ווייטע וועגן
נאָך אין נעפל איינגעגרויט,
באַלד באַזילבערט זיי אַ רעגן,
באַלד עס קושט די זון זיי רויט.

פיל דעם זיסן הויך און ציטער
וואָס עס טראָגט אין זיך דער ווינט...
פריי זיך ליד מיינס שוועב און ציטער
גלייך מיט אַלעם וואָס באַגינט!...

פרילינג אין מיין האַרצן

.1

עס וועלן באַלד ווידער די גילדענע בינען
צעעפנען די זילבערנע פליגלען און זומען, —
מיט זונשיין פאַרפולטע די קעלכן פון בלומען
זיי וועלן מיט רייציקן דופט איבעררינען.

און טיף אין דעם רויזיקן בלויען באַגינען
דער ווינט וועט אַ טרויריקן ברומען צעטראָגן,
נאָך לעבנס מיליאָנען אומזיסטע דערשלאָגן,
פאַרשוויגענע אונטער די גרינע רואינען.

און ווידער די וועלט וועט זיך טובל׳ן אין פאַרבן,
אין גליק פון דער ליבע, אין פרייהייטס־באַגערן,
צום אָפּגיין אין אייגענעם בלוט און אין טרערן; —

באַרייט וועלן מחנות זיין נייע צום שטאַרבן,
און דיכטער עס וועלן זיך ווידער פאַרבענקן —
די אַלע געטויטע אין לידער געדענקן . . .

2.

אין מיין האַרצן האָט דער פרילינג זיך אַריינגעריסן
ווי די זונענשטראַלן אין דער טיפקייט פון דער ערט, —
וואָס פאַרליבטער אַלץ מיין האַרץ דאָס בענקנדיקע ווערט,
נעמט מיין לעבן אין מיין וועזנס טיפקייט איבערפליסן.

און איך פיל אין בלוט אַ דופט אַזאַ פאַר׳שיכורט זיסן,
וואָס צום אונבאַקאַנטן, וייטן, ערגעץ מיך ער ציט, —
אויף די פליגלען פון דער ליבע הויבט זיך אויף מיין ליד
צו דעם גאָלדענעם כוס פון לעבן און צום גליק געניסן.

העי, ס׳איז פרילינג פרילינג! אין צעשפילטע רוימען,
שמעטערלינגען פליען, פלאַטערן אין זון אַרום,
ס׳הויבט זיך אויף דעם זילבער טוי צו טרינקן שטיל די בלום;

דופטנדיק אַרויס פון זיך די שענסטע ליבעס טרוימען,
צאַפּלט יעדעס האַרץ אויף ווי אַ בין אין זונענשיין,
ווערט פאַר׳שיכורט פון דער שיינקייט אין זיין איך אַליין.

3.

עס הויבן די בליטלעך שוין ווידער אָן פיבריק
צו וויגן אין זון זיך פון טויען געשווענקט,
אַ פעלדער צעבליטע, מיין האַרץ איז מיר איבריק,
איך וואָלט עס איך גערן אַוועק איצט געשענקט!

וואָס דאַרף איך עס טראָגן מיט טרויריקע טריבע
געפילן פון צער און פון שנאה געוועבט?
וואָס אייביק פאַרשטעלן זיי ס׳גליק פון דער ליבע,
ווי לאַנג נאָר מען ליבט און באַגערט און מען לעבט!

ס׳טרילערט די לערכע, דער קערשנבוים ווידער
פאַרהילט זיך אין שלייער פון בליאונג און דופט, —

עס טובל'ט די וועלט זיך אין זון און אין לידער,
עס פרילינגט, דער קוקוק פאַרבאָרגן שוין רופט.

און ווידער דאָס האַרץ ווערט פאַר'כישופט געפאַנגען
פון ווייטע באַגערן און גלוסטן צעשפּילט,
עס טרוימען זיך צילן און ליבע פאַרלאַנגען,
וואָס קיינמאָל זיי קענען ניט ווערן דערפילט . . .

אַזוי ווי די קנאָספּן, די צערטלעכע בליטן,
כ'וויל בליען און וועלקן אין זוניקן פעלד, —
וואָס דאַרף איך דאָס האַרץ מיינס פון ווייטיק צעשניטן,
פון אומגליק און טויזנטער פּיינען געקוועלט ?

.4

שוין דער ערשטער פרילינג־טרייער
אַנזאָג פונם פויגעלס טרילער,
מאַכט פאַרליבטער מיך און שטילער,
און מיין האַרץ צעפלאַטערט פרייער.

אַלעס וואָס אַמאָל פאַרלוירן
האָב איך אין מיין האַרץ און זינען, —
נעמט זיך ווידער ביי מיר שפּינען,
ווערט ביי מיר אויפס־ניי געבוירן.

ס'נעמט אַרום מיך אַ פאַרלאַנגען
אויסגעמישט מיט פרייד און ווייען
הויבט מיך פשוט אויף צום שוועבן, —

כ'וואָלט געקענט אויפס־ניי אָנפאַנגען
אַלע מיינע „ליבעלייען",
אַזוי ליב האָב איך דאָס לעבן . . .

.5

ווי דער פויער זיינע זוימען
אין דער שויס פון וועלט פאַרשפּרייט, —

טיף דער דיכטער זיינע טרוימען
אין דעם האַרץ פון וועלט פאַרזייט.

פונעם לעבן און פון שטאַרבן
מיט דעם מאָרגן וואָס באַגינט, —
שניידט דער דיכטער זיינע גאַרבן
ווי דער פויער און ער בינדט . . .

און מיט לידער ווי דער פויער
זיינע זאַנגען ס׳טראָגט פון פעלד, —
טראָגט דער דיכטער פרייד און טרויער
מיט געזאַנגען פון דער וועלט.

ווי פון פרילינג טיף אין שנייען,
ווינטער, ס׳טרוימט די ערד פאַרוויגט;
פונקט אַזוי דאָס האַרץ אין ווייען
פונעם דיכטער טרוימט פון גליק . . .

6.

איך ווייס ניט ווי לאַנג נאָך מיין טאָג וועט זיך ציען,
צי ס׳וועט אים ניט פלוצים די נאַכט באַלד פאַרהילן?
איך וואָלט אויף דער דעמער־פּלייט ענדיקן שפּילן
געוואָלט נאָך די אונטערגאַנגס גאָלד־מעלאָדיען

מיין לעבן געהייליקט פון וויטיק זאָל קניען
מיט פרומקייט אַזוי ווי אַ לאָם שטיל אַנידער,
ס׳זאָל גיסן זיך ליכט פון מיין האַרצן אין לידער,
ווי ס׳גיסט פון דער זון זיך איר פורפור פאַרגליען.

איך וויל דאָ אויסדופטן אַזוי ווי די בלומען —
עס זאָל זיך מיין קורצער, פאַרגענגלעכער לעבן,
צעשיילן ווי בלעטלעך פון רויזן געדולדיק; —

וואָס איך האָב אַמאָל ווען ביי וועמען גענומען
איך וויל עס גע׳כפּל׳ט אַצינד אים אָפּגעבן,
אַז איך זאָל דאָ קיינעם ניט בלייבן גאָר שולדיק . . .

ביז די זון וועט אפקילן . . .

1.

קוקו, קוקו, פון אַ גרינעם
בוים דאָרט ערגעץ טיף פאַרשטעקט —
רופט עס הימלעך שוין און ס׳וועקט,
איידער נאָך עס נעמט באַגינען.

ווי צעשטויסענע רובינען
פאַלן שטראַלן שפּילעוודיק —
ווי די קלאַנגען פון מוזיק ;
בונטע, וואַרעמע, און זיי רינען.

אָ, פון וועלכער פרעמד געקומען
ביזטו, און צו וועלכער ווייט
ציט עס דיך נאָך אַלץ און פליען ווילסט ?

קיינער ווייסט ניט, נאָר דו שפּילסט
אייביק אויף דיין אומרו־פלייט,
קוקו, פאַר די לאָנקעס, בלומען.

2.

ווי דיין אומרו אויך דער מיינער,
קוקו טיירער רינט און פליסט,
ניט איך ווייס צו וואָס דו גליסט,
ניט עס ווייס מיין גליסטן קיינער.

פרילינג וועקער, האַרציק שיינער,
צו דער בלום און שמעטערלינג,
רופסטו תמיד און איך זינג,
דו ביזט מיינער, איך בין דיינער.

ביידע לעבן מיר פאַרבאָרגן,
דו באַהאַלטן אויף דיין בוים,
איך אין נעפּל פון מיין טרוים,

און מיר וואַרטן אויף דעם מאָרגן,
איינער רופט, דער צווייטער זינגט, —
יעדנס קול אין לופט פאַרקלינגט . . .

.3

קוקו, קוקו, האַרציק ליבער
זינגער פון דער זון אין מאַי,
אָ ווי טוט דאָס האַרץ מיר ווייַ,
ווען עס גייט דער מאַי פאַריבער.

קוקו, קוקו, כ'צייל און פיבער,
יעדעס עכאָ, יעדן קלאַנג, —
פון דיין רוף וואָס דוי'רט ניט לאַנג,
און איך ווער אַלץ טרויריק טריבער.

ווי דיין רוף אויף מיין פאַרלאַנגען
אַזוי טיף פאַרליבט אינטים ;
אין מיין האַרצן ציט פאַרביי ;

קוקו, קוקו, באַלד פאַרגאַנגען
איז דער שענסטער חודש מאַי,
קוקו, דו אויך שטיל מיט אים . . .

.4

ס'שמעקט די לופט אַן אויסגעבישופטע
פון די פאַזשאָמקעס אין וואַלד,
און די קוסטעס איינגע'טל'ט
שימערירן בונט באַבלומטע.

בינען גאָלדענע צעזומטע,
שוועבן פלאַטערדיק אַרום,
ביז זיי פאַלן אויף אַ בלום,
בלייבן רו'ן אויף איר פאַרשטומטע.

אָזערעס צעבלויטע ליגן
אינעם טאָל די בערג צופוס,
בליץ-צעלאָזטע וואָסערפאַלן

גיסן זיך מיט זונענשטראַלן
טראָגט זיך מיט דעם ווינט אַ ניגון
אויסגעהויכט פון בליטן זיס.

.5

מיטאָג צייט. די מיד פאַרשמאַכטע
לאָנקעס ליגן אומבאַוועגט,
אין חלשות אויסגעשטרעקט,
פון דער היץ ווי אומגעבראַכטע.

אונטערביימער בלעטער גרינע,
ליגן אויף די בייכער שטיל,
אַלע קי אין שאָטן קיל,
אויסבאַהאַלטן פאַר דער חמימה.

מיט דער קילקייט אָנגעטרונקען
ווידער לאָזן זיך די קי,
פאַשן אינעם זונענגלי.

מעקן, ווײדלען, לוסט פאַרזונקען,
פון דער היץ צערייצט געוואָרן,
גליסטן אַלע זיך צו פאָרן.

.6

איבעראַל עס ליגט די שיינקייט
אומפאַרגעגלעד אויסגעשפרייט,
אויף אַ יעדן בוים און בייט,
בליט די געטלעך טיפע ריינקייט.

בין איך דאַנקבאַר יעדער בשורה
וואָס עס זאָגט מיר אָן דאָס ליכט,
שיינט אַרויס פון מיין געדיכט
אויך אַמאָל אַ העלע שורה.

הייבט מיין גייסט מיך אויף צום שוועבן
ווי אויף כישופ׳דיקע פליגלען,
דאַמאָלט אַזוי לייכט און גרינג;

שוועב איך אין די הימלס שפּיגלען,
טראַכט ניט פון מיין קורצן לעבן
ווי אַ איין־טאָג שמעטערלינג.

7.

ווען ס׳ווערט פול מיט גליק מיין בעכער
ווי אַ רויז מיט זונענגלוט,
לאָז איך פון דער גליק־מינוט
צ׳ריק אין וועלט אַ העלן עכאָ.

פון דער ערט צו הימל ספערן
ווי אַ פּאַלמע הייבט זיך שטיל, —
פון דער ליבע מיין געפיל
אויף און קושט זיך מיט די שטערן.

לייכטנדיק פון לייד דערהויבן
פון מיר פאַלן שטראַלן מילד,
איבער מיין פאַרגענגלעכקייט;

מיין נשמה האַפּט און שפּילט
אַנגעצונדן פון מיין גלויבן
מיט דער העכסטער לעבנס פרייד.

8.

אין אַ טייך די בליטן, קוסטן,
באָדן זיך אין זילבער און
ס׳גליט און בליצט און בלענדט די זון,
וויזט דעם וועג דעם אומבאַוווסטן.

און דערוועקט אַ הייסן גלוסטן
צו דער ליבע גליק און פרייד,
און די אומפאַרגענגלעכקייט,
אין די ענגסטע, שמאָלסטע, ברוסטן.

ביז עס וועט די זון אָפּקילן,
מיט איר ליכט ניט מער באַרירן
שטיל די וואָרצלען פון דער וועלט;

וועט דער מענטש זיך אַלץ נאָך שפּילן
אַ פאַרבלענדטער פון קאָלירן
גליקלעך פון דער זון צעהעלט . . .

ווען איך קוק אין דיינע אויגן . . .

(געווידמעט מיין יונגסטער טאָכטער מעלא)

דו ביסט אַזוי פריש, אַזוי יונג, אַזוי ריין, —
ווי ערשטער געפאַלענער פוכיקער שניי;
און גלייך ווי די בליטן אין אָנהויב פון מאַי,
וואָס דופטן צעקושטע פון זוניקן שיין . . .

און ווען נאָר איך קוק אין דיין אויג דיר אַריין,
וואַכט אויף אין דער טיף פון מיין האַרצן גאַנץ שטיל, —
דאָס אייביקע טרויער און פריידן געפיל,
פון לעבן דאָס קומען — און שטומע פאַרגיין . . .

און דאַמאָלט ווי וואָלט איך דיך ווידער גענומען,
אַרויף אויף די הענט און מיט ליבע געטראָגן,
צום האַרצן אַזוי ווי אַלס קינד דיך געדריקט, —
מיט יעדן דיין וואָרט זיך געשפּילט ווי מיט בלומען,
געזאָגט דיר, וואָס כ'קאָן דיר שוין היינט מער ניט זאָגן,
מיט מעשיות און לידער אונדז ביידע פאַרוויגט . . .

יוסף הלל לעווי

איך האָב דיך געוויגט

איך האָב מיט באַגערן
געקושט דיך געדריקט, —
צום האַרץ ווי אַ שטערן
און האָב דיך געוויגט.

געוויגט שטיל מיט ציטער,
גאָר צאַרט אויף מיין שויס,
ווייל דו ביסט ווי פליטער —
געוועזן פון אַ רויז . . .

געשרעקט ניט דערלאַנגען
איך האָב ס׳זאָל אַ הויב —
דער ווינט טון, דיך פאַנגען —
אויף זילבערנעם שטויב . . .

איך האָב דיך געהאַלטן
ווי ס׳זוניקע ליכט;
זאָלסט קושן די פאַלטן
מיר אויס פון געזיכט.

און דו מיין באַגערן
דערפילט האָסטו באַלד, —
געקושט פון מיין שטערן
אַראָפּ יעדן פאַלט . . .

די האָר מיינע גרויע
געצופּט אויס פאַרטרויט,
די ליפּן די בלויע
געקושט מיר ביז רויט.

איך האָב מיט געזאַנג דיך
געקושט ווי אַ רויז, —
באַהאַרציקט און באַנג דיך
געוויגט אויף מיין שויס — — —

די גילדענע רויז

1

צעדופּטיקט געבליט האָט די בלאַנקע
מיט פּראַכט אויף דער פּוילישער ערד, —
ליב־אסתרקע שטיל ווי אַ שלאַנקע
טאָפּאָליע אין הימל פאַרקלערט.
פון וועלדער די טיפקייט באַנומען,
פון רעגן און ווינט דאָס געברויז,
איז זי געוואַקסן פון בלומען —
די שענסטע, די גילדענע רויז.

און ס׳האָבן געשפּילט אירע גלידער,
איר יעדער באַוועג און איר בויג, —
פון ליבע די הייליקסטע לידער,
פון בענקשאַפט געגליט האָט איר אויג.
געקושט ווען די זון האָט מיט פונקען
פאַרליבטע די ערדישע שויס, —
איז זי צעפּורפּלט פאַרזונקען
אין ליבע, די גילדענע רויז.

2

אַקייגן דעם הערלעכן „וואַוול״ פּאַרציטן
דעם פּוילישן פּאַלאַץ פון גלאַנץ און פון פּראַכט,
איז פון דער צווייטער זייט ווייסל געשטאַנען
אַ קלייניקע הייזל פון קיינעם באַטראַכט.
און אָט אין דעם קליינעם געבויגענעם הייזל
האָט גליקלעך אַן אָרעמער שניידער געוווינט,
און סוקמאַנעס אַלטע פאַרלאַטעט פאַרראַכטן
ביז שפּעט אין דער נאַכט — נישט דאָס אויג זיינס געשוינט.

גאַנץ פרי פלעגט ער אויפשטיין ווען ס׳פלעגט נאָר באַגינען
און תהלים געזאָגט מיט דער נאָדל אין האַנט,
און ער האָט געשמט אַלס אַ צדיק אַ שטילער —
זיין טאָכטער די שענסטע אין פּוילישן לאַנד.

די מענטשן וואָס זענען אַריין דאָרט געגאַנגען,
זיי זענען נישט גליקלעך אַרויס שוין צוריק,
ווען אסתרקע האָט נאָר די אויגן געעפנט
און האָט זיי באַרירט מיט איר זיידענעם בליק.

ווען אסתרקע האָט נאָר די ליפּן געעפנט
ווי דופּטיקע רויזן מיט זונגאָלד באַשטראַלט,
האָט זי אַיעדערנס האַרץ באַלד געפאַנגען —
אַזוי ווי אַ פויגל מיט לידער אין וואַלד...
און איז ווען אַ רייטער פאַרביי דאָרט געריטן,
אַראָפּ פון פערד ער אין ווילדן גאַלאָפּ!
און ס'האָט זי דער אָרימער שניידער געהיטן —
די גילדענע רויז ווי דאָס אויג זיינס אין קאָפּ.

3

אַמאָל ווען די זון האָט אין הימל געלויכטן,
אין ווייסל אויף װעלן אַרום זיך געשיפּט,
און ס'האָבן אַראָפּ פון די ווערבעס פאַרבענקטע,
די פייגל געזונגען פאַרליבט און געשטיפּט.
האָט קאַזשימיערזש דער האַרציקער קיניג פון פוילן,
האָט קאַזשימיערזש ווי־עלקי דער פוילישער העלד —
פון גוטסקייט אַרונטערגעוואָרפן די קליידער
און האָט פאַר אַ פשוטן כלאָפּ זיך פאַרשטעלט.

ווייל ס'האָבן איבער דערפער און שטעט זיך געטראָגן
די געטלעכע שמועה פאַרכשופטערהייט, —
פון אסתרקעס צאַרטער פאַרחלומטער שיינקייט,
און האָט איבעראַל זיך מיט ווונדער צעשפרייט.
ער האָט באַלד דערפילט אַז זיין האַרץ איז געפאַנגען
דער פוילישער קיניג פון צויבער גערירט,
אויף אַלע די וועגן ווו ר'איז נאָר געגאַנגען —
זיי האָבן צו אסתרקען שטיל אים געפירט.

ביז ר'איז אין אַ סורדוט אַ ווייסן צעריסן
געקומען מיט טרעלדעלעך רויטע באַקריינט,

צו אסתרקעס פאָטער און טרויריק געבעטן:
אָ פאַניע, און האָט ווי אַ קינד זיך צעוויינט.
פאַריכט מיר מיין סורדוט אָ זשידקו קאָכאַני,
ווייל ס'איז פון מיין פאָטער ירושה דאָס קלייד,
און אסתרקע באַלד האָט רחמנות באַקומען
און האָט אים דעם סורדוט אַליין צוגענייט.

ווי נאָר אירע פינגער זיך האָבן באַוויגן,
וואָס זענען ווי ליליעס געווען אַזוי שלאַנק,
האָט קאַזשימיערזש פאַרליבט זי געקושט מיט די אויגן
און ס'איז אים געוואָרן אין האַרץ אַזוי באַנג.
ווען אסתרקע פערטיק געניית האָט דעם סורדוט
האָט שטיל זי אַרונטער געלאָזן איר קאָפּ,
און פּלוצים געציטערט, ווייל ס'האָט זי געפּעסלט
געהאַלטן מיט מעכטיקע אָרעמס דער כלאָפּ...

4

זי קען שוין נישט עסן און קען שוין נישט שלאָפן,
איר פּנים עס איז אַזוי בלאַס און געקוועלט,
איר פאָטער זיצט ווייטער ביי לאָטעס געבויגן
און קען איר נישט העלפן, און ווייס וואָס איר פעלט.
אוי אסתרקע ליבע, מיין טיירע נשמה,
עס זענען מיר ווייס שוין געוואָרן די האָר,
דיין בשרע מאַמע זיך זאָל פאַר דיר מיען,
און דו האָב רחמנות אויף מיינע פאַר יאָר.

כ'וועל גיין אין דער „אַלטער שול" דאָרט אַהין בעטן,
דער קראָקעווער רב גוזר תענית זאָל זיין,
און וועט דיך דער מלך נאָך ווייטער פאַרלאַנגען —
איז גזירת המלכות — מיין קינד מוזטו גיין!
גאָט וועט דיר נישט צערנען מיין טאָכטער מיין פרומע,
און וועט דיר נישט רעכענען דאָס פאַר קיין זינד,
דער קיניג וועט גוט זיין דערפאַר צו דיין אומה,
נו שרעק נישט, און האָב נישט קיין מורא, מיין קינד!

דו ווּעסט זיך בשלום באַלד ווידער אומקערן
צוריק צו דיין טאַטן בעזרת השם,
און ס׳וועט אין דעם זכות פון דיין כשרער מאַמען
נישט ווערן חלילה קיין מכשול פון דעם.
עס וויל דיר אוודאי דער האַרציקער מלך
פון פוילן באַווייזן זיין מילדקייט און גנאַד,
ווייל ס׳האַט אים אויף זיכער דאַס האַרץ דיינס באַוויגן
דיין פרומקייט, דיין עלנט, און גלויבן אַן גאָט!

און אסתרקע שטיל האַט געוויינט און געשוויגן,
ביינאַכט נאָך אין טיפן אין פינסטערן חצות —
דערוואַכט האַט זי פּלוצים, צום פענסטער געלאָפן,
דערבליקט קעגנאיבער אַ הערלעכן שלאָס...
דאַס האָט ער זיך קאַזשימיערזש וויעלקי אויפבויען
געלאָזט אַזוי כשופדיק, וווּנדערלעך שען,
כדי ער זאָל יעדערן מאָרגן און אָוונט
זיין טייערע געליבטע — זיין אסתרקען זען!

5

וואָס בין איך דען פּשוטע יידישע מיידל?
מיין פאָטער אַ שניידערל אָרעם באַטריבט!
וואָס ס׳האָט זיך אויף איינמאָל דער הערלעכער גרויסער —
דער קיניג פון פוילן אין מיר גאָר פאַרליבט?!
צי זענען נישט טויזנטער שענערע פירשטינס
פאַראַנען פון מיר נאָך מיט פוילישער פּראַכט;
צי בין איך דען ווערט אַז דער קייסער פון פוילן
זאָל האָבן אַזוי זיך אין מיר דאָ פאַרטראַכט?

מיין טייערע מאַמע איז פרי מיר געשטאָרבן
און איבערגעלאָזן מיך עלנט אין פּיין,
יאָ האָב איך פאַרבענקט ביי דער פוילישער ווייסל
אין וועלדער דערצויגן כמעט זיך אַליין.
דאָן איז מיר די ווייסל געוואָרן אַ מאַמע,
פאַרוויגט מיר מיין אומעט באַהאַרציקט און טריב,
ווי קום איך אַן אָרעמען שניידערס אַ מיידל
דער קיניג פון פוילן זאָל האָבן מיך ליב?!

6

דערפֿאַר דיינע צעפּ ווי די פּוילישע וועלדער,
מיין אסתרקע זענען צעפּלאָכטן געדיכט,
און ס׳דופּטיקט דיין לייב ווי די פּוילישע פעלדער,
און ס׳פּנים דיינס לייכט ווי דאָס זוניקע ליכט.
און דו ביזט אַזוי ווי אַ שלאַנקע טאָפּאָליע —
געוואַקסן, צעשפּרייט זיך אין זוניקן גאָלד,
געוואָרן די טאָכטער די שענסטע פון פּוילן,
דערפֿאַר האָב איך פּוילישער קיניג דיך האָלט.

אָ אסתרקע טייערע, מיין ליכטיקע שיינע,
צייט כ׳האָב אויף דער ערד דיך מיין מלאך דערבליקט, —
איך ווייס נאָר איך קען אָן דיר מער שוין נישט לעבן,
דו גילדענע רויז פונם מענטשלעכן גליק.
פאַרשעם נישט דיין טאַטן דעם ערלעכן שניידער,
וואָס קען נאָר די אַרבעט און גאָט אויף דער וועלט,
ווייל אָפּט איז אַ לאַטשיאַרזש פון אָרעמע קליידער —
פיל רייכער ווי יעדערער קיניג און העלד!

איך האָב דיך אַזוי ווי אַ פּערל געצויגן —
אַרויס פון דער טיפער צעוויגטקייט פון ים,
און צייט כ׳האָב דערזען דיין צער אין די אויגן
באַקומען כ׳האָב ליב דיך בייגאַנד מיט דיין שטאַם.
און דו אין דיין אָרעמען קלייד ביזט מיר ליבער —
ווי יעדע בת מלכה אין הערלעכסטן ציר!
איך פרעג אויף קיין פאָלק נישט, קיין לאַנד און קיין גלויבן,
מיין ליבע איז גרעסער — ווי אַלעס צו דיר...

7

אַ מחנה מיט רייטער, עס הייבט זיך אַ וואָלקן,
און איינער אַ העלד פון אַ שניי־ווייסן פערד, —
ער לאָזט זיך אַרונטער מיט גילדענע שפּאָרן
געקרוינט און באַפּאַנצערט: מיט ביקס און מיט שווערד.
די מחנה מיט רייטער זיי ציען זיך ווייטער,
נאָר איינער בלייבט טרויריק געבראָכן און באַנג —

ס'איז קאַזשימיערזש וויעלקי אין פורפורנעם מאַנטל,
אַ קאַזשימיערזש דער גרויסער פון ליבע פאַרלאַנג!

און אסתרקע שטייט ווי אַ טייבל דערשראָקן
ביים פענסטער, און האַלט זיך איר פּנים פאַרשטעלט,
און הערט ווי עס לאָזט זיך אַריין אין זייער הייזל —
דער גרויסער, דער מעכטיקער, פּוילישער העלד!
אוי אסתרקע טייערע, אסתרקע גוטע,
אוי אסתרקע האַרציקע, ליבסטע דו מיין!
דער הערלעכער „וואווועל" צו דיר וועט געהערן,
און דו וועסט אַ פּוילישע קיניגין זיין.

נאָר קום אין מיין פּאַלאַץ שוין ליבסטע און שיינע,
נאָר קום אין מיין שלאָס שוין ווייל ס'האַרץ מיינס גייט אויס,
צי איז דען אין פּוילן נאָך דאָ אַזאַ ריינע —
ווי דו מיין געליבטע, מיין גילדענע רויז?
און פּלוצים דער הימל אַ בליץ האָט צעשניטן
און באַלד האָט דערהערט זיך פון דונער אַ קלאַפּ,
און קאַזשימיערזש איז מיט זיין ליבסטער געריטן,
אַוועק אויף זיין פערד אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

8

צי ווייסטו מיין אסתרקע ליבלעכע שיינע,
צי ווייסטו מיין טייערער אוצר מיין גאָלד? —
בישטאָ צווישן אַלע די מיידלעך קיין איינע
וואָס איך זאָל זי האָבן ווי דיך אַזוי האָלד.

ווער האָט דאָס צעפינקלט אַזוי דיינע אויגן,
ווער האָט אויסגעטאָקט דיר אַזוי יעדעס גליד;
ווער האָט דאָס געמאָסטן אַזוי און געוואויגן —
דיין חן — וואָס ער ווי די גערטנער צעבליט?

ווער האָט דאָס צעפּערלט אַזוי דיינע ציינער,
ווער האָט דאָס צעקרייזלט אַזוי דיינע האָר?
ווער האָט דאָס צעזונגען אַזוי דיינע ביינער,
פאַרכשופט אַזוי ווי אין חלום אַ כאָר.

װער האָט דאָס אַזױ װי די װעלדער מיט צױבער
צעװיקלט דײַן שײנקײט די פֿרומע גאַנץ װײַט,
װער האָט דאָס אַזױ װי די װײַסל רײן, זױבער —
געלײַטערט דײַן גוף אין אָרעמען קלײד?

דו האָסט אַזױ טיף מיר דאָס האַרץ מײנס באַװױגן
ביז כ׳האָב דיר געשאָנקען מײַן ליבע אַלס שכר,
עס האָבן אַזױ מיך פֿאַרפֿירט דײַנע אױגן
די גרױסע געהײליקט פֿון ײדישן צער...

אַז כ׳בין צו די פֿיס דיר פֿאַרכשופֿט אַנידער
געפֿאַלן פֿון ליבע פֿאַרצערט פֿון איר פֿלאַם,
געלאָזט אין גאַנץ פּױלן אַרײַן דײַנע ברידער, —
װײַל כ׳האָב דיך אינאײנעם געליבט מיט דײַן שטאַם!...

9

איך װעל דיך נישט לאָזן
פֿאַרװיאַנען װי גראָזן,
אין האַרבסטיקן שטורעם־געברױז!
איך װיל דיך אָפּהיטן —
אַזױ װי די בליטן,
מײַן האַרציקע, גילדענע רױז.

איך האָב פֿון דײַן אומה,
מײַן טױב דיך מײַן פֿרומע
דערװײלט װי אַ רײנעם בריליאַנט,
און האָב נישט פֿאַרהױלן —
פֿאַר ײדן אין פּױלן —
געעפֿנט דאָס פּױלישע לאַנד!

זײ זאָלן דאָרט מערן —
אַזױ זיך װי שטערן,
נישט װערן פֿון קײנעם געשטערט;
עס זאָלן די ײדן
אױסלעבן צופֿרידן —
זיך ײדיש, אױף פּױלישער ערד!...

באַהיטן פון קנאה,
באַשיצן פון שנאה,
וואָס לויערט אויף שריט און אויף טריט, —
איך האָב פון בהלות,
פון האָס אינעם גלות
געוואָלט אים דעם אייביקן ייד!

10

ווי קענסטו דען לאָזן פאַראיינזאַמט אין חדר,
דיין פאָטער דעם אַלטן, דעם אָרעמען שניידער
זיך קיינמאָל צו אים שוין נישט אומקערן מער.
בייטאָג און ביינאַכט נאָר מיט אומעט כסדר
פאַרלאַטן די אַלטע צעריסענע קליידער
ביים סורדוט און פאָדעם און נאָדל און שער?
אוי, אסתרקע, אסתרקע!

ווי קענסטו אַצינד דען דאָס פאָלק דיינס פאַרלאָזן,
ווען ווינטן צעהפקרטע שטורמען און בלאָזן,
דיין פאָלק דאָס פאַרפייניקטע פון יעדן פאַרלאָזט?
און ס׳וואַקסן אַלץ העכער פון קברים די גראָזן,
ווי קענסטו דיין פאָלק דאָס פאַרלאָזטע פאַרלאָזן,
אין פינסטערע שטורמען און טויטלעכן פראָסט?
אוי, אסתרקע, אסתרקע!

ווער וועט מיר אַ לעפל דען וואַרעמס דערלאַנגען,
דערפרייען מיין ביטער צעבראָכן געמיט?
ווען ס׳וועלן פון ספקות באַפאַלן מיך שלאַנגען;
און שרעקן די צלמים די גלאָקן און קלאַנגען
ווער וועט אים באַגלייטן צום קבר דעם באַנגען —
דעם אַלטן, צעבראָכענעם, איינזאַמען ייד?
אוי, אסתרקע, אסתרקע!

11

זי זיצט שוין אין פּאַלאַץ
ווו ס׳שטייען געבויגן, —

באַדינטע פֿאַר איר דאָרטן פֿיל,
און ס׳שפּילן מיט טרויער
די יידישע אויגן
פֿון ליבע אַ קיניגלעך שפּיל.

עס דופטן די רויזן,
די נעלקן, נאַרציזן,
פֿון מוזיק־קאַפּעליעס באַגלייט;
די קלאַנגען זיי פֿליסן —
פֿאַרליבטע און ברויזן
מיט כּישוף פֿאַרפֿירט פֿון דער פֿלייט.

סמאַראַגדן, רובינען,
ברילִיאַנטן, בורשטינען,
און פּערל מיט פֿיינגאָלד געפּאַסט,
זיי וועבן און שפּינען —
אַ חן אויס אַ דינעם
וואָס ליגט אויף איר פּנים פֿאַרבלאַסט.

די ליכטער זיי שטראַלן,
עס קלינגען פּאָקאַלן,
עס גיסט זיך דער וויין פֿול מיט גליק,
פֿון זילבערנע קריגן.
די טענצער זיך וויגן
פֿאַרליבט, צו דער ליבע־מוזיק.

נאָר זי קען קיין אָרט נישט
קיין רו זיך געפֿינען,
איר האַרץ איז פֿאַרבענקט און פֿאַרשמאַכט,
און האָט גאָר קיין וואָרט נישט
עס זוכט זיך איר זינען
אַ טרייסט נאָר אין חשכות פֿון נאַכט.

12

ווען עס גייט דאָס האַרץ איר איבער
און פֿאַרטונקלט ווערט איר זין,

הערט זי עפּעס ווי אין פיבער
רוימט איר איין אַ קול גאָר דין:
מיט אַ ניגונדל אין אויער
און אַ שמייכל אויף דער ליפּ;
ביז זי פילט ווי ס׳דרינגט דער טרויער
איר אַרויס פון יעדער ריפּ.

„ליפּעס, יאָדלעס און טאָפּאָליעס,
דעמבעס, סאָסנעס, טיף פאַרצווייגט, —
ווי די יידן אינעם גלות
רוישן ווען דער ווינט זיי בייגט...
ס׳קען דער ווינט נאָר בייגן, שמייסן,
ברעכן צווייגן מיט געוואַלט!
אָבער קיינמאָל נישט אויסרייסן —
קען דער ווינט אַ גאַנצן וואַלד"...

יאָ, דאָס איז דאָך וואָלף דער עילוי,
בעריש שוסטערס זון פון קלויז,
וואָס ער האָט אויף זיך אפילו
נישט געהאַט קיין גאַנצן הויז.
יום ולילה נאָר געלערנט
תורה הייליקע לשמה,
מיט דער תורה אויסגעשטערנט
פון זיין לעבן יעדע שעה.

וועלוול יאָ דער בלאַסער, ליבער,
וואָס זיין האַרץ האָט אים פאַרביי
יעדן טאָג געפירט מיט פיבער
דורך איר פענסטער און מיט וויי.
זיינע בליקן אויפגעהויבן,
נישט געקענט שוין מער אַוועק,
ווי די ציטערדיקע טויבן —
אין אַ פּאַסטקע פול מיט שרעק...

וואָס צו איר זיך מיט באַגערן
האָט זיין האַרץ פאַרליבט געבוקט,

און ער פלעגט נאָך בלאַסער ווערן
ווען זי האָט אויף אים געקוקט,
אוי ווי וואָלט געוואָלט זי וויסן —
וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט!
אָפּטמאָל מיט דער ווייסלס פליסן
פילט זי ווי עס וואָלט באַרירט:

זי אויפסניי דעם עילוי׳ס ווייכע
שטימע מיט איר האָפנונג־קלאַנג,
און זיין פּנים ס׳מאָגער בלייכע
טוליעט איין אין איר זיך באַנג.
ווי אַ שמעטערלינג פאַרזונקן
וואָלט זי דעמאָלט אויף אַ רויז,
אויסגיין מיט די פיבער פונקן —
פון דער ליבע אין זיין שויס.

13

אוי מאַמעניו טייערע פון זילבערנעם קריגל,
גיט יעדערן אָוונט דער מלך מיר ווין.
אוי טאַכטערל, טאַכטער וואָס לאָזט דו דען ס׳וויגל
ביי טאָג און ביי נאַכט נאָר זיך וויגן אַליין?
אוי מאַמעניו מאַמע מיין כשרע ריינע,
איך ווייס כ׳האָב געזינדיקט ס׳איז ווי מיר און ווינד!
אוי טאַכטערל, טאַכטער מיין אָרעמע ריינע,
גאָט איז עס דיר מוחל מיין איינציקעס קינד...

אוי מאַמעניו גוטע ווען וועסטו דען נעמען,
קומען און נעמען דיין טאַכטער צו דיר?
אוי טאַכטערל, טאַכטער איך וועל זיך נישט שעמען
אפילו אין הימל דאָרט אויבן מיט דיר.
אוי מאַמעניו, מאַמע וואָס רוימסטו דעם ניגון
מיר איין פון דער גאָלדן געשאָכטענער ציג?
אוי טאַכטערל, טאַכטער איך וויל עס זאָל וויגן
זיך ווייטער אויף אייביק די יידישע וויג...

אוי מאַמעניו גוטע וואָס ווילסטו נישט קומען,
און זען אַז איך גיי ווי אַ ליכטל דאָ אויס?
אוי טאַכטערל, טאַכטער פון אַלערליי בלומען —
דו ביזט מיר די ליבסטע מיין גילדענע רויז.
אוי מאַמעניו, מאַמע די וױנטן וואָס בלאָזן,
דיר וועלן דערציילן ווי איך האָב געליבט!
אוי טאַכטערל, טאַכטער ווי קענסטו דען לאָזן
דיין טאַטן אַליין אַזוי עלנט באַטריבט?

איך האָב נישט געוואָלט זי מיין אומה פאַרלאָזן
און האָב נאָר דעם חסד פון קיניג געמיינט,
געקומען איז אָבער דער פינסטערער שטן,
לטובת מיין אומה פאַרפירט מיך פאַרפיינט.
איך ווייס אַז דו האָסט זיך חלילה נישט ביקן
געוואָלט צו קיין אָפּגאָט, פאַרלאָזן דיין הויז!
דערפאַר איז אין הימל נאָך דאָ דאָרט אַ תיקון
פאַר דיר אַ מיין אסתרקע גילדענע רויז.

אוי מאַמעניו ווייסטו וואָס איך האָב געליטן,
אין פּוילישן פּאַלאַץ מיט ליבע באַהיט?
און האָב נישט דאָס אָרעמע פאָלק מיינס פאַרביטן,
נישט קיינמאָל פאַרגעסן אַז איך בין אַ ייד!
אוי טאַכטער דו מיינע איך ווייס ביזט געבליבן
אַזוי ווי איך האָב דיך געבוירן מיין קינד!
עס וועט דיך קיין ליבע און האָס נישט פאַרבייטן,
ווייל שטאַרקער דיין האַרץ איז פון יעדערער זינד...

14

ווו איז איצט דאָס קינד מיינס, מיין שוועסטער און ברידער,
מיין טאַטע און מאַמע יאָ אַלע צוזאַם!
ווו איז איצט מיין פליש און מיין בלוט מיינע גלידער,
מיין גאַנצער געהייליקטער יידישער שטאַם?
וואָס האָט אויף דער פּוילישער ערט זיך דערצויגן
און ערלעכע פרומקייט מיט גוטסקייט פאַרפלאַנצט?
פון יידישע צדקות געמאָסטן, געוואויגן,
און ריין ווי די שטערן אין הימל צעגלאַנצט.

וווּ זענען די אַלע געהייליקטע דורות,
וואָס איך האָב מיט נויט דאָ אַריבערגעבראַכט,
די בתּי מדרשים, די הייליקע תּורות,
וואָס האָבן צעהעלט מיר פון גלות די נאַכט?
ווער האָט עס מיין היים אין אַ קבר פאַרביטן,
מיין בנין פון יידישע דורות צעשטערט?
דאָס יידישע לעבן אינגאַנצן פאַרשניטן,
און הפקר געמאַכט עס ווי שטויב אויף דער ערד!

15

וואָס זיצסטו אַזוי אין דיין אומעט געפאַנגען
און קוקסט דיר די אויגן די ליכטיקע אויס?
די ליפן פאַרביסן פון ליבע פאַרלאַנגען,
דאָס האַרץ דיינס צעריסן פון בענקשאַפט־געזאַנגען,
אוי אסתּרקע טייערע, מיין גילדענע רויז!

דאָס ביימל וואָס בליט פאַר דיין פענסטער, די שטערן
וואָס גנבענען זיך דורך מיט זייער גאָלדענעם ליכט,
פאַרפירן דיך ווייט אין די הימלישע ספערן,
און וויגן פאַרכשופט דיינע ליבע־באַגערן,
און קושן מיט גאָלד דיר דיין צאַרט בלאַס געזיכט.

די זילבער פאַנטאַנע וואָס מורמלט אַ ניגון
און בויערט אין הימל אַריין זיך צעבלויט, —
און הערט אין דיין גאָרטן נישט אויף זיך צו וויגן,
זי וויל נישט דאָס האַרץ דיינס זאָל בלייבן פאַרשוויגן,
נאָר עפענען צעפורפלט אויף רויזיק זיך רויט.

די פוילישע ווייסל און פעלדער פאַרצויבערט
דיך האָבן געהיים מיט דעם פוילישן וואַלד,
די זון און לבֿנה צעקעמט און געזויבערט,
זיי האָבן די צעפ דיר פון ווינטן צעשויבערט,
מיט פרעכטיקער שיינקייט געטאָקט דיין געשטאַלט.

אוי אסתּרקע, אסתּרקע, האָט דען פאַרהוילן —
דאָס קאַזשימיערזש ווייעלקי אַמאָל אין זיין הויז?

אַז דו ביזט דאָס מיידל דאָס שענסטע פון פוילן,
באַשיצן איך וויל דיינע ברידער פון גרוילן,
מיין אסתרקע, אסתרקע, גילדענע רויז!

ווי לאַנג נאָך מיין אויג וועט פאַרבלייבן מיר אָפן,
איך וועל זי אַ קאַזשימיערזש באַווייגען מיין זינד!
פון מזרח און מערב און דרום און צפון —
איך זע מיינע ברידער אָנקומען געלאָפן,
פאַרטריבן און קענען נישט רו׳ן ווי דער ווינט...

16

ווען אסתרקע זיצט אין איר פרעכטיקן פּאַלאַץ
און בליקט צו זיי׳ר קליינינקן הייזל אַרויס,
דערזעט זי איר פאָטער זאָגט תהלים געבויגן,
און וויינט ביי די לאַטעס די אויגן זיך אויס.
און ווערט זי אַנדרימלט דאַן קומט איר צו חלום
איר כשרע מוטער פון הימל באַמיט,
און טוליעט צום האַרץ זי מיט טרערן־געבעטן
זי זאָל נישט פאַרגעסן צו בלייבן אַ ייד.

ווי וואָלט זי געוואָלט דאַן פון אַלעם אַנטלויפן,
אַריין אין אַ מדבר אויף טויזנטער מייל,
און קאַזשימיערזש פילט דאָס און בעט זי בדמעות,
אוי אסתרקע שיינע וואָס פעלט דיר, דערצייל?
מיין טאַטע ער איז דאָ געקומען פאַרטריבן
אַהער מיט דעם אייביקן שטעקן אין האַנט,
און דו האָסט אויף ברייט און אויף ווייט אויפגעעפנט
אינגאַנצן פאַר יידן דאָס פוילישע לאַנד.

האָבן פאַרוואָרצלט זיך דאָ מיינע ברידער,
מיט בתי מדרשים, ישיבות אַ קוואַל, —
מיט שולן, רבנים און גרויסע למדנים,
וואָס האָבן די תורה פאַרפלאַנצט איבעראַל.
מיט חסידים, מתנגדים, רביים, צדיקים,
וואָס האָבן דעם הדיוט דערהויבן מיט קראַפט,

באַפליגלט דעם רבים מיט גרויסער אמונה,
אין פינסטערן גלות בטחון פאַרשאַפט.

נאָר היינט זענען בלוטיקע וועלף אונז באַפאַלן,
באַגזלט פון הונדערטער יאָרן דעם ווערט!
פון יידישן לעבן געמאַכט אַ בית עולם,
מיט בערגער פון אַש אויף דער פוילישער ערד.
אַ גיב פון דער מאַמען מיר ס׳זיידענע טיכל,
צוריק אויף כדי צו באַדעקן מיין קאָפ,
לאָז שפילן מיר קאַזשימיערזש אַ יידישן ניגון
און פיר מיך נאָך איינמאָל צום טאַטן אַראָפ.

אַראָפ צו דעם שניידער אין אָרעמען הייזל,
צום בעט פון דער מאַמען כ׳וויל קושן איר קלייד,
און דאָרט וויל איך איינמאָל נאָך ס׳האַרץ מיינס אויסגיסן,
אַ קאַזשימיערזש וויעלקי, איידער ס׳פאַרגייט.
איך בין דאָך אַן אָרעמע יידישע טאָכטער,
דו פוילישער קיניג זיי מוחל מיין חטא!
ווען קאַזשימיערזש געוואָלט האָט זיין ליבסטע אומאַרמען,
זי האָט קוים פון פיבער צו אים נאָך גערעדט:

אַ זיי מיר געזעגנט מיין ערלעכער קאַזשימיערזש,
דיין ליבע צו מיר האָט נישט פוילן געפאַסט;
עס האָבן מיך נישט דיינע ברידער פאַרשטאַנען,
דורך אַלע די יאָרן נאָר טיף מיך געהאַסט.
און כאָטש כ׳האָב געזוכט זיך מיט זיי צו פאַרבינדן,
זיי האָבן מיך אייביק געמאַטערט, געפלאָגט,
אַ זיי מיר געזעגנט מיין האַרציקער קאַזשימיערזש,
ס׳האָט פוילן אַליין מיך פון פוילן פאַריאָגט.

17

אַזוי ווי פון דעמער
די בלוילעכע קלאַנגען
מיט פורפלנעם אומרו פאַרפילט, —
עס איז מיט אַ זמר

איר האַרץ אויסגעגאַנגען
פוןליידן און בענקשאַפט צושפּילט.

אין תפילות און סליחות,
ווי הייליקע כריכות,
איר גופל איז געווען אַרום
געוויקלט מיט שימער,
אין איינזאַמען צימער,
אַזוי ווי מיט שטראַלן אַ בלום...

הושענה׳לעך דינע,
אויף ווערבעס געבויגן,
ביים טייכל געררשט האָבן שטיל.
געהאַט ווי די שכינה
פאַראומערטע אויגן
פון יידישן צער אָן אַ גבול.

די טויטלעכע דרכים
געשווינד דורכצושפּרייזן
דערשינען מיט רחמים און גנאָד, —
עס זענען מלאכים
כדי איר צו ווייזן —
דעם וועג דאָרט דעם נאָנטסטן צו גאָט...

ס׳איז קראָקע געגאַנגען
אויף טרויער פאַרלאַנגען,
באַגלייטן אַרויס
אויף בלומיקע בייטן,
פאַר אייביקע צייטן
די גילדענע רויז.

ס׳איז מער נישט פאַרבליבן
פון ליידן און ליבן,
פון אָרעמען שניידערלס הויז,
פון אסתרקעס אידעלע גלידער —
נאָר פאַרבענקטע און טרויריקע לידער...

סאנעטן

לייכטער שוועבט דאָס וואָרט צו גאָט,
וואָס פון האַרצן דרינגט
טיף אַרויס און זינגט
אויס דעם גרויסן בורא׳ס סוד.

אַלעס ווערט פון ליכט צוהעלט,
טויט און לעבן נאָר אַ קלאַנג;
פון דעם אייביקן געזאַנג
וואָס מיר זינגען אויף דער וועלט.

פול מיט ליבע און מיט גלויבן,
האָט געקלונגען דודס לירע
איבער מענטש און וועלט און צייט

טיף אַריין אין אייביקייט
מיט זיין הייליק גרויסער שירה,
מענטש און וועלט צו גאָט דערהויבן.

שפרודלט פון דיין יעדן טאָן
קרישטאָל קלאַנג פון דער נאַטור,
ס׳שפילט אַ גאָלדנער קלאוויאטור
פידל, פלייט און סאקסאפאָן.

אַ התפעלות טיף דורכגעדרינגט,
גייט אַדורך דורך אַלע גלידער,
ווען דו דיינע תפלות לידער
צו דעם גרויסן בורא זינגסט.

נעמסט איעדעס האַרץ געפאַנגען
מיט דיין הייליקן געבעט
וואָס צוגיסט זיך פון דיין זעל,

ווי אַ צויבער וויאלאנטשעל
מיט אַ הימלישן קלאַרנעט
דיינע הייליקע געזאַנגען.

סאָפּראַן, אַלטאָ און באַריטאָן
און דער פיינסטער באַס טענאָר,
האָבן אַלע אין איין כאָר
זיך פאַראייניט מיט קלאַנג און טאָן.

חזן פאַר דעם עמוד שטייט
טיף אין האַרצן האָט דערפילט,
זיין פאלצעט אַ זילבער פליים
טרילערט פון זיין קעל און שפּילט.

יעדער צווייפל ווערט אנטרינען,
שטאַרק אַ יעדער וואָס איז מיד,
גאָט דערפילן וועט ס׳באַגערן;

פון די אויגן פליסן טרערן
פון אַ ליכטיק גרויסן ליד,
ווערט צוהעלט אַ יעדנס זינען . . .

לויפט פארביי דאס לעבן!

איך בין ניט דער וואָס איך בין אַ גלויב,
אין דעם אַנצוג, שניפּס און שיך
גרוי פאַרשפּינען איז מיין איך,
און פאַרלאָפן ווי אַ שויב.

איך קען ניט רעדן וואָס איך מיין,
קיינמאָל איך טו ניט וואָס איך וויל
אָפט ווערט ליכטיק מיין געפיל,
ערשט איך פיל, אַז איך לעב א פרעמדן זיין.

ווי לבנה־גאָלד פאַרפירט
וועקט צום שפּראָצן ניט קיין בליט
וועבט נאָר גאָלד געוועבן,

לויפט פאַרביי מיין לעבן,
ווערט ניט קיינמאָל אויפגערירט
מיט דעם ציטער פון מיין ליד.

מיין געוויסן

ס׳איז מיין ערלעכער געוויסן
ווי אַ שלאַנג אַ גיפֿטיק גרינע,
אָנגעזאַפּט צו מיר מיט שנאה
אייביק איך ווער פֿון איר געביסן.

שטום מיט ערמה פֿאַרבאַהאַלטן
אין מיין האַרצן איינגעמויערט,
קוקט זי תמיד אויס און לויערט
טיף אויף מיר דורך טויזנט שפּאַלטן.
גיי איך אויף פֿאַרלאָזטע וועגן
איינזאַם אין מיין ווי פֿאַרטיפֿט,
קוקט אַרויס זי פֿון איר גראַטע

באַלד מיט עקל, באַלד מיט חרטה
און מיט שנאה מיר אַקעגן
און זי בייסט מיר איין איר גיפֿט.

מיינע שעה׳ן

ווי די הונגעריקע קראָען,
איבער קברים, פּגרים שימליק פֿויל,
פֿאָכן איבער מיר מיט גרויל
פֿינסטער גיריק מיינע שעה׳ן.

און זיי ווילן מיר צופּיקן
די נשמה, ס׳איינגעווייד
מיט די ציינער פֿון דער צייט
מיך אין גאַנצן ווילד צופֿליקן.

הייב איך אויף זיך מיט די פֿליגל
פֿון געזאַנגען איבער צייט,
ווי אַן אָדלער אין דער ווייט

לייך אַרויס פון הימל־שפּיגל
מיט דער שטערן־שריפט צושפּרייט,
דאָרט מיין גליק פון זונען־זיגל.

די טויז רויט . . .

נעם דעם רויטן ווייַן פון פלעשל
גיס מיר אָן פול דאָס גלאָז,
און די קאָרטן פּעסט צופּעשל
און ניט פרעג ביי מיר פאַרוואָס.

נעם דעם פּייערטאָפּ דעם געלן
און פאַרנאַנדערפלאַם זיין גלוט!
זאָלן צוויי פאַרפלוכטע זעלן
איינמאָל כאָטש זיך פילן גוט.

ווייל איין גורל אונז באַצווונגען
ביידע האָט פון זעלבן סאָרט,
איינער לעבט פון לידער זינגען
און דער צווייטער פון דער קאָרט . . .

קאָרטן זאָלסטו היינט מיר לייגן
וועל איך זינגען צויבער ווייב,
וועט מען דאַרפן וועל איך שווייגן
ווי פאַרשטייפּט מיט זעל און לייב.

כ׳האָב פון אַלע מינים פאַרבן
מיר די רויטע טויז געוועלט . . .
רויט איז ליבע, און צום שטאַרבן
ליב איך איינע אויף דער וועלט.

וועסטו מיר די קאָרט ניט ברענגען
וועל איך מאָרגן זיין באַטריבט,
ערגעץ אויף אַ פלויט אויפהענגען ווען
וויסן כ׳וועל צוריק ניט געליבט.

געזאַמלטע שריפטן

נעם אַראָפּ פון מיר די אויגן
די געלאַמעוועטע רויט,
היינט דאָ ווערט מיין גליק געצויגן ;
אָדער ליבע אָדער טויט.

אָ דער וויין איז אַלט און טייער
ער פאַרדרייט מיר אַזש דעם קאָפּ,
היי מכשפה, בלאָז דאָס פייער
אויף דאָרט אין דיין שלאַנגען־טאָפּ.

נאָך אַ גלאָז דערלאַנג פון פלעשל
צוויי און דריי פאַר מיר ניט שפּאָר,
און די קאָרטן פעסט צופּעשל
מיר צו אַלדי שוואַרצע יאָר !

בלאָז דעם פלאַם אויף שנעלער גיכער
ווייל דער פייער־טאָפּ גייט אויס,
און פון פלאַמנדיקן וויכער
זאָל די רויטע טויז אַרויס !

ווייל אַצינדער מוז איך וויסן
ווי עס וועט מיין גליק אויסזען !
נאָך אַ לעצטן מאָל צומישן,
זאָל געשען וואָס ס׳וועט געשען.

ווי עס שיקלען דיינע אויגן,
דיינע פינגער שפּינען שנעל ;
האָבן מיר אַרויסגעצויגן
דעם פאַרפלוכטן אויבער שעל.

יעצט גיס אויס דעם וויין פון פלעשל
און צוברעך דעם טאָפּ אויף שטיק,
וואַרף אַריין אין פלאַם דאָס פּעשל
אַש, און טויט נאָר, איז מיין גליק !

יוסף הלל לעווי

אונט־פויגל

אָונט־פויגל איינזאַם ליבער
גיס אַריין דיין לעצטן באַנג
מיט אַ האַרציק שטילן טרילער
אין דעם פורפורנעם פאַרגאַנג.

קיינער וועט דיך מער ניט הערן
ווען דער נייער טאָג דערוואַכט,
עפן אויף דיין האַרץ פאַר שטערן
גיס אַריין עס אין דער נאַכט.

לאָז דיין אַלטן צער ניט איבער
מיט דיין ליריש טיפן וויי.
פויגל טרייערער פויגל ליבער
זינג אַרויס אים איצטער פריי.

מאָרגן פרי שוין אין באַגינען
וועט אַ נייער פויגל־שאר
פרישע לידער פון ליבע זינגען
און פון לעבן אין איין כאָר . . .

מיין הארץ

מיין האַרץ אַ פייער סטאַציע
אויף דער ערט אַוועקגעשטעלט,
קומען ווערטער פונקן
צו מיר פון דער גאַנצער וועלט.

גיב איך זיי דאָן איבער
געהיים אין יעדן לאַנד,
גליט די וועלט אין פיבער
אויף אין פייער בראַנד . . .

אין א צאַרנדיקער שעה

כאַ כאַ כאַ!
וואָס דאַרף דען דיין געוויסן?
נאָר רחמנות און געפיל.
קרא קרא קרא!
דיין האַרץ וואָס איז צוריסן
נעמט עס אייביק זיך צום שפּיל.

כאַ כאַ כאַ!
איך וואָלט עס אַוועקגעשמיסן
אין אַ צאָרנדיקער שעה
קרא קרא קרא!
אַ מיין פאַרפלוכט געוויסן
וואָס איז גיריק ווי אַ קרא . . .

מיין טרויריק געזאַנג

אומענדלעכקייט שטילע דו האָסט מיך געפאַנגען,
אומענדלעכקייט טיפע דו האָסט מיך באַזיגט,
מיין האַרץ דאָס פאַרגענגלעכע טראָגט אַ פאַרלאַנגען,
אַזוי ווי דער ים וואָס איז אייביק צעוויגט.

מיין האַרץ דאָס פאַרגענגלעכע טוקט זיך און לייטערט
אין ווייען אַזוי ווי די זון אין פאַרגאַנג;
און גלייך ווי אַ פינצטערער וואָלקן פאַרברייטערט
זיך איבער מיין לעבן מיין טרויריק געזאַנג.

צום איינזאַמען שיפער א פייער סיגנאל!

אָט באַלד וועט דאָס אָרימע שיפעלע קומען
און שטעלן אַוועק זיך ביים זאַמדיקן ברעג.
באַלאַדן מיט שווערע און ביטערע טעג
פון ווייטע צעשטורמטע ימים צעשוומען.

פאַרוואָרפן דעם אַנקער אויף אייביק פאַרבונדן
זיך טיף מיט יבשה און בלייבן דאָרט שטיין,
דער זעגל וועט ווערן צעריסן פון ווינטן
נאָר ס׳שיפל וועט ווייטער שוין קיינמאָל ניט גיין.

פאַרשיקן מיט גאָלד וועט דער ליכטיקער טורעם
אויף ימים אויף ווייטע אַ וואָרנונג־צייכן
צום איינזאַמען שיפער אַ פייער־סיגנאַל:
נאָר טיף אין דער נאַכט און אין ווינט און אין שטורם,
עס וועט ווי דעם שיפערס נשמה פאַרבלייבן
און ווערן פאַרלאָשן דער גילדענער שטראַל . . .

אלע מענטשן זענען ברידער

מעגן מענטשן זיך דען האַסן,
יאָ פון פלייש און בלוט און גלידער,
אַלע מענטשן זענען ברידער
אָן אַן אונטערשייד פון ראַסן . . .

בלוט עס האָט דאָך ניט קיין פאַרבן,
נאָר די איינע וואָס איז רויט!
גיסט מען אויס דאָס איז מען טויט
מוזן אַלע גלייכע שטאַרבן . . .

פון איין טאַטן מיר זיך וועבן
אַלע גלייכע מילך געזויגן
פון אַ שטערבלעך שוואַכער מאַמען.

אונטער הימל ערד צעזאַמען
אַלע גלייך זיך אויפגעצויגן
פאַרוואָס אַלע גלייך ניט לעבן? . . .

איבער מיר . . .

איבער מיר האָט אויסגעשפּרייט
מיט אָסיען גרויע פליגלען
זיך מיין טיפער לעבנס־סוד ;
און געהיים מיך אָנגעקליידט
אינם האַרבסט געוואַנט פון גאָט,
גענומען בלענדן שפּיגלען
מיט דער מורא פאַר דעם טויט . . .

! וועסט שוין קיינמאל מער ניט בליען

מיינע טעג פאַרבלאַסט אַנטשוויגן
בלייבן ווי די לעצטע רויזן,
און עס ציט דורך זיי אַ ניגון
פונם ווינט פונאַנד געלאָזן.

אָסיען־וואָלקן זיך פאַרציען
נעמען לאַנגזאַם מיך פאַרהילן
וועסט שוין קיינמאָל מער ניט בליען
הער דעם ווינט איך טרויריק שפּילן.

דאס הייליקע נאכטמאל . . .

(איציק מאַנגער)

געדענקסטו עס האָט פאַר אונדז לידער געלעזן
אַ חבר אַ דיכטער ניט ווייניק באַקאַנט ?
און דעמאָלט עס שיינט מיר וואָלט גלייכער געוועזן
ער וואָלט פאַר אונדז ביידן אַ נאַכטמאָל דערלאַנגט.

אַ בראָטן אַ פיינעם ווען ס׳וואָלט אונז דער ברודער
דער גוטער געגעבן אַ גלעזעלע וויין,
וואָלטן מיר בעסער פאַרטראָגן די לידער
און אַלץ וואָלט דאַן טאָפּלט געוועזן אַזוי שיין . . .

דאָס ברויט וואָלט געלעגן געשמאַקפול מיט קימל
פאַר אונדז פול מיט זאַפטיקע פּירות געגרייט,
פאַרטראָגן זיך וואָלט די נשמה אין הימל
דערפילט פונם הייליקן נאַכטמאָל די פרייד...

נאָר לידער און לידער אַפילו וואָס טאַנצן
צעשטראַלטע ווי זונען מיט גאָלדענעם גראָם;
קענען אויך ווערן דערעסן אינגאַנצן,
פאַרלירן דעם ריח דאָס לעבן דעם טעם . . .

נאָר קען מען דען נעמען אַ חבר פאַריבל
וואָס האָט ער געוווסט דען ביי אונדז וואָס זיך טוט?
אַ ליד ביי אַ דיכטער עס איז דאָך אַ ביבל
הגם ס׳ווערט אַ צווייטן דערפון אָפט ניט גוט...

די לידער זיך האָבן געגאָסן ווי שטראַלן,
נאָר גרין איז געווען דיין פּנים ווי גראָז,
אויף איינמאָל דו ביזט אין חלשות געפאַלן
און כ׳ווייס נאָך עד היום אַליין ניט פאַרוואָס . . .

וואָס ווינסטו אין געטאָ אַ יידישער פּרינץ?

ווו האָסטו דיין צעפּטער, דיין חייל, דאָס מעסער,
דיין פּורפּורנעם מאַנטל באַזעצט מיט ברילליאַנט?
אַ יידישער פּרינץ דו, ווו האָסטו די שלעסער
פון גאָלד און דיין קרוין און דיין פאָלק און דיין לאַנד.

דו ביסט דאָך אַ זון פון די אַלטע נאָמאַדן
דערפאַר מיט דיין לעבן נאָך היינט צאָלסטו צינז...
פאַרחלומטער שאָפער פון צויבער־באַלאַדן
וואָס ווינסטו אין געטאָ דו יידישער פּרינץ?

נאָר בעסער מיט פיינע באלאדן ווי בלומען . . .

צי געדענקסטו אַצינד נאָך דעם אָוונט אין וואַרשע
מיר האָבן זיך ביידע געשלעפּט ווי פאַרליבט?
פאַרשריבן דו האָסט אין מיין לעבן אַ פּרשה
מיט טינט פונעם דעמער צעגרויט און באַטריבט.

וואָס קען מען דען זאָגן ווען ס'האַרץ איז פאַרשוויגן
און טיף פון אַ יעדנס נשמה נאָר דרינגט
און אומעט פאַרוועבט מיט אַ גאָלדענעם ניגון;
אַן ווערטער אַרויס אין דער שטילקייט און זינגט . . .

דער קיילעכדיקער רעש פון די וואַרשעווער גאַסן
געדריקט ווי אַ רייץ האָט אונדז שווער דאָס געמיט;
אַריבער דעם אייביקן ליבן און האַסן
עס האָט אונדז געהויבן אַ גלאָז אַקאָוויט . . .

אויף איינמאָל ווי דאָס לעבן וואָלט גענומען
גאָר עפּעס אַ פרעמדן ניט אייגענעם זיין;
נאָר בעסער מיט פיינע באַלאַדן ווי בלומען
זיך שפּילן, אַזוי ווי די זון מיט איר שיין . . .

צופאַל קיניגט אַנשטאָט גלויבן

צו אַ וויזיע ווערט מיין אַנען,
און פון פייערדיקן גלוט
יונג און הייליק מענטשנבלוט;
הער איך וויינען דורך טומאנען . . .

ס'וואַלגערט זיך אַרום פאַרגעסן,
גאָט און ליבע טיף אין קויט;
ס'איז דער מענטש פון האַס און נויט
ווי אַ ווערמיק בלאָט צופרעסן.

קיניגט צופאַל אַנשטאָט גלויבן,
מענטשן לויפן צו זייער סוף,
אויפגעהעצטע ווילד געטריבן,
אויסגעהויכט פון זיך דאָס ליבן;
ווילן מאָרדן זיך באַרויבן,
בלוטן אויס זיך ווי די שאָף.

אלע העלפן קען מען ניט

אויף אַ האַרט פּאַראייזטן שטיין
אינם שניי און ווינט און פראָסט,
מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט
זיצט אַ בעטלער טיף אין פּיין.

וואַרט דער וואָרעם פון געפיל
געבן זאָל אַ האַרץ אַ ריר
און אַ האַנט אַריין אַ פיר
אין אַ טאַש צום טייסטער שטיל.

נאָר דער וואָרעם פון געפיל אומבאַרירט,
בלייבט אין מענטשנס האַרץ פאַרקילט,
ווי דעם בעטלערס שטיין פון אייז.

בעטלער ווערן ווייסער נאָך ווי רייז
נו איז וואָס ווען יענער דאָרט קראַפּירט;
אַלע העלפן קען מען ניט.

אין א כשופדיקן שלאס

ווי לבנהס גאָלדענע ליכט,
וואָס ניט וואַרעמט, נאָר פאַרפירט,
מיט מיין לעבנס גאָלד באַצירט
אין מיין ליבע מיין געדיכט.

ווי אַ כשופדיקער שלאָס,
אַ רובין צעפּלאַקערט רויט;
עפנט זיך פאַר מיר דער טויט
ווי אַ זון־צעבליטע רויז.

און ווי ריטמען פון געזאַנגען,
לייכט און שטיל מיט טריט פון שווייגן,
אין מיין חלום בלוי פאַרהילט,
מיין נשמה בענקט און שפּילט.
ס'ליד פון אויפגאַנג און פאַרגאַנגען
גייט דעם אייביק טיף אַנטקייגן.

א מענטש . . .

מיט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן
שטיל געשלעפּט זיך אויף דער ערד,
האָט כל ימיו ער געצויגן
נאָר אַ וואָגן ווי אַ פערד.

און פון גורלס בייטש באַקומען
תמיד מערער שמיץ דערפאַר ווי ברויט;
און דאָס אַלץ פאַר ליב גענומען
אָן אַ קללה ביז צום טויט.

שבת יום טוב און דער וואָכן
נאָר געהאַט איין ברודיק קלייד.
אויסגעוועבט פון שווערע יאָכן
און פון דלות אויסגענייט . . .
איינמאָל האָט זיין שווערער וואָגן
זיך פון לעבן אָפּגעשטעלט.
איז אַ מענטש — אַ פערד דערשלאָגן
אומגעפאַלן אויף דער וועלט . . .

יוסף הלל לעווי

אויף די טרעפ

כ׳האָב אַמאָל אַ מענטש געטראָפן
אַ פאַרשמאַכטן אויף די טרעפ,
מיט פאַרלאָשענע טריבע אויגן
און אַ זוייטיקדיקער שטים ;
האָט ער זיך צו מיר געווענדט
האַלטנדיק מיטביידע הענט
זיך פאַר דער דאַרער ברוסט.
ווען עס וואָלט געווען באַוווסט אייך,
ווי ס׳ברענט ביי מיר אין ברוסט ?
כ׳האָב באַטראַכט זיין אָרעם קלייד,
דאָס צעריסענע אָן קנעפ,
האָב איך זיך אָראָפּגעבויגן
ברידערלעך געפרעגט ביי אים :
זאָגט וואָס האָט אייך דען געטראָפן
פאַר אַ אומגליק, ס׳אַראַ לייד ?
און געוואָרן צוריק אַנטשוויגן
איז ער ווידער אויף די שטיגן . . .
ביז ער האָט מיט ציטער פינגער
מיר דערקלערט זיין שווערע נויט :
יאָ איך האָב שוין דריי טאָג הונגער,
אָבער ניט נאָך טרוקן ברויט . . .
ווייל אָן יעדער קלאַמקע טיר
וואָס איך אָרעמער באַריר,
זוך צו לינדערן מיין נויט,
גיט מען מיר נאָר טרוקן ברויט . . .
קען איך פשוט שוין ניט מער,
האָט אַ פלייץ געטאָן זיין טרער :
טרוקן ברויט פאַרטראָגן,
ווייל ס׳דערדריקט מיך שיר דער מאָגן ;
מענטשן ווילן ניט פאַרשטיין,
אַז פון טרוקן ברויט אַליין
קען אַ מענטש ניט לעבן,
ווייל א מענטש ער דאַרף אַ ביסל

זאָל עס זיין כאָטש פּשוט וואַסער
צו דערהאַלטן ס׳מענטשן־לעבן ;
אַבי וואַרעמס, וואַרעמס, וואַרעמס,
און דאָס וועלן זעלטן מענטשן
אים אַ ביסל וואַרעם וואַסער געבן
ווער קיין טרוקן ברויט עס נעמט ניט,
קלאַפּט מען צו פאַר אים די טיר :
מן הסתם האָט ער דער שנאָרער
און דער בעטלער מער ווי מיר . . .

יוסף הלל לעווין

וואָס מיין באָבע פלעגט מיר זינגען

ווען איך פלעג מיין באָבן זינגען
פון די בראָדער זינגער הערן,
האָב איך יעדעס ליד פאַרשלונגען,
אַ פאַרציטערטער מיט טרערן.

ווי אַ זילבער שטראָם די גראַמען
מיט אַ כישוף חן אַ זיסן,
יעדעס וואָרט מיט טויזנט טעמים
פלעגט זיך פון איר מויל צו גיסן.

האָבן ווען זיך אויף איר פּנים
אירע שרומפּן אויסגעצויגן,
בעטלער, שדים און גזלנים
כ׳האָב דערזען פאַר מיינע אויגן.

האָט אַ שמייכל זיך פון פריידן
אויף די ליפּן איר צוגאָסן,
האָב איך פּשוט אין גן־עדן
זיך דערפילט אין ליכטיק גרויסן.

כ׳האָב דערזען סמאַראַגד, רובינען,
פּערל, גאָלד, בריליאַנטנע זאַלן,
וואָס זיי זענען באַלד צורינען
ווי אַ שניי אין זונענשטראַלן.

לאַנג נאָך האָבן שטיל מיט ציטער
אין די אוירן מיר געקלונגען
פון די בראָדער זינגער לידער
וואָס מיין באָבע פלעגט מיר זינגען.

מאמע יידיש

(געווידמעט ב. מרגליות)

מאַמע יידיש האָסט דערצויגן
מיך מיט ליבע, נויט און וויי,
ביז פאַרמאַכן כ׳וועל די אויגן
וועל איך דיר פאַרבלייבן טריי!
ווו מען האָט נישט אַלץ פאַרטריבן
מיך, אין וועלכן ווייטסטן לאַנד, —
תמיד נעבן מיר געבליבן
ביסטו ביי דער רעכטער האַנט...

טרייע מאַמע, מיט דיין הייבל
אויפן קאָפּ און הארבאנד ציר, —
האָסטו תמיד ווי אַ טייבל
נאָר געוואָרקעט ברכות מיר.
ווען דיין פנים ס׳איידל מאַטע
האָט דערציילט מיר פון דיין לייד;
כ׳האָב מיט טרערן יעדע לאַטע
אויסגעקושט דיר פון דיין קלייד...

האָסטו פרום די הענט די דאַרע
ליכט צו בענטשן אויסגעשטרעקט,
האָט אַ הייליק ווייסע כמאַרע —
שבת׳דיק די נויט פאַרדעקט.
אויסגעגלייכט די מידע קנאכן
האָט דער חלום נאָכן גליק,
און דערפילט זיך אינדערוואָכן
האָט מען פשוט יום־טובדיק...

האָסט אין אָרימקייט געגעבן
אַלעס וואָס מיר האָט געפעלט, —
ליבע פאַר אַ גאַנצן לעבן,
אין דער ליבעלאָזער וועלט.
האָב איך נאָר אַ שלעכטע מינע

יוסף הלל לעווי

װען געמאַכט, פאַרקרומט די ליפּ,
באַלד געוואָרן ווי די שכינה —
מיטגעפּילט האָסטו, פול און טריב,

מיך מיט ליבע צוגענומען
װען איך בין געװען געדריקט,
און מיט רייד ווי זונענבלומען
מיר דאָס שווערע האַרץ דערקוויקט.
און געלערנט האָפן, גלויבן,
אין אַ ליכטיקערער צייט, —
װען דער שוואַכער װעט דערהויבן
ווערן, און פון נויט באַפרייט . . .

װען מען װעט דאָס גליק געניסן
קענען לעבן אומגעשטערט ;
און קיין מענטשן־בלוט פאַרגיסן
װעט קיין מענטש נישט מער אויף דער ערט,
כ׳האָב געקוקט מיט שרעק און חידוש
ווי מען האָט דיר אָפּבאַצאָלט, —
פאַר דיין גוטסקייט מאַמע יידיש,
מיט דיין ריינעם האַרץ ווי גאָלד.

בייזע פאַלשע און פאַרדאָרבן
האָבן דיך פאַרלאָזט אין נויט,
דו ביסט מאַמע נישט געשטאָרבן,
כאָטש דער דייטש האָט דיך געטויט . . .
מאַמע יידיש, נאָך געדענקן
װעלן דורות לאַנג דיין חן,
װעסט אין טויזנט הערצער בענקן,
און צום לעבן ניי אויפשטיין !

מיין שפּראַך

מיין שפּראַך איז איינזאַם, און קודש
מיין שפּראַך איז צנועותדיק ריין,
זי דרינגט פון מיין פאָלקס־ארון־קודש —
פון האַרצן ביי אים פול מיט פּיין...

עס האָבן מיט איר שוין גבורים
נישט איינמאָל געשטריטן ביז בלוט...
און פאַלנדיק האָבן די טהורים,
געררופן דעם נאָמען פון ייד!...

מיין שפּראַך, זי איז נישט דערוויילק,
ווי ס׳איז נישט דערוויילק מיין פאָלק...
מיין שפּראַך איז אייביק, און היילק,
ווי ס׳פאָלק, ווי דאָס יידישע פאָלק!...

האָבן מיר דען נישט אין תפיסה
פון שלום און פרייהייט צוגלייך
גע׳חלומט. אָ, קענען דען זיסע
ווערטער אויספּעלן מיין שפּראַך?

און האָבן מיר דען איינמאָל פאַרלוירן —
דאָס האַרץ — אין אַ קבר פאַרגרויט?
דאַן האָט אונז דער קבר געבוירן:
אַ שטאַרקערער האַרץ ווי דער טויט...

און ס׳לייכט אונזער האַרץ זיך פון גלויבן,
און ס׳איז אונזער שפּראַך די שטים
פון פאָלק, וואָס ס׳וועט קיינער באַרויבן
שוין ס׳האַרץ מיט זיין זעל ביי אים.

מיין שפּראַך איז צערטלעך פאַר ליבע,
פאַר ליידן, און האָפן, ווי ריין,
פאַר מעשיות טרויריקע־טריבע,
פאַר שיינקייט, ווי הימליש מיט חן...

יוסף הלל לעווי

מיין שפּראַך איז עלעגיש, און ליריש,
מיין שפּראַך שטראַלט פון פרייהייט און בלוט,
מיין שפּראַך איז יידיש, אַ יידיש!
און אייביק צעגלייך ווי דער ייד...

איך בין שיכור נאר פון לידער

1.

ווער עס נואפט, שפּילט אין קאָרטן
אָדער ער פאַרזויפט זיין געלט,
איך בין שיכור נור פון לידער
לידל אָפּ אַזוי מיין וועלט.

מעגן מענטשן אויס מיר לאַכן
טייטן אויף מיר גרויס און קליין,
כ'וויל ניט קיינעם בעסער מאַכן
ווייל איך בין ניט גוט אַליין.

2.

כ'האָב אַליין דאָס געלט געגעבן
אָפּצודרוקן מיינע לידער:
זאָלן מיינע גוטע ברידער
כוסן מיינע ליבע לידער
און פאַרבייסן מיט מיין לעבן.

קומען וועט אויך באַלד די קריטיק
מיט דעם מאַרך פון אירע ביינער
שרייבן: כ'בין אַ דיכטער איינער!
מיך פאַרקריצן מיט איר דליטיק
אויף דעם אייביקס גראַניט שטיינער...

.3

כאָטש די יאָרן מיר פֿאַרגיסן
פלעגן אַלע מיינע טעג
האָבן זיי ניט מיטגעריסן
מיך אויף זייער ווייטן וועג . . .

.4

מיט דעם גינגאָלד פֿון מיין זעל
און מיין לעבנס פייער גלוט,
רייפט אַ וואָרט אַזוי ליכטיק העל
אין דער טיפקייט פֿון מיין בלוט.

נאָר דער ווייטיק מיט זיין דינעם
שאַרפן מעסער עס פֿאַרשניידט,
ביז אין גינגאָלד פֿון באַגינען
ווי אַ טראָפּן עס צעגייט . . .

.5

מיט מיין יעדן ליד אַ ניגון
פֿאַלט פֿאַראומערט און פֿאַרקלערט,
ווי דער ערשטער שניי וואָס ליגן
בלייבט ניט; און צוגייט אויף דר׳ערט.

ס׳קומט אַן ערשטער שטראַל פֿון אַנטרינען,
ליידן טיף פֿון פיין געוועבט;
ווי דער שניי טוט מיר צורינען
אַלץ וואָס איך האָב איבערלעבט . . .

.6

מיט די לעצטע שטראַלן וואַרעמט,
קושט די זון פֿאַרליבטערהייט,
יעדן בוים און בלאַט אומאַרעמט
זי צום אָפּשיד פֿול מיט לייד.

ווי אַ מאַמע־האַרץ פאַר טריבע,
וואָס זי לאָזט איר קינד אַליין ;
אין דער וועלט מיט גאָלדנעם שיין . . .
לאָזט די זון צוריק איר ליבע

.7

מיט די גרויע, פוילע ציינער
עסט דער נעפל נאָגט פאַרטיפט,
אויס די מארכעס פון די ביימער
ביז אים רינט פון פיסק און טריפט.

הימל בלייאיק און פאַרכמאַרעט,
ערד פאַרוויאַנעט שוואַרץ ווי קויל,
נאָר דער נעפל זויפט און פאַרעט
טייכן פוילקייט פון זיין מויל.

.8

רעגן ווינט און בלעטערפאַל
טאפיען זיך אין נאַכט און קעלט
אויסגעלאָשן אַן אַ שטראַל
גוססט פוילט די גאַנצע וועלט.

וועט נאָך קומען ווען אַ שיין
מאַכן העל וואָס איז פאַרוויסט ?
און דער ווינט ער ענטפערט ניין,
און דער רעגן וויינט און גיסט.

.9

הימל אשיק און צוגרוילט,
טריפט אויף בוים און צווייג צובראָכן ;
אוי אַ שרעק די וועלט זי פוילט
און צופאַלט ווי מתים קנאכן . . .

די פליטערלעך ווייסע פאַרחלומט ווי לידער
פאַרוויגן דעם אַקער און פאַלן פאַרקלערט,
דער פויער זיך וואַרעמט ביים אויוון די גלידער
און שלאָפט איין פאַרטיפט ווי אין שנייען די ערד.

און ווען עס צושפּילן זיך ווידער די קוואַלן
די בליטן מיט לידער פון פייגל באַגלייט,
דערוואַכט מיט די ערשטע די גאָלדענע שטראַלן
דער פויער צום לעבן צום נייעם פול פרייד.

.10

שפּילט דער ווינט פאַרליבט און בלאָזט
אויף זיין גילדנעם האָרן,
פרילינג הערט עס און פאַרלאָזט
שטיל זיין שנייען־אָרן.

ווי אַן אויפגעוואַכטער העלד
נאָך אַ שווערן דרימל,
אָטעמט אויף צובליט די וועלט
מיט צעשטראַלטן הימל.

רוישן טייכן, פריי צולאָזט,
וועלדער ניי געבוירן,
שפּילט דער ווינט פאַרליבט און בלאָזט
אויף זיין גילדנעם האָרן.

.11

ווי אַ בין האָב איך צו זומען
ליב, וואָס שוועבט אַרום און שאַפּט
זיסן האָניק פון די בלומען
זויגנדיק זייער דופט און זאַפט.

ווען די אָסיען־ווינטן ברומען
און די טריבע וואָלקן ציין,
ווער איך בלאָס ווי אַלע בלומען
און פאַרשוויגן ווי די בין . . .

12.

ס׳איז דאָס בלוט מײַנס איבערגעגאַנגען
אין נשמה פֿון מײַן ליד,
און דאָס ליד מײַנס פֿון פֿאַרלאַנגען
אין דער טיפֿקייט פֿון מײַן בלוט . . .

ווי צוויי פֿלאַמען זיך צוקלונגען
וואָלטן טיף אין מײַן געמיט,
הער פֿון בלוט מײַן ליד איך זינגען
און דאָס ליד מײַנס פֿון מײַן בלוט . . .

13.

איך בין פֿון דעם אייביקן פֿײַער
פֿאַרבליבן אַ פֿונק נאָך אַצינד,
וואָס פֿלאַקערט אַזוי שוין צײַט דורות
אין רעגן און שטורעם אין ווינט.

און וועט זיך ניט קיינמאָל פֿאַרלעשן
אַזוי ווי די זון מיט איר שײַן,
ווײַל וואָס כ׳בין געווען אין אָנפֿאַנג
דאָס וועל ביזן סוף איך שוין זײַן.

14.

אַזוי ווי אַ לופֿטוואַל געוויגט און געשטויסן
וואָס ווײַנט אויף אין חלל דערשראָקן און בלינד,
איך וויג זיך פֿאַרציטערט אין קאָסמאָס אין גרויסן
אויף אַלע פֿיר זײַטן אַזוי ווי דער ווינט.

איך טראָג אין מיר פֿײַער און וואַסער געווימל
פֿון מענטש און פֿון חיה און פֿלאַנץ און פֿון שטיין,
און אייביק איך שוועב צווישן ערד נאָר און הימל,
געהער אָן צו אַלעמען, און אַלע זײַנען מײַן.

.15

פאַרוואָס קלאַפּט דאָס האַרץ אַזוי
צאַפּלט אויף פּאַר באַנג און ווײ?
ווען מיט אויגן ליב און בלוי
גייט דײַן מיידל שטיל פאַרבײַ...

פאַרוואָס פרעגט דאָס האַרץ מיט פּײַן
נאָך אַ יעדערן באַריר?
ווענענס וועסטו שפּעטער זײַן,
ווער האָט דיך געהאַט שוין פריִ׳ר.

.16

ווען כ׳וועל ליגן לאַנג פאַרלאָזן,
אויסגעמעקט שוין פון די יאָרן
מ׳וועט פאַרגעסן אָן מײַן ארון,
זאָלסטו ווינט מײַן ליד צובלאָזן
אויף דײַן גילדנעם צויבער האָרן.

וואָס מײַן לעבן לאַנג געזונגען
האָב פאַרליבט איך מיט יסורים
זאָלסטו ווילדער ווינט צוקלינגען
און צוברויזן אין דײַן שטורעם!

י ו ס ף   ה ל ל   ל ע ו ו י

זיך באַהעפּטן ווידער

(יעקב גלאַטשטיינען)

מיט די פּערזן דיינע זיך באַהאָפטן ווידער
האָב איך פול מיט כשוף און מיט לעבנס וואונדער,
ווער אַ חוץ פאַרשפּילטע גלויבנדיקע קינדער —
מיט חברים דיכטער, ליינען היינט נאָך לידער?

איך אַ חבר און אַ גלויביק קינד צוזאַמען,
האָב זיך גאַנץ צו דיינע פּערזן איבערגעבן;
וויל פון וואָס באַשטייט דען מער מיין אָרעם לעבן —
ווי פון קלוגע ווערטער, מיט באַפּוצטע גראַמען?

כ'האָב געוואַנדערט אין דיין וואַלד עקזאָטיש רייכן
פון דיין זעל און בין געוואָרן דאָרט פאַרפאַלן
פון די בלענדענדיק פאַרפירערישע גלאַנצן; —

ס'אַראַ וואונדערלעכע מענטשן חיות פלאַנצן,
הימלען, ערד, אינסעקטן, פייער, מינעראַלן,
מיט צעבלויטע נימפן מיט פאַרליבטע טייכן.

פאַר וועמען?

1.

פאַר וועמען, צו וועמען נאָך קאָן מען היינט זינגען
דאָס איינזאַם פאַרלאָזענע יידישע ליד?
וואָס האָט אויף דער וועלט ערשט דער גאַנצער געבליט, —
און האָט איבער לענדער געהילכט און געקלונגען.

פון שטאַרקע מיליאָניקע יידישע לונגען,
וואָס האָבן געאָטעמט מיט האָפנונג און פרייד;
און האָבן די האָפנונג אויף וויטער פאַרזייט,
צעפלאַנטערט מיט לעבן אויף פייעריקע צונגען.

פאַר װעמען, צו װעמענען הײנט נאָך בירושה
דאָ לאָזן דאָס אײנזאַמע ײדישע װאָרט?
װאָס איז מיט אַזױ פיל אמונה קדושה
געװען, ערשט מיט רחמים צעזאַמענגעפּאָרט.
און ס׳האָבן עס געמאָרדעט רוצחים אָן רחמים
צעטרעטן און באַגאָסן מיט בלוטיקער בושה . . .

.2

ניטאָ מער דער לעזער, דער האַרציק געטרײער,
װאָס האָט דיר מיט ליבע דײן האַנט ערשט געדריקט,
און ס׳האָט אין זײן אױג אַזאַ הײליקער פײער
געברענט װען ער האָט אױף דיר דאַנקבאַר געקוקט.

ניטאָ מער דאָס מײדל דאָס חנעװדיק שטילע,
װאָס האָט זיך געחזרט דײן ליד ערשט מיט פרײד, —
אַזױ װי מען דאַװנט אַ הײליקע תפילה,
און האָט עס געשעפּטשעט פאַר זיך שטילערהײט.

װען דו האָסט בײם שרײבן די טיפע געפילן
דערשפּירט, װאָס עס האָבן באַװױגן איר ברוסט, —
עס פלעגט דיך איר צװיבער ניט אײנמאָל פאַרהילן
געצערטלט מיט ליבע דײן װאָרט אומבאַװוסט . . .

װוּ איז זי דאָס ליכטיקע מײדל, דער בחור,
דער אַרבעטער עולם װאָס האָט דיך געהערט, —
ערשט לעזן דאָס ליד דײנס? ניטאָ מער קײן זכר —
פון אַלעם. ניט מער נאָר דאָס אױג דײנס עס טרערט . . .

.3

כ׳װעל בלײבן געטרײ צו דעם ליד װאָס געזונגען
עס האָט מיר באַהאַרציקט מײן מאַמע בײם װיג,
פון ראָזשינקעס מאַנדלען מיט טרױער פאַרקלונגען,
געשחטן מײן טײערע גילדענע ציג . . .

כ׳וועל בלייבן געטריי צו מיין בחור און מיידל,
דעם פשוטן עולם וואָס האָט מיך פאַרערט,
מיין יעדערעס וואָרט פונם האַרצן גאָר איידל
מיט ציטער און טיפער התפעלות געהערט.

כ׳וועל בלייבן געטריי צו די אַרבעטער מאַסן,
די פאָן אָ די רויטע דערטרינקען אין בלוט, —
איך וועל זי ניט מער ביז צום קבר פאַרלאָזן;
נאָר ווייטער זי טראָגן אין האַרצן מיט מוט . . .

כ׳וועל בלייבן געטריי צו דער שפּראַך גאָר אַן זכיה,
די שפּראַך פון מיין מאַמען וואָס האָט מיר באַצאָלט, —
אַזוי ווי אַ גבירתטע אין טיפסטער עניוות:
מיט אוצרות פון ליבע, בריליאַנטן און גאָלד . . .

.4

מיין עלנדיק שטעטל פאַרביטערט זאָגט קינות,
נאָך דורות פון יידן, נאָך שול און נאָך קלויז, —
פון אַלע די וועלטלעכע, פרעמדע מדינות,
מיין שטעטל אין האַרץ כ׳האָב פאַרפלאַנצט ווי אַ רויז . . .

ווען איך האָב אַרום אויף דער וועלט זיך געטריבן,
אין פרעמדע מדינות, אין לענדער און שטעט, —
ווי פלעג איך פון האַרץ און נשמה צו ליבן
אַ ייד וואָס ער האָט צו מיר יידיש גערעדט . . .

עס גיסט זיך ניט מער שוין אַזוי ווי די כוואַליעס,
דאָס יידישע וואָרט וואָס געקלונגען האָט ווייט;
און האָט פון דער וועלט פון דער גאַנצער התפעלות
געבראַכט אונדז צוריק מיט באַהאַרציקטער פרייד . . .

.5

אין יעדערן לאַנד איז געוועזן מיר ביטער,
זוו כ׳האָב אין דער פרעמד נאָר מיין לעבן פאַרלעבט, —

דאָך האָט אין מיין האַרצן פון גלויבן דער ציטער, —
ביי מיר זיך גאָר קיינמאָל ניט אויס מיר געוועבט . . .

כ'בין תמיד געווען מיט דער ערט טיף פאַרבונדן
אַווו ס'איז געשטאַנען פון חלום מיין וויג, —
אַפילו ווען מ'האָט מיך אין פלאַמען געצונדן,
געטרוימט כ'האָב פון פייער צו קומען צוריק . . .

נאָך בלוטיקע יאָרן פון מאָרדן און גסיסה,
האָט ווידער מיין האַרץ זיך פאַרליבט און פאַרבענקט, —
אַרויס זיך געריסן פון פיינטלעכער תפיסה
און ווידער אין לאַנד פון מיין פאָלק מיך געברענגט . . .

געקומען אַהין איז מיין אויג ווי פאַרלאָשן
געוואָרן, און איך האָב דערפילט זיך פאַרשעמט, —
ס'איז פרעמד אין מיין אייגענעם לאַנד מיר דאָס לשון,
איך פיל אין דער אייגענער היים זיך ווי פרעמד . . .

ווייל כ'זע אַז דאָס דאָזיקע שלעכטס וואָס אין גלות
עס האָט מיך געמאַטערט, געקוועלט און פאַרפיינט, —
עס הייבט אָן באַנייען די אַלטע התחלות,
וואָס איך האָב ביי פרעמדע געהאַסט און פאַרניינט! . . .

איך האָב זיך געלאָזט צו דער כותל־מערבי
און דאָרטן צעגאָסן מיין יידיש געבעט;
כ'האָב אייביק געחלומט דעם חלום פון נביא,
נאָר קיינמאָל די שפּראַך ניט פון נביא גערעדט . . .

.6

איך גלויב באמונה שלימה אַז שטוינען
עס וועט נאָך דער פאָלקספיינט פאַרזינקען אין שאַנד,
ווען ס'וועלן די אַרבעטער מאַסן באַלוינען, —
זייער יידיש נאָך רעדן, אין יידישן לאַנד.

איך גלויב אַז די מאַמע פאַרקניפּט מיטן טאַטן,
וועט בלייבן דורך ליבע געטריי מיט אַ באַנד, —

און ס׳וועט זייערע קינדער חלילה ניט שאַטן
צו זינגען אויך יידיש אין יידישן לאַנד...

ווייל טאַטע און מאַמע און קינדער צעזאַמען,
עס האָט זיי איין בלוטיקער גורל געשמידט,
העברעאיש און יידיש, זיי ביידע דאָך שטאַמען —
פאַרפלאָכטן פון זעלביקן אייביקן ייד . . .

איך גלויב אַז ס׳וועט האָבן נאָך יידיש די זכיה,
ווייל ס׳איז אינעם גלות געבליבן אונדז טריי, —
אַצינד מיט דער יידישער גרעסטער עליה,
אין יידישן לאַנד אויפצולעבן אויפסניי . . .

.7

איך בין עס די צייט דאָ פון ווידוי,
פון צער און פאַרצווייפלונג, געדולד,
אין שויס ביי מיר רוען די מידע,
וואָס זענען מיט גאַל איבערפולט.
איך בין דאָ די צייט פון דערטראָגן
דעם ביטערסטן גזר אָן אַ וואָרט, —
פון שלאָגן, און ווערן דערשלאָגן,
אָן אַנגסט פאַר דעם גרויליקסטן מאָרד . . .

איך בין דאָ די צייט פון פאַרלאַנגען,
ביים שונא פאַר אַלעם באַצאָלט,
וואָס כ׳בין דורך דער צייט דורכגעגאַנגען
ביי יעדן דערשטיקטן רעוואָלט . . .

איך בין דאָ די צייט פון באַשטייגן
דעם לייטער צום הימל וואָס שטראַלט,
מיין האַרץ איז אַ פעסטונג פון שווייגן,
צוגלייך פון דער גרעסטער געוואַלט . . .
איך בין דאָ די צייט פון דערפילן
דעם שטורעם וואָס קומט און פאַרגייט,
מיין האַרץ קאָן זיך קיינמאָל ניט שטילן —
אַזוי ווי די אייביקע צייט . . .

מיין נשמה טרויריק שפּילט

ווי פון קלאַנגען פון וויאָלין
וואָס זיי שכורן אָן דאָס בלוט, —
שכור ווערט פון יושרס גלוט
מיין נשמה און מיין זין.

ניט קיין עולה עס פאַרטראָגט
קייגן מיטמענטש מיין פאַרלאַנג;
מיין געוויסן ווי אַ שלאַנג
אין מיין לעבן אייביק נאָגט.

איז פאַראַנען דען אַ גליק —
דאָ אויף אונדזער ברייטער וועלט
וואָס דער מענטש אין האַרץ דערפילט;

פון אַ שאָטן ניט פאַרשטעלט?
מיין נשמה טרויריק שפּילט
פון געוויסן די מוזיק . . .

אַלץ אויף ווערטער נאָר באַרוט

ווערטער פיינע אויסגעוויגן
גלאַנציקע ווי זונענשטראַלן,
און געפילן ווי קאַראַלן —
פון דער טיף פון האַרץ געצויגן.

אויסגעמאָסטן אויסגעקליגלט
איינגעפּאַסט אין גאָלדענע ראַמען;
פון צעקלינגען שיינע גראַמען
מיט אַ חלום בלוי באַפליגלט.

אָבער אַנשטאָט מעשים, לידער
נאָר געגראַמט און באַשריבן
ס'אייגנע איך באַשיינט מיט מוט, —

און קיין ליבע פאַר דעם ברודער
איז קיין פונקן נישט פאַרבליבן
אַלץ אויף ווערטער נאָר באַרוט . . .

מיט צעליכטיקטע געזאַנגען

וואָס געהירן אויסגעשליפן
אויף דעם מילשטיין האָט פון ווילן ; —
יענע ליכטיק גרויסע צילן
וועלן מיר אין אונדז פאַרטיפן.

נעפּל שיכטן בלוט און טרערן
איינגעצוימט פון גליווער בייזן ;
פונם האַרץ דעם אָקעראייזן
וועלן אויפגעבראָכן ווערן . . .

יענעם כשוף פונם שטן
פרייקייט לעבן צו באַצווינגען,
מיט אַ טרוים אַ פינצטער לאַנגען —

וועט דאָס האַרץ אַמאָל אויסראָטן
וואָס ס׳איז אונז נאָך ניט געלונגען
מיט צעליכטיקטע געזאַנגען . . .

וואו אהין דיך באהאלטן?

.1

דיינע אָפענע שטעט באַפאַלן
ווערן ווי די הפקר הינט —
און דאָס בלוט דיינס שרייט און רינט
פון די רינשטאקס און קאנאלן.

פון דיין טויזנט־יאָרן־מויער
וואָס דו האָסט זיך איינגעבויט;
רייסט אַרויס דער מאַסן־טויט
פון מגפה דיך מיט טרויער.

דיינע אָרימע הייזער, פרויען
קינדער מיט די פעלדער רייז
וועלכע שמאַכטן אויף דיין ערד;

מיט אַ ווּוט אַ ווילדן רויען
רייסט אַנידער בלינד די שווערד
וואָס געשאַפן ס'האָט דיין גייסט . . .

.2

פון דיין זעל נירוואנא גיסן
טוט זיך אייביק אומגעשטילט, —
האָסט די גאַנצע וועלט דערפילט
מיט דיין ליבע טרוים און וויסן . . .

דיינע מאַנדל אויגן טריבע
קוקן הילפלאָז פון דיין קאָפּ;
בלייבן הענגען אָן דיין צאָפּ
אויף דער וועלט פון גרויל אָן ליבע . . .

הילפלאָז אויף דיין שוואַכן בעטן
הערט דער פיינט ניט נאָר ער גיסט
אויף דיין קאָפּ דיר אויס מעטאַלן, —

גאַזן וועלכע רייסן קנאַלן
אַלעס אויף ביז די צעטרעטן
ווערסט מיט דיינע שטעט פאַרוויסט.

3.

לײדנדיקע גרויסע מדינה
אַ פאָלק די פון נויט און פון פלײס, —
וואָס לעבסט נאָר באַשיידן פון רייז
אומענדלעך־צעבלוטיקטע כינע.

ווו זאָל איך אַהין דיך באַהאַלטן
אַז ס׳מענטשלעכע האָרץ איז צו קליין, —
צו קענען דערטראָגן דיין פיין
פאַרנעמענדיק דיינע געוואַלטן ? . . .

פאַרווילדעטע בייזע אוקאַנען
צעווירבלט פון בלוט און פון שנאה
זיך יאָגן אַרום אויף דער וועלט, —

פאַרפינצטערן אַלעס וואָס העלט
יושר איז מער ניט פאַראַנען
ווו זאָל איך באַהאַלטן דיך כינע ? . . .

מיין דענקן איז פריי*

מיין דענקן איז פריי
ווער קען עס פאַראַטן ?
עס טראָגט זיך פאַרביי
ווי נאַכטלעכע שאָטן.
קיין מענטש קען עס וויסן,
קיין יעגער דערשיסן,
אין פרייד און אין וויי :
מיין דענקן איז פריי.

*נאָך אַ פאָלקס מאָטיוו

גע זאַ מלט ע שריפטן

איך דענק וואָס איך וויל
פון קיינעם באַנומען,
און אַלץ אין דער שטיל
פון גליק וואָס ועט קומען.
מיין טרוים און באַגערן,
קען קיינער ניט שטערן,
אין פרייד און אין וויי:
מיין דענקן איז פריי.

און וואַרפט מען פאַרוויסט
אַריין מיך אין שווערן
געפענגניס, — אומזיסט
כ׳וועל אַנדערש ניט ווערן . . .
ווייל מיינע געדאַנקען
צעברעכן די שטאַנגען
פון תפיסה אויף צוויי:
מיין דענקן איז פריי.

דערפאַר וויל איך לאַנג
ניט זאָרגן און קלאָגן; —
פאַריאושט און באַנג
מחשבות נאָר טראָגן.
איך קען אויך פון וועיען
אויסלאַכן זיך פרייען,
און טראַכטן דאַביי:
מיין דענקן איז פריי.

יוסף הלל לעווי

ענגלאַנד

.1

יאָ, רואיק אַזוי ווי די דייניקע שיפן,
אויף כוואַליעס צעברויזטע, פון שטורם דערהויבן, —
וואָס שניידן אַדורך זיך די טונקלסטע טיפן,
אַזוי האַלטסטו ענגלאַנד זיך תמיד פון אויבן . . .

עס שלאָגט זיך מיט ווינטן, פאַרניכטנדע פלאַמען,
דיין קילקייט אויף אייביק מיט שטורם געוואַלטן;
דאָך בלייבסט אין דיין ברעג דו, פאַרטיפט ווי די ימים, —
וואָס טראָגן דעם טויט, מיט די פערל באַהאַלטן.

די נידריקע הייזלעך, וואָס שטייען פאַרבונדן
מיט דופטיקע, ליבליכע, גערטנדלעך וואָס גרינען,
זיי גלאַנצן אין זוניקן גאָלד אָנגעצונדן
אַזוי ווי דיין חכמה, מיט גוטסקייט פאַרשפּינען.

די לייכטענדע טורעמס, אַזוי ווי מחבל'ן
פון פייער, זיי רינגלען אַרום דיינע גבול'ן, —
און פירן דורך פּאַגעס, דורך נאַכט און דורך מבול'ן,
אין ים דיינע שיפן צו אייביקע צילן . . .

.2

אין רו קענסטו אַלעס געדולדיק פאַרטראָגן,
אַפילו וואָס יעדערער פינסטערלינג וויל, —
דאָס קען ער מיט שקר, געמיינקייט דיר זאָגן,
דו שמייכלסט, ווי ס'וואָלט ניט געווען דיר צופיל . . .

אין אומרו וואָס אַלעס דו זאָלסט ניט פאַרשלינגען,
עס בלייבט אין דיין האַרצן אַיעדערער ריר, —
אַ ביז ער ברעכט אויס און טוט אַלעס באַצווינגען,
ווייל צופלוס, און אָפּפלוס, טיף ווינען אין דיר! . . .

3.

פשוט ווי די הײזלעך אָן פֿאַרציר,
זענען אַלע מענטשן דאָרטן דרינען,
גערטנדלעך פֿאַר יעדן פֿענסטער גרינען,
מילך־פֿלעשלעך שטײען פֿאַר יעדער טיר.

ווינטער, ווען דער ווינט צע׳הפקר׳ט פֿרײ,
לױפֿט און װאָיעט איבער פֿעלדער, פֿלײנען,
הערט מען דאָרט פֿאַרטיפֿט די ביבל לײנען,
ביי די אָפֿענע אויוונס, דרויסן פֿאַלט דער שניי.

ענגליש־לאַנד פֿון פֿרײקײט און פֿון רו,
ווען עס לײטערט זיך פֿון נעפּל גרויען
אויס דײַן הימל, ליכטיק, בלוי צעהעלט;
עפֿנט זיך פֿאַר מיר די גאַנצע וועלט.

4.

ס׳פֿאָגעט און עס רויכערט זיך פֿון יעדן קוימען,
דרויסן פֿליקט דער ווינט זיך ווי אַ הונט פֿון קײט,
דאַמפֿן טשיפּס און פֿיש צום עסן שוין באַרײט,
און דער טײ אין קעסל הערט ניט אויף צו שוימען.

פֿון אַ קלײנעם שפּעלטל און באַהאַלטענעם פֿלעצל,
שפּרינגט אַרויס אַ מײזל און לויפֿט אַהער און הין,
מיט צווײ אויגן פֿאַקלען, ברענענדיק און גרין,
טשאַטעוועט פֿאַרבאָרגן באַלד דערויף אַ קעצל.

ווי פֿון טעמזע כוואַליעס קומען אָן צו זעגלען,
וואַלקנס טריבע, שווערע הילן ענגלאַנד אײַן,
ס׳שפּריצט דער אײל פֿון פֿענדל ווו די טשיפּס זיך פּרעגלען,

איז אין שטוב ביים אויוון אַ געניוס צו זיצן,
הילן אין זײן ליבער וואַרימקייט זיך אײַן, —
קוקן אויף די גלוטן, ווי זײ פֿונקן שפּריצן.

5.

ווען די אָוונט־זון געוואַלטיק נעמט פֿאַרפֿלאַמען,
און דער זילבער טוי פֿון דיינע גערטלעך טריפֿט,
ביזטו ענגלאַנד אַט אַזוי אין זיך פֿאַרטיפֿט
און געהיים פֿאַרשוויגן, גלייך ווי דיינע ימים . . .

פֿרילינג, ווען עס ווערן שיכור די אַרומען
פֿון דעם זיסן ריח מידע און פֿאַרפּלייצט,
און עס כוואַליעט אויף צעוויגט פֿון ווינט דער ווייץ
אינעם העלן זונענגאָלד פֿאַרליבט, פֿאַרשווומען — —

רופֿט דער קוקו, און די פֿלאַטער בינען זומען,
רעדט זי צו מיין האַרץ דיין בוימער־שיטרע לאַנדשאַפֿט,
עפּעס מיט אַזאַ מין ליבלעכער באַקאַנטשאַפֿט;

אַלע פֿייגל זינגען, און די טייכלעך פֿליסן,
מעג אַ וואָגלער פֿון די שענסטע לענדער קומען,
מוז ער אין דיין שויס דיין טיפֿע רו באַגריסן.

6.

ענגלאַנד, כ׳זע דיך פֿון טומאַנען
אויפֿעפֿענען אַזוי ווי פֿון זונשיין אַ רויז, —
פֿונם דופֿט און זונגאָלד ליב אַרומגענומען.
דו הויבסט זיך און פֿאַלסט, און דו שטורעמסט זיך אויס,
גלייך ווי דיינע אָקעאַנען! . . .

אָ, דו קענסט ניט דאָס פֿאַרוויאַנען!
און חבר׳סט זיך שטאָלץ, אומדערשראָקן און פֿריי,
מיט געפֿערלעכסטע אָרקאַנען,

ווי פֿון טעמזע דיינע שיפֿן
וואָס טראָגן זיך אייביק אין ווייטקייט אַוועק
מיט מענטשליכע אוצרות פֿארפֿולטע, באַלאָדן;

אין בלוט און אין שוויס, און אין טרערן געבאָדן,
ליבסטו אומבאַשרענקטע טיפן,
און אַנטלויפסט פון פלאַכן ברעג! . . .

7.

אָ ענגלאַנד, דו ליילע פון ים ווי געפליקט!
מיט זילבער־צעשטערנטע טויען באַפּייכט,
וואָס העכער דיין גייסט זיך צום הימל דערהייכט,
ציט טיפער דיין גוף צו דעם ערדישן גליק.

אַזוי אָ דו וויגסט זיך אין גאָלדענעם וויג,
באַוויגן פון ערד און פון הימלישער מאַכט;
עס בליט אָפט דיין גייסט ווען דאָס האַרץ דיינס פאַרשמאַכט,
אין אייביקן ווירבל פון פרידן און קריג . . .

אָ ענגלאַנד צי וועסטו דערגרייכן די הויך,
צו וועלכער דורך פּאַגעס און שטורמען עס רייסט, —
זיך תּמיד ווי כוואַליעס צום הימל דיין גייסט;

געלייטערט אַזוי ווי אַ פייער פון רויך,
אַרויס פון דיין אינזל, באַפרייען דיין זין —
פון בלוט און פון טרערן, פון גאָלד און געווין?! . . .
באַפרייט פון דעם אינזל זאָל אויפגיין דיין זון —

יוסף הלל לעווי

טרערן

.1

טאָג פון צרות און פון פּיינען,
טאָג פון בייז און שווערסטן גזר,
טאָג פון טרויערן און וויינען,
טאָג פון אונזער גרעסטן צער.

ווען דען קיינמאָל שוין ניט ווערן
אונזער הימל אויפגעהעלט?
איינגעשטילט דער ים פון טרערן,
ליכטיק, פרייער, אונזער וועלט!

טאָג וואָס מ׳האָט אונז אויסגעשניטן
ווי די הילפלאָז שוואַכע שאָף,
און דאָס לעבן אונז פאַרביטן
אייביק אויף אַ תשעה באב . . .
טאָג פון אומעט, טויט און טרערן, —
אָ, ווען וועסטו שוין אויפהערן?!

.2

מיט אַן אויג אַ טיף פאַרטרערטן
און אַ וווּנדיק האַרץ פון טרוי׳רן,
שעצט דער מענטש ערשט זיינע ווערטן,
ווען ער האָט זיי אָנגעווירן.

איך האָב אַלעס שוין פאַרלוירן
וואָס איך פלעג אַמאָל צו האָבן,
אָ, ווער ווייס ווי לאַנג ס׳וועט דוי׳רן,
ביז כ׳וועל אַלץ אין האַרץ באַגראָבן?

דער באַקלאָגטער, און דער קלאָגער,
דער באַגראָבענער, און גרעבער,
אָ, דאָס אַלץ בין איך אַליין, —

און דער דורות קדיש־זאָגער,
אָפּטמאָל אויך דער שוואַרצסטער וועבער
פון מיין אייגנעם צער און פיין . . .

3.

פון דער תוכחה די קללה
אין מיין האַרץ איז איינגעשניטן,
וואָס איך האָב ניט אַלץ געליטן
איז געווען דאָס לבטלה.

אין אַ תמיד'ער בהלה
איז מיין לעבן רייף געוואָרן,
בלוט און טרערן, צער און צאָרן,
אָן אַ סוף, און אָן התחלה . . .

דאָך ניט אויפגעהערט צו וועבן,
אין די בלוטיק שווערסטע צייטן,
כ'האָב מיין הייליק גרויסן חלום —
פונעם יושר, ליבע, שלום,
און אַ גליקלעך פרייען לעבן,
וואָס לעבט איבער אַלע צייטן . . .

4.

ס'ליגט אין מיר די שרעק פאַרבאָרגן
פון פאַרצווייפלטע מיליאָנען;
דורך די פינסטערע לעגיאָנען,
הילפלאָז, עלנדיק, דערוואָרגן.

ווען איך וועל דאָס אויג פאַרמאַכן
און ס'וועט שטויב פון מיר פאַרבלייבן,
וועט די אימה ערשט אָנהייבן
אין אַ נייעם דור דערוואַכן . . .

פון די שוואַרצע גאַז־פֿאַבריקן,
און די אויוונס צום פֿאַרברענען,
אויגן מיט פֿאַרדרייטע בליקן —
אַנגעצונדן פון גיהנום,
צאַרנען, מאָנען, רופֿן, בעטן,
אַז עס זאָל די וועלט זיי רעטן! . . .

.5

כ'הער די פרידנס־מוזיק שפּילן,
און די פֿענער פֿאָכן, ווייען,
כ'וואָלט געקענט אַצינד זיך פֿרייען,
פשוט אויסגיין פון געפילן.

איינמאָל כאָטש מיין ווייטיק שטילן
זאָל זיך פֿאַר די אַלע ליידן,
ווי אַ מעסער דורכצושניידן
מער ניט נערן מיר מיין לעבנס־ווילן.

נאָך ניט אויפגעהערט צו רינען
האָט דאָס בלוט פון אַלטע וווּנדן,
אין מיין פינסטער האַרץ דעם שווערן;
וווּנדן ניט אויף צו צובינדן,
נייע, אייביקע, געווינען,
ווידער כ'האָב אין בלוט און טרערן.

.6

כ'הער נצחון סאַלוון קראַכן,
צאַפּלט ס'האַרץ אויף פון באַגערן,
ס'ציט צום וויינען מיך און לאַכן,
פשוט צום משוגע ווערן!

ס'טאַנצט די פרייהייט פול בטחון
אויף דעם קבר פון דעמאָנען,
ס'לאַכט דאָס אויג מיינס פון נצחון —
און מיין האַרץ וויינט אויף מיליאָנען.

פאַקלען און ראַקעטן שיינען,
מאַסן־יובל מיט מוזיק,
הילכיק זיך צוזאַמענגיסן;
ס׳נעמט צום לאַכן מיך און וויינען,
באַלד מיין האַרץ פון צער צעריסן
ווערט, און שכור באַלד פון גליק . . .

7.

וואָס וועט דען נאָך אַלעם פאַרבלייבן,
ווען שטומפּיק עס וועט ווערן די שווערד?
אָ מער ניט מיליאָנען צערייבן —
עס וועלן די ציינער פון דר׳ערד.

ווען וועט דען אַמאָל שוין אויפהערן
פון אייביקער שנאה די גלות?
דאָס רינען פון מענטשלעכע טרערן,
אומזיסט מיט פאַרגאָסענעם בלוט!

צי וועלן ניט ווערן די שרפות,
הריגות, פאַרוואַנדלט אין וועלט, —
שפּעטער אויף הונגער מגפות,
ווען זיין וועט דאָס בלוט אָפּגעשטעלט?
באַלד פאַרשכורט פונם גליק . . .

וואָס וועלן דען מיר שוין געווינען
ווען זיין וועט אַ פולער דער זיג, —
צי וועט אונזער בלוט דען ניט רינען,
באַלד ווידער אויפ׳ס־ניי אין אַ קריג?

ווען וועט זיך דער גייסט שוין דער פרייער
אויפהייבן פון חושך מיט מוט,
צי וועלן דען אייביק מיר ס׳פייער
פאַרלעשן מיט טרערן און בלוט?

אָ, ווען וועט דער גייסט שוין פון פלאָגן
אַזוי ווי פון זונשיין אַ בליט, —
אַרויסגיין און פונקן אויסשלאָגן
פון טונקלסטן מענטשנס געמיט ? . . .

8.

ס׳דריקט אין האַרצן אַ באַגערן,
פון צוויי טויזנט יאָרן פּיינען, —
איינמאָל זיך אַראָפּצווויינען
מיט פון בלוט פאַר׳סמ׳טע טרערן.

וואָס פון אונז וועט אַלץ נאָך ווערן
און וואָס ס׳איז פון אונז געוואָרן ;
ווי אַ שלאַנג אין האַרץ דער צאָרן
וויל צו נאָגן ניט אויפהערן . . .

טרערן, טרערן, בלוט און טרערן,
אָן אַן אויפהער וואָס זיי פליסן
ערגעץ ווו אין תהום אַריין, —
זאָלן זיי איינמאָל מיט דעם שווערן
צאָרן זיך צוזאַמענגיסן,
און אויסליאַרמען אונזער פּיין !

וועט פאַרפעסטעט בלייבן ליגן . . .

יעדן טאָג אַ שלוק אַ שווערער
גיפט פון כוס וואָס איבערטריפט,
דאָך פון טאָג צו טאָג ווערט מערער
אינם כוס דער בייזער גיפט.

ווען עס וועלן מיך באַזיגן
די וואָס האָבן מיך געקוועלט,
וועט פאַרפעסטעט בלייבן ליגן
פון מיין פּיין די גאַנצע וועלט . . .

גוטס און שלעכטס

ס׳שלעכטס איז ווי אַ שטראָם אין מיר,
וואָס טוט באַלד פאַרפליסן,
ס׳גוטס בלייבט טיף אין האַרץ ביי מיר
פאַרמאַכט פון מיין געוויסן . . .

כ׳בין דער גנב און צוגלייך
פון מיין האַרץ דער היטער,
יעדער שאָרך פון גאָט און וועלט
גייט אַדורך דורך מיר מיט ציטער . . .

איך בענק ווו איך קום

און כ׳קען אין ערגעץ שוין פאַר מיר קיין אָרט ניט מער געפינען
ווו איך קום עס וואַקסט אַריבער מיר מיין אומעט און פאַרלאַנג,
און כ׳קען אין ערגעץ שוין ניט קיינמאָל מער פון מיר אַנטרינען
ווייל ווו איך קום איז איבעראַל נאָר טרויריק מיר און באַנג . . .

עס שרעקט מיך שוין ניט מער די וועלט מיט אַלע אירע שטרייטן,
ווייל איבעראַל איך זע דעם זעלבן עלנט און פאַרגאַנג;
עס לאָקט מיך אויך ניט מער די וועלט מיט אַלע אירע ווייטן,
ווייל ווו איך קום איז איבעראַל נאָר טרויריק מיר און באַנג.

צי וואָגל איך אַרום אין גייסט אויף אַלע גרויל מקומות
צי שפּיל איך זיך מיט ווין און ווייב און ביכער און געזאַנג;
עס קומען שוין ניט מער צו מיר די גאָלדענע חלומות,
ווייל ווו איך קום איז איבעראַל נאָר טרויריק מיר און באַנג.

און אַזוי מיין גורל מיך וועט קיינמאָל שוין אויסמיידן,
ווי דער שטראַלנדיקער טאָג דעם שטומען זון־געצאַנק;
אייביק דאָ אַזוי איך וועל שוין וויטיקן און ליידן,
ווייל ווו איך קום איז איבעראַל נאָר טרויריק מיר און באַנג.

יוסף הלל לעווי

מיין פעקל

כ׳האָב מיין פעקל צוגעבונדן
זיך פּאָר גאָרניט אָפּגעשטעלט
נאָר געלאָזט אין ווייטער וועלט
אָנגעגורט מיט גרוילן ווונדן.

אַז מיין פעקל זאָל ניט ווערן
אויסגעליידיקט אויפן וועג
האָבן שוין געזאָרגט די טעג
פון מיין לעבן טרויריק שווערן.

פון די נאָנטסטע ווייט פאַרטריבן
אייביק עלנט אין דער פרעמד
וואָגל איך אַרום פאַרשוואַרצט ;

מיט מיין אָרעם פעקל־האַרץ
אַ פאַרבלוטיקטס און צעריבן
פון אַ יעדנס ווייַ פאַרקלעמט.

* * *

איך זע ניט קיין גרעזל, איך זע ניט קיין בלימל
איך פיל ניט די קילקייט פון טייכל און ווינט,
איך זע ניט קיין פריינט און קיין זון און קיין הימל
איך זע נאָר ווי איינזאַם מיין לעבן צערינט . . .

און ניט ווי אַ גליקלעך פאַרליבטן מיט לוסטן
ס׳דערוואַרט זיין געליבטע אין היימלעכער שטוב ;
דערוואַרט מיך פאַרוואָרפן אין ווייט אומבאַוווסטן
אין ערגעץ־לאַנד איינזאַם מיין פינצטערער גרוב . . .

פארפלאנטערט

מיט אַ יעדן טאָג פאַרפלאָנטערט
ווער איך אַלץ אין גרויער נעץ
פונם עלנט און פון יאוש
וועלכע וועבן מיר מיין קץ . . .
מיט אַ יעדן טאָג פאַרפלאָנטערט
ווער איך מערער אַלץ אין קנויל :
פון מיין איינזאַם שווערן לעבן
אָנגעפילט מיט האַס און גרויל . . .

איך קען ניט באגרייפן . . .

איך האָב ניט די כוחות־נשמה, דאָס וויסן
צו קענען באַגרייפן די עולות, דאָס רעכט ;
פון האַרץ וואָס אויף טויזנטער שטיק איז צעריסן
פאַר עלנט און שוואַכקייט פון אונזער געשלעכט . . .

איך קען ניט דאָס שטומע סבלנות באַנעמען
דאָס ווערן געטרעטן פון קויטיקע פיס ;
איך קען ניט באַגרייפן דעם לעבנס־גיהנום, —
פאַר פילע אַ צויבער־גן עדן וואָס ס׳איז . . .

מיין הארץ איז מיט אלע

(געווידמעט מאָרדיס מייער ע״ה)

און ווידער שוין זעט מען אַ פלאַטערל פליען
צעשפּרייטן די פליגעלעך ליכטיק אין קרייז, —
די בעז־ביימלעך הויבן שוין אויך אָן צו בליען
און דופטן אַ גליק אויס — רויט, לילא און ווייס.

ווו איז ער דער ציטער פון הייליקן צאַרטן
פאַרליבט זיין, ווו איז ער דער ציטער אַוועק ?
ווען כ׳פלעג מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף איר וואַרטן
אין נעץ פון פאַר׳כשופ׳ט און גאָלדענע טעג.

אַך וויפיל פאַרליבטע אַזוי ווי די בלומען
וואָס זענען פון זונשיין צעלויכטן געווען;
וועלן דעם פרילינג וואָס ווידער וועט קומען
מיט אַנדערע בליטן שוין קיינמאָל ניט זען?

אַזוי ווי דאָס צערטלעכע לילא פון מילדן
צעפינקלטן בליטל פון טוי אויפ'ן בוים;
עס הויבט אויך אָן אויפגיין אין האַרץ מיר און גילדן
געלייטערט אין פיין טיף פון ליבע אַ טרוים.

באַגינענס און אונטערגאַנגס פורפור־קאַראַלן,
וואָס חתמ'ן מיט בלוט מיך פאַרוויַיטיקט און שטיל, —
מיין האַרץ איז מיט אַלע וואָס ליבן און פאַלן
אויף אייביק פאַר פרייהייט דעם הייליקסטן ציל.

כ'האב געזונגען שוין אויף אלע פרעמדע שפּראכן

אויסגעוויגט אַ בענקנדיקער ניגון
האָט מיין זעל אויף אייביק און געגלעט,
פלעג איך רעדן האָט מיין האַרץ געשוויגן,
פלעג איך שווייגן האָט מיין האַרץ גערעדט.

כ'האָב געבלאָנקעט לאַנג אויף וועגן, שליאַכן,
ביז צו זיך געקומען בין איך צוריק; —
כ'האָב געזונגען שוין אויף אַלע שפּראַכן,
פרעמד געמאַכט מיין אומגליק און גליק.

ווען כ'ווארט אויף דיר זון

ווען זען כ'וועל דיך ווידער, און זיין וועט באַפרייט
די וועלט פונם האַס און פון צאָרן,
דערפילן איך וועל אַזאַ שמחה און לייד,
ווי דאַמאָלט ווען כ'האָב דיך געבאָרן.

איך וועל מער ניט בעטן פאַר זיך נאָר אַליין
דו זאָלסט זיך בשלום אומקערן;
דערפילן דו וועסט אין דיין מאַמעס געוויין
פון טויזנטער מאַמעס די טרערן.

ווען כ׳וואַרט אויף דיר זון ווערט פאַרפינסטערט מיין בליק,
און שוואַרצע מחשבות מיך קוועלן;
איך ווייס ווען צו מיר דו וועסט קומען צוריק — —

אַן אַנדערער מאַמען וועט פעלן
איר זון, וואָס דורך דיר וועט פאַרשטומען
און קיינמאָל צו איר שוין ניט קומען . . .

פונ׳ם וועג

איך באַלאַנג צו יענער ראַסע
וואָס איז אייביק אויפן וועג,
טראָג אויף זיך אַ שווערע משא —
טויזנט־יעריק ביטערע טעג.

האָס פאַרפאָלגונג מיך באַגלייטן
מיט פאַרניכטונגס־שווערע לייד;
אויף די דאָרנדיקסטע וועגן
אָפט צו אויסזיכטסלאָזיקייט.
פונם וועג מיר מיטגענומען
האָב איך באַנג פון צער פאַרפיינט, —
בלוטיק־רויט פאַרסמטע בלומען
וואָס מיר בליען נאָך ביז היינט.
מיך דערצויגן האָבן קוואַלן,
קיינמאָל ניט געלאָזן שטיין, —
אויסגעלערנט — הויבן, פאַלן,
און אויף אייביק ווייטער גיין . . .

יוסף הלל לעווי

דער טרויער

(געהייליקט דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכן
יוגנט־פריינט שכנא זאַגאַן)

.1

ליב איז מיר דער טיפער בלויער
הימל, גאָלד באַזוימט אַרומעט,
אָבער ליבער נאָך דער אומעט
איז מיר מיט דעם שטילן טרויער.

וואָס ער דרינגט אַריין אַ גרויער
שטום און טיף אין אַלע גלידער,
ביז ער גייט מיט טרויער־לידער
אויף — ווי ס'גרינס פון שטיינער־מויער.

ס'האָט מיך טריי אַרומגענומען
ווי אַ מאַמע מיט געוויין, —
שטיל דער טרויער פון פאַרגיין
און די בלאַסע פרייד פון קומען,
ביז ס'האָט איינגערוימט אין אויער
מיר — איך בין דיין פריינט דער טרויער.

.2

טרויער איז געווען מיין נאָטע
פון מיין יונגסטער קינדהייט אָן,
און מיין לעבנס־קאַמערטאָן:
צער און ליבע, זינד און חרטה.

דורכגעבראָכן דורך דער גראַטע
פון מיין האַרצן שטילערהייט, —
האָט די טיפע איינזאַמקייט,
מיט איר מעלאַנכאָליע־נאָטע.

אָנגעהויבן זיך צו וויגן
און צו קושן מיין באַגער —
האָט אַ בלאַסע ליבע־טרער,
און באַגלייט זי האָט דער ניגון —
אייביק דער פאַרבענקטער גרויער
פון מיין לעבנס־טיפן טרויער.

3.

מיינע טעג צענויפגעבונדן
כ׳האָב מיט צער און פריידן־קלאַנגען,
ווי די בינטלעך גאָלדנע זאַנגען
אינעם פעלד אין אָונט־שטונדן.

און זיי זענען אויפגעגאַנגען
אין מיין לעבנס־טיפע שטונדן, —
ווי אַ האַרץ פון ליבע־וווּנדן
אָנגעצונדן פון פאַרלאַנגען . . .

מיינע טעג גערייפט מיט קאָרבן —
פונעם ליידן, אויסגעצייטיקט.
האָב איך ווי די גאָלדנע גאַרבן —
פון מיין לעבן אָפּגעשניטן.
מער ווי כ׳האָב געליטן —
האָב איך, און זיך אויסגעווייטיקט.

4.

פאַרוואָס איז געווען אַזוי גרויס מיין מערכה
ווען גרעסערע זענען פאַרצווייפלט אין נויט,
געוואָרן פאַרשניטן — משונה פון טויט
און הפקר געלאָזענע פון דער השגחה.

פאַרוואָס איז אַרויס פון דעם עמק הבכא
דאָס רוב נאָר דער רשע באַשירעמט מיט גנאָד?
פאַרוואָס איז געוואָרן צו קללה די ברכה —
דער צדיק פאַרלאָזן פון מענטש און פון גאָט!

דאָס קען נישט באַגרייפן דער אָרעמער שכל,
דער פּשוטער קורצער באַגרענעצטער זין —
וואָס ווייס נאָר פון עבר און איז זיך משער —
אַמאָל אויך דעם עתיד דורך אַנונג געפּאַר,
ווען ס׳גיט אים אַ וואָלקן אַ פינצטערן שמייכל
און איז אים מבשר — דעם אומגליק באַגין . . .

5.

איך וויל דאָ צו קבר־ישראל נישט קומען
אַזוי ווי אַ יעדער פּשוטער ייד,
איך וויל נישט מיין קרקע זאָל ווערן פאַרשיט
און שפּעטער נאָך בונט זיך צעבליען מיט בלומען.
איך פיל דאָ אַזוי ווי מיין הילפלאָזע אומה
וואָס מ׳האָט זי זינט דורות בחינם געהאַסט,
געשייטערט, געשחטן, באַרויבט און פאַרגאַזט
און קאַלט האָט פאַרנומען די וועלט איר מהומה.

איך וויל נישט מען זאָל מיר מיין קבר פאַרדאַרבן
מיט שקרע דרשות, און טוען מיר טובות —
ווען זיין וועט מיין איינזאַמער לעבן צו ענד,
איך וויל אויך נישט ווערן פאַרהילט אין קיין סודות,
איך וויל ווי דאָס פאָלק מיינס דאָ ווערן פאַרברענט —
נישט קומען צו קבר־ישראל נאָך מיין שטאַרבן!

איז דא א נשמה?

אַמאָל איז דעם שטילן געקוועלטן מפונק
וואָס עוסק געווען ער איז נאָר בתורה,
באַפאַלן ווי שטעכיקע בינען אַ תינוק
די ספקות געפּלאָגט אים מיט מרה שחורה.

פון זוכן אין רמב״ם, קבלה און זוהר,
ער האָט נישט געפינען געקענט קיין נחמה;
וואָס מיינט דען דאָס האָט אים געגעסן אַ טרויער —
איז דאָ אָדער נישט שארית הנשמה?

איז דאָ אַ נשמה? עס האָבן אים פּחדים
פאַרטונקלט דעם מוח און ס׳האַרץ זיינס מיט אימה.
פאַרוואָס זאָל זי האָבן אַליין דער בן אדם,
נישט יעדערע חיה, און עוף און בהמה? . . .

„ומותר האדם״ — ניין, ניין, דאָס איז כפירה!
חלילה וואָס פאַנגען זי קען דעם בעל מאמין.
און ס׳גלייכט אין זיין האַרצן זיך אויס יעדע סתירה
געלייטערט פון כל׳ערליי ביטערע סמים . . .
ווי ס׳וואָלט זיך פון דוד המלך די לירע —
צעשפּילט אין בית המקדש אויפסניי מיט אַ שירה!

די הייליקע זכיה . . .

און דאָס וואָס דאָס האַרץ זיינס דערפילט האָט בנבואה,
מבשר צו זיין האָט געציטערט זיין קול . . .
פאַרשלאָפט פונעם אייביקן גשמיות־עול
נישט קומען געקענט האָט צו אים די ישועה.

זיין גייסט האָט געבלאָנקעט אָפּט קרוע־ובלוע,
נישט פילן געקענט מער דעם חסד־השם —
מיט שמחה, נאָר תמיד געלעבט אינם קלעם —
פון דורות וואָס ער האָט געגומען זיין בכיה . . .

ווען גאָט וואָלט געוואָלט אים נאָך שענקן די זכיה
אויף נזהר צו זיין פון די בייזע מכשולים;
געווען וואָלט ער גובר דעם הבל־הבלים,
דערלעבט נאָך די גרויסע נשמה־עליה . . .
האָט ס׳אויג זיינס ס׳פאַרטרערטע האַלב העל זיך צעשיינט,
ווי ס׳וואָלט זיך זיין האַרציקער שמייכל צעוויינט . . .

יוסף הלל לעווי

א סוף צו דעם גלות השכינה

זיין ליפּ ווי אַ קינד אַ געקוועלטס האָט געציטערט,
געפּליסטערט שטיל טרויריק צום בלאָסלעכן מולד, —
אין האַרצן זיין שטים האָט פאַרשוויגן געביטערט
איזה חכם? — הרואה את הנולד...

נאָר ווער האָט באמת די הייליקע זכיה,
צו קענען דערבליקן דעם ליכטיקן רמז?
נישט מורא צו האָבן די פרייע נבואה —
צו זאָגן אַרויס מיט דעם בלוטיקן אמת!

ס'האָט אַלעס אין לעבן זיין סוף און התחלה,
אפילו דעם כופר־בעיקרס הכחשה!
זיין לעבן אַ ברכה נאָר איז לבטלה,
אַ גלגול, אַ מין פון אַ טרויריקן רשע...

דערפאַר האָב רבונו של עולם רחמנות
אויף אַלע טמאים אַזוי ווי די טהורים!
דערוועק זייער אמונה, מאַך העל זייער נאמנות;
ווייל אַלץ האָט אין לעבן זיין טרויריקן גורם...

ווי פול ס'זאָל פון מענטש נישט דאָס האַרץ זיין מיט יראה,
פאַרבלייבט ער דאָך תמיד אַ טרויריקע בריאה,
צו זיין דאָ אַ רואה ואינו נראה —
איז, ווער קען דאָס האָבן צום בורא די תביעה?!...

ווידער פרידן אויף דער וועלט

.1

ליכט-בענגאַליש אויפגעריסן
האָט די טונקלקייט פון גאַסן —
ווי די כוואַליעס שטראָמען מאַסן
אין אַ ים און זיך צעגיסן

און קאַפּעלעס מוזיק פליסן
אויסגעמישט מיט בונטע פאַרבן,
כיט׳רע צער געפילן שטאַרבן
ס׳האַרץ באַפרייט זאָל גליק געניסן.

ווי אַ טראָפּ אַריינגעגאָסן
האָב איך ס׳האַרץ מיינס אין די ימים
מיט דעם ליכט פון מיין פלאַנעט; —

טיף מיין צער אַריינגעשאָסן
אין דעם מבול פון די פלאַמען
ווי אַ בלוטיקן ראַקעט.

.2

מיידל שיינע, אומבאַקאַנטע,
פאַר אַ ווייל דיך נאָר דערבליקט, —
נאָכאַמאָל פון ליבע ס׳גליק,
האָט דערפילט מיין האַרץ ס׳פאַרוויאַנ׳טע . . .

ווי אַ בליץ דו ביזט געקומען
אויפגעלויכטן מיין געפיל,
מיט אַ קוש צעפלאַמט און שטיל
ס׳לעבן מיינס אַרומגענומען.

פון דער ליבעס גלוט באַגאָסן
אַזוי דופטנדיק און גרויס,
האָט מיין האַרץ זיך אויפגעשלאָסן —

וזי פון זונענליכט אַ רויז
איינגעדופט האָט טיף דיין גוף —
אין מיין בלוט אַ ליבעס רוף . . .

3.

אַלט כמעט שוין, פריש צו שפּירן
אַ באַגייסטערונג אין בלוט, —
איז ווי ס׳וואָלט פרימאָרגן גלוט
ניי באַגילדט די לעבנסטירן . . .

ס׳הערט זיך אויף דער ווייטיק פילן,
ווידער פּאַר אַ וויל כ׳וועל יונג,
און די גאָלדענע האָפענונג
נעמט אויפסניי אין האַרץ מיר שפּילן.

אויף דער וועלט איז ווידער פרידן,
יעדעס טונקלסטע געמיט
פונעם אומגליק נעמט דערוואַכן ;

מיך באַגלייטן שריט אויף טריט —
זעקס מיליאָן געטויטע יידן
לאָזן מיך קיין אויג צומאַכן.

4.

דאָס איז ניט די פרייד פון שכירות
פּאַר ביליקע גראָשנס געגעבן,
דאָס איז זי די פרייד פונם לעבן,
צעיובלט אין טויזנטער זמירות.

די בלוטן די קאַלטסטע דערוואַרמען
זיך מוזן פון נאָנטן און ווייטן,
איינער נעמט קושן דעם צווייטן
און יעדער די וועלט וויל אומאַרמען.

פאַרלאָשן די שרעק, די בהלה,
און האָפנונגען נייע באַגינען.
פאַרלוירן דער טויט זיין ממשלה —

האָט ס׳לעבן אויף אייביק געווינען.
דאָס שפּילט זי אויף הערצער ווי לירעס
די פרייד פון נצחון, די זמירות.

.5

פון דעם באַזונטן פאָלקס געווימל
גיסט די ליבע מיט גענוס, —
ווי אַ פריי צעלאָזטער פלוס
פרילינגדיק צעשטראַלט פון הימל.

כ׳האָב דאָס האַרץ מיינס ווי אַ בלימל
פון מיין ברוסט אַרויסגעריסן
און אין פאָלק אַריינגעשמיסן
אַז אויפקלינגען ס׳זאָל צום רימל.

גליק און דופּט מיט פאַרבן קלאַנגען
זיך ווי שטראָם מיט שטראָם פאַרוועבן
אין דער פרייער פאָלקס נאַטור, —

אויף די נאָטן פונעם לעבן
שפּיל איך אויס מיין העכסט פאַרלאַנגען
אויף דער מאַסע׳ס קלאַוויאַטור.

.6

פון ראַקעטן גאָלדנע שלאַנגען
לייכטן פורפּורדיק צעהעלט,
ווידער פרידן אויף דער וועלט —
יובלען הערצער מיט געזאַנגען.

און די גליק און פריידן קלאַנגען
גיסן אַלע זיך צענויף,
אין אַ ברויזנדיקן לויף,
טיף צעווירבלט פון פאַרלאַנגען.

נאָך אַזוי פיל שרעק און ליידן,
טויט און פינסטערניש געדיכט,
אַזאַ גאָלדנער ים מיט ליכט,

אַזאַ טיפער קוואַל פון פריידן,
שפרודלט, בליצפול אויפגעהעלט, —
ווידער פרידן אויף דער וועלט!

א יאר איז פארשוואונדן

אַ יאָר איז פון פּיינען,
פון נויט און געוויינען,
פון אומעט און פּחד און שרעק, —
פאַרגאַנגען, פאַרשוואונדן;
פון צער און פון וואונדן,
אַ יאָר איז פון אומעט אַוועק.

אין ליידן און האָפן,
די צייט איז אַנטלאָפן,
מיט וואָכן און ביטערע טעג,
דאָך פריי ווינקט דער מאָרגן
אונז צו שוין אָן זאָרגן,
אָן יאוש פון בלוטיקן וועג . . .

און כאָטש נאָך פאַרבליבן,
מיר זענען צעריבן
פון מילשטיין פון אומגליק און פּיין, —
דאָך שטאַרבט ניט דער גלויבן
וואָס טוט אונז דערהויבן,
אַז ס׳וועט אַמאָל אַנדערש אויך זיין.

און מעג עס נאָך פליסן
דאָס בלוט און זיך גיסן
מיט פינסטערע טרערן צוזאַם,
דאָך ענדלעך וועט ווערן
פון ליכטיקע שטערן
פאַרטונקלט פון שנאה דער פלאַם . . .

ווי לאַנג ס׳זאָל ניט דוירן
דאָס צווייפלען און טרוירן
מיר וועלן דערגרייכן דעם ברעג,
דאָס שלעכטס גייט פאַרלוירן,
דאָס גוטס ווערט געבוירן,
ס׳האָט אַלעס אין לעבן זיין צוועק.

די ליבע וועט ווידער
דערוואַכן מיט לידער,
און ברענגען די פרייהייט צוריק, —
אַ יאָר איז פאַרשוווּמען,
אַ נייעס וועט קומען
פון לעבן, און פרידן, און גליק.

דאס בלוט פון די קינדער

1.

ווען אַ קינד ווערט שלאָף אין וויגל
ציטערן אויף דער מאַמעס הענט,
אַזוי פיבערדיק צעברענט
ווי אַ מלאכ׳ס פליגל.

מיט איר האַרצנס פורפור־זיגל
חתמעט זי איר ליבע, שרעק, —
נעכט פאַרוואַנדלט זי אין טעג,
פינסטער ווערט איר לעבנס־שפיגל.

ווען עס שטאַרבט אַמאָל אין פּיינען
אָפּ אַזאַ פּאַרטרוימטע בליט,
וואָס געדייפט נאָך האָט זי ניט;

נעמען מאַמעס אויגן וויינען,
און פון ביטערע געפילן
קאָן איר האַרץ זיך ניט איינשטילן.

.2

אַז אַ גאָלדנער קאָפּ מיט לאָקן
אויף דער מאַמעס אָרעם פאַלט,
ווי פון בליץ דער פרילינג־וואַלד
ווערט איר ציטריק האַרץ דערשראָקן

קאָן זיך מער קיין אָרט געפינען
איבעראַל איז איר ניט גוט, —
היינט ווען אָרעם קינדערבלוט
הערט ניט אויף צו פליסן, רינען —

יאָ, פון קעפּלעך, פּיס און גלידער,
הערצלעך טויזנטער אומזיסט,
מבולט עס און רינט און ס׳גיסט —

הילפלאָז, עלנדיק, מיט ציטער,
אָ, וואָס זאָלן מאַמעס זאָגן,
וועלכע מוזן דאָס דערטראָגן ?!

.3

דאָס בלוט פון די קינדער ניט אויפהערן זידן
זאָל קאָכן, ווי זכריה הנביאס מיט פּיין,
ניט רוען פון אונטער דער ערט מיט געוויין,
און קיינמאָל די וועלט דאָ ניט לאָזן צופרידן . . .

אַזוי ווי די שוואַכע אומשולדיקע בליטן
וואָס מ׳האָט זיי באַרויבט פונם רעגן און ליכט, —
ווערן זאָל דייטשלאַנד פאַרוועלקט און פאַרשניטן
און אויפגיין אין בלוטיקן פלאַם פון געריכט . . .

עס זאָל ניט און טאָר ניט, צערינען, פאַרשוימען
פון גרויזאַמען אכזר פאַרגאָסן אומזיסט
דאָס הייליקע בלוט פון דער קינדער־נשמה ; —
באַשאַפן מוז ווערן אַזאַ מין נקמה
וואָס רייסט אויף די הימלען, ברעכט דורך אַלע צוימען,
ביז ווערן דער דעמאָן פון דער ערט וועט פאַרוויסט . . .

מאמע מיינע

מאַמע מיינע !
קיין תכריכים האָסטו ניט געברויכט,
ניט קיין קבר,
און אויך קיין קדיש זאָגער,
אוי ווי לייכט דו האָסט עס מיר געמאַכט ;
מאַמע מיינע !

אין מיין האַרצן שטיל פאַרבאָרגן,
מיט זיין חלף האָט דער ווייטיק
מיר אַ קריעה טיף פאַרשניטן,
אויף לעולם ועד ;
מאַמע מיינע !

אין מיין לעבן — אַ בית עולם,
מיט דיין שווידערדיקן טויט
האָסטו אין מיר איינגעבויט — — — —
מאַמע מיינע.

יוסף הלל לעווי

אָרימע

(א. נ. שטענצלען)

מיט וואָס קענען אָרימע ליבן דען קינדער,
ווען ס׳האַרץ זיי פאַר ליבשאַפט און צער איבערגייט ? —
אַ נישט מיט קיין שפּילעכלעך שיינע אויף וואונדער,
נאָר פּשוט מיט ליבע און טרייסטנדע רייד.

מיט לייב און מיט לעבן און ווערטער באַחנטע,
מיט קושן וואָס גיסן פון האַרץ זיך אַרויס,
אַזוי ווי די שטראַלן מיט ריחות פאַריינטע
פון פורפּורנעם בעכער פון בליענדער רויז.

שטאָט ליכטיקע שטיבער, און דופּטיקע ערטער,
שטאָט פיינע מאכלים און קליידער פון זייד,
פאַרמאָגן די אָרימע מענטשן נאָר ווערטער —
ווי שטערן פון האַרצן צעפּורפּורטע רייד . . .

עס זענען באַלד טויזנטער אַנדערע דא . . .

וואָס קען מען שוין פיל פון די מענטשן פאַרלאַנגען
וואָס גנבן אַרונטער פון הימל דאָס בלוי ? —
און שענקען זייער לעבן פאַר ווערטער און קלאַנגען,
פאַר פרייהייט און ליבע, אַוועק צו אַ פרוי . . .

וואָס קען מען דען פיל פון די מענטשן שוין זאָגן,
וואָס זיי איז דער ביטערסטער צער ניט צו שווער ?
נאָר זינגענדיק קענען זיי אַלעס דערטראָגן
אפילו ווען ס׳ווערגט זיי די טונקלסטע טרער.

וואָס קען מען דערוואַרטן שוין פיל פון די ברידער,
וואָס קיינער באמת פון זאַט זיין ניט ווייס, —
נאָר פאַשן דאָס לעבן זייערס תמיד מיט לידער,
און פגרן אויס דאַן פאַרהונגערט ווי מייז.

וער קען דען ניט אַלע פון עלנט פאַרגרויטן
די שלעפער, וואָס רעדן נאָר אייביק פון זיך?
און גייען אַרומעט ווי פּרינצן אין צויטן —
סיי ווינטער, סיי זומער, אין אָפענע שיך.

און ציט ווען די פיס אויס פאַרלאָזן אין מרחקים,
אַ נגיד אַזאַ אין אַ ביטערער שעה?
קבצנים וואָס זענען ממלא זיין מקום
עס זענען באַלד טויזנטער אַנדערע דאָ . . .

מרור זה . . .

מרור זה, נישט אויסגעפעלט מיר
האָסטו אַלע יאָרן לאַנג,
פאַרשטעלט מיר — איבעראַל געטריי
ווי אַ מאַמע יעדן גאַנג.

האָט אַמאָל אַ גרויסע שמחה
אין מיין לעבן אויפגעטאָגט,
האָט מיין גורל ווי אַ מומחה
זי מיט מרור שוין פאַרבראָקט . . .

וואָס מיט מיר נישט אַלץ געוואָרן,
איז אין יעדן כלל, און פּרט, —
האָב איך נישט געדאַרפט שפּאָרן
מרור, כ׳האָב גענוג געהאַט.

איז דערפאַר ביים סדר־עסן
ווען מיט גוטסקייט כ׳בין באַקרוינט, —
מיר דער מרור נישט דערעסן,
כ׳בין צו אים שוין גוט געוווינט . . .

יוסף הלל לעווי

מיין כוס

נאָך מיין באָבעס טויט פאַרבליבן,
איז מיר נאָר אַ כוס צוריק,
פלעגט מיין האַרץ עס קינדיש ליבן,
קושן צאַרט מיין יעדער בליק.

ווייל אין יענעם כוס צעהעלטן,
בלוי באַמאָלן, גאָלד און גרין
האָבן מיינע טרוימען, וועלטן
זיך געשפיגלט אין באַגין.

פון דעם כוס האָט טיף פאַרבאָרגן,
שמעקנדיק אַרויסגעבליט
יענער טרוים פון פרייען־מאָרגן
פאַר דעם נע־ונד׳ן ייד.

ווען דער טאַטע אויפגעהויבן
האָט צו קידוש נאָר זיין כוס,
האָט געטאַנצט מיר פאַר די אויגן
אין הגדה יעדעס אות.

און אַ טייערער דופט פון בלומען,
קרייטער האָט צו מיר געוויִיט,
שיכור מיך אַרומגענומען
פון די חרוסת שטילערהייט.

כ׳האָב דערפילט אַ טעם־גן־עדן,
ווען דעם ערשטן שלוק געמאַכט,
כ׳האָב פון פסח־וויין מיט פריידן
אין דער ליל־שימורים־נאַכט.

יעדער בלבול בייז און ביטער,
וואָס געדראָשן מיט זיין קנוט
האָט מיין לייב מיט טויט און ציטער,
איינגעזאַפּט מיין טרער און בלוט.

ווי אַ ראָב פאַרבייגעפלויגן
איז פאַר מיר מיט ווילד געברויז,
כ'האָב פאַרשלאָסן מיינע אויגן
און מיין כוס איז מיר אַרויס

פון דער שוואַכער האַנט געפאַלן,
מיט מיין יוגנט־טרוים צעבליט,
און די שפּליטערדיקע שטראַלן
האָבן זיך אויף דר'ערד צושיט.

פון מיין כוס דעם האַרציק ליבן,
וואָס איך האָב אַזוי באַגערט,
זענען שאַרבנס נאָר געבליבן
ליגן טרויריק אויף דער ערד.

אויפגיין וועט אַ זון

אויפגיין וועט אַ זון אין פרילינג...
נאָר פאַר מיר נישט, ניין;
וועלן כאָטש די שטראַלן אירע
פאַלן דאָרט אַריין?

אין דעם קבר ווו איך ליגן
וועל אַ שטומער לאַנג,
נישט געניסן פון דעם פרילינג,
וואָס איך האָב געבענקט...

נישט געניסן פון דעם לעבן
ווו שוין מער קיין קנעכט,
וועט עס אויף דער וועלט דאַן געבן
פרייהייט נאָר און רעכט...

ווי אין חלום וועט די וועלט זיך
וויגן שטיל אין גליק...
דעמאָלט כאָטש אין בליק,
— גרויסער גאָט, גיב מאַכט אַ רגע!

יוסף הלל לעווי

שבת

.1

עס לייכטן די ליכט זיך די שבת באַחנטע,
דער קידוש־כוס פלעמלט און בליצט,
און ס'טובל'ט אין גאָלדענעם שיין פון די ליכט זיך
דאָס מעשוואַרק אויף שבת געפּוצט.
מיין מוטער, די צנועה, זי שטייט לייכט געבויגן
עס ציטערט איר זיסינקער קול,
אין זיידענעם טיכל געהילט ביז די אויגן,
און בענטשט מיך מיט ברכות אָן אַ צאָל.
עס טראָגן אין שטיבל זיך טעמים פיל זיסע
פון שבת־מאכלים געוועבט;
עס שטראַלט די נשמה יתירה פון פריידן
אין הימלס גן־עדן פאַרשוועבט — —

.2

— אָ, שלום עליכם, מלאכי השרת! —
צושפרייטער פון תענוג און רו,
מיט לויבן צוזינגען די ווינקלעך אין שטוב זיך
און בענטשן די הייליקע שעה —
און גלייך אין בית־המקדש פון האַרפן צוכשופט
קלינגט צאַרט „אשת חיל" מיט חן;
עס זינגט אים מיט ליבע מיין אַלטינקער פאָטער,
מיין מוטער בליקט שעמעוודיק שיין —
איך הויב אויף דעם בעכער, דערלאַנג אים מיין פאָטער,
וואָס שטראַלט פון קדושה און גליט —
און ס'קלינגט „יום הששי", די הימלען זיך שפּאַלטן,
ס'מאַכט קידוש דער הייליקער ייד — —

.3

ווו איז זי, איך וועל איר דעם גילדענעם בעכער
מיט קידוש־וויין פול איבערגעבן;

וווּ איז די מלכה די שענסטע פון שבת
וווּ איז דער טרוים פון מיין לעבן ? —
חלות געקנעטן מיט מאַנדלען מיט זיסע,
דאָס וועלן פאַרליבטע מיר עסן,
מיט ראָזשינקעס, מאַנדלען גאָר קונציק געפלאָכטן ;
וווּ איז די שבת פרינצעסין ? —
איך וועל אירע צעפּ די באַחנטע, די שוואַרצע,
צופלעכטן מיט פריידן און פרידן,
און זינגען : דו ביזט דאָך די טאָכטער די שענסטע,
די טאָכטער די שענסטע פון יידן ! —
זי וועט מיך וויגן, דער וויין וועט זיך גיסן
מיט זיסע חלומות געזאַנגען,
און שיר השירים וועט טרילנדיק קלינגען
מיט הימלישע קושן און קלאַנגען — —

.4

אתקוני סעודתא, אַ טאַטע געטרייער !
ס׳צוגיסט זיך פון טשאָלנט און קוגל דער טעם
און ס׳גליט אין דער מלכתא׳ס אויגן אַ פייער,
אַ שכינה גן־עדנדיק הייליקער פלאַם —
און עפּל מיט טייטלען מיט צייטיקע טרויבן
זיי שמעקן פון שלחן אַרונטער מיט חן,
און זמירות פאַרחלומטע, שבחים און לויבן
פאַרוויגן, פאַרשיכורן דאָס האַרץ ווי אַ וויין —
און פייגל אַ זינגענדיק גאַנצע חבריא
זיי פּיקן שיריים אַרונטער מיט לוסט
פון פענסטער — און דורך אַ סיעתא דשמיא
וואַכט אויף אַ געוואַלטיקער שיר אין מיין ברוסט —
אַ, ליבסטע, עס שטייט שוין די זון מיטן אין הימל,
און קיל איז אין סאַד מיט דעם גערטל אַצינד,
די קאַרשן, די בערנדלעך, יעטוועדעס בלימל
זיי פלאַפּלען ווי קינדער, צעוויגטע פון ווינט —
לעגן אונטער מיין האַרץ מיר מיט שמעקנדיקע עפּל,
ווייל טיף כ׳בין געריט פון דיין צניעות און באַנג ;

און לייג אויף מיין ברוסט מיר דיין גאָלדן קעפּל,
ווייל כ׳בין נאָך דיין ליבע פאַרחלשט און קראַנק;
און נעם מיט די אויגן די תמימותדיק פרומע
געפּאַנגען אויף אייביק מיין האַרץ, וואָס גייט אויס —
אָ, יידישע טאָכטער, דו קרוין פון מיין אומה,
ווער ווייס ווי געוואַלטיק דו ליבסט און ווי גרויס?! —

.5

איך האָב אַזוי ליב דיך, מיין קינד, בין־השמשות,
ווען ס׳גלעט מיך מיט יראה דיין מיידלשער בליק,
און ס׳נעמט דיך געפּאַנגען מיין האַרץ מיט בקשות
און וויגט דיך פאַרבענקט אין זיין גאָלדענער וויג —
די באָבעניו שטייט מיט דעם הייליקן סידור
און דאַוונט שוין מנחה, אין דרויסן איז שטיל,
פון קליינעם בית־המדרשל טראָגן זיך לידער
מיט צער און מתיקות און טיפן געפיל —
אָ נעם אַ כזית, אַ שטיקעלע חלה
און מאַך שלוש סעודות, מאַך מוציא, מיין קרוין;
און בענטש דאָן מיט שטילער כוונה, מיין כלה,
וועט לייכטן דיין מזל און גרויס זיין דיין לוין...
— אָ, גאָט פון אברהם! — דערהערט זיך מיט טרערן,
דער הייליקער שבת שוין גייט זיך זיין גאַנג...
אין הימל באַווייזן זיך איינציקווייז שטערן,
גאָר טיף אין האַרצן נאָר ווערט טרויעריק באַנג...
דער זיידעשי באַלד וועט אויך מאַכן הבדלה,
איינרייבן די הענט זיך די טאַשן מיט ווייך;
צו סגולה פּרנסה אַ פולוואָך־התחלה,
און ס׳וועט אַ מלוה־מלכה אויך זיין — — —

אליהו הנביא׳ס כוס

1.

אויסגעשווענקט די פסח־כוסות
שטייען זויבער אויפן טיש
און דאָס שיסעלע מיט חרוסת
שמעקט ווי קרייטער זאַפטיק פריש.
ס׳איז דאָס שיסעלע פון זיידן
נאָך מיט בלימלעך איינגעקריצט,
יעדעס יאָר מיט טרערן־פריידן
ווערט עס ציטריק פונסניי באַניצט.

אויפגערוימט דאָס שטיבל פריילעך
און די נויט פאַרפוצט, פאַרגלעט;
זיצט דער טאַטע ווי אַ מלך —
אויף דעם ווייסן היסב־בעט.
ווי אַ מלכה זיצט די מאַמע
נעבן אים פאַרחלומט בלייך,
אַ, ווער ווייס דען מן־הסתמא
מאַכט זי באַנג איר קעניגרייך.

און מיין שוועסטער ליב, באַשיידן,
אויס דער הגדה זינגט און לייענט —
מיטן טאַטן — און פון פריידן
גליט זי ווי אַ רויז און שיינט.
און איך פרעג זיך מה נשתנה,
מיט אַ קוויטשנדיקן קול,
און דער טאַטע מיט דער מאַמען,
שעפּן נחת אָן אַ צאָל.

2.

ווי אין חלום כ׳בין געזעסן
אַלץ באַקומען אַזוי האָלד,

װען געגאַנגען איז מען עסן
מצות ריינע װי אַ גאָלד,
מצות קלאָרע װי די שטערן,
דין געגרעדלט ריינער טייג;
וויפיל צרות און וויפיל טרערן,
וויפיל צער און וויפיל לייד?

וויפיל שרעקלעכע מינוטן
פון פאַרפאָלגונג אָן פאַרגלייך, —
האָט דער ייד שוין אויסגעליטן
מצות טייערע װעגן אייך?
וויפיל האָפנונגען געבעטן
פון זיין ביטער שווער געמיט,
האָט אין אייך שוין איינגעקנעטן
דער פון האַס פאַרפיינטער ייד?

וויפיל גרויל און אימת־מות
אינם גרויסן טרערן־טייך, —
איז דאָס בלוט פון אונזערע אבות
שוין געפלאָסן װעגן אייך?
דאָך איז עס אייך פריי אָן מורא׳ס
פיל די ריינקייט פון מיין שטאָם, —
כאָטש באַפלעקט אייך שוואַרצע דורות
האָבן מיט עלילת־דם.

.3

מיט אַ הייליק אש להבה
װי אַ זון צובליטע רויז,
אויפן טיש פאַר אליהו־נביא׳ן
שטייט און גלאַנצט דער גילדענער כוס
בלומען־קווייטן אים באַקרוינען
פול מיט כישוף און מיט חן,
און עס שפּיגלען זיך די שיינען
פון די ליכטער אין זיין וויין.

מיט אַ קינדיש שטילן שרעקן
בליק איך צו דעם כוס אַהין,
און מיר דוכט אַז באַלד אויסשטרעקן
וועל איך זען אַ האַנט נאָך אים.
אליהו נביא מיט אַ ברכה
בענטשן וועט מיין הויז־געזינט
און פאַר שמחה און הצלחה
ווערט מיין האַרץ מיט גליק פאַרשפינט.

און זיין באָרד די זילבער ווייסע
וועט זיך וויגן מיט געזאַנג,
פונקט ווי אין דער צויבער־מעשה
וואָס איך האָב געהערט שוין לאַנג.
ביז עס איז דאָס האַרץ מיר פול
און איך האָב געוואַרט מיט פיבער
אַלץ אויף יענער ליכט־מינוט...

.4

ווען דער הימל אויסגעלייטערט
איז פון ליבע און גענאָד,
די לבנה אויפגעהייטערט
לייכט זיך גאָלדן ריין פאַר גאָט.
ווען פון ווינטערס מרה שחורה
ווערן פלוצים אויפגעוואַכט,
אַלע בליטן פריי אָן מורא
דופטן אויף אין שמורה־נאַכט.

ווען די טייבלעך וואָרקן ליבער
און דער ווינשטאָק בליט מיט חן,
דאַמאָלט קומט אין אַלע שטיבער
אליהו נביא שטיל צו גיין.
ווען ברוך הבא זאָגן הערט ער
שפּוך חמתך לאָזט זיך אויס, —
דאַמאָלט הויבט דער מילד פאַרקלערטער
צדיק אויף זיין גילדענעם כוס.

טיף צום הימל מיט אַ תנועה
פול קדושה ס'אויג זיינס בלינקט, —
דאַמאָלט, אַך, ווער ס'האָט די זכיה
זעט עס ווי פון כוס ער טרינקט.
און פון זיינע זילבער ברעמען
גיסט זיך ליב, אַ שמייכל רינט;
ווי דער דופט פון כריזאַנטעמען
אינם זון-גאָלד איינגעשפינט.

אָט אַזוי פאַר לאַנגע יאָרן
האָט מען מיר אַמאָל דערציילט,
און עד היום אין זכרון
לעבט עס נאָך פאַרבענקטערהייט, —
טיף אין האַרצן ווי אַ שטערן
ס'מעשהלע דאָרט ציטערדיק;
איינגעהילט אין הימל-ספערן
צויבערדיקע טרוים-מוזיק.

.5

אויפגעעפנט שוין די טיר זיך
שפוך חמתך אָפּגעזאָגט,
אין אַ פּחד איך פאַרליר זיך
און מיין האַרץ עס קלאַפּט און נאָגט,
צו דער הגדה צוגעבויגן
זיץ איך און איך זע קיין אות.
פלאַמען טאַנצן פאַר די אויגן,
נאָר עס רירט זיך ניט דער כוס.

און מיט טרערן דאַן מיט גרויסע
איז מיין אויג פאַרפולט געווען,
ווייל איך האָב פון גילדענער כוסה
קיינעם טרינקען ניט געזען.
און אַזוי איז אויך פאַרשווומען
באַנג די צווייטע נאַכט ביי מיר,

נאָר ס'איז קיינער נישט געקומען
כאָטש מ'האָט אויפגעמאַכט די טיר.

ביז מיין טאַטע האָט מיר איינמאָל
שטיל דערקלערט דעם טיפן סוד, —
נישט פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל
ווי צו מיר גערעדט ער האָט:

ווילסטו אליהו נביא'ן הערן?
טרינקען פונם כוס אים זען, —
מוזטו, קינד מיינס, גרעסער ווערן,
טאַקע גרויס, דאָס זאָל געשען...

אָ, ווי איך פלעג גליקלעך זיין!

פון מיין באָבען האָב אַ כוסה
גאָר אַ שיינע איך געאַרבט,
וואָס אין איר געוועזן גרויסע
בלומען זענען איינגעקאַרבט.
מיט די גרויסע, רויטע בלומען
האָט מיין אויג זיך ליב געשפּילט,
אַז מיט פרייד אַרומגענומען
האָט זיך טיף מיין האַרץ דערפילט.

יעדעס מאָל פון כוס מיט חידוש
כ'האָב באַטראַכט דעם גאָלדנעם ראַנד
קוים דערוואַרט ווען כ'וועל שוין קידוש
מאַכן מיט מיין כוס אין האַנט.
און גענומען כ'האָב פאַרשוועבן
פאַר התפעלות און פאַר גליק;
און דערווייל אין טיש געגעבן
מיט מיין פוס איך האָב אַ בריק...

אַלע כוסות אויסגעגאָסן
און די חרוסת אויסגעשיט,

ג ע ז אַ מ ל ט ע   ש ר י פ ט ן

מאַמע האָט געקוקט פֿאַרדראָסן,
נאָר דער גוטער טאַטע ניט...
אָנגעטון אין נייע קליידער
אָ, ווי פֿלעג איך גליקלעך זיין,
ווען געטרונקען אויפֿן סדר
פֿון מיין כוס כ׳האָב פּסח־ווײַן.

זינג איך מיט . . .

(מיין טאַטן דעם סופר אויף דעם קבר . . .)

קלינגט נישט מער די זאַנפטע שטימע
פליסט נישט מער דאָס הייליקע ליד, —
וואָס האָט ס'האַרץ מיר אויפגעעפנט
ווי די זון אַ פרילינגס בליט . . .

ציטערן נישט מער די פינגער
גיסט נישט מער דער בוימל זיך, —
וואָס האָט ליכטיק ווי אַ קנויטל
אָנגעצונדן מיר מיין איך . . .

פאַלט נישט מער די טייערע ברכה
אויף מיין לעבן ווי אַ טוי, —
שיילן זיך ווי לעצטע רויזן
מיינע טעג אין אָסיען גרוי . . .

שטיי איך שטום פאַרבאָרג די טרערן
אין צובענקטן האַרץ פאַרשמאַכט,
בליקן פון מנורה'ס רערן
צו מיר אויגן בלינדע אַכט . . .

וואַרף איך זיך אַנידער כורעים
גייט מיר ווידער אויף דאָס קול . . .
ווי דעם לוי'ס אין בית־המקדש —
הייליק האַרפנדיק אַמאָל . . .

ליג איך ציטער אין עזרה
באָרג פאַר שרעק מיין פנים איין . . .
ווערט מיין ווייטיקס פורפור פאָדעם,
ווי אַ שניי געבלייכט, און ריין . . .

גיסט די ברכה, מיטן בוימל
ווידער הייליק זיך ביינאַנד, —
צינדט מיר ווידער די מנורה
אָן זיין ציטריק ריינע האַנד . . .

הייב איך אויף זיך ווי אַ חלום, —
זינגט פאַר מיר אַ גאַנצער דור . . .
זינג איך מיט דאָס ליד מיט דבקות,
פון צוויי טויזנט באַנגע יאָר . . .

געקאַרגט

(געווידמעט יצחק ניוורט)

וויפיל טעג געקאַרגט מיט ברויט,
וויפיל נעכט אויף האַרטן ברעט,
ביז געקומען איז דער טויט
אים באַפרייט פון יעדער נויט;
אים געשענקט אַן אייביק בעט.
ס'איז דער גאָלדענער לעבנס־מאַי
ניט געווען אים באַשערט,
תמיד צרות נאָר און וויי,
זאָל פאַרוויגן כאָטש געטריי
אים די ליבע מוטער־ערט...

דיין לעבן

(געווידמעט משה קעניגסבערג)

דיין לעבן ס'גייט דיר אַוועק אין בהלה
אינאיינעם מיט דיין יוגנט, די הערלעכסטע צייט;
און שטום דיך אַ שווערע, אַ פינסטערע קללה
פון וויג צו דיין קבר, מיט טרערן באַגלייט . . .

צו וואָס די באַטריבטע נשמה זיך קלאָגן
און האָפן און וואַרטן, זיך נאַרן מיט גליק? . . .
ס'וועט נאָך דיר אַפילו קיין קדיש ניט זאָגן,
דיין אייגן קינד, וואָס דו לאָזט נאָך זיך צוריק...

ווייל קדיש נאָך דיר זאָגן וואָלט הייסן געדענקן
דיין לעבן, דעם ווירבל פון מצוות און זינד...
צי וועט דען דערפילן דיין וויטאָג און בענקן,
דיין אייגן ווייב, און דיין האַרציק קינד? . . .

ווו וועלן זיי דען זוכן דיין באַטריבטע נשמה
באַגרייפן איר צער, איר קוואַל און איר פיין?
די אייביק צעשטערנדיקע האַרצנס מלחמה
וואָס האָט דיר מיט וויטאָג געחתמעט דיין זיין . . .

זיי זענען דאָך אַלע באַזונדער געקומען
באַזונדערע וועלטן, זיי זאָלן פאַרגיין;
און ס'וועלן נאָך דורות אַנטשטייען און פאַרשווימען
ביז ס'וועט אַמאָל איינער דעם צווייטן פאַרשטיין...

יוסף הלל לעווי

איך גיי ניט קיינמאל אונטער . . .

1.

ניט מיך האָבן פריינט פאַרבעטן
אין מיין וויי זיך איינגעהערט,
וועלכעס לאַנד נאָר כ׳בין באַטרעטן
האָט מיין בלוט באַפאַרבט די ערט . . .
כ׳בין געקומען דאָ אַנטלאָפן,
אומגליק האָט מיר נאָכגעיאָגט, —
ווער עס האָט מיך נאָר געטראָפן
האָט פון מיר זיך אָפגעזאָגט.

כ׳בין אַליין אַרומגעגאַנגען
ניט געפונען מיר קיין אָרט,
און געהאַט נאָר איין פאַרלאַנגען
צו אַנטלויפן ווייטער, פאָרט.
כ׳האָב באַצוווּנגען זיך צו טראָגן
שווייגנדיק דעם שווערסטן עול, —
ווערנדיק פון נויט געשלאָגן
שפלות, עלנט, אָן אַ צאָל.

2.

אין דער שטאָט וווּ כ׳בין געבוירן
הערשט דער תליון נאָך מיט מאָרד,
אונטער קראַטעס, תפיסה־מוירן
פיבערט, שמאַכט, דער מענטש און ס׳וואַרט . . .
בלוטיק קלינגען שנאה־לידער
ווען דאָס האַקנקרייץ מיט גרויל, —
צו פאַרשלינגען מיינע ברידער
עפנט אויף זיין קבר־מויל . . .

דאָך עס גליט מיין העלדן יחוס
אויף אין יעדן דור פון פּיין;
ווי די זון אַ גרויס שליחות

כ׳טראָג פון אויף און אונטערגיין . . .
שוין אין יעדן לאַנד געהויבן
אויף פּאַר פרייהייט כ׳האָב מיין שווערט,
אויסגעשמידט אין פלאַם פון גלויבן
וואָס פאַרראָסט ניט קיינמאָל ווערט.

.3

ס׳איז פון ביטערקייט און צאָרן
אָפּט געווען מיר אַלץ פאַרהאַסט,
און דאָס לעבן איז געוואָרן
מיר פאַרעקלט און צו לאַסט.
תמיד פלעג איך טיף צו טרוירן
אין מיין ווערן נע ונד, —
ווייל כ׳האָב אַלעס אָנגעווירן
וואָס איך האָב נאָר ווען געהאַט.
שוין געטרונקן אַלע סמים
פון איעדן המנ׳ס כוס, —
רוישן בלוט און טרערן ימים
אין מיין יעדן וואָרט און אות . . .
אָ, ווי לאַנג דען נאָך צו ליידן
אָן אַן אויפהער איז דער שיעור,
ניט דאָס בלוט פון עלטער־זיידן
שטילן קען זיך איין אין מיר.

.4

ניט די תפיסה און דער שייטער,
ניט די תליה, געטאָ־נויט, —
האָט צעוואַקלט מיר מיין לייטער
וואָס צום הימל שפּאַרט זיך רויט . . .
אויף די וועגן אומבאַקאַנטסטע
בלוט געפלייצט האָט אונזער קוואַל ;
יאָ, די ווייטסטע און די נאָנטסטע
זענען מיר דאָך איבעראַל . . .

וועלכן מענטש ניט אַלץ פאַרגעטערט
זוכנדיק כ׳האָב הילף אין ווייט;
וועלכן גאָט ניט אַלץ צעשמעטערט
אין פאַרצווייפלונג כ׳האָב און לייד . . .
כ׳בין שוין אָפּט פון וועג אַרונטער
פונם וואַנדערן דערשעפּט,
דאָך איך גיי ניט קיינמאָל אונטער
ווי מיין פאָלק וואָס אייביק לעבט . . .

וועל איך אַלץ דאָס ליד נאָך זינגען

אין מיין יוגנט אָנגעפאַנגען
האָב איך מיט אַ גרינג געמיט,
זינגען שטיל אַ ליבעס-ליד
פול מיט צויבער חלום קלאַנגען.

און דאָס זעלבע ליד איבער
זינג איך אומעטיק נאָך היינט;
ווי אַן אָסיענשטערן שיינט
מיר מיין ליבע תמיד טריבער . . .

ביז מיין וועזן ווי אַ שאָטן
וועט פאַרשווינדן און פאַרגיין
און מיין עלנט האַרץ צעשפּרינגען:

וועל איך אַלץ דאָס ליד נאָך זינגען
מיט די זעלבע טרויער נאָטן
פון מיין ליבע און מיין פּיין . . .

ווו איז אונדזער משיח ?!

זאָגט ווו איז דען גאָטס שליח ?
אונטער וועלכע שווערע קייטן
שמאַכט ער עלנט צוגעבונדן
שאַנדהאַפט פעלזיק צוגעשמידט !
אונדזער מלך המשיח :
און עס טריפן זיינע ווונדן
איבער אַלע אייביקייטן ;
שטיל מיט אונדזער הפקר בלוט . . .

שווייגט אין צער און פיין געפאַנגען
אונטער זשאַווער אייזן קראַטעס ;
צווישן עלנדיקע שלאַנגען
ס׳פוילט זיין לייב אויף אים ווי שמאַטעס ;
אָפטמאָל ברילט ער אויף פאַר צאָרן
מיט אַ יאָמער בייז און ביטער,
אַז עס גייט אַ דורך אַ ציטער
דורך זיין לעבנס אַלע יאָרן . . .
פאַר דער וועלט זיין קוויל צו ווייזן
ציט אַרויס פון טיף אַן מורא׳ס
ער זיין שופר פול מיט צאָרן
און אַריבער צייטן דורות,
שאַלט אַ קללה אויס זיין האָרן :
איך וועל קיינעם ניט דערלייזן !

זאָגט ווו איז דען גאָטס שליח ?
צו אַרום ער שוועבט מיט ציטער
ווי אַ ווערנדיקער טרוים ;
וואָס ער הייבט ערשט אָן זיך וועבן
אין די אייביק העלע ספערן,
צי פאַר טוירן אונטער רוים
ליגט ער עלנט און פאַרביטערט ;
קען ניט לעבן און ניט שטאַרבן
אונדזער מלך המשיח . . .

יוסף הלל לעווי

אַ באַגאַסענער מיט טרערן . . .
צי באמת דען אַ קללה
איינגעבערענט מיט רויטע קאַרבן;
איז ווי קינס בייזער מאָרד
אין זיין אייביקער נשמה?
זיינע קינדער אין בהלה
לעבן אָפּ אין פיינדס נקמה,
שלעפּן זיך אַרום און שפּרייזן,
וואָגלען איבער אייביקייטן;
ניט זיי לעבן ניט זיי שטאַרבן;
און משיח ניט דערלייזן
קען זיי ווייל ער פּוילט אין קייטן
און ער רירט זיך ניט פון אָרט . . .

ווער האָט דאָס אַזוי באַפּוילן,
אַז דורך פייער בלוט און ימים
זאָל מען טרייבן, האַסן, יאָגן
יעדן דור דעם ייד פאַרסמן
מיט רציחה אים פאַרקווילן;
אָדער ווי אַ הונט דערשלאָגן,
ווייל ער האָט אין אַלע צייטן,
אַז אַ יעדן זיין ס׳זאָל גוט —
אין אַ יעדן לאַנד פאַרגאָסן
פאַר דער פריהייט נור זיין בלוט;
און צעבראָכן אַלע קייטן
פון געוואַלט מיט העלדן מוט;
און דערפאַר דעם טויט געגאָסן
דורך פאַרפאָלגונג, האַס און ווּט . . .

זיי געבענטשט אין אייביקייט!

בלאַס געוועזן איז זיין פּנים
הויך און הייליק זיין געשטאַלט,
זיינע אויגן די סמנים
פון אַ וועלט וואָס האָט געשטראַלט . . .

האָט זיין קול זיך אויפגעהויבן,
די נביאים מיר דערקלערט,
האָט זיין האַרץ געקוואַלט פון גלויבן
און זיין אויג פאַר צער געטרערט . . .

זיינע פּערל רייד פאַרנומען
האָט מיין האַרץ שטיל פאַרציטערט
ווי אַ פיינעם דופט פון בלומען
מיט אַ געטלעכן געפיל.
כאָטש דער הוסט האָט אים געפּייניקט,
תמיד שלאָפער נאָר געמאַכט;
האָט זיין תורה מיך גערייניקט
תמיד מערער ליכט געבראַכט . . .

פון זיין פּייקע זיך געשפּינען
האָט אַ זילבער ווייסער רויך,
און געטראָגן ווי זיין זינען
צו דעם הימל ליכטיק הויך . . .

פון זיין שטערנס טיפע קנייטשן
און פון זיינע פּערל רייד;
קען איך היינט נאָך מיר אויסטייטשן,
וואָס מיין שכל ניט פאַרשטייט . . .

מיט דעם ליכט פון זיינע אויגן
און פון זיין נשמה׳ס גרויס,
האָט מיין האַרץ זיך אָנגעזויגן;
היינט עס זינגט פון מיר אַרויס.

י ו ס ף   ה ל ל   ל ע ו ו י

רבי מיינער, ווי אַ פונקען
שימערט אויף פאַר מיר די צייט;
ווען דיין תורה כ׳האָב געטרונקען
זיי געבענטשט אין אייביקייט.

דיינע לידלעך אייביק בלייבן

פייגעלע אַ פריי צוזונגענס
ביזט געקומען דו אין וואַלד,
דיינע לידלעך צו צעקלינגען
ליכטיק ווי די זון צעשטראַלט . . .

כאָטש עס וועלן דיך פאַרטרייבן
האַרבסט און קאַלטער ווינטער באַלד,
דיינע לידלעך אייביק בלייבן
וועלן דאָך אין האַרץ פון וואַלד . . .

פאַרבונדן . . .

טיף פאַרומערט אין דער טונקל
פון מיין גרויען לעבנס־זין;
שטום באַהאַלטן אין אַ ווינקל
שוויג איך איינזאַם ווי אַ קלין . . .

נאָר ווען בריף פון פריינט דערוועקן מיך,
אויפסניי איך ווער צעהעלט;
ווייל איך פיל מיט אַלע עקן
זיך פאַרבונדן פון דער וועלט...

שבועות

1

ס׳שמעקן שוין די שבועות־גראָז
נעבן טייכל זאַפטיק, פריש,
און די זילבער קליינע פיש —
שפּרינגען אינם שטראָם צעלאָזן.

ס׳וועט דער טאַטע מיט אַ שמייכל
ברענגען בלומען, ביימלעך פיל,
מאַמע וועט באַהענגען שטיל
אונזער שטיבל ווי אַ היכל.

פון אקדמות וועט זיך גיסן
דאָס צעשימערטע געזאַנג,
וואַרמען אָן דאָס האַרץ מיט גלוט, —

און ווי רויזן מיט נאַרציזן
דופטן וועט מגילת־רות
מיט איעדן כישוף־קלאַנג.

2

ס׳האָט דער טאַטע מיך גענומען
פאַר דער האַנט אַרומגעפירט,
אין רמ״א־שול וואָס מיט בלומען
בוימלעך איז געווען באַצירט.

צווישן עמוד טיף מיט שרעקן
נעבן פרוכת הימל־בלאָ,
איז געשטאַנען נאָך דער שטעקן
פונם הייליקן רמ״א.

און דער טאַטע ט׳מיך געלאָזן
הויבן אויף דעם שטעקן שטיל,
וואָס באַצירט מיט שבועות־גראָזן
איז געווען און בלומען פיל.

מיט קדושה און מיט מורא
איז מיין האַרץ פאַרפולט געווען,
ווען איך האָב די ספר תורה
פון רמ״א דאָס כתב דערזען.

ווען געוועזן שוין מגיה
איז דאָס ספר און צוריקגעשטעלט, —
כ׳האָב דערפילט די גרעסטע זכיה
פון אַ צדיק אויף דער וועלט.

און דער טאַטע אַ פאַרקלערטער
האָט פאַרמאַכט פון שול דאָס שלאָס, —
ס׳שמעקן הייַנט נאָך זיינע ווערטער
מיר, ווי דאַמאָלט ס׳שבועות־גראָז...

3

אַלטע שיינע צייטן פון נעפּל זילבער בלייך
נעמען ווי פון חלום ליכטיק זיך אויסהילן,
יאָגן זיך און טאַנצן, אין צעברויזטע שפּילן,
ווי צעוויגטע כוואַליעס אין אַ פרילינג־טייך.

בשמים־ווינטן בלאָזן פון רויזן און יאַסמין,
צוויטשערט עס מיט לידער גאָלדנע אין דער לופטן,
שבועות־גראָזן, ביימלעך, בליענדיקע דופטן
אויף מיט מתן־תורה, די וועלט איז ליכטיק, גרין.
גיי איך מיט מיין טאַטן אין אַלטער־שול אַריין,
אקדמות פון בעל־קורא הערן לייענען דאָרטן,
צו זען די גאָלדנע לייבן פון ארון אין דער הויך, —

שמעקט און גרינט אין שול דאָרט ווי אַ רויזנגאָרטן,
און דאָס האַרץ פון תפילות ווערט שיכור ווי פון ווייַן.
אַלטע, שיינע, צייטן, ווי בענקט זיך מיר נאָך אייַך.

4

כ'האָב פון שבועות־גראָז אַ פייפל
מיר אַ פיינעם אויסגעשניצט,
שפּיל איך זיך אין אונזער הייפל
אינם גראָז פון טוי וואָס בליצט.

שוועבן פייגל אינם ווייטן
בלויען הימל ליכטיק טיף.
נעם איך האַרציק זיי באַגלייטן
מיט מיין פייפל: פיף, פיף, פיף.

אין דעם אויוון ברוינעך, באַקן,
קיכלעך זיך מיט מאָן און קעז,
און אין דרויסן די געשמאַקן
דרינגען פון יאַסמין און בעז.

ס'גרינט און בליט אין אַלע שטיבער
דופטיק ווי אין פעלד און וואַלד, —
שבועות, שבועות, יום־טוב ליבער,
אַלץ מיט מתן תורה שטראַלט...

יוסף הלל לעווי

נעמי און רות

מנחה־צייט. די פעלדער ליגן —
אינעם זונענגאָלד פאַרהילט.
אויף דעם דעמער־פליט אַ ניגון —
רואיק, טיף, די שטילקייט שפּילט.
ווי אַ זינגענדיקע תפילה
פון אַ זילבערנער באַרציז, —
גיסט פאַרבענקט זיך די אידיליע
פון דער נעמי און פון רות.

און ווי קלאַנגען פון אַ ציטער
פון אַ האַרץ פאַרליבט געקוועלט, —
שוועבט די רות צווישן שניטער
אויף דעם זאַנגען פולן פעלד.
פון שדה מואב קיין בית לחם
גייט זי מיט אַ שערפּ אין האַנט,
דאָרט, ווו ס׳גייט איר שוויגער נעמי —
גייט זי נאָך איר פאָלק און לאַנד.

ערפּה האָט זיך באַנג געזעגנט
און זי גייט נאָך מואב צוריק,
רות די שיינע איז פאַרבליבן
מואב איז ניט מער איר גליק . . .
אירע בלאָנדע לאָקן פאַלן —
אויף איר האַלדז פון סאַמעט, זייד,
גלייך ווי גאָלדענע זונענשטראַלן
פאַלן אויף אַ ליליען־בייט.

אירע אויגן פונקן שפּריצן
מיט אַ טיפער בענקשאַפט ווייַ,
גלייך ווי בלאַנקע קאָסעס בליצן —
ווען אַ נאַכט־בליץ פאַלט אויף זיי
ס׳ווייט איר אָטעם: מירטן, רויזן,
פונעם פרילינג פריש צעבליט,
די געבליטן אירע ברויזן
נאָר זי גייט מיט נעמין מיט.

מחלון, אַ, איר שטאַרקן ליבן,
האָט דער גרויסער גאָט פאַרלאַנגט,
און זי איז אַליין פאַרבליבן
און איר האַרץ נאָך ליבע בענקט.
נעמי בעט זי פאַר די שניטער:
צו דיין גאָט און לאַנד גיי צוריק!
זי נאָר מיט איר שוויגערמוטער —
גייט זי קיין בית לחם מיט.

דאָרטן וויל זי זוכן פרידן,
דאָרטן וויל זי זוכן ברויט;
ווייל דער גאָט און ס׳לאַנד פון יידן —
איז איר לעבן און איר טויט.
ווייל דער גאָט און ס׳לאַנד פון יידן
איז איר העכסטער, גרעסטער גליק;
גייט זי ווידער — ליבע, פרידן,
זוכן דאָרט אַהין צוריק.

אפשר וועט דורך אַ מערכה
קומען דער געווינטשטער האַר,
און פון מחלונס אַ משפחה
היילן וועט איר גרויסן צער . . .
אפשר דער אין הימל אויבן —
וועט איר שענקען נאָך גענאָד,
ווייל זי מיט דעם שטאַרקסטן גלויבן —
גלויבט אָן מחלונס גרויסן גאָט.

און זי וויל עס זאָל פאַרמערן
אָן אַ צאָל זיך נאָך זיין שטאַם,
אייביק לייכטן ווי די שטערן —
אינעם הימל אָן אַ פגם.
און באַלייכטן פון דעם פסולת
זיין פאַרוואָלקנטן געזיכט, —
קיינער זאָל ניט זיין ביכולת
צו פאַרלעשן מער זיין ליכט.

ווייל זי ליבט מיט התלהבות
פון איר מחלון אויפגעוועקט, —
יענעם פלאַם, וואָס האָט פון גאָטס
דאָרנבוש זיך טיף אַנטפּלעקט . . .
און איר ליבע, ליכטיק, לויטער,
לייכט פון צדק זיך און רעכט,
פון דעם אל נוקם ונוטר —
ביז צום פערטן זונס געשלעכט . . .

גאָט האָט מחלון איר גענומען,
לעבן, טויט צו אים געהערט!
וויל זי ווייטער מחלונס זאָמען —
פלאַנצן אייביק אויף גאָטס ערט.
און די בלאָנדע רות מיט טרערן
צו איר שוויגער זאָגט מיט גנאד:
וואָס עס זאָל מיט מיר ניט ווערן
מיר געהערט דיין פאָלק און גאָט! . . .

בועז און רות

.1

נעמי האָט געזאָגט צו רותן:
ווייל איך האָב דיך ליב דערצייל איך —
דיר, און בינ׳ס כמעט דיר ערב;
מחלון האָט געהאַט אַ קרוב —
ממשפּחת אלימלך.
בועז האָט דער מאַן געהייסן.
גיי, און כ׳האָף ס׳קען זיין צום גוטן
אַז דער מאַן זאָל דיך דערלייזן . . .

און געענטפערט האָט מיט ציטער —
רות, מיט אויגן פול מיט טרערן:
דאָרט אַהין מיין שוויגערמוטער
רייסט זיך לאַנג שוין מיין באַגערן;
פון מיין האַרצן דאָס פאַרלאַנגען
אויפצוקלייבן מיט התמדה
די געשניטענע פולע זאַנגען
אויף די פעלדער פון יהודה.

ווען די זון וועט גאָלדן פאַרבן
אַלע פעלדער זאָלסטו איילן —
אַנצוציען דיר דיין שלייער,
גיין צו בועזן אין שייער —
דורך די ווייצן, גערשטן גאַרבן,
אויף אַ גאַנצע נאַכט צו ווילן.
און דו זאָלסט זיך קינד ניט שעמען —
מיט אים נענטער צו באַקערן . . .

יוסף הלל לעווי

.2

רות די בלאָנדע האָט גענומען —
זיך געזאַלבט מיט אייל, פּערפיומען,
מיט איר שלייער זיך באַצירט
זאָל זי דופטן ווי די בלומען,
ווען זי וועט צו בועז קומען,
ווערן פון זיין גוף באַרירט.
זאָל זיין האַרץ פון אירע בשמים —
ווערן שיכור און פאַרפירט . . .

זאָלן ווייען אירע ברוסטן
ווי די רויזן־פולע קוסטן
פון דער גאָלדנער זון צעגליט.
וואָס זיי וועקן אַלע גלוסטן
וואָס זיי דרימלען אין געמיט . . .
זאָל ער ווי אַ רויז פאַרזונקן —
אין דעם גלי פון אירע פונקן . . .

זאָלן בויך און קניען רייצן —
ווי די גערשטן און די ווייצן,
צייטיקע אין פרייען פעלד;
ווען דער וואָגלער ציט אַריבער
אינעם לייב מיט זונענפיבער,
הונגער פון דער גאַנצער וועלט.
זאָלן זיינע לוסטגעפילן,
אין איר ליבע־קוואַל זיך שטילן.

ווייל עס האָבן אירע זינען —
פאַר זיין גוטס אים ליבגעווינען
וואָס ער האָט צו איר געטון.
זאָל איר ליבע אים פאַרשפּינען
און באַדופטן ווי יאַסמינען
רייפע פון דער פייער־זון.
זאָל פאַר איר דאָס האַרץ זיינס קלאַפּן,
און איר ליבע טיף איינזאַפּן . . .

.3

ס׳ליד פון ליכט די שטערן שפּילן —
פאַר די גערשטן און די ווייצן,
און פאַרוויגן בוים און בייט.
און עס לאָזן ריחות פילן —
זיך מיט כּישופדיקע רייצן
פון אַ ווינט־צעפּלאָטערט קלייד.
ערגעץ פון געהיימען שטילן
קומט אַ שאָטן אָן פון ווייט.

זילבער־שטערן גלאַנצן, ווינקען,
ס׳ליגט די נאַכט אין דופט פאַרזונקען
אינעם הימלס בלוי פאַרטיפט;
בועז זאַט פון עסן טרינקען
ליגט זיך שלאָפן שטיל אַנידער, —
מיט אַ רייץ אין זיינע גלידער
און ער דרימלט אין אַ מידער
פון די בליטן טויען־טריפט.

ווען אַנטשלאָפן ס׳איז געוואָרן,
בועז אין די גערשטן, קאָרן,
אינעם טיפן חצות פון נאַכט,
איז ביי רותן וואַך געוואָרן —
נעמיס אָנזאָג אין זכרון,
בועז׳ן איר סוד פאַרקונדן,
אַז ער ווערן זאָל פאַרבונדן,
מיט איר ווייבלעכקייט וואָס שמאַכט...

.4

ווי אויף סאַמעט, ווייסן, ווייכן,
לאָזט זיך רות די בלאָנדע שלייכן —
מיט איר גוף ווי מאַי צעבליט.
און לבנהס צויבער־פייער,

פירט זי צו צו בועז׳ס שייער
מיט ניט הערנדיקע טריט.
און זי פּרוווט זיין היל אָפּדעקן
אים פון שלאָפן אויפצוועקן...

ווען ער הייבט איר גוף אָן שפּירן,
נעמט זיין גוף פון שלאָף זיך רירן,
און ער פיבערט אויף מיט שרעק —
אָ, ווער וויל דאָס מיך פאַרפירן
מיט דעם דופט פון נארדן, מירן,
וואָס ער רויבט דעם זין אַוועק.
און פאַרוווּנדערט בלייבט ער ליגן,
לאָזט זיך פון איר ליבע וויגן...

קען מען דען מיט אַלטע קרעפטן
קינד, — מיט יוגנט זיך באַהעפטן?
אָ, מיין האַר, דו ביזט ניט אַלט!
ס׳דוכט דיר נאָר דו ביזט אַ מידער,
ליבע נאָך אין דיינע גלידער
ליגט פאַרבאָרגן און זי שטראַלט.
וועסט פון ליבע ווערן ווידער —
ווי אַ בוים צום בליען ניט אַלט...

אירע פייער קושן גליען,
רופן אים אין אירע קניען
מיט פאַרשמאַכטנדיקער היץ.
ביז ער פאַלט אין אירע אָרעם —
ווי אַ בוים אַריין אין שטורעם
אַ געטראָפענער פון בליץ...
ס׳האָט פאַרצויבערט און צומישט —
אים איר ליבע און דערפרישט...

.5

אַ, ווער ביזטו יפהפיה?
זאָג עס מיר מיין קינד געגוי!
איך בין רות המואביה,
מחלונס טריי געוועזענע פרוי.
גאָט האָט מחלון מיר גענומען,
וועסטו חסד מיר באַווייזן
אויפצובויען צוריק זיין זאָמען
וועסטו מיך פון צער דערלייזן...

רות, איך האָב געהערט פון לייטן —
פון דיין טריישאַפט פון דערווייטן
ווי געוועזן דו ביזט פרום.
האָסט פאַרלאָזט דיין פאָלק, דיין גלויבן,
צו גאָט הויך דערהויבן
זיך מיין דופטנדיקע בלום.
ניט געלאָזט פון מיינע ייִנגען
האָט דיין ליבע זיך באַצווינגען...

ווייל עס וויס מיין האַרץ צו שעצן
נאָר דיין גאָט (און ניט די געצן)
וואָס די גאַנצע וועלט רעגירט.
און דיין ליבע די פאַרקלערטע,
האָט דיין רות די פרומע גרטע
ביז די טרערן טיף געריררט.
יאָ די ליבע אייביק היטן
וועל איך אין מיין האַרצס־געליבטן...

ווייל זי האָסט זיי מואבס געטער,
די צערשטערער, ניט קיין רעטער,
מיט זייער שיכורן געזאַנג.
וואָס זיי נערן פון עבירות,
נאָר פון זנות זיך און הפקרות
קינדער־בלוט איז זייער געשאַנק...

יוסף הלל לעווי

ס׳טריפט פון זיי דעם מולד׳ס טרויער,
מיט דעם האַס פון בעל פעור...

כ׳ליב דעם גאָט וואָס פירט מלחמות,
דעם געדעכטן אל נקמות
וואָס דער יושר איז זיין שטאַם!
זוכט דאָס אומרעכט אויסצוראָטן
און פאַרקינדט די צען געבאָטן —
נאָר אין דונער בליץ און פלאַם;!
ס׳איז זיין ליבע ניט פון פיבער,
נאָר די ליבע פון אַ גיבור —
וואָס ער ליבט און שטראָפט צוזאַם...

פון זיין חלום אויפגעקומען,
בועז רותן האָט גענומען
ווי אַ שטערן העל צעשיינט.
און זי האָט געהערט אין זיינע
אָרעמס — אייביק בלייבסטו מיינע,
און זי האָט פון גליק געוויינט.
בועז פון איר גליקלעך ווערן —
האָט איר אויסגעקושט די טרערן.

און ס׳דערמאָנט

עס וויגט אין האַרצן זיך ביי מיר אַ פרי פאַרוועלקטער גאָלדנער זומער, —
מיט דופטנדיקע בליטן, זונענטעג, אַ ליבע זאָרגלאָז ליכטיק פריי;
ווי אַ כשופדיקער ניגון פון אַ צאַרט פאַרחלומטן שאלמיי
און ס׳דערמאָנט זיין זיסער קלאַנג מיך אָן אַ נאַגנדיקן טיפן קומער . . .

לאַנג האָט זיך צו איר מיין זעלע ווי אַ שמעטערלינג צום ליכט געצויגן,
און צו דופטנדיקע בליטן זילבערן באַפּערלטע פון מאָרגן טוי.
אין די הימלען טיף צעוויט צעליכטיקטע פון גאָלד, וויאָלעט און בלוי, —
איז אויף אייביק ציטריק זי פאַרליבט פון מיר אַוועקגעפלויגן . . .

גלייך ווי גאָלד׳נע קאָרן זאַנגען זיך פון ווינט געקושט שטיל צעכוואַליעט וויגן,
און ווי ס׳בלויע בלימעלע פון מאָן פאַראייגזאַמט טרוימט זיין ליבע־טרוים, —
קיינמאָל פונעם שערף צעבליצטן ניט צו ווערן חלומדיק פאַרשניטן;

אָט אַזוי אין האַרץ ביי מיר פאַרליבט זיך וויגט אַ נאַגנדיקער ניגון —
אויסגעמישט מיט דופט און טוי פון יענע אַנונגלאָזע בליטן;
איידער זיי פאַרבליען,—וואָס ציטערן אויף געהיים צום לעצטן מאָל נאָך קוים.

ביסט צעפאלן

פרעגן ווו אַהין געקומען
ס׳איז דיין זעלע מיט געזאַנג?
פרעג ווו ס׳קומט אַהין דער קלאַנג
פונעם פויגל אין די בלומען . . .

פרעגן וואָס עס איז געוואָרן
פון דיין שיינקייט נאָכן טויט?
פרעג וואָס ווערט אין גאָלדנעם קאָרן
פונעם בלימל פורפור רויט.

ביסט צעפאַלן ווי אַ בינטל
בלימעלעך אין זומערצייט
נאָך פון אָסיען ניט באַרירט; —

ווען דעם פרילינגס צויבער ווינטל
איבער לאַנקעס נאָך שפּאַצירט
קושט דער ערט׳ס באַגילדטע קלייד.

יוסף הלל לעווי

מײן תפילה

(נאָך פּ. גראקאָווסקי)

גאָט, ווי וואַרט איך אויף דײַן העלן זונענגלוט,
זע, מײַן לעבנס־אומעט וואָס אין שאָטן רוט.
ס׳הויבט מיך אויף דער שטורעם ווי אַ וואַל אין מער,
אויף דער ערט כ׳בלײַב ליגן ווי אַ רעגן שווער.

גאָט, ווי גערן כ׳האָב פאַרזייט פאַר אָרימע ברויט,
גיס דײַן ריינעם קוואַל פון ליכט אויס גאָלדן־רויט,
איידער טיפער נאָך איך פיל דעם שטורעמס טריט:
גאָט, ווי איך האָב מורא פאַר דעם שערפּס אַ שניט,

פאַר דעם זינקן אין דער טיפער פינסטערער נאַכט
ווי אַ זאַנג, וואָס האָט קיין קאָרן ניט געבראַכט! —
גאָט, באַפעל די שטורמען דײַנע זאָלן ווייען,
לאָז נאָך איינמאָל מיך די זון די גאָלד׳נע זעען.

האַר, אַ לאָז מיך וואַקסן אָן אַ רו און ראַסט,
ביז עס בויגט מיך איין מײַן אייג׳נע פולקייטס לאַסט . . .
טרוים איך מיר דאַן זיס אין יולי־ליכט צעגליט,
רייף און שווער, און שרעק זיך פאַר דעם שניטער ניט,

קלינגט דער בלאַנקער שערפּ אויף אין דעם זומערס רו,
פאַל איך מיד און שטיל דער גאָלדנער ערנטע צו . . .
הויבט זיך אויף צום הימל פול מיט דופט אַ ליד,
פון די גאָלדענע זאַנגען, מיט געזאַנג פון שניט!...

קומט געריטן אָן צעפלאַטערט גיך, געשווינט,
מיט צעברויזטע פליגלען, דופטנדיק דער ווינט.
און ווינטשויפלט שייער, סטויג און גאַרב אין פעלד, —
און צעבלאָזט די פּלעווס אַלע פון דער וועלט . . .

צו סליחות!...

1.

עס וויקלט מיט בלוטיקע כריכות
די זון איין דעם טאָג וואָס דערוואַכט,
עס וועקן די יידן צו סליחות
די סאָוועס פון פינסטערער נאַכט...
זיי הייבן זיך אויף און זיי גייען,
געטריבן פון תליון מיט צוואַנג,
ס'באַגלייטן די שטורמען וואָס ווייען
זיי טריב אויף דעם אייביקן גאַנג.

די שולן פאַרברענטע, פאַרלאָזן,
פאַרריגלט פון טויט יעדע טיר,
ניט מער, נאָר דער ווינט מיט ירגזון
אַ קללה שפילט אויס אויף זיין ליר.
פאַרשעלט, און פאַרדאַמט דאָס שליחות,
די דורות צו אייביקער פיין;
ניט מיר, נאָר די פעלקער צו סליחות —
עס מוזן אַצינדערט אויפשטיין...

2.

די פינגער פאַרשנירט מיט רצועות
עס ציען זיך אויס אָן אַ סוף,
און ס'עפענען פאַרשלאָסענע וויעס
זיך אויף פונם הונגער און אייביקן שלאָף...
אַ שטים האָט אין האַרץ זיי באַפוילן
זיך שטעלן אַקעגן דעם קנוט, —
די יידישע העלדן פון פוילן
און אָפגיין אין אייגענעם בלוט...

אויס קינדער געמאַכט באַריקאַדן,
אַ פעסטונג אויס קנאָכן און גליד, —
געגאַנגען צום טויט קאַמעראַדן

צו הייליקן זענען דער ייד...
געטריבן פון פינסטערע רוחות
די שדים פאַר מענטשן פאַרשטעלט, —
עס זאָלן איצט אויפשטיין צו סליחות
נישט מיר, נאָר די בלוטיקע וועלט...

זי האָט וואָס צו וויינען און בעטן
פאַר אירע באַגאַנגענע זינד, —
זי האָט אונז געלאָזן צוטרעטן,
דערשיסן ווי הפקר'ע הינט.
זי האָט אונז געלאָזן פאַרדאַרבן
און האָט נישט גענומען אין אַכט,
מיר פלעגן מיליאָנען־וויַיז שטאַרבן,
פון רוצחישע הענט אומגעבראַכט.

און האָט נישט געלאָזט אונז אפילו
קיין אָרט צו אַנטלויפן פון קנוט, —
די וועלט זאָל אונז בעטן מחילה
פאַר אונזערע טרערן און בלוט.
פאַר אַלע די הימען צושטערטע
געשענדט און באַשמוצטע מיט קויט;
פאַר אַלע די אויגן פאַרטרערטע
וואָס ס'האָט זיי פאַרלאָשן דער טויט.

וואָס האָבן מיר דען שוין געזינדיקט
וואָס מ'האָט אונז דערנידריקט אַנטרעכט?
צי האָבן מיר דען נישט פאַרקינדיקט
די פרייהייט אין יעדן געשלעכט...
עס עפנען מיט וויַיטאָק זיך וויעס
עס גוססט מיט פּיין אויס זיי'ר בליק:
„מיר זענען די ערשטע אויף תליות
פאַר פרייהייט, די לעצטע צום גליק"...

ס'פאַרוויקלען די בלוטיקע כריכות
אונז אַלע מיט טויטלעכער וויי,
אָ, וועלט, דו שטיי אויף איצט צו סליחות

מיט דיר אונז אינאײנעם באַפרײַ!
פון שנאה און בלינדער מהומה,
פון אײביקן אומקום און פּײַן, —
זאָל איצט כאָטש דאָס בלוט פון מײַן אומה
בחינם פאַרגאָסן נישט זײַן...

כ׳בין פאַרבונדן מיט אַ ניגון

כ׳בין פאַרבונדן מיט אַ ניגון —
ווי די קוילן מיטן פלאַם,
וואָס ער ליגט אין מיר פאַרשוויגן
ווי די פּערל אינעם ים.

ווען מיר לויפט דער שטורם אַנטקעגן
מיך צו בייגן ווי ער וויל,
ליב איך ווי די זון צו שווייגן,
און צו לויפן אין דער שטיל.

מײַנע טעג אין צער פאַרשוועבן
ביז מײַן טרוים די נעכט באַהיט,
נישט עס קלעקט מײַן גאַנצער לעבן
אויסצוזינגען ס׳קורצסטע ליד.

כ׳וואָלט געוואָלט מײַן האַרץ פאַרשענקען
צו מײַן חלום אָן אַ סוף,
ווייל צו ליבן און צו בענקען
הערט מײַן האַרץ נישט קיינמאָל אויף.

ווען די וועלט הייבט אָן צו טונקלען,
און דער העלער טאָג ווערט בלייך,
הייבט דאָס ליד מײַנס אויפצופונקלען
ליב ווי שטערן אין דער הייך...

ווי דער אָדלער אינעם שטייגן
צו זײַן פעלז־נעסט וואָס פליט, —
האָב איך ליב דאָס טיפע שווייגן
ווען איך זינג מײַן ליבע ליד.

ונסלח

.1

די זון איז אין הימל פאַרזונקען,
יום כפור פאַרנאַכט איז געווען,
און ס'האָבן דערציילט אירע פונקען
אַז ס'וועט עפּעס גרויסעס געשען.
מיט פּורפּורנע ציטריקע פּאַסן
זי האָט זיך געצויגן אַוועק,
און קושן גענומען די גאַסן
ווי כוואַליעס אַ טייכלישן ברעג.

עס האָבן די הייזלעך געשוויגן
פאַרשטומטע פון בענקשאַפט און נויט,
גלייך ווי אַ צדיק'ס אַ ניגון
פאַרקלונגען, וואָס לאַנג איז שוין טויט.
פרום איז דער עולם פאַרזאַמלט
געווען אין בורא'ס געצעלט, —
פאַרטיפט אין כל נדרי אַ דעמאָלט,
האָט שלמקע ביים דאַוונען געפעלט.

.2

ווען שלמקע אַוועק פון דער היים איז געגאַנגען
ז'געווען שוין די סעודה די צווייטע צו ענד,
עס האָט אים אַ פּחד און אימה געפאַנגען —
פאַרמישט מיט אַ טרויעריק, הייליק פאַרלאַנגען,
און אייליק איז שלמקע צום דאַוונען געגאַנגען,
נאָר כישוף, ער האָט ניט ס'בית המדרש דערקענט.

רחמנא ליצלן, אַ פון גלח דער גאָרטן
ער האָט אים פאַרגאַרטלט דעם וועג און פאַרשטעלט,
מיט הערבסטיקן ריח די בלומיקע סאָרטן
פאַרשיכורט זיי האָבן דאָס ייִנגל אין גאָרטן,

געזאַמלטע שריפטן

עס טונקלט, דער חזןביים דאַוונען דאָרטן
ער זאָגט שוין כל נדרי, נאָר שלמינקע פעלט.

פאַרסאַפּעט ווי גאָר פון אַ שווערן מהלך
עס שטייט אים פּנים אל פּנים אַ פינצטערער מאַן,
אַ שד איז דאָס, ניין, אַ פון גאָרטן דער גלח,
אַ גאַטעניו שיק אים פון הימל אַ מלאך,
עס בעט זיך דאָס יינגל מיט טרערן ביים גלח —
אַ לאָז מיך צום דאַוונען האַרציקער פּאַן.

און מוראדיק פינצטערע לענגלעכע שאָטן
זיי האָבן ווי שלאַנגען געביסן אים ווילד,
געוויזן ט׳איר צונג אים די זון ווי אַ שאָטן
אוי וועט מען דיך שטעכן, און ברענען, און בראָטן,
דער גלח ט׳אים טויזנטער גליקן געבאָטן,
אַריין מיט אַ פייל אין זיין האַרצן געצילט.

עס איז אַזוי שפּעט שוין, אוי גאָט וועט מיך שטראָפן,
טאָ לאָז צו כל נדרי מיך גיין נאָך געשווינט. —
עס זיינען די שערי שמים ווייט אָפן,
און ס׳בעטן שוין אַלע צו גאָט נאָר וואָס האָפן,
נאָר מיך האָט אַ ווייטיק, אַן אומגליק געטראָפן,
יום כפור ביינאַכט שוין, אוי ווי איז מיר און ווינט.

אַ וויין ניט מיין סערצע, מיין יינגעלע לעבן,
און גיי ניט צום דאַוונען, נאָר בלייב דאָ ביי מיר,
איך וועל דיר באַלד פידעלעך גאָלדענע געבן —
מיט פייפלעך וואָס שפּילן, און פייגל וואָס שוועבן,
און היפּן און טרילן, פון גליק און פון לעבן,
מיט זילבער, בריליאַנטן און גאָלד אָן אַ שיעור.
כ׳וועל לאָזן פון סאַמעט מלבושים דיר מאַכן
מיט העמדלעך ווי יוסף הצדיק פון זייד,
דיר געבן די שענסטע, די הערלעכסטע זאַכן,
דערציילן דיר מעשיות צום וויינען און לאַכן —
פון חיות אין היילן, פון שלאַנגען אויף שליאַכן,
וואָס האָבן פאַר מענטשן פאַרשטעלט זיך פאַרקליידט.

נו קום שוין, וועסט זען אַז עס וועט מיר געלינגען
צו מאַכן דיך גרויס, און צו ברענגען אַהין, —
ווו גאָלדענע גלאָקן זיך הוידן און קלינגען,
ווו מיידלעך מלאכים זיך וויגן און זינגען,
טאָ קום שוין מיין יינגל און לאָז זיך ניט צווינגען,
אָ שלמינקע קום שוין, דו ווייסט דאָך ווער כ׳בין . . .

עס ציטערן די פינגערלעך טיף פון באַגערן
ביינאַנד מיט דעם נפשל אויף פון דעם קינד,
ווי וואָלט ער געוואָלט שוין די שטים מער ניט הערן,
וואָס לאָקט אים, און זאָגט אים פון הימל צו שטערן,
ביז ס׳אויג זיינס צעפּערלט זיך הייליק מיט טרערן,
וואָס ס׳קושט און עס טראָגט ווייט אַוועק זיי דער ווינט.

אין גאָרטן די גאָלדענע בלעטעריקע צווייגן
צערוישן זיך סומנע, און נאָגנדיק באַנג, —
און הויבן אָן דאַוונען, זיך כורעים צו בייגן,
צעקלאָגן דעם גאָרטנס פאַרבאָרגענע שווייגן
און לאָזן זיך שלמינק׳ן לויפן אַקעגן,
זיך וויקלען אַרום זיינע פיס ווי אַ שלאַנג.

און ס׳קינדישע הערצל נעמט פּחדים׳דיק קלאַפּן
און ציטערן פאַרחלשט פון פיבער און היץ,
אָ, וואָלט ער געקענט נאָר אַריבער זיך דראַפּן
דעם פּאַרקן, אַנטלויפן, עס זאָל אים ניט כאַפּן —
דער גלח און ווייטער זיין בלוט ביי אים צאַפּן,
מיט ווערטער ווי פייערדיק, גליאיקע שמיץ.

דערוויל אין בית מדרש דער עולם פאַרזאַמלט
ער דאַוונט שוין פרום מיט כוונה און שרעק,
דער חזן ער קומט צו „ונסלח" און שטאַמלט,
דאָס ליכט פאַר דעם עמוד וויל אויסגיין, עס פלאַמלט,
דער עולם ווערט נבהל נשתומם און דעמאָלט —
ווערט נעלם דער חזן, פון עמוד אַוועק...

3.

אין הימל עס פירן אַ פינצטערע כיתה
פון בייזע קטרגים, אַ וואָגן פון זינד,
עס יובלט זיין עלטסטער ביי אים איז היינט שמיטה,
און ס׳האַלטן אים אונטער אַ כנופיא ניט גוטע,
און איינער אַ שד פון אַ זילבערנער מיטה
געגענט צו דעם כסא הכבוד אַצינד.

און וויזט אים די יידישע שווערע עוונות
אַז ס׳ציטערן די הימלען פאַר שרעק אויף און פיין
און ס׳צאַרנען די שלאַנגען אַרויס פון די תהומות —
די יידן, די יידן, פון אַלע מקומות,
פאַר זייערע פשעים חטאים עוונות,
אַ גאָט זאָלסטו נוקם ביים משפט זיך זיין!

4.

דאָס אָרימע יינגל געראַנגלט פאַרביסן
זיך האָט מיט גבורה און ערמה ביינאַנד,
עס האָבן געגומען אים אַנגסטן באַגיסן
ביז ר׳האָט פון דעם גלח אַרויס זיך געריסן,
באַפרייט פון זיין בייזער ממשלה ס׳געוויסן,
אַוועק אָן אַן אַרבל, צעבלוטיקט זיין האַנט.

געוואָרן איז שטיל ווען דאָס יינגל געקומען
אַריין אָן אַן אַרבל פאַרשלאָפּט איז אין קלויז,
דער עולם געוואָרן איז גלייך ווי באַנומען
געקוקט אויף דעם יינגל דעם הייליקן פרומען,
פאַרכאַפּט פון אַ ווייטיק אַ נאָגנדיק שטומען,
דער אָטעם געגאַנגען ביי אים איז שיעור אויס.

אַ שמחה אַ פרייד איז דעם חזן באַפאַלן
די יידן באַפרייט פון דעם שרעקלעכן קלעם,
די זינד פון דעם וואָגן אין ים אַריין פאַלן,

די אויגן פון חזן זיי בליצן און שטראַלן,
ער שטייט שוין ביים עמוד, דאָס קול זיינס טוט שאַלן,
דאָס קול פון דעם הייליקן, גרויסן, בעל שם!

די קהילה פאַרגאַפּט ווי פון טויזנטער שאלות
זי בליקט צו דעם צדיק מיט פחד און גרויל,
ער טוט אָן דעם אַרבל, — און לייגט אָפּ דעם טלית,
אַ שלמינקעס אַרבל, פאַרציטערט ווערט אַלעס,
„ונסלח" איצט זאָגט דער בעל שם מיט התפעלות,
אים ענטפערט: בשגגה, מיט שרעק יעדעס מויל . . .

סוף זומער

טראָגן ליבלעך אין דער לופטן
פונעם לעצטן זומער־היי,
שוין די אָנגעגנעמע דופטן
מיט דעם זומער זיך פאַרביי.

זילבער פעדעם גלאַנציק דינע
ציען זיך אויף פעלד און בייט,
און אויף קוסטעס גאָלדיק־גרינע
פונעם אָסיענס כשוף קלייד.

בליען נאָך די לעצטע בלומען
מיט אַ האַרבסטיקן פּערפיום,
און די לעצטע בינען זומען
ווערן אויף די בלומען שטום.

נאָר עס טראָגן זיך געזאַנגען
פונעם פויגל וואָס פאַרפליט,
אָבער שוין די לעצטע קלאַנגען
זענען דאָס פון זומערס ליד . . .

זינגט דאס בערגל אויף מיט לידער!

אין אַ טאָל שטייט אַ בית עלמין
דאָרטן ליגן מענטשן שטיל
אויף אַ בערגל שפּילן קינדער
זיך אַ לוסטיק פריילעך שפּיל.

אונטן וויגט דער ווינט די קברים —
גראָזן און זיי ווייגען באַנג;
אויבן קלינגט אַ פרייד־געלעכטער
פון אַ קינדישן געזאַנג.

אונטן ברענגט מען שטום צו קבורה
מענטשן פול מיט צער און לייד, —
אויבן האָפּערדיק געבוירן
ס׳נייע לעבן ווערט מיט פרייד.

ווען ס׳דערהערט זיך פון דער נידער
טיף דער יאָמער פון פאַרגיין ; —
זינגט דאָס בערגל אויף מיט לידער
איביק פונעם נייעם זיין . . .

אָסיען

1

גינגאָלד בלעטער שטיל פאַרשוויגן
ציטערן אויף פון אָסיענטרוים,
ס׳שפּילט דער ווינט אַ טויטן־ניגון
פליקט אַראָפּ זיי פונם בוים.

דרייען זיי אַרום פאַרלאָזן
זיך און עלנט אויף דער ערד ;
ס׳הערט ניט אויף דער ווינט צו בלאָזן
ביז זיי ווערן אויסגעקערט.

2

אין אַ נעפּל־טוך אַ מיאוסן
איינגעהילט איז טיף דער וואַלד ;
און די פוילע רעגנס גיסן
אָן אַן אויפהער טריב און קאַלט.

אַלע קלאַנגען, אַלע פאַרבן
אויסגעלאָשן און פאַרשטומט ;
דוכט זיך אַז די וועלט גייט שטאַרבן
און אַ סוף צו אַלעם קומט . . .

מיין סוכה

כ׳האָב אַ קליינע, שוואַכע סוכה
קוים מיט מי מיר אויפגעשטעלט,
און באַפּעסטיקט זי מיט יושר,
ליבע פון דער גאַנצער וועלט.

און איר איידל האַרץ באַהאַנגען
מיט תכשיטין טייערע שטיל,
דאָך געוואָרן ווי אַ דאָרן,
איז זי יעדן און צופיל.

זעלטן האָט מען זי געלאָזן
שטיין במנוחה אויף איין אָרט,
כ׳האָב געשלעפּט זיך מיט מיין סוכה
נע ונד אינאיינעם פאָרט.

כ׳האָב גערופן די אושפּיזין
זאָלן אויף מיר מגין זיין,
טיף מיט סכך באַדעקט מיין הימל
פאַר אַ פרעמדן שטערן שיין...

ניט געלאָזן מיך פאַרשטויסן
האָב איך אין דער וויטסטער פרעמד, —
מיט מיין קליינער, שוואַכער סוכה
כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געשעמט.

דרויסן פלעגן שטורמען ווינטן
לעשן אויס דעם זונענשיין,
ס׳האָט מיין סוכה זיך געוואַקלט,
כ׳האָב געמיינט זי פאַלט שוין איין.

דרויסן פלעגן דונערס פאַלן
ציטערן אויף דעם בוימער־שטאַם;
כ׳האָב געמיינט מיין שוואַכע סוכה
אויפגיין וועט אין דונערפלאַם.

קיינמאָל ניט קיין ווינט מיט צאָרן
האָט געקענט זי רייסן איין, —
אָט אַזוי שוין טויזנט יאָרן
שטייט זי, און וועט אייביק שטיין!

יוסף הלל לעווי

ביז עס נעמט א נעפל לייגן

(ד״ר ש. בירנבוים אַ האַרציקע מתנה)

אויף פאַרוועלקטע דאַרע צווייגן
איינגעננורעט אין אַ דרימל, —
ריזלט שטיל דער אָסיענהימל
אויס מיין טרויעריקעס שווייגן.

אָפּגעפליקט פון בייזע ווינטן
און פון חושך צוגעשאָטן
ליגט מיין האַרץ און טרוים צעטראָטן
צווישן אַלע טויטע בליטן.

פּעדעם זילבערנע פאַרשפינען
איינזאַם מיין פאַרגעסן ווערן,
ביז עס נעמט אַ נעפּל לייגן —

זיך ווי וואַרעמע מאַמע טרערן
אויף מיין נאָגנדיקן שווייגן
וואָס עס הערט ניט אויף צו רינען.

טיף אין מיינע גלידער

עס ליגט פון קדמונים נאָך טיף אין די גלידער
די אייביקע אומרו פאַרבאָרגן אין מיר,
און ווער נאָר עס גיט מיין נשמה אַ ריר,
דעם ענטפערט זי אָפּ — מיט פאַראומערטע לידער.

איך פאַל אַזוי אָפּט — אַ פאַראיינזאַמט און מידער
אַנטוישטער טיף צו, צו דער ערדישער שויס,
אַזוי ווי צום אָסיען און רעגן די רויז,
ווען ס'ווערט איר דאָס בליען און דופטן דערווידער.

און בלעטער אַדורך פון מיין ליידן דעם סידור
אַזוי ווי דער האַרבסט־ווינט — די גאָלדענע בלעטער,
וואָס פאַלן אַראָפּ שוין פאַרוועלקט אויף דער ערט;
ווען ס'עפנט דער הימל די אויגן פאַרטרערט,
און ס'ווייזט אויס אויף פינצטערע שטורמען דער וועטער,
ווען ס'פאַלט און פאַרהעצט — אויף אַ ברודער, אַ ברודער...

דער דיכטער

ס'מערט דער עושר זיין פאַרמעגן,
און דער קמצן קאַרגט און שפּאָרט, —
ס'זיצט דער בעטלער אויף די וועגן,
און באַהאַלט זיך וואָס ער שנאָרט . . .

נאָר דער דיכטער פריי און אָפן,
תמיד האַלט זיין האַרץ אָן שרעק, —
ווען ס'איז נאָר אָנגעטראָפן
שענקט ער באַלד זיין האַרץ אַוועק . . .

יוסף הלל לעווי

זיין לעצטער פאַרלאַנג

אָ, לאָמיר מיין ליבסטע אַדורכגיין די מויערן
איידער דער ליכטיקער מאָרגן באַגינט,
אַדורך דורך דעם געטאָס צעבראָכענע טויערן,
פאַרביי דורך דעם בלוטיקן וועלטס לאַבירינט...

און וועסטו דאָרט שפורן פון גזלן געפינען
בײינאַנד מיט דעם האָרץ פון דיין ברודער פאַרבלייכט, —
אָ, שרעק ניט ווייל ס'האָט נאָך ניט ס'ליכט פון די זונען
די ליבע פון מענטש צו דעם מענטשן דערגרייכט...

עס איז אַזוי באַנג פון דעם מערדער געפאַלן
דיין ברודער, ווי מיטן אין פרילינג אַ בוים —
עס האָט זיך צעגאָסן דאָס בלוט זיינס ווי שטראַלן,
צעהעלט פון דער וועלט יעדן פינסטערסטן תהום...

באַוויין אים ווייל ער איז געווען דער גרעסטער
דער הייליקסטער קרבן פון טרויעריקן היינט,
פאַרבאָרג אין דיין האַרץ אים אויף אייביק מיין שוועסטער,
ווייל באַלד גייט די זון פון זיין בלוט אויף און שיינט.

און שטיקט דיך דער אויר פון רויך דעם געדיכטן
ווו ס'טראָגן זיך אָטעמס נאָך לעצטע אַרום?
פאַרשלינג זיי די נעפּלדיק גרויליקע שיכטן,
און ווער ניט פאַרבלייכט ווי אין אָסיען אַ בלום.

און זעסטו די שווייגנדע בערגלעך פון ווייטן,
אָ, שרעק ניט און לויף ניט מיין קינד אָן דער זייט,
נאָר רייס זיי מיט טיפער קדושה די קוויטן
וואָס ס'האָט מיט זיין בלוט דיר דיין ברודער פאַרזייט.

ווייל ס'האָט דיר אַ פרומע צוואה געגעבן
דיין ברודער ווען ער האָט דאָס אויג זיינס פאַרמאַכט, —
אַז דו זאָלסט אַ דרייפאַכן לעבן דאָ לעבן,
פאַר דיר, און פאַר אים, אין דעם טאָג וואָס דערוואַכט...

און דאָס איז געווען זיין לעצטער פאַרלאַנגען,
און דאָס איז געווען זיין טיפסטער באַגער,
איידער נאָך ס'איז ניט די זון אויפגעגאַנגען
ווייַן אויס זי דיין לעצטע, פאַרביטערטע טרער.

קלאַפּן אַן מיין ווייסן ארון

הער ניט אויף דו שניי צו פאַלן
און מיך לעבעדיק פאַרשיט, —
ווי אַן אָפּגעוועלקטער צוויט
מיט די בליציקע קרישטאָלן.

אין אַ זילבער קבר ליגן
וויל איך פריי פון ליידנצוים; —
איבערחלומען דעם טרוים
פון מיין לעבן אויסגעשוויגן.

ווי די כוואַליעס זאָלן יאָרן
מיך דערמאָנענדיק מיין באַנג
פליסן שטיל דורך מיר פאַרביי, —

קלאַפּן אַן מיין ווייסן ארון
דעם פאַרשאָטענעם פון שניי
ווי אַ פויגל מיט געזאַנג.

יוסף הלל לעווי

נס־חנוכה

1

פון אַ ציטערדיקער האַנט,
ווערט דער חושך טיף געדיכט,
דורכגעשניטן מיט אַ ליכט —
ווי דאָס גלאָז מיט אַ דיאַמאַנט...

פון אַ הייליק זיסן קול,
און אַ סאַמעט־ווייכער קעל
ווערט דער היינט אַזוי דאָ העל —
ווי דער גאָלדענער אַמאָל...

מעג דער חושך זיין געדיכט,
פּחד נויט אין יעדן הויז,
קנאה, שנאה, אַלץ באַגלייטן;
ווערט מיט ליבע ס׳חנוכה־ליכט —
קיינמאָל זיך ניט לעשן אויס,
לייכטן איבער אַלע צייטן!

2

דרויסן שיט און שיט דער שניי,
ווי אַ קאַץ פאַרזשמורעט —
האָט די זון אין זאַווערייי
ס׳אויג, און זיך פאַרכמורעט.

געסלעך, הייזלעך, טיף פאַרהילט —
אינעם שניי פאַרשוויגן;
האָבן וואַרעם זיך געפילט —
קינדער אין די וויגן.

ס׳האָט דער אָוונט זיך אין ווינט
שטיל געוויגט אַהין און צוריק;
אויסצוהערן ווי עס צינדט:

פרום דער חזן פאַר דעם בורא,
אויף דער אַלטער שולס מנורה
חנוכה־ליכטלעך מיט מוזיק.

3

אויף דעם וועג צעגליטשט ווי גלאָז
דאָרט וווּ ס'קאָן דער פראָסט נאָר שטיין,
האָבן קינד און קייט געלאָזן
זיך אין אַלטער־שול אַריין!

מיט דערוואַרטונג און באַגערן,
מיט בטחון און מיט גליק,
חנוכה־ליכטלעך בענטשן הערן —
מיט געזאַנג און מיט מוזיק!

ביז עס האָט גענומען גיסן —
האַרציק זיך מיט צויבער־קלאַנג;
טיף צוזאַמען מיט אַ זיסן
ניגון, מוזיק מיט געזאַנג.

עולם נבהל ונשתומם,
ס'איז פאַרכישופט קינד און קייט;
און די הערצער שוועבן ווייט
אין די עולמות עליונים...

4

חזנ'ס אויגן שטראַלן, גליען,
פון זיין בלאָס געזיכט אַרויס,
און דאָס חנוכה־פלעמל בליען —
טוט אויף ווי אין שניי אַ רויז.

ווי די ריחות טראָגן קלאַנגען —
פון אמונה, פרייד און קלעם;
זיך מיט טרערן און געזאַנגען:
ברוך אתה אדושם!

אויפגעוויגט פון טויט און פחדים,
מן המצר רופט זיין קול!
פאַר די נסים און די חסדים,
גאָט, פון היינט און פון פאַר אַמאָל —
כ׳וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרבייטן,
ביז כ׳וועל זיין אין ערט צעשטויבט,
גאָט פון אַלע אייביקייטן —
זיי געבענטשט מיר און געלויבט!

5

דרויסן שפּילט דער זאַווערױ —
אויף כלערליי אופנים!
יונים נקבצו עלי,
אזי בימי חשמונאים!

אין דער שול עס שאַלט מיט גלי —
אַ זמר למנצח!
מעוז צור ישועתי,
לך נאה לשבח!

עולם, חזן, שול, מנורה,
אינעם הייליקן אין־סוף
וועבן ליכטיק זיך צענויף;
טיף לעבודה צו דעם בורא
וואָס גייט איבער דור צו דור,
אז אגמור בשיר מזמור!...

6

ס׳איז דאָס וואַסער אינעם פעסל
איבערנאַכט געוואָרן אייז,
און דאָס באַקעט־אָרעמע געסל
אַנגעטון אין קאַפּטאַן ווייס.

פון דעם קאַפטאַן האָט אַ טלית
בלוי־ווייס זייד אַראָפּגעשמעקט ;
דאָס עניות מיט דעם דלות
און דאָס שפלות צוגעדעקט.

ס׳האָט געבלישטשעט ווי בריליאַנטן,
ס׳געסל פון דער קעלט פאַרגלאָזט,
און געשפּילט ווי מוזיקאַנטן —
האָט דער שניי און אייז, אין פראָסט !

אין אַ חלומדיקן ניגון —
ליכטיק אויסגעשימערירט ;
פון די שטערן האָט געשוויגן —
ס׳געסל און זיך ניט גערירט.

גאָט רחמנות האָט באַקומען,
און דעם געסלס פּיין דערזען,
אים דאָס דחקות צוגענומען
און געלאָזט אַ נס געשען !

אויסגעשפּילט פון נויט די בכיות
האָט דאָס געסל אין אַ שיר, —
און געוואָרן פון עניות —
איבערנאַכט אַ גרויסער גביר !...

7

דורך אַ זילבער שנייען־בויגן,
מיט די פליגעלעך פון זייד,
קומט אַ מלאכל געפלויגן —
אַן פון הימל ווייס פאַרשנייט.

ווען עס מאַכט די הימל־אויגן
אויף, ווערט אַלעס גאָלד־צעהעלט,
און מיט בלויקייט אָנגעזויגן —
ווייט און ברייט די גאַנצע וועלט...

מיט סמאַראַגד, רובין, סאַפירן,
מיט בריליאַנטן, גאָלד־צעשטראָלט;
און מיט געטלעכע קאָלירן —
שימערירט זיין ליכט־געשטאַלט.

און ער זעצט זיך שטיל אַנידער,
צווישן קינדער ניט געזען,
זינגט מיט זיי די חנוכה־לידער
פון דעם נס וואָס איז געשען.

ביז ער זינגט מיט גרויס כוונה,
פון זיין ליד דעם סוד אַרויס, —
פון דער געטלעכער מתנה
וואָס ער ברענגט פאַר יעדן הויז —

ווו די קינדער יידיש פילן —
זיך נאָך פול מיט יידישקייט,
רעדן יידיש, יידיש שפילן
זיך באַטעמט באַחנטערהייט.

האָט דער מלאך שפע, ברכה,
מזל פון דער גאַנצער וועלט, —
מיטגעבראַכט זיי מיט הצלחה
אין זיין זעקל חנוכה־געלט...

און ער טוטס גערעכט מיט וווּנדער,
סיי צו אָרעם, סיי צו רייך;
אַלע יידיש ליבע קינדער
עס פאַרטיילן האַרציק גלייך...

ווינטער

1

אויסגעוואַקסן איבער דעכער,
איבער פּלויטן, איבער צוימען,
ווי אין וווּנדערלאַנד פון טרוימען
איז דער שניי אַלץ העכער, העכער.

מיט אַ זילבערדיקן פעכער
האָט דער ווינט אים אויפגעהויבן,
ווי די שטערן אויף די שויבן
אים צעפינקלט פון געמעכער.

מיט דעם שניי אַרומגענומען
עס דערפילט זיך אַ באַגערן —
אויפצוגלאַנצן ווי די שטערן;

אויף די פענסטער מיט די בלומען
אין דעם ווינטער אין דעם טיפן,
און דערנאָך פון קעלט זיך צוצעטריפן.

2

הער דו פורמאַן אויף דעם שליטן
מיט די גלעקעלעך שטאַרק צעקלונגען,
ווי די ווייסע רוימען זינגען —
וואָלטן פול מיט פרילינגס־בליטן.

און די שנייעלעך שיטן, שיטן,
אָן אַן אויפהער אָן אַן ענדע —
ווי אַ זילבערנע לעגענדע
פון אַ טרוים מיט פרילינגס־בליטן.

אין די ווייס צעשפּילטע ספערן
ציטערט אויף אַ ליבעס ניגון,
פול מיט פאַרבן, דופטן, קלאַנגען;

ווידער נעמט מיין מיידל וויגן
מיך אין נעץ פון איר פֿאַרלאַנגען,
קושן מיך מיט זילבער טרערן.

3

איינגעשנייט די גאָלדענע קרויזן,
זענען פון דיין בלאָנדן קאָפּ,
בויג זיך קינד צו מיר אַראָפּ,
ווי צום ווינט די שטילע רויזן.

אין מיין האַרצן שטורמען, ברויזן,
ווינטן הפקר׳דיק און פריי, —
אינעם פרילינג, הערבסט און שניי
ליג איך טיף אין זייערע שויסן.

אויף צעוויגטע צויבער־לירן
שפּילט מיין ליבע צו דיר קינד
ווי דער זונענשיין צו בלומען;

ס׳קען מיין האַרץ נאָר אייביק אירן,
ווי דער וויינענדיקער ווינט . . .
קיינמאָל צו קיין ציל ניט קומען . . .

4

אויף די שליאַכן שטיל פֿאַרוויטע,
אינעם זילבערפראָסט און קעלט,
בליצט און פינקעלט עס און העלט,
ווי בריליאַנטן אויסגעשפּרייטע.

אויף די וועגן טיף פֿאַרשנייטע
אַזוי בליאיק ווי אין מאַי, —
אייביק יונג, פֿאַרליבט, איך גיי,
צו מיין ליבסטער און באַפרייטע.

אירע האָר ניט קיינמאָל גרויען,
און איר גוף איז תמיד צאַרט,
אירע אויגן אייביק בלויען,

און אויף מיר זי האָפט און וואַרט,
און זי ווערט ניט קיינמאָל אַלט,
אייביק יונג איז איר געשטאַלט.

5

גוט, מיר האָבן זיך געפונען
אויף די וועגן שטיל פאַרוויט,
אינעם אומגעוויס אַנטרונען,
טיף פון יאָרן איינגעשנייט.

און ווי פייערדיקע זונען
שטויסן פלוצים זיך צעזאַם,
איך מיט דיר אין ליבעס פלאַם
האָמיר ווידער זיך געפונען.

זויבער ריין זיך אויסצובעטן
כאַטש אין שניי אַ רואיק אָרט, —
זיך פון לעבנס־שטויב צו רעטן

מיט אַ שנייאיק, פליטערוואָרט;
אין אַ טרוים זיך איינצוועבן,
און פון אומקום צו פאַרשוועבן.

6

ליפ אויף ליפ, און האַנד אין האַנד
ווי אַמאָל אין ליבעס־ציטער,
זיצן מיר אין שנייען־פליטער
אינעם אויסגעטרוימטן לאַנד.

און צעפינקלט ווי ברילִיאַנט
וואָס אַמאָל אַליץ העכער, העכער,
איבער הייזער, איבער דעכער,
ציט דער שניי זיך אויסגעשפּאַנט.

חלום־מיידל גיב די פינגער,
דיינע מיר צום קושן מילד,
ווייל אין האַרצן פונעם זינגער —

עפּעס אַזוי מאָדנע שפּילט,
ווי אין פרילינג אַ שאלמאַי;
ס'ליד פון ליבע און פון שניי.

7

זילבער שנייעלעך פאַלן, פאַלן,
ווייך און פוכיק ביז עס ווערט,
איינגעהילט די גאַנצע ערד
אין אַ דעק בריליאַנטנע שטראַלן.

און אַ כאָר פון נאַכטיגאַלן
מיט געטרילער און געזאַנג,
אין מיין האַרץ צעגיסט זיך באַנג
ווי דעם אָבענד'ס גאָלד קאָראַלן.

באַלד אָ וועל איך צו דיר קומען
מיין געליבטע פול מיט גלויבן
קושן דיינע שלאַנקע גלידער, —

און דיר ברענגען פרילינגס־בלומען,
זילבער בלומען פון די שויבן,
פול מיט קראַנצן פורפּור־לידער.

8

כ'ליב דאָס ליד מיינס ווי מיין לעבן,
און מיין לעבן ווי דאָס געזאַנג,
כ'וואָלט פאַר יעדן לידער־קלאַנג
ס'העכסטע גליק געקענט אָבגעבן.

צו דעם ליד עס ציט מיין לעבן
ווי צום בלום אַ שמעטערלינג, —
איביק נאָר איך טרוים און זינג
פונעם קומען און פאַרשוועבן . . .

כ׳זינג עס זאָלן מיינע טענער,
ריינער פון מיין האַרצן דרינגען,
ווערן וואָס אַמאָל אַלץ שענער,

קושן יעדערנס געמיט ;
טאָמער שוין ווייל ס׳לעצטע ליד
זינג איך און וועל מער ניט זינגען . . .

9

וואָס איך שאַף, און וואָס איך זאָג,
וויגט זיך ווי מיין בלוטגעלויף, —
באַלד אַראָפּ, און באַלד אַרויף,
אומבאַשטענדיק ווי אַ וואָג.

און אין דעמער ווען דער טאָג
האַלט אין אויסגיין ווי אַ פלאַם,
מיין געפיל קלינגט אויף צום גראַם
ווי אין גאָלד אַן אָונט גלאָק.

אין מיין האַרצן שטיל איך טראָג
וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט
אָנגעווירן, און געווינען ;

ביז ס׳צעבילט מיין נע ונד,
ווי אַ הונט זיך אין אַ ראָג,
אויף מיין לעבן פון רואינען . . .

10

כאָטש עס איז מיין גוף שוין אַלט,
איז מיין האַרץ נאָך רייציק, יונג,
און מיין ליבע פריש, און פלינק,
אַן אַ שאָטן, אָן אַ פאַלט.

און מיין אויג עס לייכט, באַשטראַלט
יעדעס גליק וואָס כ׳האָב פאַרזוימט,
כ׳איבערטרוים, וואָס כ׳האָב געטרוימט
אין דעם ליכט פון דיין געשטאַלט.

ווידער ליבן כ׳בין באַרייט,
לײדן, ווי איך האָב געליטן.
אויפגיין נאָכאַמאָל ווי בליטן —
אין דער גאָלדינער פרילינג־צייט.
ווייל אין אויפגײן, און פאַרגײן,
ליגט דאָס העכסטע גליק פון זיין . . .

11

ס׳איז דער פראָסט אַריינגעריטן
אין מיין גאָרטן נאָך אין זומער,
מיט דעם שערף פון צער און קומער
מיינע בליטן אויסגעשניטן.

און דאָס האַרץ מיינס טיף פאַרביטן
מיט אַ נאָגנדיקן שווייגן —
אויסגעהוילט מיר אַלע צווייגן,
ווי די שטומע פּאַראַזיטן.

וווּ מיין האָפנונג נאָר פאַרזייען
פלעגט מיט מוט אַ לעבנס־בליט,
האָט דער אומקום זי פאַרשיט,

אין אַ גרוב פון צער און ווייען,
און די שרעק איז צוגעקומען
אָפּגעטויט איעדן זומען . . .

12

טיף פאַרשנייט מיין שטעטל׳ס מויערן,
און די הייזלעך פּוסט, פאַרלאָזט,
אייביק וועט דער שניי און פראָסט
אין מיין ווינטערלאַנד שוין דויערן.

איך וועל אומגיין שטיל און טרוירן
תמיד אינעם אויג אַ טרער,
ווייל שוין ס'וועט ניט קיינמאָל מער
קומען צוריק וואָס כ'האָב פאַרלוירן.

גוטע פריינט צוריקגעבליבן
זאָגט מיר נאָר צו וואָס איך לעב
און פאַרטרייב מיין צער מיט גראַמען,

אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען,
אָן אַ שוועסטער, אָן אַ ברודער,
אָ, וואָס טויגן מיר די לידער?!

ליב האב איך געהאט צו הערן

ליב האָב איך געהאַט צו הערן
פון דער אייזנבאַן אַ פיף;
וואָס צעשימערט ווי אַ שטערן
האָט מיין קינדישן באַגריף.

איבער לענדער, שטעט, מדינות
אין דער לופטן, ים, אויף דער ערט
האָט צעלייגט ער צויבער שינעס
מיך געטראָגן אומגעהערט

מיט די פאַרביק לייכטע פליגלען
זאַרגלאָז גליקלעך אָן אַ מי
פלעג איך זיך אין הימלען שפיגלען
פון מיין קינדער פאַנטאַזי.

ווי אַ זילבער פיש געשווומען
בין איך אינעם קאָנטינענט
און אין דופט און פראַכט פון בלומען
האָב איך יעדעס לאַנד דערקענט.

יוסף הלל לעווי

צעשנייען מיט געזאנג

.1

אויף דעם זילבערפלייט אַ ניגון
האָט דער ווינטער אויסגעשפּילט,
איז די ערד געבליבן ליגן
אין אַ צויבער ווייס פאַרהילט.

די לבנה צוגעבויגן
האָט צום טייך זיך שטיל מיט לוסט ;
ווי אַ קינד און אָנגעזויגן
זיך מיט זילבער פון זיין ברוסט.

.2

פּראַכט קרוינען פון קרישטאָלן
מיט אַ כשוף־שיין אַ בלייכן,
האָט דער פראָסט אויף שויב צומאָלן
וועלדער, פעלדער, בערגער, טאָלן,
בלומען זילבערנע און טייכן.

האָט דער שניי געגומען דרייען
זיך מיט פליטערלעך צו שמיצלען,
און די שליטנגלעקלעך פרייען
ווי אַ מיידל וואָלט זיי קיצלען.

.3

יונגע שיינע מיידלעך זינגען
אויף פּאָר ליבע און פּאָר גליק,
און די שליטנגלעקלעך קלינגען :
ווינטער, ווינטער, מיט מוזיק.

זאָל ווער קומען זיך פאַרליבן
דריקן אַזש צום האַרץ פּאָר וויי,
און מיט זילבערבאלן שפּילן
פון געפאַלן פרישן שניי.

.4

אוּנט ווען די שנייען ליגן
אַזוי בלייך און שטילערהייט,
און דער ווינטער שפּילט זיין ניגון
אויף זיין כשופדיקן פלייט.

מיינע אויגן ווי אַ תפילה
בלויען אום אין זילבער רוים
וועבן איין מיט לידער שטילע
אינם שניי מיין ליבעטרוים.

.5

אַך ווען כ׳וואָלט געקענט מיין גלויבן
מיינע טרוימען און פאַרלאַנגען
ווי דער ווינטער וויס צושטויבן
און צושנייען מיט געזאַנגען.

אך ווען איך וואָלט קענען קומען
צו דעם ליד פון מיין באַגערן,
ווי דער פרילינג זיך צעבלומען
און צו הימלען טיף מיט שטערן.

.6

איינגעשנייטע אַלפּן־שפּיצן
טיף אין מיין נשמה בליקן,
נעמען גילדנע נעכט צו בליצן
זיך מיט זיסע ליבעס גליקן . . .

די אַקאַציעס דופטן ווייען
כאָטש די קאַלטע ווינטן ברויזן,
און אין טיפע שלוכטן שנייען
זע איך בליען פורפור רויזן . . .

7.

כ׳וועל אייך קיינמאָל ניט געפינען
און אייך קיינמאָל ניט דערגרייכן . . .
ווי די גילדנע שטערן זונען
וועט איר בלאַנקען אין די הייכן.

אַ פאַרלאָזענער פאַרבלייבן
מיט מיין טרוים איך וועל דאָ איינער,
ביז אין ערט זיך כ׳וועל פאַרשרייבן
מיט דעם כתב פון מיינע ביינער . . .

8.

אויף די טיפע פוכקע שנייען
אין דעם בין השמשות בלוי,
ווי אַ וויכער זיך פאַרדרייען
ערגעץ שטיל און ווייט אַזוי.

מיט די קאַלטע פורפור וואלן
פון דעם ווינטערס זון־געצאַנק
איבער אלפן זיך צושטראלן
און פאַרגליען מיט געזאַנג.

9.

מעגן נאָך מיין גאַנצן שרייבן
שלאַנקע שורה׳לעך אַ פּאָר
ווי די צווייגעלעך פאַרבלייבן
נאָר פאַר זון און פויגל־כאָר.

מעג מיין האַרץ זיך מיר צעבליען
ווי דער אָנהויב פרילינג בוים;
ס׳זאָלן זילבער לידלעך פליען
פון מיין הימל־בלויען טרוים.

.10

איך בין אײנזאַם װי די שנײען
אױף די אַלפּן און אַלײן
אין מיר װײנען, שטומען װינטן,
בליץ און דונער זונענשײן.

און איך שװײג אױך װי דער אָדלער
װען ער מאַכט זײן הימלקרײז . . .
אין מיר װױנען אַפּריס־שלוכטן
אלפּנרױזן, אײדלװײס.

.11

װאָס דו שעפּסט מיט דײנע אײמער
מערער גאָלד בײ מיר פון זעל
װערט מײן לעבן אַלץ געהײמער
און דאָס האַרץ מײנס טיפער העל.

אײנמאָל װײס איך װעל איך װערן
שטילער נאָך װי מײן געדיכט,
לױטערער װי קינדער־טרערן
ליכטיקער װי זונענליכט.

.12

אין דעם מילך־װײסן נעפּל
פון מײן זילבער פרילינגס־טרױם,
זע איך הענגען גילדנע עפּל
אױף מײן שטילן ליבעס־בױם.

אײנער ליגט אַדורכגעשניטן
פון אַ קלינג צוטײלט אױף צװײ
און פאַרבלוט די זילבער־בליטן
זענען פון מײן האַרצנס־װײ.

.13

מענטשן־הערצער טיפע ווארע,
תמיד קום איך צו אייך ווידער;
מענטשן־אויגן ליכטיק קלאָרע
אייך געהערן מיינע לידער.

ס׳איז מיין האַלבע וועלט אין בענקן
ווי אין חלום שוין פאַרגאַנגען,
כ׳וועל אייך נאָך די צווייטע שענקן
מיט די הייליקסטע געזאַנגען.

.14

העכער, ווייטער און באַפרייטער,
ליבסטע קום מיט מיר ביינאַנד
אויף דעם באַרגס פאַראייזטן לייטער
צו דעם אייביק ווייסן לאַנד.

ליכט־פּאַלאַצן, אייז־רואינען
וועלןביידע מיר פאַרביי,
און דורך שווייגנדע לאווינען,
שלאָפנדיקע ימים שניי.

.15

ווי די זילבער ווייסע בליטן
פון דעם בוים אין חודש מאַי,
מיינע ווערטער זיך צעשיטן
פון מיין האַרצן ליכטיק פריי.

ווי די רויזנבלעטער שיילן
זיך פון ווינט צוקושט אין לופט,
פון די לידער מיינע ציילן
זיך צושיילן פול מיט דופט.

.16

כשוף־ווייסע צעפּ געפלאָכטן,
האָט דער וועלט ביינאַכט דער פראָסט;
און נאָכמיטאָג זיי צולאכטן
האָט די זון און אָפּגעלאָזט.

אַלע דעכער טריפן, רינען
מיט צעשמאָלצן זילבער ריין
ווי עס וואָלט געוואָלט די וועלט
געווינען ביי דער זון דעם גאַנצן שיין . . .

אייביק

ס'נאָגט און צערט אין אַלע גלידער
שפרייט זיך אויס אין גאַנצן לייב;
יענע גליסטונג אייביק ווידער
נאָכן וואַרעמען גוף פון ווייב.

אייביק מיט אַן אומבאַוווּסטן זאַפּט נאָך
רייץ אין בלוט — פאַרשיכורט
אויס שפרייט, דער דופּט פון אירע ברוסטן
זיך אין טיפן בויך און שויס.

עס פאַרטונקלען זיך די זינען
פון דער תאוהס איבערמאַכט
אין דעם גופישן געוויטער, —

מיט אַ שווידערדיקן ציטער
וועלט ס'באַוווּסטזיין טיף צערינען
און דער ליבעס פייער קראַכט . . .

יוסף הלל לעווי

די אייביקע ליבע צו שטילן

אָ שטילע גענענונג, אָ ציטער,
אַ טרוים פון פאַרגעסן אָן ענד; —
פון גליק אַ צעשימערטער בלענד,
אַן אויפגיין אין שוידער פון גלידער.

אַ לוכישער טיפער באַגערן
אַ הייסע דערוואַרטונג געקוועלט, —
מיט אייביקער לוסט פון דער וועלט
וואָס קיינמאָל געשטילט קען ניט ווערן.

אַ קנויל פון באַגערן און ווילן,
אין תהום פון אומענדלעכן זיין; —
וויקלט פון בלוט זיך אַ שפּילן

פאַרפלאָנטערט מיט שרעק פון פאַרגיין
די אייביקע ליבע צו שטילן
מיט לעבנס צעפּורפּורטן וויין . . .

אלעס נאר וואס איך פארמאג

אוי ווי טיף און ווייט פאַרגאַנגען
זענען ביידע מיר שוין שטיל,
דאַכט זיך נאָך אַ קינדערשפּיל —
איז געוועזן מיין פאַרלאַנגען . . .

וואָס איך האָב געוואָלט דיך פאַנגען
ווי אַ שמעטערלינג אַ רויז;
רוען נאָר ביי דיר זיך אויס,
דאַן פאַרשוועבן מיט געזאַנגען . . .

און אַזוי שוין בין פאַרבליבן —
איך ביי דיר ביז היינט צו טאָג;
מיד, פאַרעלטערט פאַר דער צייט . . .
אַלעס נאָר וואָס איך פאַרמאָג:
איז דאָס ליידן פונעם ליבן, —
און די ליבע פון די לייד . . .

שבת שירה

אַלע הייזלעך ווייס פאַרזיגלט
אונטער ווינטערס קייט און שלאָס,
אַז דאָס געסל גלאַנצט און שפּיגלט
און איז גליטשיק ווי אַ גלאָז.

מיט דעם שניי זיך שפּילט די קרירה
מיטן ווינטער טאָג צעהעלט,
זילבערדיק דער שבת־שירה
קומט און שימערירט אין וועלט.

ווי זיין באָרד און פּאות גלאַנצן
דאָס פון פראָסט, פון שניי און אייז,
אַז צעלויכטן איז אין גאַנצן
פון דער אַלטקייט אַזש דער גרייז.

אויף די ווייס פאַרשנייטע מוירן
גיסט די זון איר ווינטער־שיין,
קומען פייגעלעך געפרוירן
אָן נאָך קרישקעלעך צו גיין.

און באַזינגען גאָטס גבורה
מיט זיין אייביקייט צעזאַם,
שבת־שירה, שבת־שירה,
גליוועורט פּרעה אינם ים.

האָבן קינדערלעך רחמנות,
נעמען פון דעם שבת־טיש,
און זיי טיילן אויס מתנות
יעדן פייגעלע אַ קריש.

און די פייגעלעך זיי פּיקן
אויף די קרישקעלעך מיט דאַנק,
און זיי היפּן און זיי ביקן
זיך, און עסן מיט געזאַנג.

יוסף הלל לעווי

ס'איז אין קליינעם שטיבל הימלעך,
ס'ברענט דאָס איוועלע צעגליט,
אויף די שויבן בלומען, ביימלעך,
ווערן איינציקווייז צעשיט.

פלוצים הויבט דעם שניי דער שטורעם
אויף, צעפלאַטערט זיך צעלאָזט,
שוועבן עלנט, נאַקעט, אָרעם,
פייגעלעך אַרום אין פראָסט.

אויף דער קרירה'ס ווייסער לירע
שפּילט דערווינט צעהפקרט, פריי,
ביז דער ליבער שבת־שירה
דרימלט איין אין אייז און שניי.

ווען עס ווערט די זון צעהעלט

1

קינדערלעך טייערע, אַרויס פון די קברים,
געמאָרדעטע און פאַרפייניקטע פון דייטשן באַדריקער,
כ׳וועל קורע מיין האַרץ זיין אויף טויזנטער שטיקער,
צעטראָגן זאָל ביטער מיין יאָמער דער שטורעם!

קינדער, אַרויס מיט די ביקסלעך אין מאַסן
פאַרפירן מלחמה איר הייליקע טרוימער,
עס איז אויף דער וועלט היינט אַ רויטער ל״ג בעומר —
ווייל ס׳לויפט נאָך דער מערדער אַרום אין די גאַסן.

פאַר אייער פריצייטיקן לעבן דעם פרומען,
פאַר אייערע הילפלאָזע מאַמעס געשרייען,
איר צאַרטע, פאַרשניטענע, הייליקע טרוימער;

באַצאָלן די וועלט מוז מיט צענפאַכע ווייען,
ווייל ז׳האָט אייך פון רויבער אַרויס ניט גענומען,
געלאָזט אויף אייך קומען דעם רויטן ל״ג בעומר!...

2

ס׳איז ל״ג בעומר, לאָמיר צילן
פלינקער מיטן פייל פון בויגן,
טיירע קינדער, מאַכט די אויגן
ווידער אויף, און לאָמיר שפּילן.

ווייל נאָך קיינמאָל כ׳וויל דערפילן
ס׳גליק וואָס איז פון אייך פאַרגאַנגען, —
זאָל אין טאַנצן און געזאַנגען,
זיך דער צער אַ ווייל כאָטש שטילן.

קינדער, כ׳וועל צום האַרצן פרעסן
אייך, און אַלע בלומען, שטערן —
מיט מיין האַרץ אַוועק אייך געבן;

און פֿאַרגעסן, אַלץ פֿאַרגעסן,
אייער בלוט, און איי״רע טרערן,
אייער פֿרי פֿאַרשניטן לעבן!...

3

די טייכעלעך פֿליסן,
די וועלדעלעך גרינען,
פֿאַר מיר נאָר די וועלט איז פֿאַרנעפּלט און וויסט;
דאָס בלוט איי״רס צו גיסן
ניט אויף ס׳הערט צו רינען,
דאָס קינדישע בלוט איי״רס פֿאַרגאָסן אומזיסט!

די פֿייגעלעך זינגען,
די בלימעלעך בליען,
די פֿלאַטערלעך טאַנצן אַרום אין דער לופֿט,
די שטראַלן דורכדרינגען
די בליטן און גליען,
און מישן זיך אויס מיט דעם בלומיקן דופֿט.

די בינעלעך זומען,
די קוועלעכלעך קוועלן,
דער הימל איז לויטער און ליכטיק און בלאָ,
די קינדערלעך שטומען,
די קינדערלעך פֿעלן,
די קינדערלעך טיי״רע, מער זענען ניטאָ!

וואָס דאַרף איך די שטראַלן,
די קוואַלן, די בינען,
וואָס דאַרף איך די וועלט מיט איר דופּטיקן גליק?
אַז ס׳בלוט אייערס אין קוואַלן
ניט אויף הערט צו רינען,
נאָר רייסט מיר דאָס האַרץ מיינס אין טויזנטער שטיק!

איך וויל צו אייך קומען,
צו פליען, צו שוועבן,
אַזוי ווי צו שטילינקע גראָזן דער ווינט,
צעבלעטלען מיין לעבן
אַזוי ווי די בלומען,
פאַרהילן אַיעדעס דערמאָרדעטע קינד!

4

ס׳וועלן פאַלן איין די מוירן
ווו מיר ליגן איינגעפרעסט,
און אַרויס פון טונקעלן נעסט
וועלן שוואַלבן ניי געבוירן.

שווינדן מוז דער נעפל גרויער
פון דער גרויסער, פרייער וועלט,
ווען עס ווערט די זון צעהעלט —
שטאַרקער ווערט די פרייד פון טרויער...

לעשן וועלן מיר די שרפה
אויס מיט אונזער בלוט און טרערן,
שטילן וועט זיך די מגפה

און אַ פרייע וועלט געהערן
וועט דעם יונגען, נייעם טרוימער,
מיט אַ ליכטיקן ל״ג בעומר...

5

עס פאַלן אַראָפּ שוין די זילבערנע בליטן
פון פרילינגס צעדופטעטן בוים,
אַזוי ווי פון ליבע אַ טרוים —
די בליטלעך צעפּערלט, ווי שנייעלעך זיך שיטן.

יוסף הלל לעווי

און טיף אינעם זונענשיין גאָלדן, צעגליטן,
ווערט רייף אַ געפּיל ווי אַ רויז,
אויסגיסן פון ליבע דעם כּוס,
צעבלעטלען אין ווינט זיך מיט דופט און צעשיטן.

אין זילבערנעם שלייער פון דעמער פאַרהילן
זיך שטיל און פאַרגייך ווי אַ בליט
אין פורפּורנעם זונענגעצאַנק;

אויסזינגען דאָס אייביקע ליד —
פון די פאַרבאָרגנסטע, טיפסטע געפילן,
ווייל אמתע ליריקער לעבן ניט לאַנג...

מײַן ביאָגראַפֿיע

יוסף הלל לעווי (1910)

מיין ביאָגראַפיע

פאַרטריבן דורך אַ פּאָגראָם אין רוסלאַנד, האָט מיין זיידע ר׳ משה יונה ז״ל זיך באַזעצט אין דעם קליינעם גאַליצישן שטעטל טשעבין. אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן דער איידעם און דערנאָך דער ממלא מקום פון דעם פריער פאַרשטאָרבענעם רב חיים קלוגער ז״ל (דער מחבר פון אייניקע רעליגיעזע ספרים).

באַלד נאָכן זיידנס פּטירה האָט מיין טאַטע ישראל דוב הלוי ז״ל צוליב עניוות אָפּגעגעבן דאָס רבנות צו זיין יונגערן ברודער יעקב לעווי ז״ל, און אַליין בעסער געוואָרן אַן אָרעמער סופר אין קראָקע.

זיין ערלעך פרומער און אַסקעטישער לעבן, זיינע מעשים טובים — הגם אַליין אַ גרויסער אביון, און אויך זיין טייערער געפּערלטער סופר־כתב, האָבן אים מפורסם געמאַכט איבער גאַנץ גאַליציע.

אָפטמאָל פלעגט ער מיר אויף אַ וווּנדערלעכען אופן דערציילן מעשיות פון גוטע־יידן, פון בעטלער און „למד־וואָווניקעס״.

צו יידיש האָט ער געפילט אַ גרויסע ליבשאַפט, און עס אויך געהאַלטן פאַר אַ הייליקן לשון, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן הר סיני צווישן די שבעים לשונות. אייניקע פון זיינע הערלעכע מעשיות, ווי „דער אַרבל״, „לקונה עבדיו בדין״, „דאָס חתונה בית־הקברותל״, „דער בלוט־בלבול״, „דער רבי דער רבי איז טויט״, האָב איך דאַן אויף באַלאַדעס איבערגעאַרבעט.

געבוירן אין קראָקע, אין 1891, האָב איך באַקומען אַ שטרענג פרום חסידישע דערציאונג, געלערנט ביז פערצן יאָר חומש, רש״י, גמרא, תוספות און משניות. אָבער אַ דאַנק דער נישט צו גרויסער התמדה וואָס איך האָב צום לערנען אַרויסגעוויזן און דער עיקר פאַר דחקות, האָט מיין מאַמע מיך אַוועקגעגעבן צו אַ בעל מלאכה. דער טאַטע עליו השלום האָט דערפון געהאַט גרויס צער און איז אויף מיר ברוגז געווען פאַר אַ לענגערער צייט. אָבער זיין ליבע און רחמנות צום קינד האָט אַלץ גובר געווען (איך קאָן זיך נישט דערמאָנען אַז מיין טאַטע זאָל ווען אין זיין לעבן האָבן כאָטש אַן איינציק מאָל אַ האַנט אויף מיר אויפגעהויבן).

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אין פאַבריק געאַרבעט, און יעדן אָוונט האָט דער טאַטע מיט מיר געלערנט כאָטש אַ שטיקל גמרא אָדער משניות.

אָפּאַרבעטנדיק כמעט אַ יאָר, האָט דער טאַטע מיך ווידער צום לערנען צוריקגעגעבן, מחמת איך האָב אים צוגעזאָגט נישט מער צו פּטרן די צייט מיט קיין נאַרישקייטן. דאָס מאָל איז דער לימוד מיר טאַקע אויף אַן אמת אַ סך ליבער געווען, ווייל אַ גאַר שטאַרקן רושם האָט אויף מיר געמאַכט דאָס תנ״ך לערנען פון דעם גרויסן רבין ר׳ יצחק משה באַדער הכהן ז״ל (אַליין אויך אַ שטיקל העברעאיש-יידישער שרייבער געווען, דער פאָטער פון דעם באַרימטן העברעאיש-יידישן שרייבער ג. באַדער, ניו-יאָרק). אַ דאַנק זיין טיפער אינטעליגענץ און ווילקענעוודיקייט, און בכלל אַ דאַנק זיין גאַנצן ליריש-ליידנדיקן וועזן האָט ער מיין נשמה אַזוי אַדורכגענומען און צעוויגט, אַז ער האָט ביי מיר אַן אייביקן אומרו איבערגעלאָזן.

אָבער טראָץ דעם אַלעם האָט ביי מיר די התמדה צום לערנען נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל אַנשטאָט איבערצוחזרן דאָס געלערנטע, האָב איך בעסער מיט חברה געשפּילט אין קנעפּ, געכאַפּט טויבן און צוגעקוקט ווי זיי גנבענען פון די סטראַגאַנעס די עפּל. געהאָלפן אויך די ווייבער די קוישן פון מאַרק אַהיימטראָגן, און פאַר די אָפּגעשפּאַרטע גראָשנס זיך אַ פידעלע געקויפט און גאַנצע טעג געסקריפּעט דערויף, זיך געלערנט שפּילן... אָפּגערעדט מיינע חברים פון לערנען, זיך געמאַכט פאַר אַ בדחן, מיינע חברים פאַר די משוררים, זיך געלערנט ווי אַזוי אַ כלה צו באַזינגען, און זיי — מיך אונטערצוהאַלטן. עס פאַרשטייט זיך, ווען דער רבי האָט זיך פון דעם דערוווסט איז עס מיר דערנאָך באַקעם אויסגעפאַלן...

מיין גרעסטער תענוג איז געווען אָפּט ביי דער ווייסל אויף גאַנצע טעג פאַרפאַלן צו ווערן, — מיר געמאַכט לופט-באַלאָנען און געזען ווי זיי פלאַטערן אין הימל אַריין, אָדער מיר געמאַכט אַ ווענטקע און געכאַפּט פישלעך. און אַז דער עסק איז נישט געגאַנגען, האָב איך זיך געלאָזן אין די פעלדער אַריין דאָרט צו כאַפּן זומער-פייגעלעך.

ביז איינמאָל האָט די געדולד פונם רבין געפּלאַצט מחמת ער האָט דאָס שוין מער נישט געקענט סובל זיין, — האָט ער מיך פאַר דער האַנט אָנגענומען און איז מיט מיר צום טאַטן אַהיימגעגאַנגען, געבעטן זיך ביים טאַטן כמעט מיט טרערן אַז ער זאָל ביי מיר פּועלן איך זאָל בעסער ווערן, אָדער ווידער מיך פון לערנען אָוועקנעמען, ווייל לא די איך לערן נישט, רעד איך נאָך אויף אָפּ אַנדערע פון לערנען. עס איז אַ גרויסער שאָד פאַר מיר ווייל איך האָב אַ גוטן-קאָפּ, נאָר וואָס קומט אַרויס אַז איך וויל נישט...

באַלד דערנאָך האָט מיך מיין מאַמע טאַקע ווידער צו אַ בעל מלאכה אַוועקגעגעבן. איך האָב ווידער אָפּגעהאָרעוועט אַ שטיק צייט אין אַ האַנטטאַשן פאַבריק וואָס האָט זיך געפונען אין אַ נאַסן טונקעלן קעלער. און דאַן אָנגעהויבן וואַנדרעוון פון איין מלאכה צו דער אַנדערער. געווען אַ שניידער, קאַמאַשן־נייער, אַ זייגערמאַכער, האַנדלס־אָנגעשטעלטער, דרוקער און נאָך אַנדערע מלאכות. געאַרבעט אַ צייט, ביז עס איז מיר די אַרבעט פאַרמיאוסט געוואָרן און דער טאַטע האָט מיך ווידער אַלס אַ פּריוואַט־תלמיד צום רבין צוריקגעגעבן . . .

אַ גרויסע השפעה האָט אויך געהאַט אויף מיין וויטערדיקער אַנטוויקלונג מיין מוטער חנה הענע בינענפעלד עליה השלום, די שטרענגע דערציערין, מחמת מיין פאָטער איז אַ צו גוטער געווען. זי — דאָס שטאָלצע אוראייניקל פון ר׳ הערש לייב לובלינער, אָדער „דער אייזערנער מוח“ ווי מען פלעגט אים רופן, און דאָס אייניקל פון ר׳ ישראל בינענפעלד וואָס איז צוזאַמען מיט משה מאָנטעפיאָרע צום רוסישן צאַר געפאָרן כדי צו פועלן ס׳זאָל בטל ווערן די גזירת מילה וואָס האָט דאַמאָלט געדראָט די יידן (דער בריוו פון מ. מאָנטעפיאָרע איז נאָך אַ לאַנגע צייט אָפּגעהיטן געוואָרן פון זיידן אין אַ גמרא, און נאָכן זיידנס טויט האָט אים אַן אײדעם צוגענומען און לסוף איז דער בריוו מיט מיין פעטער אונטער היטלערן פאַרשווונדן געוואָרן). אויף דער רייזע איז דער עלטער־זיידע ליידער אַלס אַ שפּיאָן על־פּי־טעות פאַרהאַלטן געוואָרן, און באַקומען אַ שטאָך מיט אַ שפּיז אין ברוסט אַריין, געשפּיגן אַ צייט מיט בלוט און געשטאָרבן.

מיין מוטער חנה הענע, די עלטסטע טאָכטער פון יואל אליעזר בינענפעלד, דער גרויסער למדן און שוחט פון קראָקע, וואָס אויף אים איז געפאַלן דער גורל אויפצוציען די צוריקגעבליבענע יתומים — האָט נישט געקאָנט צוזען אַז איר זון זאָל אויפוואַקסן אַן עם הארץ, האָט זי דערפאַר מיך שפּעטער אונטערגעטריבן כאָטש צו וועלטלעכע לימודים . . . (וואָס זי האָט דערנאָך שטאַרק באַדויערט).

אין אַ קליינעם הייזל וואָס האָט געהערט צום זיידן נעבען דער באַרימטער קראָקעווער אַלטער שול, בין איך אויפגעצויגן געוואָרן. איינגעזאַפּט אין זיך דעם טיפן אומעט פון מיין זיידן וואָס איז לסוף אַ סגי־נהור געוואָרן, און פון זיין בעט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער זוהר מיט אַ וויינענדיקן קול אַרויסגעזונגען, אויך איבערגענומען דאָס שוויגן פון מיין פאָטער דעם סופר וואָס איז אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרטיפט ביי אַ יריעה און געפּערלט מיט

גרויס קדושה די שורות פון ספרי־תורה, און געקאָנט מקבל באהבה זיין דעם גרעסטן צער צוזאַמען מיט עניות, אביונות און שפלות.

אַ גאַנץ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט מיין מוטער עליה השלום. שוין צו דער דאַמאָלטדיקער צייט האָט זי געגאָלטן אַלס אַ געביל־דעט און אויפגעקלערט מיידל אין קראָקע, מחמת זי האָט געקאָנט אַ גוטן פויליש און דייטש, אויך באַהאַוונט געווען אין העברעאיש, און אפילו אַ ביסל אין פראַנצויזיש און לאַטיין. דער עיקר האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם ביינאַכט, ווען איך פלעג שוין ליגן אין בעט, און מיט אַן אומבאַוווּסטן שוידער זיך איינגעהערט אין מיין מוטערס באַגייסטערטן קול — בעת זי האָט גע־לייענט מיצקעוויטשן, שילערן, אָדער שעקספּירן. איך בין נישט איינמאָל ווי פון אַ שווערן חלום דערוואַכט און אויסגעשלוכצט: „אַ באַנקאָ, באַנקאָ, מיט דיינען בלוטיגען לאָקען!״ אַוועק, אַוועק פון מיר, כ׳האָב מורא... מען טאָר ניט מאָרדן, ניין, ניין!... אַזוי טיף אויפגעשוידערט בין איך געוואָרן הערנ־דיק מיין מוטערס פּאַרציטערטן קול פון אירע ביכער אַרויס.

מיין מוטער איז נישט פרעמד געווען אפילו שפינאָזע, דאַרווין און ניטשע. ווען זי האָט דערזען אַז איך הויב אָן קאַליע צו ווערן, האָט זי באַלד אויף פאַרשידענע אופנים און באַווייזן פון גדולים געזען אויף מיר צו ווירקן אַז איך זאָל חלילה נישט קיין אפיקורס ווערן, מחמת זי איז געווען אַ טיף איבערצייגטע רעליגיעזע נאַטור.

שפּעטער בין איך דורך אַ צופאַל אַריינגעטרעטן אינעם „יוגנטלעכן אַר־בעטער און פּראַקטיקאַנטן בילדונגס פאַראיין״, וועלכער איז אַנגעפירט גע־וואָרן פון יעקב קענער, דעם באַקאַנטן פועלי ציוניסטישן יוגנטלעכן אַרבע־טער אָרגאַניזאַטאָר, באַגאַבטן פובליציסט, טעאַטראַל און לאַנגיאָריקן אַרויס־געבער פון דעם מאַנאַטלעכן זשורנאַל „די אַרבעטער יוגנט״ און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן. קענערס גרויסע ליבע און איבערגעבנקייט צו דער אַרבעטער יוגנט און בפרט צו מיר און צו דעם אומגעקומענעם יוגנט פריינט אין וואַרשעווער געטאָ דעם קדוש שכנא זאַגאַן זכר צדיק לברכה, האָבן מיך פשוט ווי באַצויבערט און טיף גערירט... זיין אויסערגעוויינלעכע אינטעלי־גענץ און צופּאַסונגס־פעאיקייט צו די מינדעריעריק פאַרמאַטערטע קינדער, וועלכע האָבן געמוזט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך לאָזן אויס־נוצן און באַעוולהן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן, זיין אויסערגעוויינלעכע פאַרשטענדניש צו קאָנען דערוועקן דאָס מאַמישע פאַרטרויען ביי דער באַ־ליידיקטער און געדריקטער קינדער־נשמה, האָבן אויף מיר ווי אַ טייערער באַלזאַם געווירקט און געשטאַרקט מיין געמיט.

יעקב קענער איז געווען מיין לערער, מיין שולע און מיין וועגווייזער אין דער יוגנט־צייט. ביי אים האָב איך געלערנט יידיש שרייבן און לייענען, רעדן און דענקען. און ווי אַ געטרייע מאַמע האָט ער מיט פיל ליבע איבער מיינע ערשטע לידער געוואַכט, מיר געגעבן לעקציעס איבער ריטמיק און ריים. דער ערשטער פאַרעפנטלעכט מיינע געדיכטע אין „דער אַרבעטער יוגנט" און דאַן אויך אין אַ קליינעם זאַמלבוך „אַרבעטער לידער" מיך געדרוקט.

שפּעטער בין איך אַריינגעטרעטן אין דער צ.ק. יוגנט באַוועגונג און געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר, אַרומגעפאָרן איבער גאַליציע, אָפּגעהאַלטן ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרטראַגן און געווען איבערגעגעבן צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיט אַלע רמ״ח איברים.

נאָך יעקב קענערן איז אברהם רייזען ווי אַ מלאך הגואל מיר אונטערגעקומען און אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון דער דיכטונגס־קונסט און עסטעטיק. מיר מיטגעגעבן אַ סך כוח און מוט אויף מיין וויטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג. און נישט איינמאָל ווען כ'בין מיט אברהם רייזענען אין די קראָקעווער אַלייען געזעסן, און מיינע לידער אים פאָרגעלייענט, האָט ער מיך שטאַרק מקרב געווען טרייסטנדיק: „שרייבט נאָר ווייטער, איר פאַרמאָגט אַ סך האַרץ מיט אַ שטאַרקן געפיל, איר וועט בלי ספק אַמאָל נאָך גוט שרייבן".

דער פרי פאַרשטאָרבענער פריינט יואל דעמביצער ז״ל (זון פונם קראָקעווער ראש ב״ד), דער פיינער איבערזעצער פון י. סלאָוואַצקעס „אויטשעץ זאַדזשומיאַניך", „שוויצאַריאַ", „דער דיבוק" פון אַנסקין, וואָס איז מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אינם קראָקעווער שטאָטישן טעאַטער און אויך פאַרשידענע לידער פון גריכיש און לאַטיין — אָט דער דאָזיקער באַרימטער תלמודיסט, טיפער אינטעליגענט און גרויסער יידישיסטישער ענטוזיאַסט, האָט אַ נייע בענקשאַפט אין מיין לעבן אַריינגעבראַכט. מיט זיין הילף האָב איך זיך גענומען שטודירן.

אין יאָר 1914 האָב איך פאַרלאָזט קראָקע און בין אָפּגעפאָרן קיין מינכען. אינם ערשטן וועלט־קריג האָב איך געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי. איך האָב זיך געפּלאָגט פונם חייל באַפרייט צו ווערן, כדי נישט אומזיסט קיין מענטשלעך בלוט צו פאַרגיסן. איך האָב מיין ציל דערגרייכט... איך האָב דאַן מיט מיין פאַמיליע געלעבט אין מינכען ביז דעם יאָר 1939.

נאָך אַ צייט לאַנג אָפּזיצן אין היטלערס תפיסות בין איך אַנטלאָפן פון

מינכען און אַרומגעשלעפּט זיך אין איטאַליע; געשוואַרצט זיך קלעטערנדיק אין ווינטער איבער די איטאַליענישע בערג און דורך לעבנס־געפאַר בין איך אַנגעקומען קיין פראַנקרייך, דאָרט פאַרהאַפטעט געוואָרן און אַ צייט לאַנג געלעבט אומלעגאַל אין פּאַריז. דערנאָך געשוואַרצט זיך קיין בעלגיע און האָלאַנד, געלעבט אין עלנט מיט אַלע פליטים, הגם געהאַט אַן אַפידייוויט צו פאָרן קיין אַמעריקע, דורך די באַמיאונגען פון א. רייזען, דוד איגנאַטאָוו, י. גלאַטשטיין, א. אלמי, פּ. בימקאָ און ג. באַדער; בין איך ענדלעך געקומען קיין לאָנדאָן, דורך דער באַמיאונג פון דר. י. נ. שטיינבערג, י. פּאַדרוזשניק, בן־א. סאַכאַטשעווסקי, י. א. ליסקי, דר. ש. בירענבוים און דעם יידישן לי־טעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין לאָנדאָן.

איך האָב מיטגעאַרבעט אין פאָלגנדיקע יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, מאַנאַטשריפטן, זאַמלביכער, אַנטאָלאָגיעס און אַלמאַנאַכן: „דער טאָג", רעד. יונה קרעפּל, געדרוקט דאָרט לידער; „דאָס וואָכנבלאַט", רעד. משה עהרליך (יושר) מיט לידער; „אַרבעטער פריינט", רעד. יוסף אַלטמאַן, מיט לידער; „אַרבעטער יוגנט", רעד. דער יוגנט אָרגאַניזאַטאָר גאַליציעס און שפּעטערער טעאַטראַל יעקב קענער; „ליטעראַרישע ביילאַגע צום טאָג", רעד. א. וועוור־יורקע, לידער און סקיצן; „די פּאָסט", קראָקעווער וואָכנבלאַט, רעד. משה בלעכער, לידער, עסייען; „דער יידישער אַרבעטער" (אָרגאַן פון די גאַליצי־שע פּועלי ציון), לעמבערג, רעד. אל. ל. שוסהיים, לידער; „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט" (אָרגאַן פון גאַליצישן בונד), רעד. דר. שוועבער, לעמבערג; „דער מאָרגן", רעד. ר. אויערבאַך, לידער, עסייען; „לעמבערגער טאָגבלאַט", רעד. משה קליינמאַן; „שטעגן", רעד. מ. טאַבאַק, סטאַניסלאַוואָוו, עסייען; „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע. רעד. נ. מייזעל, לידער; אַרבעטער צײ־טונג (לינקע פּועלי ציון), לידער, וואַרשע. „יובילעאום אויסגאַבע פון יידישן אַרבעטער", רעד. ב. לאקער, לידער. „גרעזל", קינדער־זשורנאַל, וואַרשע, לידער; „חזנים־וועלט", רעד. פּ. שערמאַן, עסייען; „שול און חזנים־וועלט", רעד. פּ. מילאקאווסקי, וואַרשע, לידער, עסייען און נאָוועלן; „גלאבוס", רעד. א. צייטלין, לידער; „טשערנאָוויצער בלעטער", רעד. ש. סופר, לידער, עסייען; „גרינינקע ביימעלעך", קינדער זשורנאַל, ווילנע, רעד. ש. באַס־טאמסקי, לידער, דערציילונגען; „דער חבר", רעד. ש. באסטאמסקי, לידער; „די אינדזל", בוקאַרעסט, רעד. זישע באגיש, לידער און עסייען; העפטן, „דער אויפגאַנג", רעד. ד. איזראַעל, בוקאַרעסט, עסייען; „דער מאָרגן", מינכן, לידער, עסייען; „אונדזער וועג", לידער, עסייען; „נייע יידישע צייטונג", לידער, עסייען; „יידישעס עכאָ" (דייטש), לידער, עסייען; „לייפּציקער יידישע צייטונג", רעד. א. לעווי, לידער, עסייען; „לייפּציקער יידישעס פאַ־

מיליענבלאַט״ (דייטש), לידער, עסייען; „פראַנקפורטער יידישעס פאַמיליענבלאַט״, דערציילונגען (די איבערזעצונגען זענען געמאַכט געוואָרן פון ד״ר מ. מייער, אהרן גאָלדבערג און דר. ס. פאַנעט); זאַמל־ביכער: „די יידישע וועלט״, פוילן, לידער. „דער מזרח־ייד״ (בערלין), לידער, עסייען; „בערלינער בלעטער״, רעד. א. ראַפּאַפּאָרט, לידער; „ווינער מאָרגנצייטונג״, נאָוועלן; „די קריטיק״, רעד. מ. זילבורג, לידער; „בעלגישע בלעטער״, רעד. ביינוש זילבערשטיין, עסייען; „פרעסע״ (אַנטווערפּן), לידער; „די פרייע יידישע טריבונע״, (פּאַריז), עסייען; „דער פרייער געדאַנק״ (פּאַריז), רעד. מ.האהן, עסייען; „פרייער געדאַנק״, רעד. י. קאָהן, לידער; „פרייע האָריזאָנטן״, רעד. מ. ליכטשטיין; „אונדזער וואָרט״ (פּאַריז), עסייען; „אַרבעטער וואָרט״, לידער, עסייען; „פאַר אונדזערע קינדער״, רעד. מ. וואַלדמאַן, לידער; „פרייליאַנד״, רעד. ג. שאַפּירא, עסייען; „די צייט״ (לאָנדאָן), רעד. מאָרריס מייער, לידער, עסייען, נאָוועלן; „די יידישע שטימע״, רעד. בן־א. סאַכאַטשעווסקי, לידער, עסייען; „לשון און לעבן״ (לאָנדאָן), חודש זשורנאַל, רעד. א. נ. שטענצל, לידער, עסייען, נאָוועלן; „די יידישע טריבונע״, רעד. י. ח. קלינגער, לידער, עסייען; „לאָנדאָנער אלמאנאך״, רעד. א. נ. שטענצל, לידער; „לאָנדאָנער אנטאלאגיע״, רעד. יוסף לעפטוויטש, (ענגליש), לידער; „דער שפיגל״ (ארגענטינע), רעד. י. ל. גרוזמאַן, לידער; „אַרגענטינערביימעלעך״, רעד. מ. מאזור, לידער; „קאנאדער אדלער״, לידער, עסייען; „די פעדער״, רעד. קארלין, עסייען; „אין זיך״, (מאָנאַט זשורנאַל, ניו יאָרק), לידער; „טשיקאַגאָ־בלעטער״, לידער; „דער אַמעריקאַנער״, לידער; „יידישע וועלט״, עסייען; „פרייע אַרבעטער שטימע״, לידער און עסייען; „אַנטאָלאָגיע פון גאַליצישע דיכטער״, רעד. מ. נייגרעשל, לידער; „מדינה וחכמיה״ (תולדות כל החכמים והסופרים בגליציה), רעד. גרשם באַדער. ביאָגראַפיע: אין „יידישער לעקסיקאָן״.

אַרויסגעגעבן פאָלגענדיקע ביכער: „דאָס אַלטע ליד״ (פּאָעמע), פארלאג: א. לאקס וויעליטשקא. 1910. זייטלעך 39, „יוגענט־וועלטען״ (לידער און פּאָעמעס), פארלאג: „קולטור״, קראקע, 1913. 112 זייטלעך. „פרומע געזאַנגען״, „מיין טאַטע דער סופר״, פארלאג: דער קוואַל, ווין, וואַרשע, לעמבערג, ה׳תר״פ; „אונטערן שווערד״ (לידער), פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 1940־1939. 42 זייטלעך. „קראקע״ (פּאָעמע), פארלאג: י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 1941. 122 זייטלעך. „מיין טאַטע דער סופר״, פארלאג: י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 1949. 162 זייטלעך. „ווען די וועלט ברענט״, פארלאג: י. נאַראָדיצקי, לאָנדאָן, 1943. 96 זייטלעך. „אַלטע און נייע לידער״, קאָאָפּעראַטיוו, וואַרשע, נאלעווקי, 1927. 112 זייטלעך.

קריטיקס וועגן מיר האָבן געשריבן די פאָלגנדיקע מחברים: משה עהרליך אין „קראָקעווער וואָכנבלאַט‟: י. ה. לעווי דער ליריקער; גרשם באַדער, „די ליטעראַריש יידישע וועלט‟ און „די יידישע וועלט‟, קאַנאַדע; אין „קאַנאַדער אדלער‟, „דער טעגלעך יידישער קוריער‟, טשיקאַגאָ; נ. שמן אין „קאנאדער אדלער‟; ביינוש זילבערשטיין אין די „בעלגישע בלעטער‟ און אין „די פרעסע‟, אַנטווערפּן; זלמן רייזן אין „ווילנער טאָג‟; ש. זאראמב, „ליטעראַרישע בלעטער‟, וואַרשע; דר. בינענשטאָק: „לעמבערגער טאָגבלאַט‟; לייזער וואָלף, „ווילנער טאָג‟; א. רייזען, „די פעדער‟, ניו יאָרק; ל. פוקס אין „לאָדזער טאַגעבלאַט‟; מלך ראַוויטש, „ביכער וועלט‟, וואַרשע; הרב אברהם קוק אין „רעליגיעזע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור‟; „לשון און לעבן‟, לאָנדאָן, „אַרבעטער וואָרט‟, פּאַריז; באשעוויס, „פאָרווערטס‟, ניו יאָרק; דער לעבעדיקער: „מאָרגן־זשורנאַל‟, ניו־יאָרק; יוסף לעפּטוויטש אין „דזשואיש קראָניקל‟, לאָנדאָן; א. אלמי, „פרייע אַרבעטער שטימע‟; הערש פענסטער, „פרייער געדאַנק‟, פּאַריז; י. באָטאָשאַנסקי, „די פּרעסע‟, בוענאָס איירעס; יעקב שמואל טויבעש, „לשון און לעבן‟, לאָנדאָן; בן־א. סאכאטשעווסקי, „פרייע אַרבעטער שטימע‟, „די צייט‟, לאָנדאָן און „שפּיגל‟, בוענאָס איירעס; י. ל. גרוזמאן, „שפּיגל‟, בוענאָס איירעס; אסתר קרייטמאַן, „לשון און לעבן‟, לאָנדאָן; שלמה אויערבאך, „די יידישע שטימע‟, לאָנדאָן, און אין „נייער וועג‟, מינכן; א. נ. שטענצל: „די צייט‟, לאָנדאָן; ש. ל. קרעדיטאָר „די יידישע שטימע‟, לאָנדאָן; דר. י. שוואַרצבאַרד, מ. מייער: „די צייט‟, לאָנדאָן; י. א. ליסקי, „לשון און לעבן‟, לאָנדאָן.